STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06880

DI YIDISHE GESHIKHTE

Heinrich Graetz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די יידישע געשיכטע

לויט פראָפעסאָר ג ר ע ץ און אנדערע קוואלן

מיט אן הקדמה פון הלל צייטלין.

ערשטער באַנד:

פון דער אוראַלטער צייט ביזן גלות בבל.

פאַרלאַג ש. סגל — בוענאָס איירעס

Editorial S. SIGAL - Buenos Aires

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine
Hecho el depósito que marca la ley

Prof. Dr. H. GRAETZ

HISTORIA DEL PUEBLO JUDIO

PRIMER TOMO

Publicado por la
EDITORIAL S. SIGAL
Corrientes 2854
Buenos Aires
Rep. Argentina

1949

א י נ ה אַ ל ט :

ווי דאַרף מען פאַרשטיין די יידישע געשיכטע?, הלל צייטלין — א ־ כ״א
צבי הירש (היינריך) גרעץ, ביאָגראַפישע שטריכן — — — כ״ג ־ כ״ח

ע ר ש ט ע ר פ ע ר י אָ ד

די אוראַלטע צייט

קאַפּיטל איינס: פון מצרים קיין כנען — — — — — — — — — — 3
קאַפּיטל צוויי: די צייט פון די שופטים — — — — — — — — — 11
קאַפּיטל דריי: שמואל הנביא — — — — — — — — — — — — 17
קאַפּיטל פיר: דער מלך שאול — — — — — — — — — — — — 21
קאַפּיטל פינף: דוד המלך — — — — — — — — — — — — — 27
קאַפּיטל זעקס: שלמה המלך — — — — — — — — — — — — 37
קאַפּיטל זיבן: די שפּאַלטונג — — — — — — — — — — — — 49
קאַפּיטל אַכט: די מלוכה פון אפרים — — — — — — — — — — 57
קאַפּיטל ניין: די לעצטע מלכים פון אפרים און די מפּלה פון שומרון 87
קאַפּיטל צען: די מלוכה אין יהודה — — — — — — — — — — 117
קאַפּיטל עלף: פון יהואש ביז אחז — — — — — — — — — — 145
קאַפּיטל צוועלף: פון יחזקיהו ביז יאשיהו — — — — — — — — 171
קאַפּיטל דרייצן: חורבן ירושלים — — — — — — — — — — — 203

ווי דאַרף מען פאַרשטיין די יידישע געשיכטע?

— א —

דאָס יידישע פאָלק איז אין גלות; די יידישע תורה איז אויך אין גלות. איבער'ן יידישן פאָלק הערשט די פיזישע מאַכט פון די פעלקער; איבער דער יידישער תורה הערשט די גייסטיקע מאַכט פון די פעלקער. דאָס יידישע פאָלק איז שוין צום גלות געוואוינט; אין אַ משך פון טויזנ־טער יאָרן ווערט מען צו אַלץ געוואוינט. די יידישע תורה איז אָבער נאָך צו דעם ניט געוואוינט: איר גלות האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. איר ווייטיק איז פריש, איר געשריי איז שטאַרק. ווער עס האָט אויערן, יע־נער הערט עס!

אַמאָל פלעגט מען יידישע ספרים ברענען, די תורה האָט אָבער פון דעם גאָר נישט געליטן. די פאַרמעטן פלעגן פאַרברענט ווערן, די אותיות פלעגן אָבער אין לופטן פליען...

היינט ברענט מען קיין יידישע ספרים נישט. מען וויל אָבער די תורה אַליין אויסרוימען דורך כלומרשטער קריטיק און כלומרשטער ווי־סנשאַפט...

באַשאַפן האָבן אונדזערע פיינט אַ באַזונדערן צווייג פון וויסנ־שאַפט, וועלכן זיי רופן אָן „ביבל־קריטיק". באַשאַפן האָבן עס אונ־זערע פיינט; און אונדזערע בעסטע פריינט האָבן זיי צוגעהאָלפן. די ווערטער „קריטיק" און „וויסנשאַפט" האָבן אַלעמען די אויגן פאַרבלענ־דעט. געקומען איז עס דערצו אַז פיל פון די בעסטע יידישע געלערנטע האָבן אָנגענומען אַלע ווייטסטע און קרומסטע השערות פון די ביבל־קריטיקער פאַר תורת משה...

און די תורה שטייט אין אַ ווינקעלע און קלאָגט: ווי, ווי, צו אַזאַ „ליכט", וועלכע לייכט ניט, נאָר עס פאַרברענט און פאַררויכערט דאָס הייליקסטע און דאָס שענסטע אינעם מענטשנס לעבן.

ווי, ווי צו מיינע קינדער, וועלכע גייען אויך נאָך דעם פאַלשן ליכט פון זייערע בלוטיקע שונאים. זיי לויפן דורשטיק צו צום קוואַל פון זייער „וויסנשאַפט" און זיי באַמערקן נישט, אַז דער קוואַל איז דורך קנאה און שנאה פאַרשמוציקט און פאַרגיפטעט...

„מיר האָבן איין אמת'ע תורה, — זאָגט קראָכמאַל, — און זי האָט קיין מורא נישט פאַר קיין קריטיק, פון וואַנען די קריטיק זאָל נישט קומען".

יאָ, מיר האָבן איין אמתע תורה און זי האָט קיין מורא נישט פאַר קיין אמתער קריטיק. ווען די קריטיק איז אָבער אין גרונט פאַלש און זי ווערט געשטיצט דורך פאַרשידנסטע אייראָפּעאישע געלערטע און זי טוט עס נאָר אויס טיפער, אָפענער אָדער באַהאַלטענער, שנאה צום יידישן פאָלק, — וואָס קען דאָ העלפן דאָס, וואָס מיר האָבן איין „אמתע תורה".

די ביבל־קריטיק איז פון איר געבוירן־טאָג אָן טענדענציעז. די שנאה צום יידישן פאָלק האָט זי אויף דער וועלט געבראַכט, די שנאה צום יידישן פאָלק האָט זי גרויס געמאַכט, די שנאה צום יידישן פאָלק שפּייזט זי ביז היינטיקן טאָג.

פיל געלערטע תמימים פאַרשטייען עס אָבער נישט און זיי בויגן דעם קאָפּ פאַר דער ביבל־קריטיק, ווי פאַר אַן עקזאַקטע וויסנשאַפט. נישט פאַרשטייענדיק איר אורשפּרונג, איר אַנטוויקלונג און אירע טענ־דענצן, מיינען זיי, אַז די ביבל־קריטיקער האָבן פאַר זיך נאָר דעם ריי־נעם אמת.

און קומען זיי צו דער יידישער געשיכטע, רעכענען זיי זיך אויף שריט און טריט מיט די ווילדסטע פּאַראַדאָקסן פון יעדן אַנטיסעמיט ביבל־קריטיקער און די יידישע געשיכטע ווערט, נישט באַמערקטערהייט, אַ גרויסער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דעם יידישן פאָלק.

און קאָמיש קומט אויס, ווען פאַר אַזאַ מלאכה נעמען זיך עכט־יידישע נאַציאָנאַליסטן און אפילו נאַציאָנאַליסטן־שאָוויניסטן. מען איז דאָך עפּעס מענטשן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווי־זשע זאָל מען אַפּלייקענען אַ וואָרט פון וועלהויזענען און פון דעליטשן? נו, מוז מען טריט באַ טריט גיין נאָך די לעצטע. קומט דאָך אָבער אויס, אַז דאָס יידישע פאָלק איז קליין און געמיין, שלעכט און פאַרדאָרבן, אומפּע־איק און טאַלענטלאָז. וואָס־זשע טוען אונדזערע היסטאָריקער „נאַציאָנאַ־ליסטן”? — פאַרדעקן זיי אונדזער שאַנד מיט מליצות און מיט פאַרשיי־דענע פשטלעך.

וואָס קאָנען אָבער העלפן מליצות און פשטלעך דאָרטן, וואו די ביבל־קריטיק, אין וועלכער זיי גלויבן באמונה שלימה, ווייזט אויף, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט קיינמאָל גאָר נישט געשאַפן, אַז אויב אין דער יידישער קולטור איז יאָ עפּעס פּאָזיטיוועס פאַראַן, איז עס נאָר פון לייטן גענומען און שלעכט גענומען און אַז דאָס יידנטום איז ניט קיין אָרגאַניש געוויקס, ניט קיין פאָלקס־שאַפונג, נאָר עפּעס אַ שווינדל פון אַ באַנדע „כהנים” און נאָך דעם „סופרים” און „פּרושים”?...

די יידישע היסטאָריקער־נאַציאָנאַליסטן פאַרהיטן זיך דערמיט, וואָס זיי דערקלערן אין די הקדמות צו זייערע ספרים, דאָס זיי גייען ניט בלינד נאָך וועלהויזענען און אַנדערע. זיי טוען טאַקע אַזוי. אין פיל פּרטים גייען זיי זיך פאַנאַנדער מיט די קריסטלעכע ביבל־קריטיקער. וואָס העלפט אָבער דאָס פאַנאַנדערגיין זיך אין פּרטים, ווען מען שטימט אייַן אין עיקר, אין כלל, אין די הויפּט־יסודות?

אדרבה! עס שאַדט גאָר נישט צו גיין נאָך די עקסטע ביבל־קרי־טיקער אין פיל פאַרשידנסטע פּרטים, דאָרטן וואו זיי שטיצן זיך אויף פאַקטן. אויסמיידן דאַרף מען אָבער גראַדע זייערע הויפּט־הנחות, וועלכע זיינען באמת נאָר בויך־סברות, מאָדערנע קאָפּ־דרייעניש און בלבולים אויף דעם ניט געליבטן פאָלק.

אונדזערע היסטאָריקער־נאַציאָנאַליסטן טוען אָבער גראָד פאַר־

קערט. די היפּאָטעזן און פּאַראַדאָקסן פון די ביבל־קריטיקער נעמען זיי צו פאַר ריינע אמתן און זייער חובת־יידישקייט זיינען זיי יוצא דער־מיט, וואָס זיי ווייזן אָן דעם טעות פון דעם אָדער יענעם קריטיקער אין דעם אָדער יענעם פּרט.

און באַלד צעגיסט מען זיך ערשט אין לאַנגע מאמרים וועגן דער אייגנאַרטיקייט און גרויסקייט פונם יידישן פאָלק, וועגן „יידישן גייסט", וועגן „יידישן מוסר", וועגן דער „יידישער נשמה", נישט פאַרשטייענ־דיק און נישט פילנדיק, אַז נאָך דער תורה פון וועלהויזען און דעליטש און אפילו רענאַן (כאָטש ער האָט ליב געהאַט אַמאָל וועגן יידן זיסינקע ר״ידעלעך ריידן) שטייט דאָס יידישע פאָלק נידעריקער פון אַלע אַנדערע פעלקער און האָט גאָר נישט, נישט קיין גייסט, נישט קיין מוסר, נישט קיין נשמה...

ווייל אויב דער מעמד הר סיני איז קיינמאָל נישט געווען; אויב אָט דער „מעמד הנבחר" איז נאָר אַ שפּעטערדיקע דיכטונג פון אייניקע כהנים (ווי עס זאָגן פיל ביבל־קריטיקער); אויב די תורה איז געשריבן געוואָרן אין די שפּעטסטע צייטן (ווי עס זאָגן אַ ל ע ביבל־קריטיקער); אויב די תורה איז אפילו ניט קיין פאָלקס־דיכטונג און פאָלקס־שאַפונג, נאָר פאַנטאַזיע און קאַפּריז פון פאַרשידענסטע פאַנאַטיקער־פּאָליטיקער, ווי מען קען פאַרשטיין פון רענאַן, ווען זיינע מליצות זאָלן אונדז נישט אָפּנאַרן, און פון פיל אַנדערע); אויב די „נבואה" (אין איר העכסטן און ריינסטן זין) איז אַ שאַרפער פּראָטעסט קעגן דער באַגרענעצטקייט און ענגקייט פון די תורה־געזעצן, (ווי עס קומט ווידער אויס לויט רענאַן און אַנדערע); אויב די בעסטע נביאים זיינען בײַ יידן געווען נאָר אויס־נאַמס־מענטשן און אויסער זיי, איז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק באַשטאַ־נען פון לויטער זינדיקע און שווינדלערס (ווי עס קומט ווידער אויס פון די זעלבע); אויב די נביאים גופא זיינען אויך געווען גענוג באַגרענעצט, ווייל אין אַלגעמיין איז דער סעמיטישער גייסט זייער באַגרענעצט און פאַנאַטיש און ער קען קיינמאָל נישט אַרויס פון דעם צווייבער־קרייז „ד' הוא האלהים" (ווי רענאַן זאָגט בפירוש); אויב אַלע יידישע יום טובים און דער גאַנצער יידישער קולט איז פון די כנענים גענומען (זע טשעמ־בערליין א״א); אויב די שענסטע ספּורים פון מעשה־בראשית זיינען פון די אכדים גענומען און שלעכט איבערגעגעבן געוואָרן (זע דאָרט); אויב

אַלע משפטים און שבת זיינען פון בבל גענומען (זע דעליטש); אויב דער גאַנצער תנ"ך איז דורכאויס פאַרגרייזט באַוואוסטזיניק אָדער אומ־באַוואוסטזיניק; אויב די בני־ישראל האָבן זיך באמת קיינמאָל נישט דער־הויבן צום ריינעם מאָנאָטעאיזם, און דער גאָט פון די בני ישראל יהוה איז נאָר אַן אָרטיקער גאָט (לויט איינע) אָדער אַ גאָט פון פאַרשידנ־סטע סעמיטישע שבטים (לויט אַנדערע), אַ גאָט ווי אַלע געטער, אַ גאָט, וואָס האָט נאָר מיט זיין שטאָם צו טון און ווען מען האָט אָנגע־הויבן צו ריידן וועגן זיין „איינהייט", מיינט מען נאָר שליטה איבער אַלע פעלקער, וואָס דאָס סימבאָליזירט אייגנטלעך די שליטה פון די בני ישראל אויף אַלע אַנדערע פעלקער (ווי פיל היסטאָריקער מיינען); אויב די יידישע תורה, וועלכע האָט געפירט דאָס יידישע פאָלק אויף אַ פאַלשן קרומען וועג איז נאָך מער שעדלעך געוואָרן, ווען זי גופא איז פאַרדרייט און פאַרקרימט געוואָרן דורך אַלערליי פרושים און רבנים; אויב דאָס יידישע פאָלק, אַ שטאָם פון דער באַגרענעצטער סעמיטישער ראַסע, איז אַ פאָלק אָן ליבע צו קונסט, צו שיינקייט, צו פלאַסטישע פאָרמען, אָן נייגונג צו מעטאַפיזיק און מיסטיציזם, אַ פאָלק, וואָס איז דורכאויס ערדיש, פראַקטיש, ווייס נאָר פון אייגננוץ און געלט, אַ פאָלק, וואָס איז נאָך דערצו פאַרפירט דורך זיין תורה וועלכע לערנט אים, אַז ער איז העכער פון אַלע פעלקער און ער מעג טון מיט זיי וואָס ער וויל (ווי עס זאָגן אַלע אַנטיסעמיטן און די היסטאָריקער און קריטיקער געבן זיי זיי אַ תוקף); אויב דעם יידן איז אָרגאַניש פרעמד די גאַנצע איירא־פעאישער קולטור (ווי עס מיינען וואָלטער, הערדער געטע א"א); אויב דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס דאָס קריסטנטום פאַרמאָגט אין זיך, איז ניט פון יידנטום געגומען, נאָר אדרבה, קעגן דעם יידנטום האָט עס זיך געפורעמט (ווי עס זאָגן טאָלסטאָי און טשעמבערליין); אויס דאָס יידישע פאָלק האָט אַלזאָ אין זיין טויזנטיעריקער היסטאָריע גאָר נישט געשאַפן און גאָר נישט געגעבן דער מענטשהייט; אויב אָט די און נאָך אַזעלכע הויפט־ יסודות פון דער ביבל־קריטיק און תלמוד־קריטיק זיינען ריכטיק — וואָס פאַר אַ טעם האָבן דאַן אַלע רייד וועגן אַ יידישן „גייסט", „מוסר" און „נשמה"?

איך ווייס, אַז אונדזערע היסטאָריקער־ נאַציאָנאַליסטן אַנערקענען ניט אַ סך פון אָט די הויפט־יסודות, וואָס די ביבל־ און תלמוד־קריטיק

שטעלט אַרויס, זיי זיינען אָבער דאָן ניט קאָנסעקווענט. זאָגט מען אַלף, מוז מען אויך זאָגן בית. קוים אַנערקענען זיי דעם עצם מעטאָד פון די ביבל־קריטיקער מוזן זיי אַנערקענען די אַלע רעזולטאַטן פון אָט דעם מעטאָד...

אין די לעצטע יאָרן איז אַרויס אַ מערקווירדיק בוך פון טשעמ־בערליינען איבער יידן (אַ טייל פון זיין גרויסן בוך איבערן ניינצענטן יאָרהונדערט). דאָס בוך איז פול מיט גיפט און גאַל. עס איז פול מיט געדאַנקען־בליצן און יעדער געדאַנק איז אַ גיפט־פייל אין יידישן לאַגער געוואָרפן. נישט נאָר די אַנטיסעמיטן האָבן עס אונטערגעכאַפּט ווי אַ טייערען אוצר, נאָר זייער פיל ניט אַנטיסעמיטן, געלערטע, ערנסטע, גוטע און פרייע מענטשן. מיט דעם בוך מוז מען זיך רעכענען. מבטל זיין אים אונטער דער האַנט, איז לחלוטין אוממעגלעך. עס מאַכט אויף יעדן פאַרטייאישן מענטשן זייער אַ גוטן איינדרוק.

דאַרף איך דען נאָך זאָגן, אַז אָט דאָס בוך האָט אונדז יידן זייער פיל שאָדן געבראַכט? — גענוג, אַז איך וועל דערמאָנען, אַז „אונדזער" מענשיקאָוו באַ זיין יעדן אַרויסטריט קעגן יידן, נעמט ער אַרויס אַ טראָפּן גיפט פון טשעמבערליינס בוך, פאַרמישט עס מיט פיל וואַסער און געמיינהייט און דאָס פאַרגיפטעט טאָג־טעגלעך די רוסישע געזעלשאַפט.

און אונדזער אומגליק ליגט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אין דעם, וואָס טשעמבערליינס בוך איז אינגאַנצן כמעט ווי אָביעקטיוו געשריבן, אינגאַנצן „וויסנשאַפטלעך", דורכאויס לאָגיש, ערנסט און ערלעך.

איך בין ניט דער איינציקער ייד, וואָס טשעמבערליינס בוך מאַכט אויף אים אַזאַ איינדרוק. וועגן טשעמבערליינס ערלעכקייט און ערנסט דערמאָנט אויך זיין קעגנער, דער יידיש־דייטשער געלערטער פּראַנץ אָפּענ־היימער.

ווי זשע איז עס געקומען, ווי אַזוי איז עס געשען? ווי אַזוי האָט עס טשעמבערליין געקענט געוויסנהאַפט פאַלקאָם ערלעך און ערנסט אַזוי פאַרקרימען און פאַרדרייען די יידישע געשיכטע, מאַכן פון ווייס — שוואַרץ, פון דעם בעסטן און דעם שענסטן, וואָס יידן פאַרמאָגן און וואָס יידן האָבן דער וועלט געגעבן — אַש און רויך? — ער האָט איין קליי־ניקייט געטון. ער האָט אויפגעקליבן אַלע פאַראַדאָקסן, היפּאָטעזן און געוויסקייטן פון דער ביבל־קריטיק, אַלערליי מיינונגען פון רענאַן, וועל־

הויזען, האָמעל, שׂערער, דעליטש, און האָט פון זיי קאָנסעקווענצן געצויגן. זייַנע קאָנסעקווענצן זייַנען דורכאויס לאָגיש; אָנערקענט מען דעם מעטאָד פון די ביבל־קריטיקער, באַטראַכט מען די יידישע געשיכטע לויט זייער מיינונג, מוז מען לאָגיש קומען צו דעם, צו וואָס טשעמבערליין איז געקומען.

די מיינונגען, וועלכע ווערן אַרויסגעזאָגט אין טשעמבערליינס בוך, קענט איר אָנטרעפן אייגנטלעך אויך אין די ווערק פון פיל יידישע געלערטע. אַ טייל פון זיי קענט איר אָנטרעפן אפילו באַ אַזאַ פייערדיקן, גרויסן יידן, ווי פּראָפ. גרעץ און כמעט באַ די אַלע גייסטע יידישע ביבל־פאָרשער און היסטאָריע־פאָרשער, באַ בערנפעלדן, ד״ר גיימאַרקן, קלויזנער וכדומה. נישט מער, וואָס טשעמבערליין נעמט אָן אָט די אַלע „אמתן״ מיט אַ רואיקן געוויסן און פירט פון זיי רואיק אַרויס אַלע אַנטיסעמיטעשע געדאַנקען, און די יידישע היסטאָריקער־דענקער ווערן דורך דעם געפּייניקט, געקוועלט, פאַרצווייפלט. זיי ווייסן ניט, וואָס צו טון דערמיט. עס איז זיי שלעכט אַזוי, „אוי להם מיוצרם ואוי להם מיצרם״. זיי האָבן מורא צו זינדיקן קעגן דער „וויסנשאַפט״ און זיי האָבן מורא צו זינדיקן קעגן דעם יידישן פאָלק. דעריבער דרייען זיי זיך שטענדיק אין ענגן קרייז פון ספקות, פשטלעך, פראַזן, און לייַדן דערביי גרויסע יסורי־הנפש.

עס איז שוין אָבער די צייט געקומען, ווען מיר, יידן, זאָלן אָפן פאַר אַלעמען אַרויסזאָגן: מיר אַנערקענען ניט די גאַנצע ביבל־קריטיק! מיר אַנערקענען ניט איר מעטאָד! מיר באַטראַכטן אונדזער געשיכטע גאָר פון אַן אַנדער שטאַנדפונקט, פון אונדזער יידישן שטאַנדפונקט.

מיר אַנערקענען ניט אייער ביבל־קריטיק, מיר אַנערקענען ניט אויך אייער תלמוד־קריטיק, וועלכע איז אויך לויטן שניט פון אייער ביבל־קריטיק געשניטן...

דער ערשטער און דער בעסטער פון אייערע ביבל־קריטיקער, איז אונדזער ברוך שפּינאָזאַ (אין זיין „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט״). זיין בוך איז אָבער געשריבן מיט שטאַרקער שנאה צום יידנטום. אונדזערע רבנים האָבן אים רודף געווען און ער האָט עס קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסן. אייך, קריסטן, חנפהט ער, אויף אונדז זוכט ער אָבער בלבולים.

מיר האָבן אונדזער ביבל־קריטיק און תלמוד־קריטיק, וועלכע איז אויסגעאַרבעט דורך די גרעסטע מפרשים און דענקער אונדזערע: ר׳ סע־דיה גאון, רמב״ם, רשב״ם, אבן עזרא, רלב״ג, רמב״ן, ר׳ חסדא קרשקש, ר׳ יוסף אַלבא און וועלכע איז פאַרטיפט געוואָרן, פילאָזאָפיש און וויסנ־שאַפטלעך דורכגעליטערט געוואָרן דורך מענדעלסאָן, קראָכמאַל, צונץ, בערנאַאיס, הירש, שטיינהיים וכדומה און אויך דורך גייגער, יה״ש, גר׳עץ, ווייס וכדומה, אויף וויפל זיי זיינען זיך געטריי, אויף וויפל זיי פאָלגן זיין היסטאָרישן געפיל און גיבן זיך ניט אונטער דעם איינפלוס פון אייער טענדענציעזער (קריסטלעכער) ביבל־ און תלמוד־קריטיק.

ביז איצט האָבן מיר אויף אונדזער געשיכטע געקוקט מיט אייערע אויגן; עס איז שוין אָבער צייט, אַז מיר זאָלן אונדזער געשיכטע באַ־טראַכטן לויט אונדזערע באַגריפן...

איר זאָגט, אַז אייער מעטאָד איז ריין וויסנשאַפטלעך. מיר קענען אייך אָבער אויפווייזן, אַז אייער מעטאָד האָט אייך אייער שנאה דיק־טירט און ניט אייער וויסנשאַפט!

⁂

ב

איך געפין דעם עצם מעטאָד פון דער קריסטלעכער ביבל־קריטיק, און ממילא אויך די היסטאָריע־אויפפאַסונג, וועלכע איז אויף איר גע־בויט, פאַר טענדענציעז און פאַלש איבער ווייטערדיקע טעמים:

1) די קריסטלעכע ביבל־ און תלמוד־קריטיק גייט אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אויסנאַם אין דער היסטאָריע. דאָס יידישע פאָלק מוז אין גאָר נישט אָפּגעטיילט זיין פון אַלע אַנדערע פעלקער. די אַנטוויקלונג פון אַלע געשעענישן מוז גיין בהדרגה, אָן פּלוצ־צימדיקע דערשיינונגען, אָן איבעראַשונגען, אָן אויסערגעוויינלעכע מעשים. און היוצא מזה? היוצא מזה איז, אַז מיט דער יידישער מסורה דאַרף מען זיך גאַנץ ווייניק רעכענען. דער צווייטער פעלערהאַפטער קוואַל פון אַנדערע היסטאָרישע דאָקומענטן איז לאַין ערך ריכטיקער פון דער יידי־

שער מסורה, און בכלל קען מען זיך דערלויבן ד י כ ט ן די יידישע היסטאָריע, אַרויסזאָגן גאַנץ ווילקירלעך אַלערליי היפּאָטעזן.

דאָס איז אָבער ניט אמת. די היסטאָריע ווייס יאָ פון אויסנאַמען. אַט מוזן דאָך אַלע אַנערקענען, אַז דאָס איצטיקע לעבן פונעם יידישן פאָלק איז אַ ריינער אויסנאַם אין דער היסטאָריע. וואו האָט עס דען עקזיסטירט אַ פאָלק אָן אַ לאַנד אין אַ משך פון טויזנטער יאָרן?

קען אָבער דאָס יידישע פאָלק איצט עקזיסטירן ווי אַ געוויסע אויסנאַם, פאַרוואָס האָט זיין היסטאָריע פון אָנפאַנג אָן ניט געקענט זיך געשטאַלטן אַנדערש, ווי די היסטאָריע פון אַנדערע פעלקער האָט זיך פאַרמירט?

און בכלל טרעפן זיך אין היסטאָריע אויסנאַמען. אַט איז דאָס גאַנצע גריכישע פאָלק באמת איין אויסנאַם פון דער היסטאָריע. אין דער צייט פון אַלוועלטלעכן באַרבאַריזם, האָט דאָס גריכישע פאָלק געשאַפן די גרעסטע און די העכסטע קונסט־פאָרמען און אַרויסגעגעבן די טיפסטע פילאָזאָפישע סיסטעמען.

אויב די גריכן האָבן אויסגעפורעמט מיט טויזנטער יאָרן פאַר קריסטוסן די העכסטע קונסט, פאַרוואָס האָבן יידן מיט טויזנטער יאָרן פאַר קריסטוסן ניט געקענט האָבן די ריינסטע באַגריפן וועגן גאָטהייט? פאַרוואָס מוז מען דוקא זאָגן (ווי די ביבל־קריטיק וויל), אַז דער מאָנאָטעאיזם האָט זיך בא יידן ערשט אין די שפּעטסטע צייטן אַנטוויקלט און אין אַ אומקלאָרער פאָרם אָדער אפילו לגמרי נישט?

2) אין ערשטן פאַל באַנוצט די קריסטלעכע ביבל־קריטיק פאַלש דעם געוויסן כלל פון יעדער וויסנשאַפט: „די נאַטור ווייסט ניט פון קיין שפּרונג", נישט פאַרשטייענדיק, אַז נאַטור איז עפּעס אַנדערש און היסטאָריע איז עפּעס אַנדערש, ווייל היסטאָריע שאַפן מענטשן און דער גייסט פון מענטשן גייט ניט אַלע מאָל בהדרגה.

דעם מענטשנס גייסט האָט זיין נאָרמאַל, רואיק לעבן, זיין נאָרמאַלע, רואיקע אַנטוויקלונג, ער האָט אָבער אויך זיין שטורעם, זיין בליץ, זיין דונער, זיין חורבן און זיין שאַפונגס־מאָמענט...

און וועגן דער נאַטור זעלבסט דאַרף מען אויך ניט בוכשטעבלעך פאַרשטיין דעם אויבנדערמאָנטן זאַץ. די נאַטור ווייסט נישט פון קיין שפּרונג אין דעם זין, וואָס קיין זאַך קומט ניט ווי פון דער העלער הויט,

אַלץ פאַרמירט זיך אינעווייניק, אַלץ אַנטוויקלט זיך לויט געוויסע טיפע סבות, ביסלעכווייז, ביסלעכווייז. דער אויסברוך קומט אָבער פיל מאָל אַרויס מיט אַמאָל. מיט אַמאָל, אומדערוואַרט, קומט ערדציטערניש, מיט אַמאָל קומען אַלע געאָלאָגישע איבערקערענישן. מיט אַמאָל קען אַלזאָ אויך קומען דער אויסברוך פונעם מענטשנס גייסט. דער מענטש קען אַמאָל אין איין מאָמענט דערקענען מער ווי אין זיבעציק יאָר. אַ פאָלק קען אויך אַלזאָ אין אַן אויסערגעוויינלעכן מאָמענט איבערלעבן מער ווי אין טויזנטער יאָרן.

די ביבל־קריטיק זינדיקט אָבער אויך מיט אַ צווייטן כלל פון דער אַלגעמיינער וויסנשאַפט. אין יעדער וויסנשאַפט ווערט באַנוצט דאָס פאַרגלייכונגס־סיסטעם. באַנוצן די ביבל־קריטיקער אין זייער „וויסנ־שאַפט" אויך אַט דעם סיסטעם. זיי באַנוצן עס אָבער שלעכט. זיי גע־פינען, אַז ביי אַנדערע אַלטע פעלקער זיינען געווען פיל מצוות און מנהגים ענלעך צו די, וואָס ביי די בני־ישראל. שליסן זיי דערפון, אַז יידן האָבן זייערע מצוות פון אַנדערע גענומען. פון וואַנען איז עס אָבער געדרונגען? פאַרוואָס מוז דוקא יעדעס פאָלק דוקא פון דעם צווייטן נע־מען? פאַרוואָס זאָלן פאַרשידענע פעלקער, לויט די אייביקע געזעצן פון דעם מענטשנס גייסט, ניט קומען צו איינע און די זעלבע באַשלוסן גאַנץ זעלבסטשטענדיק?

בנוגע צו אַנדערע פעלקער און אַנדערע רעליגיעס האָבן אייניקע גרוי־סע רעליגיע־היסטאָריקער שוין לאַנג אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז ענ־לעכע רעליגיעזע דערשיינונגען זיינען גאָר ניט קיין באַווייז אויף נאָכ־טון, ווייל באַ יעדן פאָלק קענען זיי זיך אויספורעמען אייגנאַרטיק, פון דעם אייגענעם גייסט געשעפט, אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון דעם, וואָס באַ דעם צווייטן פאָלק האָט זיך דאָס ענלעכע געשטאַלטעט (זע מענזיס, די ערשטע פּרקים פון זיין רעליגיע־געשיכטע). פאַר וואָס־זשע איז אָבער, ווען מען זעט, אַז געוויסע יידישע מצוות און מנהגים האָבן ביי אַנדע־רע אויך געהאַט אַ געוויסן אַרט, מוז מען דוקא זאָגן, אַז יענע האָבן עס ביי אַט די אַנדערע גענומען? פאַר וואָס מוזן יידן דוקא נאָכקרימען? פאַר וואָס האָבן יידן ניט געקענט די זעלבע זאַכן שאַפן אָריגינעל, אַט אַזוי ווי די אַנדערע פעלקער האָבן עס געשאַפן?

3) פיל זאַכן נעמען טאַקע די פעלקער איינע ביי די צווייטע. עס

קען זיין, אַז יידן האָבן גענומען איינִיקע זאַכן ביי אַנדערע פעלקער. פאַר וואָסזשע האָט אָבער אויך ניט געקענט זיין פאַרקערט?

די ביבל־קריטיקער געפינען, אַז די ספּורים פון מעשי־בראשית זיינען אויך דאָ ביי די בבליים, ביי אַנדערע. פון וואַנען איז אָבער די ראיה, אַז יידן האָבן עס גענומען פון די בבליים? טאָמער פאַרקערט? עס קען זיין געמאָלט זיין, אַז די בבליים האָבן עס פון יידן גענומען...

וויפיל די ביבל־קריטיקער זאָלן ניט פּלפּלען, קען זיי דאָך בשום אופן ניט באַשטימען גענוי, ניט די צייט, ווען אָט די ספּורים האָבן זיך געשאַפן ביי די בבליים און ניט די צייט, ווען זיי האָבן זיך ביי די יידן געשאַפן. און אויב מיר זאָלן אפילו זאָגן, אַז מיר ווייסן יאָ, ווען די יידישע ספּורים פון מעשי־בראשית זיינען געשריבן (דאָס הייסט: ווען מען זאָל אָננעמען די ווילקירלעכע היפּאָטעזן פון רענאַן א״א פאַר וויסנ־שאַפט), קען מען דאָך אָבער בשום אופן נישט וויסן, ווען אָט די ספּורים זיינען איבערדערציילט געוואָרן. פיל ספּורים ווערן פונעם פאָלק דער־ציילט, ווערן איבערגעגעבן פון עלטערן צו קינדער, און ווערן געשריבן אין הונדערטער יאָרן אַרום. דאָס גלייכן קען אויך קיינער נישט וויסן, ווען די בבליים האָבן אָט די זעלבע ספּורים דערציילט. וואָסער מלאך האָט אַלזאָ דערציילט דעם ביבל־קריטיקער, אַז דוקא די יידן האָבן פון די בבליים די ספּורים גענומען, און נישט פאַרקערט?

דעסגלייכן איז גאַנץ ווילקירלעך די הנחה פון דעליטש, אַז יידן האָבן זייערע משפּטים ביי די בבליים גענומען. אויב אַז יאָ „גענומען" — פאַר וואָס נישט פאַרקערט?...

דעסגלייכן זיינען אינגאַנצן ווילקירלעך די אַלע טויזנטער חקירות וועגן דער השפּעה פון דער פּערסישער רעליגיע אויף דער יידישער, כאָטש אויף די טעמעס האָבן פיל יידישע געלערנטע געשריבן (באַזונדערס די „בעלי החלוץ" און דר. ש. רובין). אמת, אַז די יידישע דינים פון טומאה וטהרה זיינען ענלעך אין פיל פּרטים צו די זעלבע דינים פונעם מזדאאיזם. דאָס איז, ערשטנס, קיין באַווייז נישט (ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט), ווייל ביי צוויי באַזונדערע פעלקער קענען זיין אייניגע און די זעלבע דינים גאַנץ אומאָפּהענגיק איינס פון דאָס אַנדערע, און צווייטנס פאַרשטיי איך בשום אופן נישט, פאַרוואָס האָט דער יודאאיזם יאָ געקענט נעמען פונעם מזדאַאיזם און דער מזדאַאיזם פונעם יודאַאיזם נישט? ווען יידן זיינען

אין באַרירונג געקומען מיט די פּערסיאַנער, האָבן די פּערסיאַנער אַזוי גוט געקענט איבערנעמען די יידישע דינים, ווי די יידן די פּערסישע דינים...

און נאָך מער: דער שכל איז מחייב פאַרקערט. דאָס יידישע פאָלק איז שטענדיק געווען אָפּגעזונדערט (באַזונדערס אין די שפּעטערדיקע צייטן, ווען זיי זיינען געקומען אין באַרירונג מיט די פּערסיאַנער). דאָס יידישע פאָלק האָט אויף זיך שטענדיק געקוקט, ווי אויף אַ „עם הנבחר". ווי אַזוי־זשע האָט זיך דער „עם הנבחר" געקענט דערלויבן צו לערנען דינים פון „געצנדינער"?

4) דער תנ״ך איז קודם כל אַ געטלעך ווערק. צוטרעטן צום תנ״ך מוז מען אַלזאָ מיטן טיפסטן רעליגיעזן געפיל. די ביבל־קריטיקער טרעטן אָבער פיל מאָל צו צום תנ״ך, ווי צו דער געוויינלעכער בבא־מעשה...

גלייבט מען אַפילו נישט אין דער געטלעכקייט פונעם תנ״ך, מוז מען דאָך אַלנפאַלס מודה זיין, אַז דער תנ״ך איז אַ גרויס קונסט־ווערק. אורטיילן וועגן אַ גרויס קונסט־ווערק דאַרפן נאָר קינסטלער, דיכטער, שאַפער, אויב נישט דיכטער בפועל, איז לכל הדעות דיכטער בכוח, איך מיין: מענטשן, וועלכע האָבן פאָעטישע נייגונגען, זין פאַר שיינקייט, פאַר גרויסקייט, פאַר איידלקייט. פאַר ביבל־קריטיק האָבן זיך אָבער גענומען (אויסער רענאַן, וועלכער איז יאָ געווען פּאָעט, אָבער זייער טענדענציעז) מענטשן אָן דעם קלענסטן זין פאַר אַ פּאָעטיש ווערק, קאַלטע פּראָזאַיקער, טרוקענע פילאָלאָגן.

ווען מען טרעט צו צו אַנאַליזירן אַ פּאָעטיש ווערק, מוז מען קודם כל באַגרייפן די אידייע פונעם ווערק, דאָס גאַנצע בילד, אויב דאָס איז אַ פּלאַסטיש ווערק, און האָבן אָן אינערלעכע פאַרהעלטעניש און קרובהשאַפט מיט דעם ווערק — אויב דאָס ווערק איז ליריש, סוביעקטיוו, האַרציק. די יידישע נבואה, אויף וויפל זי איז פּלאַסטיש, פאָדערט זי פונעם פאָרשער קינסטלער־טאַלאַנט; אויף וויפיל זי איז אָבער ליריש, אויסערגעוויינלעך און האַרציק, פאָדערט זי פונעם פאָרשער אויך אַ באַזונדערן זין פאַר די „פאַרשאָלטענע פּראַגעס", פאַר דעם גרעסטן סוד פון לעבן, פאַרן וועלט־שמאַרץ, פאַר דעם אייביקן ליידן פונעם יידישן פאָלק און זיין באַזונדער אָרט אויף דער וועלט, זאַכן, פון וועלכע אַ סך ביבל־קריטיקער האָבן נישט קיין אַנונג.

5) דער תנ״ך איז אַ טויזנט־יאָריק ספר. עס קען אַלזאָ זיין, אַז אין

אייניקע ערטער זיינען נישט גאָר ריכטיקע נוסחאות פאַראַן, מען טאָר עס אָבער נישט מגזם זיין, ווייל דאָס יידישע פאָלק האָט שטענדיק דעם תנ״ך געהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. די יידישע מסורה האָט שטענדיק אַלע אותיות פון תנ״ך געצײלט. בא אַזאַ צושטאַנד איז בשום אופן קיין אָרט נישטאָ אין תנ״ך פאַר אַ סך גרייזן.

און זיי נעמען זיך פאַרן פאַרריכטן אָט די „גרייזן״. נאָר ווי, ווײ, וואָס זיי האָבן פון דעם הייליקן, שיינעם תנ״ך געמאַכט. אַלץ, וואָס ס׳איז פריער געווען גאַנץ, פּאָעטיש, פול לעבן און גייסט, איז געוואָרן נאָך זייער הגהה פּראָזאַיש טרוקן, צעריסן אויף שטיקלעך, אָן פּאָעזיע, אָן נשמה, אָן לייב, אָן לעבן. ווער עס וויל זיך איבערצייגן אין דעם, זאָל אויסקלייבן וואָס פאַר אַ קאַפּיטל פון תנ״ך ער וויל. זאָל ער נאָך דעם איבערשרייבן דאָס גאַנצע קאַפּיטל, לויט ווי די ביבל־קריטיקער פאַרריכטן, וועט ער גלייך דערפילן, אַז פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם איז געבליבן אַ סקעלעט. בשעת מען לייענט יעדן תקון, באַמערקט מען עס נישט. באַמערקן קען מען עס אָבער, ווען מען נעמט דאָס גאַנצע. פון דער העכסטער פּאָעזיע ווערט דורך די תקונים געוויינלעכע, געשמאַקלאָזע, גראָבע פּראָזע.

6) די ביבל־ און תלמוד־קריטיק מיינט שטענדיק צו פסל׳נען דאָס יידישע פאָלק און צו דערנידעריקן זיין גייסט, ווען זי דענקט, אַז איר איז געלונגען אויפצואווייזן, אַז יידן האָבן די אָדער יענע זאַך גענומען פון אַנדערע. באַזונדערס פרייט עס די ביבל־קריטיקער, ווען זיי נעמען זיך פאַר די הויפּט־יסודות פון יידישקייט, אמונת האחדות, שבת, מילה וכדומה. לאָמיר זיי אַ ווײַלע נאָכגעבן. לאָמיר אַ ווײַלע אָננעמען, אַז אָט די אַלע זאַכן זיינען טאַקע ביי אונדז גענומען פון אַנדערע. וואָס־זשע קומט אַרויס דערפון? אַז דאָס יידישע פאָלק האָט אין זיך קיין אָריגינאַליטעט נישט? — קיין איין האָר נישט!

דאָס יידישע פאָלק קען בלייבן אינגאַנצן אָריגינעל מיט זיין שבת, למשל, ווען עס זאָל אים אַפילו האָבן פון אַנדערע גענומען. דאָס יידישע פאָלק האָט אויף דעם שבת אַרויפגעלייגט דעם חותם פון זיין גייסט. וואָס האָט עס געקענט נעמען פון אַנדערע? — אַ טאָג אויף אָפּצורוען פון אַר־בעט. דער יידישער שבת איז אָבער גאָר עפּעס אַנדערש. דער ייד האָט אין דעם שבת אַרײַנגעטון די אידייע פון גאָט און וועלט („ביום השביעי שבת וינפש״), איז עס דען נישט קיין פועל יוצא זיין גרויסע היסטאָרישע

פֿאַרגאַנגענהייט („זכר ליציאת מצרים״), שענסטע און העכסטע הומאַני־טעט („למען ינוח שורך וחמורך ועבדך ואמתך״). אין זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג ווערט דער שבת שוין גאָר אַ בת־זוג פֿון גאָט ברוך־הוא („אמר הקדוש ברוך־הוא: אני בן־זוגך״) און די בעסטע מתנה, וואָס גאָט האָט אין זיינע אוצרות („מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה״). אין אַ נאָך ווייטערדיקער אַנטוויקלונג ווערט שוין שבת — אַ מלכה, אַן אייביקע כלה, אַ סימבאָל פֿון מלכות און פֿון שכינה. אין דער גאַנצער גלות־צייט — אַ גן־עדן־טאָג, אַ מקום־מקלט, אַ וואונדער־טאָג, אַ טאָג ווען דער פֿאַר־שאָלטענער פּרינץ, וואָס איז אַ גאַנצע וואָך פֿאַרוואַנדלט אין אַ הונט, ווערט ווידער בן־מלך.

און דאָס, וואָס איז אמת בנוגע צו שבת (ווי עס האָט אַזוי שיין באַמערקט בעל־מחשבות), איז אמת אויך בנוגע צו פֿיל, זייער פֿיל יידישע זאַכן. ווען זיי זאָלן זיין אַפֿילו פֿון אַנדערע גענומען, האָט דער יידישער גייסט זיי פֿון ס׳ניי געשאַפֿן, דער ייד האָט אין זיי זיין נשמה אריינגעטון און זיי זיינען אייביק געוואָרן. דער ייד האָט געוויינלעכע מנהגים גענומען און האָט פֿון זיי אייביקע קונסט־ווערק געשאַפֿן. אין קונסט־ווערק איז נישט די טעמע וויכטיק, נאָר די פֿאָרעם און דער גייסט. שעקספּיר האָט די טעמעס פֿון זיינע ווערק דורכויס פֿון אַנדערע גענומען. ער האָט אָבער אין זיי זיין גייסט אַריינגעטאָן און זיין פֿאָרעם, און זיי זיינען דורך דעם אייביק...

7) די ביבל־קריטיקער זיינען זיך נוהג, אַז ווען די יידישע מסורה קומט ביי זיי אויס צווייפֿלהאַפֿט, טראַכטן זיי אויס אייגענע השערות און גרינדן אויף דעם זייערע היסטאָרישע אַנשויאונגען. לאָמיר אָננעמען, אַז די יידישע מסורה איז יאָ צווייפֿלהאַפֿט אין געוויסע שטעלן. די יידישע מסורה איז דאָך אָבער אַ פֿאָלקס־מסורה. אויב געוויסע מסורות געבן נישט איבער ריכטיק די פֿאַקטן, ווי זיי זיינען געטאָן געוואָרען, געבן זיי דאָך אָבער איבער דעם גייסט פֿון דעם פֿאָלק, וואָס דערציילט עס. אין דער היסטאָריע זיינען די טרוקענע אָפּגעריסענע פֿאַקטן נישט אַזוי וויכטיק, ווי זייער באַלייכטונג. דער פֿאַקט אַן און פֿאַר זיך זאָגט גאָרנישט. לערנען הייבט ער אונדז אָן ערשט דאַן, ווען מען פֿאַרשטייט אים. קוים שרייבן מיר די געשיכטע פֿון אַ פֿאָלק, איז אונדז די מיינונג פֿונעם פֿאָלק וועגן דעם

פאַקט אַזוי וויכטיק, ווי דער פאַקט אליין, ווייל אַט די מיינונג כאַראַק־טעריזירט דאָס פאָלק און באַלייכט אונדז זיין לעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען געוויסע היסטאָרישע דאָקומענטן זיינען קעגן דער פאָלקס־מסורה, מוז מען זיך מיט אַט די דאָקומענטן רעכענען. פון איין זייט — מסורה; פון דער צווייטער זייט — דאָקומענטן. דאָ מוז מען שוין פיל באַטראַכטן. ווי אַזוי־זשע קען מען אָבער קומען צו קעגנען אַ פאָלקס־מסורה מיט היפּאָטעזען? ווי קען איין איינצלנער פּרעמדער מענטש (מעג ער זיין ווי גרויס) מער פאַרשטיין געוויסע געשעענישן ווי אַ גאַנץ פאָלק, וואָס האָט עס אַליין איבערגעלעבט?

— ג —

יעדע יידישע געשיכטע, וועלכע וויל געטריי בלייבן דעם יידישן פאָלקס־גייסט, מוז אויך געטריי בלייבן, לויט מיין מיינונג, אויך דער יידי־שער פאָלקס־מסורה. בלייבנדיק טריי דעם גייסט פון דער יידישער מסורה מוזן מיר זיך פונאַנדערגיין מיט די מעשות, וועלכע זענען באַזירט אויף אַלערליי היפּאָטעזן פון די ביבל־ און תלמוד־קריטיקער אין ווייטערדיקע הויפּט־פּונקטן:

1) די ספּורים וועגן אברהם יצחק ויעקב זיינען אין די אויגן פון פיל היסטאָריקער נאָר אגדות. מיר זעען אין דעם אָבער אויסער דיכטונג אויך היסטאָריע. מען קען האָבן אַ וואָסער מיינונג מען וויל וועגן דער פאָרעם פון די ספּורים. פאַר אונדז איז וויכטיק דער עיקר פון זיי, דער היסטאָרישער אינהאַלט פון זיי. מיר נעמען אָן דעם פאַקט, אַז בשעת די בני־ישראל האָבן אין מצרים איינגעוואַנדערט, האָבן זיי שוין געהאַט אַ גייסטיקע ירושה פון זייערע עלטערן, וועלכע האָבן אין מדבריות ארומ־געוואַנדערט, אין מעסאָפּאָטאַמיע געוואוינט און אין פּאַלעסטינע ארומגע־וואַנדערט און די גאָטהייט דערקענט.

2) אַמאָליקע ביבל־קריטיקער פלעגן ליב האָבן צו באַשטעטיקן, אַז אויב אין תורת משה איז יאָ עטוואָס גוטס פאַראַן, איז עס נאָר גענומען פון עגיפּטן. משה איז אַ כהן מצרי געווען, וועלכן עס האָט זיך פאַרגלוסט

צו געוועלטיקן איבער די בני ישראל (זע שילער „די זענדונג מאָזעס״ און פיל אַנדערע). שפּעטער האָבן די ביבל־קריטיקער אין גאַנצן אָנגעהויבן צו פאַרשווייגן די פאַקטן פון גלות־מצרים און יציאת מצרים רעכענענדיק זיי פאַר אגדות. אין די לעצטע צייטן איז שוין אומעגלעך געוואָרן צו פאַר־שווייגן אַט די פאַקטן, ווייל די עגיפּטאָלאָגיע באַשטעטיקט זיי. וואָס־זשע טוט מען? — גייט מען פאַרביי אַט די פאַקטן. מען באַטראַכט אַט דעם מצרים־פּעריאָד פאַר אַ פּוסטן בלאַט אין דער יידישער געשיכטע.

אָדער מען טוט אַזוי: מען באַטראַכט דעם מצרים־פּעריאָד ווי אַ טייל פונעם כנען־פּעריאָד. מען זאָגט אַזוי: די מלכים פון מצרים האָבן דאַן געהערשט איבער פּאַלעסטינע און סיריע. שפּעטער, ווען פּאַלעסטינע און סיריע זיינען פון זיי אָפּגענומען געוואָרן, האָבן זיי נאָך אַלץ געהערשט אין דרום יהודה, וועלכע האָט דאַן געהערט צו דער מדינה פון גושן.

און נישט אָן כוונה מיידט מען אַזוי אויס דעם מצרים־פּעריאָד. מען וויל אַזוי ארום געווינען דעם מאָדערנעם מענטשן צום געדאַנק, אַז די בני ישראל האָבן זיך נאָך אין כנען אנטוויקלט און האָבן זיך אין מהות מיט גאָרנישט אָפּגעטיילט פון די אַרומיקע פעלקער.

מיר אָבער, וועלכע ווילן געטריי בלייבן דעם גייסט פון דער יידישער מסורה, מוזן מיר אנערקענען, אַז וויבאַלד די בני ישראל האָבן אין מצרים געהאַט די גייסטיקע ירושה פון זייערע גאָט־זוכנדיקע עלטערן, אַז די בני ישראל האָבן אין מצרים פיר הונדערט יאָר געלעבט (לויטן פּראָסטן פּשט פון פּסוק) און לכל הדעות זייער אַ היפּשע צייט, וויבאַלד אַז די בני ישראל זיינען מיט דער עגיפּטישער קולטור אין באַרירונג געקומען און די עגיפּ־טישע קולטור איז שוין דאַן היפּש אנטוויקלט געווען, וויבאַלד אַז די בני ישראל האָבן, פון דער צווייטער זייט, אין אַ באַזונדער לאַנד געלעבט (אין גושן) און זיי האָבן אַלזאָ געהאַט די מעגלעכקייט זייער אינדיווידואַליטעט אָפּצוהיטן און צו אנטוויקלען, — האָט זיך געמוזט שאַפן אין עגיפּטן אַ געוויסע קולטור פון די בני ישראל, געוויסע אייגנשאַפטן, זיטן, פאַרשטע־לונגען, מנהגים א״אז״וו.

3) אַמאָליקע ביבל־קריטיק פלעגט דעם גאַנצן ספּור פון מעמד הר סיני רעכענען פאַר אַן אגדה. היינטיקע ביבל־קריטיקער זאָגן עס נישט. די שירה פון דבורה טראָגט אויף זיך לכל הדעות דעם שטעמפּל פון טיפער

אלטקייט און אין איר ווערט געזאָגט: אַז די בערג האָבן געציטערט, ווען דער גאָט פון ישראל איז פון סיני דערשינען...

וואָס־זשע טוען אָבער די קריטיקער? — זאָגן זיי, אַז מען ווייס אייגנטלעך נישט, וואָס דאָרטן, אין סיני, איז געשען און דעריבער איז נישטאָ לחלוטין וואָס צו רעכענען זיך דערמיט. די עשרת הדברות מאַכט מען פאַר אַ פּראָדוקט פון די שפּעטערע צייטן. מען גיט נאָך דערצו צו, אַז פריער זיינען גאָר אַנדערע צען געבאָט געווען (וועלכע האָבן געטראָגן אַן אָרטיקן, ענגן כאַראַקטער און ערשט אין די גאָר שפּעטערע צייטן זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן די עשרת הדברות אין דער פאָרעם, וואָס זיי זיינען פאַר אונדז (וועלהויזן לויט געטע).

דאָס פירט דערצו, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט נישט איבערגעלעבט קיין מאָל עפּעס אויסגעוויינלעכעס. איך האָב שוין אָבער פריער באַוויזן; אַז נישט אַלע מאָל מוז די היסטאָריע גיין אין גלייכע ליניעס און דווקא לויט אַ געוויסן מאַסשטאַב, לויט דעם וועג, וואָס די געלערנטע שרייבן איר פאָר...

די ביבל־קריטיקער זיינען מודה, אַז אין סיני איז עפּעס פאָרגעקומען. פאַר וואָס־זשע זאָלן מיר נישט אָננעמען אויך די גאַנצע יידישע מסורה וועגן דעם מעמד הר סיני ?

מען דאַרף נישט זיין קיין טעאָלאָג, כדי צו אנערקענען דעם מעמד הר סיני פאַר אַ פאַקט. מען דאַרף נישט זיין קיין טעאָלאָג, כדי צו אנערקענען, אַז אין געוויסע מאָמענטן קען אַ פאָלק אַריין אין העכסטן, געטלעכן עקסטאַז און עס קען דאַן באַגרייפן דאָס, וואָס אַן אַנדער פאָלק באַגרייפט ערשט נאָך טויזנטיאָריקער גייסטיקער אַרבעט.

אָט לייקנט דאָך קיינער נישט אָפּ, למשל, דעם פאַקט, אַז ישעיה האָט מיט טויזנט יאָר פאַר קריסטוסן באַגריפן די אידייע פונעם אייביקן אַלוועלטלעכן שלום — דאָס, וואָס די בעסטע עקזעמפּליאַרן פון דער מענטשהייט האָבן ערשט אין ניינצנטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוס אָנגעהויבן זיך פאָרצושטעלן. דאָך זעט מען, אַז עס זיינען פאַראַן אַזעלכע דערהויבענע מאָמענטן, אַזעלכע געדאַנקען־בליצן, וואָס שפּרינגען איבער דריי־פיר טויזנט יאָר — פאַרוואָס־זשע זאָל אַמאָל אַ גאַנץ פאָלק אויך נישט איבערלעבן אַזאַ דערהויבענעם מאָמענט און ארומנעמען אין יענעם מאָמענט די אייביקייט ?

4) פון דעם אַלעמען קומט אַרויס, אַז בשעת די בני ישראל האָבן איינגענומען כנען האָבן זיי שוין געהאַט זייער קולטור (וועלכע האָט זיך אין עגיפּטן אויסגעפאָרעמט), זייער היסטאָריע (זכרונות פון די עלטערן), גרויסע דערפאַרונגען (אין לענדער און אין מדבר), גרויסע אומגעוויינלעכע איבערלעבונגען (מעמד הר סיני א"אז"וו). פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ פאָלק האָט נישט נייטיק געהאַט ביי די כנענים צו לערנען ווי אַזוי די גאָטהייט צו דינען...

מיר אנערקענען אויך, אַז שיינע עטלעכע הונדערט יאָר זיינען די בני ישראל אין כנען געווען עכטע געצנדינער; מיר באַטראַכטן אָבער נישט דעם צושטאַנד ווי אַ נאַרמאַלן (ווי די ביבל־קריטיקער און אייניקע היס־טאָריקער מיינען), נאָר ווי אַ געוויסע רעאַקציע. דער המון פון די בני ישראל האָט מיט די כנענים געלעבט און האָט זייערע מנהגים געלערנט. דעם פאָלק האָט אויך געצויגן צו עבודת־אלילים, דאָס פאָלק איז נאָך יונג געווען, און עבודת־אלילים איז צוגעפּאַסט צו דער יוגנט פון אַ פאָלק. טיפער, אין תוך־תוך פון דער פאָלקס־נשמה, האָבן אָבער געלעבט די אַלטע, אַלטע מסורות און דער גרויסער, געטלעכער מאָמענט פון מעמד הר סיני. פון אָט דער טיפעניש זיינען אַרויסגעגאַנגען אַלערליי כהנים און אלערליי נביאים, וועלכע האָבן דעם פאָלק געלערנט די דרכים פון יהוה. און אין געוויסע ליכטיקע מאָמענטן איז דאָס פאָלק נאָך זיי געגאַנגען.

5) וויבאַלד, אַז מיר אנערקענען, אַז די אידייע פון ריינער גאָטהייט, פון מענטשן־ליבע און מענטשן־הייליקייט האָט פון אייביק אָן געלעבט אין די בני ישראל, מוזן מיר זען אין דער תורה און אין דער נבואה נישט ווערק פון יחידים (ווי אייניקע מיינען) אָדער אַפילו פאָלקס־פיינטלעכע עלעמענטן (ווי אַנדערע מיינען), נאָר יצירות פון פאָלק. יעדער נביא איז דער שענסטער און בעסטער אויסדרוק פון דער פאָלקס־נשמה.

און אַפילו בשעת דאָס גאַנצע פאָלק האָט געדינט די געצן און דער נביא איז קעגן זיי געשטאַנען, איז ער געווען דער אויסדרוק פון פאָלק און נישט זיי, דער רוב, נאָר ער, דער נביא, האָט געוואוסט דאָס, וואָס וועבט זיך אין דער טיפעניש פונעם לעבן, און זיי, די מאַסע, זיינען געווען נאָר דעם מאָמענט אומבאַוואוסטזיניק.

6) די בני ישראל, ווי קינדער פון די, וואָס האָבן געזוכט אין די אומענדלעכע וויסטע מדבריות דעם סוד פון דער וועלט, די בני ישראל,

וועלכע האָבן שוין אין דער צייט פון די נביאים אַ גרויסן עבר געהאַט, די בני ישראל, וועלכע האָבן פיל געטלעכע מאָמענטן איבערגעלעבט און די נביאים זיינען געוועזן בלוט פון זייער בלוט און פלייש פון זייער פלייש און אַ חלק פון זייער נשמה — האָבן בשום אופן נישט געקענט זיין מאָראַליש נידעריקער פון אַנדערע פעלקער.

און אויב די נביאים רופן אָן די בני ישראל „זרע מרעים", בנים משחיתים" א"אז"וו, איז עס, ווייל די נבואה (די נשמה פון די בני ישראל גופא) האָט זייער פיל געפאָדערט. בשעת דער הימל איז ריין, קלאָר, איז צו באַמערקן יעדעס וואָלקנדל וואָס גייט פאַרביי. אויף אַ הערלעך, זיידן בגד איז יעדער קלענסטער פלעק קענטיק...

די נבואה איז געקומען מיט הימלשע פאָדערונגען. פאַרן הימל איז קיינער נישט ריין. צו די בני ישראל איז זי אָבער געקומען. פון די בני ישראל האָט זי עס געקענט פאָדערן. מיט אַנדערע האָט זי כמעט קיין עסק נישט געהאַט...

די ביבל־קריטיקער טוען אַזוי: אַלע שטראָף־רייד און צאָרן־רייד נעמען זיי אָן פאַר פאַקטן (דאָס הייסט: אַז אַלע בני ישראל זיינען „זרע מרעים", „בנים משחיתים", נאָר די אייביקייט, הייליקייט און אויסדערוויילטקייט פון די בני ישראל, רופן זיי עס אָן ׳שאָוויניזם". אַלץ ווי זיי פאַסט. און נאָך האָבן זיי ליב צו רעדן וועגן זייער אָביעקטיוויטעט...

7) פאַרשיידנסטע ביבל־קריטיקער האָבן זייער ליב אָפּט אַנצואווייזן אויף דעם טיפן אָפּגרונט וואָס ליגט צווישן תורה און נבואה. באַ זיי קומט אויס, אַז די נבואה קעמפט שטענדיק מיט די געזעצן פון דער תורה, מיט אַלע מצוות מעשיות וכדומה. אין דעם איז פאַראַן אַ געוויסער קערנדל פון אמת. פאַלש איז אָבער די באַלייכטונג פון די ביבל־קריטיקער.

באמת זיינען תורה און נבואה צוויי צווייגן פון איין און דעם זעלבן בוים, צוויי באַזונדערע דערשיינונגען פון איין און דער זעלבער פאָלקס־נשמה. ווייט, ווייט גייען זיך פונאַנדער די צווייגן, יעדער צווייג האָט זיין לופט ,זיין רוים, זיין וועג, די יניקה זייגן אָבער ביידע פון איין אָרט. די תורה און נבואה האָבן באַזונדערע דרכים און אַמאָל אַפילו באַזונדערע צילן, געבוירן האָט זיי אָבער ביידע איין און דער זעלבער גאָט־דאָרשט. שטאַמען שטאַמען זיי ביידע נאָך פון יענע אוראַלטע צייטן, ווען די ערשטע סעמיטן־וואַנדערער האָבן אָנגעהויבן באַוואונדערן די וועלט און זיי האָבן

די ערשטע פראַגע געשטעלט, פון יענע צייטן, ווען דער ערשטער נביא האָט אין וויסטן מדבר באַגריפן דאָס אייביקע זיין („אנכי ד' אלהיך"). פון דאָרט שטאַמען אי די תורה, אי די נבואה. נישט מער, וואָס די נבואה האָט פאַר זיך נאָר די געטלעכקייט, די אייביקייט, דעם אַבסאָלוטן אמת, דעם ריינסטן, הימלשען אמת, די אַבסאָלוטע גערעכטיקייט, אַבסאָלוטע ליבע, און די תורה, שטרעבנדיק צו די זעלבע צילן, נעמט זיך נאָרמירן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פונעם מענטשן: אַזוי זאָלסטו טאָן, אַזוי זאָלסטו נישט טאָן...

די נבואה האָט צו טאָן מיטן ריינעם גייסט. די תורה — מיט מעשים. ווען די נבואה דערזעט מעשים אָן גייסט, באַפאַלט זי אַפילו די מעשים אַליין. דאָס הייסט נישט, אַז די נבואה שטרעבט צו עפּעס אַנדערש ווי די תורה, נאָר די נבואה, לויט איר טבע, קען נישט אַזוי רעכענען זיך מיט אַלערליי מענטשלעכע שוואַכקייטן, געוואוינהייטן, פאָרשטעלונגען און נייגונגען, ווי די תורה.

די תורה לאָזט זיך שטענדיק אַראָפּ צום מענטשן, צו דער ערד („לא בשמים היא"), זי רעדט שטענדיק מיט דער מענטשן־שפּראַך („דברה תורה כלשון בני אדם"), זי רעכנט זיך שטענדיק מיטן מענטשנס זינדיקער, עלנ־מער און געמיינער נאַטור („לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע"); די נבואה האָט אָבער שטענדיק איר הימל־שפּראַך, אירע שטרענגסטע פאָדע־רונגען, זי שילט און צאָרנט און וויל נישט וויסן פון קיינע תירוצים. זי שטורעמט, זי דונערט, זי קומט מיט איר פלאַם־פייער.

8) אויב די געהיימסטע קרעפטן פון דער פאָלקס־נשמה האָבן גע־בוירן אי די תורה, אי די נבואה; אויב די אידייע פון גאָטהייט, פון איי־ביקייט און פון דער שענסטער מענטשלעכקייט זייגען מיטן יידישן פאָלק אָרגאַניש צונויפגעוואקסן; אויב די יידישע נשמה איז אַ קוואַל פון איי־ביקער שאַפונג, — איז איר לעבנס־קראַפט נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַפילו ווען „די נבואה האָט זיך שוין אָפּגעטאָן". אָן אויסערלעכע זאַך ווערט בטל; אָן אינערלעכע, אָרגאַנישע זאַך, ווערט קיינמאָל נישט בטל. מיר מוזן אַלזאָ באַטראַכטן די ווייטערע שאַפונג פונעם פאָלק (משנה, תלמוד וכ' וכ') נישט ווי פיל קריטלעכע (און אייניקע יידישע) תלמוד־קריטיקער באַטראַכטן זי אַלס „תורת הפרושים", וועלכע איז לויטן גייסט פרעמד דער נבואה, נאָר, אדרבה, אַלס די ווייטסטע פאָרזעצונג פונעם

נבואה־געדאַנק, וועלכער האָט גאָר אַן אַנדער פּאָרעם אָנגענומען, אמת, נישט אַלע מאָל צוגעפּאַסט צו אונדזער איצטיקן געשמאַק...

9) דאָס פאָלק, וואָס תורה און נבואה זיינען מיט אים צוזאַמענגע־וואקסן, האָט אויף אַנדערע פעלקער געווירקט נאָר מיט זיין בעסטן. דאָס, וואָס דאָס יידנטום האָט דער וועלט געגעבן, איז נישט פון לופט גענומען און נישט עפּעס צופעליקעס. אַלץ, וואָס דאָס יידישע פאָלק גיט דער וועלט, איז מאַרך פון זיינע ביינער, שטיקער חיות, פונקען פון זיין נשמה. אַלץ האָט געבוירן זיין סעמיטישער גאָט־דאָרשט, זיין אומבאַגרייפלעכע בענק־שאַפט, זיין אייביק האָפן אויף גאולה...

דאָס, וואָס עס פאַרמאָגט אין זיין נשמה, האָט עס דער וועלט גע־געבן. די וועלט צאָלט אים דערפאַר מיט מעסערס, מיט שטיינער, מיט תליות. דאָס פאָלק קען אָבער נישט געבן דאָס, וואָס עס מוז געבן די פעלקער.

ה ל ל צ י י ט ל י ן.

צבי הירש (היינריך) גרעץ

(ביאָגראַפישע שטריכן)

נישט גרויס איז די צאָל פון יידן, וועלכע האָבן אויסגעאיבט אַזאַ ברייטן און טיפן איינפלוס אויפן יידישן כלל ווי עס האָט אויפגעטון צבי הירש (היינריך), גרעץ. יעדער שרייבער און פאָרשער פון דער יידישער געשיכטע, נאָך גרעצן, מוז אים אויסדריקן אַן אויפריכטיקע אָנערקענונג און אַ התלהבותדיקן יישר־כוח, נישט נאָר ווי אַ טיפן און אָריגינעלן פאָרשער, נאָר ווי אַ גרויסע געשטאַלט פון דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, מחמת זיין גרויס היסטאָריש ווערק דאַרף באַטראַכט ווערן פאַר אַ מעכטיקן פאַקטאָר אין דער רעליגיעזער, פּאָליטישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון יידנטום.

עס וואָלט געווען נישט יושרדיק צו דערהייבן גרעצן אויפן חשבון פון די גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געווירקט אין לויף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. צום גליק איז זייער צאָל נישט גאָר קיין באַשיידענע, אָבער ווער האָט אַזוי ווי ער, אויף אַזאַ מייסטערהאַפטן אופן,

צוזאַמענגעבונדן טיפע וויסנשאַפט מיט קאַלירפולער פאַלקסטימלעכקייט?

דער גרויסער יידישער היסטאָריקער צבי הירש (היינריך) גרעץ שטאַמט פון אָרימע עלטערן. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 31־טן אָקטאָבער 1817 אין שטעטעלע קסיאַנדז, אין פויזנער פּראָווינץ, וועלכע האָט דעמאָלט גע־הערט צו דייטשלאַנד.

זיין פאָטער איז געווען אַ קצב און אַ פשוטער, נישט קיין געבילדע־טער מאַן. אויך זיין מוטער איז געווען אַן איינפאַכע נישט קיין געבילדע־טע פרוי. אָבער היות ווי די עלטערן האָבן איינגעפונען, אַז זייער קינד ווייזט אַרויס פריע פעאיקייטן האָבן זיי זיך באַמיט מיט אַלע זייערע כּו־חות זיי צו אנטוויקלען. זיין ערשטע בילדונג האָט דער יונגער גרעץ געקראָגן אין אַ חדר. ער האָט דאָרטן, נאָך אַ גאַנץ קורצער צייט שוין באַ־וויזן זיך אויסצוצייכענען פון די איבעריקע תלמידים דורך זיינע גרויסע פעאיקייטן, און דאָס האָט, אָבער, שטאַרק נישט געפאַלן זיין רבין, מחמת, זיינע חברים האָבן אים אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי זייערס אַ לערער.

איין טאָג, ווען דער קליינער גרעץ האָט זיך געהאַט געפונען אין אַ קרייז פון זיינע עלטערע חברים, איז צו אים צוגעגאַנגען זיין רבי, אים גע־נומען אויף דער האַנט, אים אַרויסגעפירט פון חדר, איבערגעבנדיק אים זיין באַהעלפער, בכדי אים צו באַשטראָפן. אַזוי גרויס איז געווען די קנאה פונעם רבין!

אָבער, אַ גרויסער כּוח האָט באַווירקט די יונגע נשמה. מיט אַן איי־זערנער פלייסיקייט און גרענעצלאָזער התמדה, מיט אַ פעסטן ווילן האָט ער געמוזט זיך דורכברעכן אַ וועג צו העכערער בילדונג און וויסן. צו פופצן יאָר האָט ער אָנגעשריבן אויף העברעאיש אַ ווערק וועגן יידישן לוח, וואָס איז, דרך אגב, קיינמאָל נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

אין יאָר 1831 איז ער אַוועקגעפאָרן קיין וואָלשטיין, אין פויזנער פּראָווינץ, וואו ער האָט געלערנט גמרא און זיך זעלבסטגעבילדעט אין וועלטלעכע לימודים, און די שפּראַכן לאַטיין און גריכיש. אין פיר מיט אַ האַלבן יאָר שפּעטער האָט גרעץ באַשלאָסן אריבערצופאָרן קיין פּראַג, וואו מען פלעגט דעמאָלט אָננעמען אין דער אוניווערזיטעט אָן עקזאַמען. מען האָט אים, אָבער, פאַרהאַלטן אויף דער גרענעץ, ווייל עס האָט אים אויס־געפעלט 20 גילדן צו באַצאָלן פאַר דאָס רעכט אַריבערצוגיין די עסטריי־כישע גרענעץ.

אין פריליננ פון 1837 איז נרעץ אַנגעקומען קיין אָלדענבורג, אויף דער איינלאַדונג פון הרב שמשון רפאל הירש, וועמענס ווערק האָבן אויף גרעצן געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק. אַנדערהאַלבן יאָר האָט דאָן גרעץ פאַרבראַכט אין אָסטראָוו, וואו ער איז געווען אַ לערער. אין 1842 האָט דער יונגער אויטאָדידאַקט געקראָגן פונעם מיניסטער, אַ דערלויבעניש זיך צו מאַטריקולירן אין דער ברעסלויער אוניווערזיטעט, אָן דעם מאַטורע־דאָקומענט. ער האָט דאָרטן געלערנט מזרח־שפּראַכן און פילאָזאָפיע; בפרט האָט אויף אים געהאַט אַ טיפע ווירקונג די העגעליאַנישע פילאָזאָפיע. אין ברעסלוי האָט ער זיך בהדרגהדיק באַפרייט פונעם עקסטרעמען אָרטאָדאָקסאַליזם און זיך דערנענטערט צום רעליגיעזן ליבעראַליזם.

בעת זיין שטודירן, האָט ער גענומען אַ שטעלונג, ווי אַ צייטונגס־קאָרעספּאָנדענט, צו די רעליגיעזע שטרייטן צווישן אברהם גייגער און שלמה טיקטין, און אַרויסגעטרעטן קעגן דער רעפאָרם־באַוועגונג. ער האָט אויך אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען. נאָך זיין דיסערטאַציע אויף דער טעמע: „גנאָסטיציזם און יודאַאיזם״, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן, האָט ער באַקומען דעם דיפּלאָם פון דאָקטאָר־פילאָזאָף. פון 1850 ביז 1852 האָט ער פאַרנומען אַ פּאָסטן פון אַ לערער אין לונדענבורג, אין מאָראַוויע.

נאָך אַ קורצער צייט פון פאַרבלייבן אין בערלין, וואו ער האָט זיך באַקענט מיט די דעמאָלט באַרימטע לעאָפּאָלד צונץ און מיכאל זאַקס, איז ער נאָכגעקומען דעם רוף פון זכריה פרענקעל, מיט וועמען ער איז געווען זייער גוט באַפריינדעט און גייסטיק איינשטימיק, אָנצונעמען דעם פּאָסטן פון לערער אינעם אָקאָרשט וואָס געגרינדעטן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ברעסלוי.

אין 1869 איז ער נאָמינירט געוואָרן פּראָפעסאָר פון ברעסלויער אוניווערזיטעט.

דער וויכטיקסטער אויפטו פון זיין לעבן איז זיין „געשיכטע פון יידישן פאָלק״ — פון זיין אַנטשטיין ביז דער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. זיין אַרבעט איבער אָט דעם ריזן־ווערק הויבט זיך אָן אין 1853 און ווערט פאַרענדיקט אין 1875. צום ערשטן איז דערשינען דער באַנד אירערן תלמודישן פּעריאָד און צו לעצט דער באַנד, וועלכער נעמט אַרום די אַנטשטייאונג פון יידישן פאָלק ביזן טויט פון יהודה המכבי.

גרעץ איז געווען דער ערשטער יידישער היסטאָריקער, אין פולן זין פון וואָרט. זיין ווערק פאַרדינט נאָך מער חשיבות, ווען מיר נעמען אין אכט דעם הערשנדיקן מצב פון דער יידישער היסטאָרישער וויסנשאַפט. גרעץ איז געווען אָנגעוויזן כמעט אויסשליסלעך אויף זיינע אייגענע זוכונגען בכדי צו באַקומען דעם נייטיקן קוואַל־מאַטעריאַל. ער איז געווען דער ערשטער יידישער היסטאָריקער, וועלכער האָט באַהאַנדלט די יידישע געשיכטע ווי אַ גאַנצקייט, און וועלכער האָט זי פאַרגעשטעלט ווי אַן העראָאישע געשיכטע.

זיין וואונדערלעכע קענטעניש, הן אויפן יידישן געביט, הן אין די וועלטלעכע ענינים, זיין אינסטינקט און פאַרשטעלונג־קראַפט, זיין התלהבותדיקע ליבע צום יידנטום, און, אחרון אחרון, זיין גלענצנדיקער סטיל האָט אים דערמעגלעכט צו שאַפן אַן אייגנאַרטיק ווערק, וואָס וועט אויף דור דורות פאַרבלייבן ווי אַ מוסטער ווערק, הגם די וויסנשאַפטלעכע פאַרשונג איז, אין דער צווישנצייט שוין געגאַנגען אַ שטיק פאַראויס.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די קריטיק איז נישט פאַרבליבן אינגאַנצן איינשטימיק מיט גרעצן, דאָך פאַרבלייבט דער אומאָפּפרעגבאַרער פאַקט, אַז גרעץ איז דער מייסטער פון יידישער היסטאָריאָגראַפיע. אַדאַנק ווערענס פאַרשונגען עס געניסן זיינע נאָכפאָלגער ביזן היינטיקן טאָג, און וועלכער, אין אַ צייט פון גלייכגילטיקייט, האָט אויפגעוועקט דעם יידישן שטאָלץ און זעלבסט־זיכערקייט.

גרעצס געשיכטע איז געוואָרן איבערגעזעצט אויף פראַנצויזיש, פויליש, רוסיש, אונגאַריש, ענגליש און שפּאַניש.

גרעץ האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל פון וויכטיקע אַרטיקלען אינעם יערלעכן באַריכט פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ברעסלוי, ווי אויך הונדערטער עסייען אין פעריאָדישע צייטשריפטן, און בעיקר אין „די מאָנאַטשריפט פאַר געשיכטע און וויסנשאַפט פון יידנטום", וואָס ער האָט רעדאַקטירט פון 1869 ביז 1887. ער איז אויך געווען אַקטיוו אויפן געביט פון תנ״ך־פּרוש. ער האָט איבערגעזעצט אויף דייטש דעם ספר קהלת און שיר השירים און זיי פאַרזען מיט זיינע קאָמענטאַרן. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט פּרושים אויף תהלים, משלי, איוב און אסתר.

גרעץ האָט אויך גענומען אַ שטעלונג צו די טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן. זיין לעבנס־אַנשויאונג איז געווען קאָנסערוואַטיוו

רעליגיעז, מיט אַ נאַציאָנאַלער באַפאַרבונג. ער האָט אויסגעדריקט זיינע מיינונגען אין אַן אַנאָנימען פּאַמפלעט א״נ „בריוו פון אַן ענגלישער דאַמע איבער יידן און סעמיטיזם״. כאָטש ער איז געווען נאַציאָנאַל געשטימט, איז ער דאָך נישט צוגעשטאַנען צו דער חובבי־ציון־באַוועגונג, הגם ער האָט מיטגעאַרבעט מיט דער „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסאַל״, וואו ער איז געווען אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט. ער האָט געאַרבעט פיבערהאַפט און אייפערדיק לטובת דער דערציאונג און בילדונג פון יתומים אין ארץ־ישראל.

אין יאָר 1872 איז מקוים געוואָרן דער גרעסטער טרוים פון זיין לעבן, דהיינו, זען מיט די אייגענע אויגן ארץ־ישראל. אונטער די איינדרוקן פון דאָרטן האָט ער אָנגעשריבן די ערשטע צוויי בענד פון זיין גרויסער געשיכטע, און האָט גערופן און געפאָדערט אויסצובעסערן די דאָרטיקע סאָציאַלע באַדינגונגען און קודם כל הייבן דעם מצב פון בילדונג און דערציאונג פון די ארץ־ישראל יידן.

גרעצס נאַציאָנאַליסטישער שטאַנדפּונקט וואָס שייך אַלטעגלעכע יידישע פּראָבלעמען האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ ביטערער אָפּאָזיציע מצד אַ סך דייטשישע יידן.

זיין מחלוקת מיטן היסטאָריקער טרייטשקע, וועלכער האָט גרעצן שטאַרק אָנגעגריפן, נאָכן דערשיינען פון איינעם פון די לעצטע בענד פון זיין געשיכטע, האָט קעגן אים גורם געווען אַ גרויסע פיינטלעכע באַוועגונג צווישן דייטשישן יידנטום און די שנאה איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז גרעץ, וועלכער איז בדרך כלל אָנערקענט געוואָרן פאַר דער גרעסטער צייטמעסיקער אויטאָריטעט פון דער יידישער געשיכטע־פאָרשונג, איז נישט געוואָרן אויסגעוויילט ווי אַ מיטגליד פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פונעם „דייטש־איזראַעליטישן געמיינדע בונד״.

צו זיין 70־יאָריקן געבורנטאָג איז גרעץ פאַרערט געוואָרן דורך אַ סך קרייזן. מען האָט אים געווידמעט אַ ספּעציעל בוך, לכבוד זיינע גרויסע אַרבעטן אויפן געביט פון יידישער געשיכטע. ער איז אויך איינגעלאַדן געוואָרן צו האַלטן אַ רעדע ביי דער דערעפענונג פון דער „ענגליש־יידישער היסטאָרישער אויסשטעלונג״ אין לאָנדאָן.

גרעץ איז אויך געוואָרן באַשטימט ווי אַן ערן־מיטגליד פון דער שפּאַנישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע אין מאַדריד.

דער באַרימטער היסטאָריקער האָט אַרויסגעוויזן אין זיינע זיבעצי־קער יאָרן אַזוי פיל יוגנטלעכן מוט און לעבנסלוסטיקייט, אַז די אַרומיקע מענטשן פלעגן אָפטמאָל פאַרגעסן, אַז מען האָט צו טון מיט אַן אַלטן מאַן. וועגן ווילהעלם פאָן הומבאָלדט פלעגט מען זאָגן, אַז ער געהערט ניט אָן צו קיין שום עלטער. אַזאַ מאַן איז אויך געווען צבי הירש גרעץ. אין זיין יוגנט איז ער געווען אַ רייפער מאַן און אויף דער עלטער — יונג און מונטער. אַזוי איז דער גרויסער יידישער היסטאָריקער פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן, ביזן 7־טן סעפּטעמבער 1891.

אייניקע טעג פאַר זיין טויט, האָט גרעץ אין דער געזעלשאַפט פון זיינעם אַ פריינט באַטראַכט אַ בילד פון לעאָפּאָלד צונץ. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך גרעץ אָפּגערופן: אָט־אָ דעם מאַן האָב איך זייער אַ סך צו פאַרדאַנקען, ניט נאָר צוליב דעם וואָס ער האָט אויפגעטון, נאָר צוליב דעם וואָס ער האָט ניט אויפגעטון. ער האָט דאָך געקענט אַזוי לייכט אָנ־שרייבן אַ יידישע געשיכטע, און דאָך האָט ער דעם פּלאַץ מיר אָפּגעע־טראָטן״.

ביבליאָגראַפיע:

רוסיש־יידישע ענציקלאָפּעדיע, בראָקהויז־עפראָן. — פּעטערבורג. אוניווערסאַלע ענגליש־יידישע ענציקלאָפּעדיע — ניו־יאָרק.

ביאָגראַפיע פון גרעץ, פון ריפּנער — איינלייטונג צום ערשטן אָרי־גינעלן באַנד, אין דער דייטשישער שפּראַך, פון דער גרויסער יידישער געשיכטע — פאַרלאַג אָסקאַר לײנער, לייפּציג, 1873.

די רעדאַקציע.

ערשטער פּעריאָד

די אוראַלטע עפּאָכע

קאַפּיטל איינס

פון מצרים קיין כנען

מיט אַ יאָר פיר טויזנט צוריק — דערציילט אונדזער מסורה — אין דער צייט פון אַ גרויסן הונגער אין אַזיע, זיינען אונדזערע אורעלטערן, אַ משפחה סעמיטן פון אַ מאָן זיבעציק, מיט אונדזער אורעלטער זיידן יעקב אין דער שפּיץ, אָנגעקומען פון לאַנד כנען קיין מצרים (עגיפּטן) און האָבן זיך באַזעצט אין אַ באַזונדער געגנט, אין גושן, וואו זיי האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פּאַשען שאָף און רינדער. די דאָזיקע משפחה, וואָס איז אָנגעקומען קיין מצרים, אין אַ פרעמד לאַנד מיט אַן אייגנאַרטיקער קולטור, מיט אייגנאַרטיקע מנהגים און לעבנסשטייגער, האָט זי מיט זיך מיטגעבראַכט אירע אייגענע היימישע טראַדיציעס, אַ גאַנץ באַזונדערן קולט, גאַנץ פאַרשידענע באַגריפן וועגן גאָט און געטלעכקייט, וועגן מענטש און מענטשלעכקייט, וועגן גוטס און שלעכטס, באַגריפן, וועלכע די דאָזיקע משפחה האָט באַקומען בירושה, לויט דער מסורה, פון איר עלטער־זיידן אברהם. ביי די דאָזיקע אייגענע טראַדיציעס האָט זיך די סעמיטישע

משפחה געהאלטן פעסט אַפילו וואוינענדיק אין אַ פרעמד לאַנד, ביי גאַנץ פרעמדע אומשטענדן. די הערשער פון עגיפּטן האָבן איר אין דער הינזיכט נ״שט געמאַכט קיין שטערונגען. פאַרקערט, זיי האָבן זי אויפגענומען גאַנץ פריינטלעך, געגעבן איר אַלע מעגלעכע צו יענער צייט מאַטעריעלע און מאָראַלישע פרייהייטן. אין יענער צייט איז די הערשאַפט איבער עגיפּטן געווען אין די הענט פון די היקסן. דאָס איז געווען אַ שבט פון פאַסטוכער (לויט אייניקע היסטאָריקער — סעמיטן, בלוט־קרובים צו די אַלטע העברעער), וועלכע זיינען געקומען פון דער פרעמד, באַקעמפט דאָס לאַנד, אַרויסגעטריבן פון דאָרטן די פאַראַאָנען (פרעה׳ס) און פאַרכאַפּט די ממשלה. פאַרשטייט זיך, אַז אַט די פון דער פרעמד אַנגעקומענע הערשער האָבן נישט באַזונדערס טייער געהאלטן די מנהגים פון דעם לאַנד, די עגיפּטישע פאָלקס־רעליגיע און ד״גל; דערפאַר האָט זיי גאַנץ ווייניק גע־אַרט, ווען צוזאַמען מיט׳ן גאָט אָזיריס און דער געטין איזידאַ, די געטער פון מצרים, האָט זיך אין לאַנד ביי אַ געוויסער גרופּע מענטשן אנטוויקלט אַן אמונה אין דעם איינציקן גאָט יהוה, דעם העברעער־גאָט, ווען צוזאַמען מיט דער ריין עגיפּטישער קולטור, האָט זיך אַנטוויקלט אויך אַ פרעמדע, אַ ריינע העברעער־קולטור און ווען צוזאַמען מיט דער עגיפּטישער שפּראַך האָט זיך אנטוויקלט אויך אַ העברעאישע שפּראַך.

אַט אַזוי אנטשטייט ענדלעך אין אַ פרעמד לאַנד, צווישן פרעמדע לעבנס־באַדינגונגען, דאָס גרויסע העברעער־פאָלק!

אין אַ געוויסער צייט ארום האָט די אוראַלטע פאַראַאָנען־דינאַסטיע, וועלכע האָט געהערשט אין די שטעט גוא און מוף פונעם אויבערשטן עגיפּטן, פון דאָס ביי באַזיגט די היקסן, אַרויסגעטריבן זיי פון לאַנד, פונעם אונטערשטן עגיפּטן, און אומגעקערט זיך צו דער פריערדיקער הערשאַפט. דאַן טרעט אַריין די ריינע עגיפּטישע קולטור אין אירע אַמאָליקע רעכטן און שטויסט זיך אָן אין אַ נייער, פרעמדער קולטור מיט אַ נייער פרעמ־דער וועלט־אויפפאַסונג, אין אַ נייער אָרגאַניזירטער קראַפט, אין אַ ניי פאָלק, וואָס איז שוין טיף איינגעוואָרצלט אין רעכטן מיטן לאַנד. די פאַ־ראַאָנען, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט צו דער מאַכט און האָבן געוואָלט, נאַטירלעך, זייער מאַכט באַפעסטיקן, — און אין די העברעער האָבן זיי געזען אַ פרעמד סעמיטיש פאָלק, וואָס סימפּאַטיזירט מיט די פריערדיקע הערשער, די היקסן, און קאָן אַלזאָ אין איין שיינעם פרימאָרגן אויפגיין

פונעם אונטערשטן טייל עגיפּטן אין דעם אויבערשטן טייל עגיפּטן מלחמה צו האלטן מיט זיי, מיט די נייע הערשער, — האָבן זיי דעריבער פאַרפירט אַ טויט־קאַמף קעגן דעם העברעער־פאָלק. זיי געבן ארויס איין גזרה נאָך דער צווייטער קעגן דעם דאָזיקן פאָלק, פאַרפאָלגן אים, פאַרביטערן אים דאָס לעבן, פאַרוואַנדלען אים אין קנעכט. דעם פאָלק ווערט אומעגלעך צו בלייבן אויף אַן אָרט, זיי פילן זיך שוין אין עגיפּטן צווישן אַ גאַנץ פרעמדע ראַסע, פרעמד און עלנט. זיי מוזן זוכן אַ לאַנד. נאָך אייניקע הונדערט יאָר לעבט אויף ביי דעם געפּלאָגטן פאָלק אַ בענקעניש צו יענער געגנט, פון וואַנען עס האָבן געשטאַמט זייערע אורעלטערן, וואו, לויט זייערע טראַדיציעס זיינען זיי געווען תושבים, אין יענעם לאַנד האָבן זיך זייערע ערשטע קולטור־פאַרמעגנס אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, פון דאָרטן האָבן זיי זייער שפּראַך באַקומען; דאָרטן געפינען זיך די קברים פון זייערע עלטערן אברהם יצחק ויעקב. נאָר דאָס לאַנד איז פאַר זיי פון יהוה אַליין באַשטימט געוואָרן!

די געוואַלטיקע גלות־יסורים און די אומגעהויערע בענקשאַפט נאָך דעם לאַנד פון די עלטערן האָבן, לויט ווי איין מסורה דערציילט, געבראַכט דערצו, אַז דער שטאַרקסטער און דער בעסטער טייל פונעם פאָלק (די בני אפרים) האָבן געפּרואווט מיט די אייגענע קרעפטן באַפרייען זיך. די בני אפרים זיינען פון אייביק אָן געווען גרויסע קריגסלייט און, פאַרלאָזנדיק זיך אויף זייער גבורה, האָבן זיי געפּרואווט אויפשטיין קעגן דעם שטאַרקן שונא. זיי האָבן אָבער געהאַט אַ שטאַרקע מפּלה. און דאָס ליידן פונעם פאָלק, זיין עלנט און זיין טרויער איז געוואָרן פיל שטאַרקער ווי פריער...

און דאָס בענקענדיקע, ליידנדיקע פאָלק האָט זיין גואל געזוכט, וועלכער איז ענדלעך דערשינען...

אין אַ יאָר פיר הונדערט אַרום, נאָכדעם ווי די העברעער־משפּחה איז אָנגעקומען אין מצרים, וואַנדערן זיי פון דאָרטן ארויס מיטן צוועק צוריקצוקערן זיך אין לאַנד כנען. אין דער שפּיץ פון דער וואַנדערונג שטייט דער געטלעכער נביא, וואָס צו אים איז קיין גלייכן נישטאָ, דער וועלט־העלד און פאָלקס־העלד, דער גואל פון ישראל און דער לערער פון דער מענטשהייט, — משה בן עמרם. די פאָלקס־מסורה דערציילט, אַז משה בן עמרים איז דורך אַ נס קינדווייז אָנגעקומען אין פּאַלאַץ פון איינעם פון די פּרעהס; דאָרטן האָט ער זיך אויסגעלערנט די אַלע ווייסנשאַפטן,

וועלכע עס איז מעגלעך געווען צו לערנען אין יענער צייט. דאָרטן האָט ער באַקומען אַ קעניגלעכע דערציאונג. נאָר ווען ער דערוויסט זיך ענדלעך וועגן זיין העברעאישער אָפּשטאַמונג און ווען ער באַקענט זיך גרינטלעך מיט דער שרעקלעכער שקלאַפן־לאַגע פון זיינע ברידער, צעפלאַמט זיך אין זיין האַרצן אַן אומגעהויערע ליבע און רחמנות צו זיין אומבאַרעמהאַרציק געפּלאָגט פאָלק, ענג ווערט אים אין פרעה־פּאַלאַץ, ער אַנטלויפט צו זיינע ברידער קיין גושן, העלפט זיי צעברעכן דעם יאָך פון קנעכטשאַפט און באַ־פרייען זיך אַלס אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק...

„צוריק קיין כנען, אין דעם לאַנד פון אונדזערע עלטערן" — דאָס איז געווען די לאָזונג פון דעם באַפרייטן פאָלק, נאָכדעם ווי משה האָט אים פון מצרים אויסגעלייזט. נאָר דער וועג איז געווען אַ שווערער, אַ מיזאַמער.

פערציק יאָר פירט משה זיינע ברידער דורך אַ מדבר (די אַראַבישע וויסטע), וואו ער דערציט זיי און גרייט זיי צו צו אַ זעלבסטשטענדיק נאַציאָנאַל לעבן. דער ערשטער שריט אין דער דאָזיקער ריכטונג איז דער גרויסער וועלט־אַקט פון מתן־תורה. אין דעם מדבר, ביים באַרג סיני נאָך גרויסע צוגרייטונגען, וועלכע האָבן דאָס גאַנצע פאָלק געמאַכט פאַר קדושים וטהורים, האָט משה אויף שטיינערנע טאָוולען (לוחות - העדות) אויסגעקריצט די געטלעכע עשרת הדברות און עס איבערגעגעבן דעם פאָלק. אין די עשרת הדברות ווערט געטלעך קלאָר אויסגעדריקט דאָס, וואָס די אוראַלטע העברעער האָבן נאָר נעפּלדיק זיך פאָרגעשטעלט; עס ווערט אין זיי קלאָר אויסגעדריקט די אייגנאַרטיקע העברעאישע וועלט־אַנשויאונג, די העברעאישע אמונה אין דעם איינציקן גאָט יהוה, די עיקרים פון דער העברעאישער מאָראַל. די עשרת הדברות זיינען אויך דער פונדאַ־מענט, אויף וועלכן עס ווערט באַגרינדעט די נאַציאָנאַלע אייניקייט פון די צענדליקער טויזנטער, פון דעם אלגעמיינעם שקלאַפן־יאָך באַפרייטע, גע־זינדן און שבטים, אַלס איין נאַציאָנאַל גאַנצעס, אַלס אַ באַוואוסטזיניק פאַראייניקט פאָלק.

אין דער מדבר לערנט משה דאָס פאָלק זיך צוצוגעוואוינען צו אַ מלוכה־אָרדענונג. ער באַשטימט אַ בית־דין, פאַר יעדן שבט נשיאים, שופטים, שוטרים, וועלכע דאַרפן אָפּהיטן די אָרדענונג אין דער מחנה און דאָס פאָלק מוז זיי פאָלגן. ער בויט אַ משכן, וועלכער דערמאָנט דעם פאָלק

שטענדיק זיין הייליקן גאָט, וואָס האָט אים פון אַלע פעלקער אויסדער־ווײלט פאַר „אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש". אויסער די עשרת הדברות, דעם יסוד פון דער פאָלקס־נשמה, — ווער טדאָס פאָלק געגעבן אַ תורה פון פיל געזעצן, וועלכע נעמען אַרום כמעט אַלע זייטן פון אַ פריי לעבן און נאָרמירן די סאָציאַלע באַציאונגען. אַפילו דאָס פריוואַטע לעבן פון יעדן מענטשן, ווי אין ריין קערפערלעכן זינען, אַזוי אויך אין גייסטלעכן זינען. דער גרונט פון די אַלע געזעצן זיינען דערהויפט אַלגעמיינע מענטשן־ליבע, פאָלקס־גליק און גאָטספאָרכטיקייט. פיל פון זיי פירט משה איין ביי דער מחנה זייענדיק נאָך אין דעם מדבר; אַ גרויסער טייל פון די געזעצן זיינען אָבער געווענדעט נאָר פאַר דער צוקונפט, ווען דאָס פאָלק וועט אָנפאַנגען פירן אַ שטענדיק איינגעזעסן לעבן אין זיין אייגן לאַנד. צוזאַמען מיט דעם האָט משה אויך געלערנט דעם פאָלק די סטראַטעגיק, צוגעגרייט אים צו די פיל שווערע מלחמות, וואָס אים שטייט פאַר, ביז עס וועט צו זיין ציל קומען. אומערטרעגלעך שווער איז געווען משהס אויפגאַבע אין דער מדבר. דאָס פאָלק איז נאָך געווען דורכגעדרונגען מיט דער קנעכט־שאַפט פון מצרים; עס האָט נישט געקאָנט רויִק פאַרטראָגן די פאַרשי־דענע ליידן, וועלכע האָבן אים אינעם לאַנגן וועג געטראָפן, אין דעם נאָמען פון דעם הויכן ציל פון דער צוקונפטיקער זעלבסטשטענדיקייט און גרויס־קייט. דאָרשט, הונגער און פאַרשידענע קראַנקהייטן, וואָס דאָס פאָלק האָט אָפט געליטן אין „דעם גרויסן, שרעקלעכן מדבר", פלעגן ביי אים גאַנץ אָפט ארויסרופן אַ בונט קעגן זיין גואל, נאָר משה, מיט זיין געוואַלטיקער קראַפט פון אַ מענטשן־דערלייזער און מענטשן־באַהערשער און מיט זיין פייערדיקער ליבע צו זיינע ברידער, פלעגט אַלץ געדולדיק אריבערטראָגן און שטענדיק פלעגט אים געלינגען איינצוהאַלטן און באַרויִקן די אויפ־געדעגטע צענדליק־טויזנטיקע הונגעריקע און דאָרשטיקע מאַסע...

אין די פערציק יאָר, וואָס משה פירט זיינע ברידער אין דעם מדבר, ווייזט ער זיך אַרויס נישט נאָר אַלס געטלעכער נביא, געזעצגעבער, שופט און מנהיג, נאָר אויך ווי דער גרעסטער קריגס־העלד. פיל פעלקער, ווי עמלק, מואב, מדין און אַנדערע, באַפאַלן די „בני ישראל" אין וועג, נאָר משה האלט מיט זיי אומענדלעכע מלחמות, שיצט זיין פאָלק פון זיינע שונאים און מאַכט פאַר אים ריין דעם וועג צו דעם צוגעזאָגטן „געשוואוי־רענעם לאַנד". ענדלעך האָט משה דערפירט זיין פאָלק ביזן גרענעץ פון

כנען, ביזן מזרח־ברעג פון טייך ירדן, וואו ער האלט פון דאָס ביי אַפּ גרויסע נצחונות אין די מוראדיקע מלחמות מיט די באַרימטע מלכים עוג און סחון, וועמענס לענדער (בשן און ארץ האמורי) ער נעמט איין. נאָר דער גרעסטער פאָלקס־העלד, פאָלקס־אָנפירער און פאָלקס־לערער האָט אָבער נישט זוכה געווען צו זען מיט זיינע אויגן, ווי זיין געליבט פאָלק נעמט איין זיין אורעלט פאָטערלאַנד.

ער לאָזט דעם פאָלק אַ רירנדיקע צוואה און באַשווערט אים זיך צו האַלט פעסט ביי זיין תורה, פון וועלכן עס איז אָפּהענגיק זיין גאַנצע צו־קונפט. משה דער געטלעכער מאַן שטאַרבט ביים מזרח־ברעג פון טייך ירדן, אין טיפער עלטער.

די אָנפירונג איבער דעם פאָלק ישראל גיט משה, פאַר זיין טויט, איבער זיין העלדישן געלערנטן תלמיד — יהושע בן־נון.

יהושע בן־נון זעצט פאָר די הייליקע פאָלקס־ארבעט, וואָס זיין גרוי־סער לערער משה בן־עמרם האָט אָנגעהויבן און דערפירט זי ביזן סוף. ער פירט אַריבער דאָס פאָלק ישראל איבערן ירדן, טרעט אַריין אין לאַנד כנען, פירט אומגעהויערע מלחמות מיט די פעלקער, וועלכע האָבן באַזעסן דאָס לאַנד; איין און דרייסיק מלוכות האָבן געוויזן אַ שרעקלעכן ווידער־שטאַנד. נאָר יהושע האָט אַלעמען מנצח געווען, אַ טייל אינגאַנצן חרוב געמאַכט, אַ טייל — געמאַכט אונטערטעניק אונטער זיין מאַכט, אָפּגע־נומען זייער ערד און באַזעצט דאָרט דאָס פאָלק ישראל. דאָס גאַנצע לאַנד האָט ער צעטיילט אויף עלף חלקים צווישן די עלף שבטים; דריטהאלבן שבטים, ראובן, גד און דער האַלבער מנשה־שבט ,האָבן זייערע חלקים, לויט זייער אייגענעם פאַרלאַנג, באַקומען ביים מזרח־ברעג פון טייך ירדן, צו דעם מדבר צו, די אַנדערע האָבן געטיילט צווישן זיך דאָס לאַנד כנען גופא; בלויז איין שבט, דער שבט לוי, האָט, אויסער צענדליקער שטעט צו באַ־וואוינען, נישט באַקומען קיין ערד; זיי, די בני לוי, האָט נאָך משה באַ־שטימט ווי כהנים, גייסטלעכע און פאָלקס־לערער; דאָס פאָלק האָט זיי געדאַרפט אויסהאלטן, כדי זיי זאָלן זיך קאָנען אינגאַנצן איבערגעבן זייערע הייליקע פליכטן.

ווי משה רבנו, אַזוי האָט זיין תלמיד יהושע אויך אין זיין פערזאָן פאַראייניקט אַ גואל, פירער, קריגס־העלד און פאָלקס־דערציער. ער האָט זיך באַמיט אין פאָלק צו שטאַרקן זיין נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, דער־

הויבן זײַנע מאָראַל־רעליגיעזע באַגריפן, צו פאַרפעסטיקן זײַן גלויבן. ער האָט געהאַט בדעה צו שאַפן אַ מלוכה־צענטער פאַרן פאָלק, ווײַל ער האָט געהאָפט, אַז די גײַסטיקע אײנהײט, די אַלגעמײנע געזעצן און גלויבן, וואָס זײַנען נאָך בײַם פאָלק פעסטגעשטעלט געוואָרן פון משהס צײַטן, װעלן אַפילו אָן אַ מלוכה־צענטער צוזאַמענבינדן אַלע שבטים אין אײן גאַנצעס, אין אײן מעכטיקן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם. מיט דעם צוועק בויט ער אין שילה אַ משכן און אַ מזבח פאַר גאָט, וועלכער דאַרף זײַן דער אײנציקער אין דעם גאַנצן לאַנד און וועלכער דאַרף צונויפקניפּן צוזאַמען אַלע הערצער פון גאַנצן פאָלק. 1).

יהושע באַשוועדט דאָס פאָלק נישט צו פאַרלאָזן די טראַדיציעס פון דעם גרויסן געטלעכן לערער משה, און אַזוי שטאַרבט אָפּ אויך דער צווייטער אָנפירער פון פאָלק, אַלט און מיד פון דער אומגעהויערער פאָלקס־אַרבעט, וועלכע ער האָט אָנגעטרויט די זקנים, וועלכע זײַנען געווען זײַנע שטענדיקע מיטהעלפער בײַ זײַן לעבן, אַז זיי זאָלן אויך נאָך זײַן טויט ערלעך דינען דעם פאָלק.

---

1) אין תנ"ך ווערט דערציילט, אַז אין יענער צײַט איז שיעור נישט אויסגעבראָכן אַ ברידערלעכע מלחמה בײַם פאָלק קעגן די דריטהאַלבן שבטים, וואָס האָבן זיך באַזעצט בײַם מזרח־ברעג פון ירדן, דערפאַר וואָס די לעצטע האָבן געהאַט אין זייער חלק לאַנד אַ באַזונדער מזבח אינעם נאָמען פון יהוה. דאָס פאָלק האָט אין דעם געזען אַ געפאַר פאַר דער אַלגעמײנער נאַציאָנאַלער גאַנצקײַט און האָט זיך נאָר דאַן באַרואיקט, ווען די באַשולדיקטע שבטים האָבן דערקלערט, אַז מיט דעם אויסגעבויטן מזבח האָבן זיי נישט געוואָלט זיך אָפּטיילן פון זייערע ברידער, נאָר פאַרקערט, מאַכן אַ צייכן פאַר זייערע קינדס־קינדער, אַז איבערן לאַנד פון דער זײַט ירדן, ווי אויך פון יענער זײַט ירדן, געוועלטיקט אַליין דער זעלביקער אײנציקער גאָט פון ישראל...

קאַפּיטל צוויי

די צייט פון די שופטים

אויף אַזאַ אופן האָט דאָס פאָלק ישראל דערגרייכט זיין הויפּט־ציל: פון שקלאַפן איז עס געוואָרן אַ פרייַ פאָלק, פון וואַנדערער־שבטים איז עס געוואָרן אַ פאָלק, וואָס פירט אַ שטענדיק באַזעצט לעבן. דאָס פאָלק גיט זיך איבער צו פרידלעכער ערד־אַרבעט אויף דעם דעראָבערטן לאַנד. נאָר באַלד נאָכן טויט פון יהושע בן־נון האָט דאָס פאָלק דערפילט, אַז עס פעלט אים אַזאַ פערזאָן, וואָס זאָל מיט איר אויטאָריטעט קאָנען אָנפירן מיט די אַלע פאַרשידנסטע טיילן און שיכטן פון פאָלק. גלייך נאָך יהושעס טויט האָבן זיך גענומען אויפבונטעווען פאַרשידענע טיילן פון די איינגע־נומענע פעלקער; אַנדערע געגנטן זיינען בכלל געבליבן נישט אינגאַנצן באַזיגט אין יהושעס צייט און די שכנותדיקע פעלקער האָבן גענומען דריקן די בני ישראל, נאָך דעם ווי זיי האָבן שוין נישט גענדאַרפט זיך שרעקן פאַר דעם גרויסן העלד. די שכנותדיקע פעלקער האָבן אָבער נישט נאָר אין פּאָליטישן הינזיכט געווירקט אויפן יידישן לעבן, נאָר אויך אין דער מאָ־ראַלער הינזיכט. די בני ישראל, וועלכע האָבן זייענדיק אין עגיפּטן בשום אופן נישט אָפּגעטראָטן פון זייערע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, ווייל זיי האָבן געפילט, אַז נאָר די נאַציאָנאַלע מסורות זייערע בינדן זיי צונויף ווי אַ פאָלק, פלעגן איצט, זייענדיק אין אייגענעם לאַנד, זיך גאַנץ לייכט אָפּזאָגן פון זייערע אייגענע מסורות און מנהגים, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז אַ לאַנד איז אַלץ, אַז זייענדיק אין אייגענעם לאַנד, איז שוין דער קיום פון פאָלק ממילא זיכער. דערצו האָט די נאַטור געמאָנט אירס. ביז איצט האָט דאָס יידישע פאָלק נאָך קיין קינדהייט נישט געהאַט. אין מצרים האָבן זיי זיך פעסט געהאַלטן ביי זייער אַלטן גאָט פון אברהם, אין דער מדבר זיינען זיי שטענדיק געווען אונטער דעם שטרענגן געטלעכן אויג פון משה, און

שפעטער — פון יהושען. איצט אָבער, נאָך יהושעס טויט, זיצנדיק אין אַ פריי, ליכטיק לאַנד, האָט זיך אין זיי דערוועקט די פאָלקס־קינדהייט. די געצנדינערײ איז אַזוי צוגעפּאַסט צו דער קינדהייט־צייט פון אַ פאָלק. דער־זעט עס די זון, ווערט זי פאַרגעטערט. אַזוי הויבן אָן די בני ישראל צו דינען צום בעל (דעם גאָט פון זון). דאָס פאָלק דערזעט פאַרשידנסטע נאַ־טור־כוחות, וועלכע דערוועקן אין אים פון איין זייט קינדער־שרעק, און פון דער צווייטער זייט — קינדער־פרייד און קינדער־התפעלות און עס פאַרגעטערט געוויינלעך אָט די אַלע כוחות. אָט אַזוי ארום ווערן ביי די בני ישראל פיל געטער ווי ביי זייערע שכנים.

אויף אַזאַ אופן פאַרגעסט דאָס פאָלק זיין טראַדיציאָנעלן גאָט יהוה און נעמט אָן פרעמדע קולטן און די זקנים, וואָס יהושע האָט זיי איבער־געלאָזן אויף זיין אָרט, זיינען גאַנץ הילפלאָז צו קעמפן קעגן די שלעכטע מעשים פון פאָלק. יעדער שבט דינט צו יענע געצן, וועלכע זיינען געשעצט ביי יענע פעלקער, מיט וועלכע ער קומט אין נאָענטע באַציאונגען. דורך דעם פאַרלירט דאָס פאָלק ביסלעכווייז דעם באַוואוסטזיין פון נאַציאָנאַ־לער אייניקייט, וועלכע האָט זיך דאָן געקאָנט קאָנקרעט אויסדריקן בלויז אין דער אלגעמיינער אמונה, ווייל אין דעם פאָליטישן זין זיינען די אַלע צוועלף שבטים געווען גאַנץ דעצענטראַליזירט, גאַנץ אָפּגעזונדערט איינער פון דעם צווייטן. די פיינטלעכע שכנים האָבן פון אַזאַ מצב נאָר געוואונען. אנשטאָט צו קעמפן קעגן די פיינטלעכע שכנים מיט די אַלע פאַראייניקטע פאָלקס־כוחות, האָט יעדער שבט געמוזט אַליין באַשיצן זיין ערד קעגן די שונאים, אליין פירן דעם קאַמף פאַר זיין זעלבסטשטענדיקייט. נאַטירלעך, אַז איינצלנע שבטים מיט זייערע באַגרענעצטע כוחות וואָלטן נישט גע־קאָנט ביישטיין קעגן אַזעלכע שטאַרקע פעלקער, ווי מדין, פלשתים, עמלק אאז״וו, וועלכע פלעגן אָן אויפהער באַפאַלן דאָ דעם, דאָ יענעם שבט, און ווער ווייסט, אויב פון די בני ישראל וואָלט דאַן אַ שריד ופליט געבליבן, ווען פון צייט צו צייט זאָלן דאַן נישט אויפשטיין איינצלנע פערזאָנען מיט גרויסן העלדנמוט און מיט פייערלעכע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע געפילן און זאָלן נישט וועקן אין פאָלק זיין באַוואוסטזיין און נישט רופן אים צו דעם גאָט פון זיינע עלטערן, צו אייניקייט, צו נאַציאָנאַלער ברודערשאַפט און קאַמף מיט דעם אָדער יענעם שונא. אין תנ״ך ווערט דערציילט וועגן פיל אַזעלכע העלדן, פון וועלכע עס צייכענען זיך איבערהויפּט אויס: עתניאל

בן־קנז (דער ערשטער שופט), דבורה הנביאה, גדעון, יפתח, שמשון און פיל אַנדערע. אין דער צייט פון דער אויסערלעכער געפאַר צוליב די פיינט־לעכע פעלקער, פלעגן זיי פאַרייניקן אַ געוויסן טייל פונעם יידישן פאָלק און אַרויסטרעטן אין מלחמה מיט די שונאים, און אַדאַנק זייער גרויסער מסירות־נפש, גלויבן, פעסטקייט, העלדישקייט און שטאַרקע ליבע צום פאָלק, פלעגן זיי דאָס רוב אָפּהאַלטן גלענצנדיקע נצחונות; ביים פאָלק פלעגט עס אויפהויבן זיינע נאַציאָנאַלע געפילן און דאַן פלעגט עס פון דאָס ניי קערן זיך צו זיינע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, זיך אומקערן „צום גאָט פון זיינע עלטערן". יעדער העלד, וועמען דאָס פאָלק האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען אין זיין נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, פלעגט זיין זייער געאַכטעט; דאָס פאָלק פלעגט אים צייט זיין לעבן זיין זייער געהאָרכזאַם און ער פלעגט אָנגערופן ווערן „שופט" (ריכטער). דער פעריאָד פון די „שופטים" האָט געדויערט אַ משך פון דריי הונדערט יאָר.

די ווירקונג פון יעדן שופט באַזונדער איז נישט קיין דויערנדיקע, נישט קיין פעסטע. דאָס מייסט ענדיקט זי זיך מיטן אָפּשטאַרבן פונעם העלד. דאַן צעפאַלט זיך דער פאַרייניקטער טייל פונעם פאָלק פון דאָס ניי און פאַלט ווידער אונטער דער ווירקונג פון די אַרומיקע פעלקער. עס ווערט ווידער פאַרגעסן דער גאָט פון ישראל און זיין הייליקע תורה. יעדער שבט באַקומט זיין אָפּגאָט מיט זיין קולטור און דער פאַרבאַנד צווישן פאָלק ווערט פון דאָס ניי פונאַנדערגעריסן.

דאַן פאַסירט צום לעצט פון דעם שופטים־פעריאָד אין דעם לעבן פון די בני ישראל אַ געשיכטע, וועלכע איז פאַר זיך אַ גאַנץ געוויינלעכער פאַרפאַל און טראַגט, דוכט זיך, נאָר אַ פריוואַטן כאַראַקטער און דאָך האָט זי געהאַט אַ גרויסן מאָראַלישע באַדייטונג פאַרן גאַנצן פאָלק. אין שטאָט גבעה, אינעם טייל לאַנד פון שבט בנימין, פאָרט דורך אַ יונגערמאַן מיט זיין שיינער קעפּס־פרוי און, אַזוי ווי עס איז גראָד נאַכט געוואָרן, מוז ער דאָרט בלייבן נעכטיקן. אַ קאָמפּאַניע „אויסגעלאַסענע מענטשן" דערוויסן זיך וועגן דער שיינער קעפּס־ווייב, קומען זיי און רויבן זי מיט געוואַלט אַוועק פונעם מאַן, שענדן זי, פּייניקן זי אַ גאַנצע נאַכט. צומאָרגנס לאָזן זיי די געפּייניקטע פרוי אָפּ צו איר מאַן, נאָר זי שטאַרבט אויפן שוועל פון גרויסע יסורים און שאַנד. ביי וועלכן פאָלק האָט אַזעלכעס נישט פאַסירט? העכסטנס וואָלט עס ביי אַן אַנדער אומה אַרויסגערופן אַ נקמה־געפיל ביי

דער פאַמיליע פון דעם אומגליקלעכן פאַר־פאָלק. ביי די בני ישראל האָט דער פאַקט געוועקט דעם פאָלקס־געוויסן, עס האָט אַרויסגערופן אַ שרעק־לעכע פאָלקס־באַוועגונג. עס האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלטיקן פאָלקס־צאָרן און פאָלקס־פאַראייניקונג, די באַזונדערע, אָפּגעטיילטע שבטים האָבן מיט אַמאָל דערפילט זייער אָפּשטאַמונג, זיי האָבן מיט אַמאָל דערפילט, אַז זיי זיינען קינדער פון איין פאָלק און פון איין גאָט, וואָס האָט פיינט זינד און עוולות. זיי האָבן, לויט ווי די פאָלקס־מסורה דערציילט, פונאַנדערגע־שניטן דעם קערפּער פון דער געשענדעטער פרוי און פונאַנדערגעשיקט די חלקים פונעם קערפּער צו אַלע שבטים. און דאָס איז געטון געוואָרן 1) נישט נאָר כדי צו דערוועקן נקמה־געפילן, נאָר אויך אַלס סימבאָל, כדי צו באַווייזן, אַז אַלע שבטים דאַרפן זיין איינס, ווי איין גוף, און אַז יעדער שבט באַזונדער, ווען ער קומט נישט צו די איבעריקע שבטים צו הילף, איז ער ווי אַן אָפּגעשניטענער אבר.

צענדליקער טויזנט פון אַלע שבטים האָבן זיך פאַרייניקט, באַוואָפנט און אַרויס אין מלחמה נישט נאָר נאָר קעגן די איינציקע אויסגעלאַסענע חברה־לייט, נישט נאָר קעגן דער שטאָט גבעה, נאָר קעגן דעם גאַנצן שבט בנימין! דאַן קוקט זיך דאָס פאָלק ארום און זעט ווי נידעריק עס איז געפאַלן גייסטיק, זוכט די סיבה פון דער מאָראַלישער דערנידערונג און געפינט עס ענדלעך: אין דער שלעכטער ווירקונג פון די ארומיקע פעל־קער! פון דאַן אָן באַמערקט זיך אַ מאָראַלישע איבערקערענישביים פאָלק: עס ווענדעט זיך צום גאָט פון זיינע עלטערן מיט דער טיפסטער אמונה. דאָס געצנדינעריי, אַלס אַן אלגעמיינע פאָלקס־דערשיינונג, פאַרשווינדט אויף אַ לאַנגער צייט, דאָס גאַנצע יידנטום ווערט דורכגענומען מיט אַ שטילן פרומען גייסט. 2)

די מאָראַלישע איבערקערעניש, וועלכע האָט אָנגעגריפן דאָס יידישע פאָלק נאָך דער געשיכטע פון „פלגש בגבעה", ברענגט מיט זיך אויך אַ געוויסע ענדערונג אינעם אינערלעכן סאָציאַלן לעבן פון פאָלק. די אַלע שבטים ווערן צוזאַמענגעהעפט אַלס איין גאַנצעס דורך איין גאָט, דער

1) ווי דער מלב"ם האָט זייער ריכטיק באַמערקט.

2) דער „סדר עולם" וויל האָבן, אַז די מעשה פון „פלגש בגבעה" האָט פּאַסירט אין אָנפאַנג פונעם שופטים־פּעריאָד, אין דער צייט פון עתניאל בן קנז; מיר האָבן זיך דאָ געהאַלטן ביים סדר פון תנ"ך.

משכן פון שילה, וואָס איז נאָך אויפגעשטעלט געוואָרן אין יהושעס צייטן, באַקומט אין יידישן לעבן די גרעסטע באַדייטונג ווי אַן אַלגעמיינער פאָלקס־צענטער. דער שופט און אָנפירער ביים פאָלק ווערט דער כהן (עלי הכהן). וועמענס אויטאָריטעט גרינדעט זיך נישט אויף זיינע העלדישע טאָטן און פאַרדינסטן פאַרן פאָלק, נאָר אויף זיין פרומקייט און גאָטספאָרכטיקייט. און ווען דער בייזסטער יידישער שונא, די פלשתים, באַפאַלט צו יענער צייט די יידן, גייען שוין אין קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער פרייהייט נישט בלויז געוויסע טיילן, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק, פון אַלע עקן פון לאַנד און נעמען מיט זיך „די זיכערסטע שיצונג" זייערע — דעם געטלעכן ארון, מיט די לוחות־העדות, וואָס פלעגט שטענדיק זיך געפינען אין משכן פון שילה.

די מפלה, וואָס יידן האָבן אין עליס צייט געהאַט אין דער מלחמה מיט די פלשתים און דאָס, וואָס דער הייליקער ארון מיט די לוחות זיינען אריינגעפאַלן צום שונא אין די הענט, און שילה מיטן משכן זיינען חרוב געוואָרן, האָט ביים פאָלק גאָרנישט אָפּגעשוואַכט זיין פרומקייט. אדרבא, עס האַלט זיך נאָך פעסטער אָן גאָט. „וינהו בני ישראל אחרי ד׳" — די קינדער פון ישראל האָבן זיך געצויגן (אָדער: געבענקט) נאָך גאָט — אַזוי דערציילט אונדז די מסורה פון יענער צייט. דאָס באַווייזט, אַז די יידישע גאָטספאָרכטיקייט ווערט אַלץ מער אַן אינערלעכע, אַן אָרגאַנישע.

און דאַן האָט זיך אין דעם לאַנד פון ישראל גענומען באַווייזן די וואונדערבאַרע נבואה־דערשיינונג, אָט די דערשיינונג, וועלכע די מענטש־הייט קאָן נאָך ביז איצט נישט באַגרייפן, — ווי אַ פאָלקס־דערשיינונג. ביז איצט זיינען נאָר געווען נביאים יחידי סגולה, משה, זיין שוועסטער מרים, אלדד, מידד, וכדומה, איצט אָבער האָבן זיך אָנגעהויבן בילדן גאַנצע גרו־פעס פון נביאים, מענטשן מיט איבערנאַטירלעכע נייגונגען און געפילן, וועלכע אין זייער געטלעכן עקסטאַז פלעגן זיי אַלץ פאַרגעסן אין דער וועלט און מאַכן אויך אַנדערע פאַרגעסן אַלץ אין דער וועלט. אַזוי, למשל, גייט דער יונגערמאַן זוכן די אייזלען פון זיין פאָטער, וועלכע זיינען פאַר־לוירן געגאַנגען, טרעפט ער אַ פראַצעסיע נביאים, וועלכע גייען „מיט האַרף און פויק און פלייט און פידל און זאָגן נביאות" — „רוט אויף אים, אויף דעם יונגן מענטשן, אויך דער גייסט פון גאָט, פאַרגעסט ער אָן זיין שליחות, הויבט אויך אָן צו זאָגן נביאות און ווערט גאָר אַן אַנדער מענטש".

אַז׳ער, אין די שפּעטערדיקע פּעריאָדן, שיקט דער מלך זיינע דינער נאָכ־יאָגן זיין פּערזענלעכן שונא, באַהאַלט זיך דער שונא צווישן אַ חבֿרה נבֿיאים; קומען אָן דעם מלכס דינער צו די נבֿיאים, ווערן זיי באַגייסטערט, פאַרגעסן זיי נאָך וואָס זיי זיינען אַהערצו געשיקט געוואָרן און הויבן אָן נבֿיאות צו זאָגן; שיקט דער מלך נייע און נייע דינער, פּאַסירט מיט זיי דאָס זעלבע, וואָס מיט די ערשטע; גייט שוין דער מלך אַליין צו פאַנגען זיי׳ן שונא, פּאַסירט מיט אים וואָס מיט זיינע דינער, און ער פאַרגעסט נאָך וואָס ער איז אַהער געקומען...

די נבֿיאות אין דער ערשטער פּאַזע איז געווען נישט בלויז אַ מיס־טיש־פּאָעטישע באַוועגונג, נאָר אויך אַ פּראַקטישע. אין זייער טיפער אמונה און געטלעכער איבערצייגונג האָבן די ערשטע נבֿיאים נישט אנערקענט קיינע נאַטור־געזעצן. דער אמתער נבֿיא, דער אמתער הייליקער מאַן, לויט דער מיינונג פון די ערשטע נבֿיאים, ווערט פון גאָט באַשאָנקען מיט דער העכסטער שעפּערישער קראַפט; זיין מאַכט ווייסט קיינע באַגרעניצונגען נישט. זיין וואָרט איז אַ געזעץ און ער קאָן שאַפן די גרעסטע וואונדער: ער קאָן לעבעדיק מאַכן טויטע; ער קאָן טרוקן מאַכן אַ טייך; ער קאָן אָנ־צינדן אַ שטיין אאז״וו. אַט אַזעלכע נבֿיאים בעלי מופת זיינען געווען פיל צו יענער צייט אין אַ משך פון אייניקע הונדערט יאָר. אָנגעהויבן האָבן זיי זיך מיט שמואל הנבֿיא און געענדיקט כמעט מיט אלישען.

קאַפּיטל דריי

שמואל הנביא

שמואל הנביא איז איינער פון די ווייניקע היסטאָרישע פערזענלעכ־קייטן, וועלכע מיט זייער גאַנצן אַרט לעבן, מיט זייער גאַנצער אומדערמידלעכער טעטיקייט רופן זיי אַרויס ביים פאָלק די גרעסטע פאַרוואונדערונג, און די פאָלקס־דיכטונג וועבט אַרום זייער לעבן צויבערהאַפטע מעשיות. חנה, שמואלס מוטער — ווי די מסורה דערציילט — איז געווען זייער אַ גאָטספאַרכטיקע נאָר געפּלאָגטע פרוי, מיט אַ צעבראָכן געמיט; לאַנג האָט זי קיין קינדער נישט געהאַט און איר צרה 1) פנינה, וועלכע האָט אַ סך קינדער געבוירן, פלעגט איר שטענדיק פיל שמערצן אָנטון. חנה פלעגט אירע ליידן טראָגן שטיל אין האַרצן, נאָר קומענדיק אין משכן אין שילה פלעגט זיך פאַרגיסן ביטערע טרערן פאַר גאָט, ער זאָל איר שטים פאַרנעמען און זיך צו איר פיין צוקוקן. איינמאָל האָט עלי הכהן באַמערקט, ווי זי וויינט, האָט ער זי אויסגעפרעגט, האָט זי אים איר ביטער האַרץ דערציילט. דאַן האָט עלי זי געבענטשט, אַז אירע טרערן זאָלן פאַר גאָט קומען און אירע תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן. אין אַ יאָר אַרום האָט חנה טאַקע געבוירן אַ זון, וועלכן זי האָט אַ נאָמען געגעבן „שמואל”, וואָס איז טייטש „דער אויסגעבעטענער פון גאָט”. נאָר חנה האָט נישט געוואָלט איר איינציק, „פון גאָט אויסגעבעטן קינד” אָפּגעבן דעם וואָכעדיקן לעבן. זי האָט אים גאָט געשאָנקען, נאָך פון געבוירן־טאָג פאַר אַ נזיר געמאַכט און אין שילה אים געבראַכט, ער זאָל פאַר גאָט אין משכן באַדינען. אין דעם הייליקטום פון שילה האָט זיך שמואל אויפגעהאָדעוועט, פרום און גאָטס־פאַרכטיק אין זיין לעבן געווען, און נאָך אַ יונג קינד איז שמואל געווען, ווען גאָט האָט זיך צו אים צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט און אים פאַר זיין נביא אויסדערוויילט, און פאַר אַ פירער פונעם גאַנצן פאָלק ישראל באַשטימט.

שמואלס נאָמען ווערט באַוואוסט ביים גאַנצן פאָלק „פון דן ביז באר

1) אזוי ווערט אָנגערופן יעדע פון די איינציקע פרויען, וואָס אַ מאַן פלעגט פאַרצייטנס האָבן פאַר אַמאָל.

שבע", ד. ה. פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן. ער ווערט דורכאויס געאַכטעט און באַליבט. ער ווערט דער אמתער יורש פון משה בן עמרם און יהושע בן נון. מיט זיין אויטאָריטעט פאַרייניקט ער אַלע יידן אין לאַנד; ער איז דער מלחמה־העלד און גייסטיקער לערער. ער פירט גרויסע מלחמות מיט דעם געפערלעכסטן יידישן שונא פון יענער צייט, מיט די פלשתים, צע־קלאַפּט זייער חיל, פאַרכאַפּט ביי זיי אַ שטיק לאַנד, אַזוי אַז די פלשתים לאָזן שוין אַ לענגערע צייט צורו די בני ישראל. ער פאָרט אַרום איבערן גאַנצן לאַנד און לערנט דאָס פאָלק, משפט זיי צווישן אַנאַנדער, וואָרצלט אויס נאָך די איבערגעבליבענע נייגונגען צו געצנדינעריי אאז"וו.

אין פאָליטישער הינזיכט האָט זיך שמואל אויך געהאַלטן ביי דער זעלבער מיינונג, וואָס יהושע. קיין פּאָליטישן צענטער האָט ער נישט גע־שאַפן; דאָס גאַנצע פאָלק דאַרף פאַרייניקן זיין איינציקער גאָט. זיין אַלגע־מיינע תורה. שמואל איז אַפילו געווען אַ קעגנער פון אַן אלגעמיינעם קאָנקרעטן גייסטיקן צענטער. אין זיין צייט האָבן די פלשתים אומגעקערט דעם 'געטלעכן ארון" קיין ארץ ישראל, נאָר אַזוי ווי שילה איז שוין לאַנג חרוב געווען, האָט דאָס פאָלק דעם ארון אַוועקגעשטעלט אין „קרית יערים". דאָרט האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַ גרופּע כהנים, וועלכע האָבן געוואָלט דעם ארון היטן און אין משכן באַדינען. האָט שמואל אָבער דערויף ווייניק אַכט געלייגט; ער האָט אין אייניקע ערטער מזבחות געבויט, דאָס וואָס יהושע און די זקנים האָבן אין זייער צייט אַזוי שטרענג פאַרבאָטן, און אומעטום קרבנות מקריב געווען. דערצו נאָך האָט ער קלענער געמאַכט די אויטאָריטעט פון כהנים בכלל. אין דער צייט, וואָס שמואל האָט פאַר־בראַכט אין שילה, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז אַ טייל פון די כהנים זאָרגן זיך גאָרנישט פאַר דער פאָלקס־דערציאונג, נאָר סטאַרען זיך אַלץ מער מתנות־כהונה צו באַקומען. שמואל האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס אומגליק שטעקט אין דעם, וואָס די פאָלקס־לערער זיינען פּריווילעגירטע, וואָס די־פאָלקס - לערע גייט איבער בירושה און ברענגט גרויסע רווחים. דאַן האָט ער באַשאַפן, אַלס קעגנקראַפט קעגן די כהנים, אַ נייע אינסטיטוציע, די „בני הנביאים", וועלכע האָבן געזאָלט אויף זיך נעמען די מיסיע צו לערנען דאָס פאָלק און צו דערציען אים. איינער פון די בני הנביאים האָט געקאָנט זיין יעדער וואָס טראָגט אין זיך גאָטס גייסט, פירט אַ הייליק לעבן און קעמפט פאַרן אמת. באַלד אנערקענט דאָס פאָלק דעם אונטערשיד

פון דעם פּריווילעגירטן כהן ביז דעם באמת באַגייסטערטן פאָלקס־לערער: די „בני הנביאים" באַקומען וואָס מער אַ באַדייטנדיקע אויטאָריטעט אין לאַנד און די כהנים ווערן אויף אַ היפּשער צייט כמעט ווי פאַרגעסן.

די אַלע שמואל הנביא׳ס רעפאָרמען האָבן געהאַט זייער אַ גרויסע באַדייטונג. פון איין זייט האָט ער צעבראָכן דעם איינציקן קאָנקרעטן צענטער, דעם גייסטיקן צענטער ביים פאָלק. פון דער צווייטער זייט אָבער ווערט די יידישע אמונה אַלץ מער ריין פון די ערשטע געצנדינערישע באַגריפן. די מזבחות אין מצפה און רמה און גבעה אאז"וו דערווייזן, אַז גאָט איז גאָרנישט צוגעבונדן צו איין אָרט, אַז מען קאָן גאָט דינען אומעטום. ווייטער האָט דאָס, וואָס יעדער האָט געקאָנט אומעטום ברייִנגען אַ קרבן, בכלל געמאַכט קלענער דעם גאַנצן ענין פון קרבנות, ווי דעם העכסטן אופן פון דינען גאָט. און ענדלעך דערלויבט זיך שוין שמואל אַרויסצוזאָגן די מיינונג: „צי פאַרלאַנגט דען גאָט די עולות און די זבחים, אַזוי ווי ער פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זיך צוהערן צו זיין שטים? באמת, געהאָרכזאַמקייט איז פיל בעסער פון אַ קרבן. דאָס פאַרנעמען גאָטס שטים — פון די פעטסטע רינדער"...

במשך פון זיין גאַנץ לעבן, ביזן טיפן עלטער, האָט שמואל הנביא געלערנט דאָס פאָלק און געקעמפט פאַר זיין זעלבסטשטענדיקייט. זיין הויפּט שטרעבונג איז געווען צו מאַכן פון פאָלק ישראל אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש, ד. ה. אַ הייליק פאָלק, וועלכעס זאָל ווערן געפירט דורך די הייליקע לייט ווי די „בני הנביאים". די היסטאָרישע נויטווענדיקייט האָט אָבער געפירט דערצו, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל שאַפן אַ פעסטע צענטראַליזירטע פאָליטישע מאַכט, ווען נישט וואָלט עס קיין קיום נישט געקאָנט האָבן. די פלשתים, וועלכע האָבן פריער געבילדעט פיל אָפּגעזונדערטע קליינע מלוכהלעך, האָבן זיך אין די לעצטע שמואלס יאָרן צווישן זיך כמעט זיגנאַנצן פאַראייניקט, כדי צו קעמפן מיט ישראל; די עמונים, די עמלקים האָבן זיך אויך אַלץ מער פאַרפעסטיקט; דאָס יידישע פאָלק האָט געמוזט זיך צוגרייטן צו אַ דויערהאַפטן און שווערן קאַמף. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ קאַמף קאָן אַ פאָלק פירן נאָר מיט אַן אָרגאַניזירטן חיל, וועלכער זאָל זיין גוט באַוואָפנט, גוט געלערנט, און זאָל זיין שטענדיק גרייט צו מלחמה, אונטער אַן אַלגעמיין אַנערקענטע אויטאָריטעט. די אַנערקענונג האָט זיך אַלץ טיפער איינגעוואָרצלט ביים פאָלק און ענד־

ילעך האָט זי זיך אויסגעדריקט אין אַ גאַנץ דייטלעכער פאָרעם.

ווען שמואל איז אַלט געוואָרן און זיינע זין יואל און אביה, וועלכע זיינען נישט געשטאַנען אויף אַזאַ מדרגה ווי זייער פאָטער אין גרויסקייט און ערלעכקייט, האָבן געוואָלט ווערן שופטים, האָט דאָס פאָלק זיך פאַרזאַמלט ארום שמואל הנביא און האָבן פון אים געפאָדערט ער זאָל אין לאַנד באַשטעטיקן אַ שטענדיקן מלך. אַזאַ פאָדערונג איז פאַר שמואלן געווען גאָר אומדערוואַרט און אים האָט עס זייער געקרענקט. ער האָט געוואָלט, אַז זיין פאָלק זאָל זיין פריי נישט נאָר אויסערלעך, נאָר אויך אינערלעך. דאָס פאָלק ישראל דאַרף נישט זיין אונטערטעניק נישט נאָר אַ פרעמדן מלך, נאָר אַפילו אַן אייגענעם מלך; נאָר דער יידישער גאָט אַליין דאַרף געוועלטיקן איבער יידן; און אין זיין געוועלטיקייט דאַרף ער זיך מיט קיינעם נישט טיילן! שמואל הנביא האָט געוואָלט ווירקן אויפן פאָלק מיט דעם, וואָס ער האָט מיט שרעקלעכע פאַרבן געשילדערט פאַר זיינע אויגן די אומדערבאַרעמדיקע אויפירונג פון די דעספּאָטישע הערשער צו יענער צייט, ווי זיי דריקן דאָס לאַנד, ווי זיי רויבן, ווי זיי טויטן אָן שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי זיי פאַרשקלאַפן דאָס פאָלק, נעמען אָפּ זיינע קינדער אַלס דינער און זיינע טעכטער אַלס דינסטן, לייגן אַרויף גרויסע צינזן, רויבן זיין אייגנטום אאז״וו. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן די שטראָף־רייד, אַפילו די קללות פון אַלטן נביא, העלד און פאָלקס־לערער. דאָס פאָלק איז געווען טיף איבערצייגט אין דער נויטיקייט פון אַ נייער מלוכה־אָרדענונג אין לאַנד און ער האָט געטענהט: „ניין, נאָר אַ מלך מוזן מיר האָבן. דאַן וועלן מיר זיין גלייך מיט אַלע פעלקער. אונדזער מלך וועט אונדזער שופט זיין, ער וועט זיך שטענדיק פאַר אונדז מיען און אונדזערע מלחמות וועט ער פירן!״...

ענדלעך מוז זיך אונטערגעבן דער אַלטער פאָלקס־פירער, ער מוז דערפילן דעם אַלגעמיינעם פאַרלאַנג פון פאָלק, דאָס לאַנד פון ישראל טרעט אריין אין אַ נייער פאַזע פון אַ מלוכה־אָרדענונג. עס ווערט געשאַפן אַן אלגעמיינער פּאָליטישער צענטער אין לאַנד, וועלכער בינדט צוזאַמען אַלע טיילן פונעם פאָלק און שאַפט אַ שטאַרקע אָרגאַניזירטע מלוכה־קראַפט, וואָס איר באַדייטונג וואַקסט אַלץ מער און מער אין דעם פּאָליטישן לעבן פון די פעלקער אין דער אַלטער קליין־אַזיע.

קאַפּיטל פיר

דער מלך שאול

דער ערשטער מלך, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן ביי די בני ישראל מיט דער מיטווירקונג פון שמואל הנביא, איז געווען שאול בן קיש, פון שבט בנימין, אַ געוועזענער ערד־אַרבעטער. שמואל האָט זיך, וואַרשיינלעך דערפאַר אָפּגעשטעלט אויף דעם זון פון קיש, ווייל פון איין זייט האָט זיין נידעריקע אָפּשטאַמונג „פון דער אָרעמסטער משפחה פון דעם יונגסטן שבט" אים, דעם ערשטן מלך, געוואָלט אָפּהאַלטן פון דעם געוויינלעכן דעספּאָטישן שטאָלץ; פון דער אַנדערער זייט איז שאול געווען באַגאַבט מיט די העכסטע מעלות: וואונדערלעך שיין, אַן אומגעווייגלעכער העלד ווי אויך אַן אומגעוויינלעכער עניו, אַ דרייסטער און אַן אומענדלעך גוטער מענטש, אַן איינפאַכער ערד־אַרבעטער מיט גרויסע נייגונגען צו נבואה. אַט אַזאַ מלך האָט באמת געקאָנט זיין איבערגעגעבן מיטן גאַנצן לעבן די אינטערעסן פונעם פאָלק, שעצן אים און מדריך זיין, נישט זוכנדיק אין זיין הויכער מאַכט קיין אייגענע נוצן; שמואל האָט מסתמא אויך געהאָפט, אַז אַזאַ מענטש ווי שאול בן קיש, לויט זיינע אַלע אויבנדערמאָנטע אייגנ־שאַפטן, וועט זיין שטענדיק אָפּהענגיק פון דעם נביא.

אַפילו נאָך דעם שוין ווען שאול איז אויסגעקליבן געוואָרן ווי מלך האָט ער נישט געוואָלט אָנטון די קרוין אויף זיין קאָפּ, ער האָט נישט גע־וואָלט אויסבייטן דעם אַקער אויף דער קרוין. נאָך דער אויסוויילונג האָט שמואל געשיקט זוכן שאולן און מען האָט אים געפונען „פאַרבאַהאַלטן צווישען די געשיר", מען האָט אים פון דאָרט מיט געוואָלט געבראַכט און שמואל האָט אים געזאַלבט פאַר אַ מלך. נאָכן זאַלבן, האָט זיך דער מלך צוריקגעקערט אין זיין היים, צו זיין פעלד און צו זיין אַקער, צו זיין פריער־דיקער איינפאַכער לעבנס־אַרט. אַ טייל פונעם פאָלק, וועלכע האָבן זיך פאַרגעשטעלט דעם ביישפּיל פון די אַרומיקע מלכים, האָבן נישט געגלויבט אין שאולס פעאיקייטן צו געוועלטיקן איבערן לאַנד און האָבן אים אפילו פאַרהאַסט אין האַרצן.

נאָך באַלד נאָך זיין זאַלבונג האָט דער יונגער מלך געהאַט די מעג־לעכקייט צו באַווייזן, אַז טראָ קדעם, וואָס אין זיין אַלטעגלעכן לעבן איז ער שטענדיק געווען אַ רואיקער מענטש און אַ גרויסער עניו, האָט ער דאָך געקאָנט אויפפלאַקערן מיט דעם הייליקסטן פייער פון פאָלקס־ליבע, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די אינטערעסן פון זיין לאַנד. די עמונים האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף מלחמה אויף דער יידישער גרענעץ־שטאָט יבש־גלעד און האָבן זי באַלאַגערט. די איינוואוינער פון יבש־גלעד האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן דעם שונא, נאָר די ווילדע עמונים האָבן נישט גע־וואָלט אָננעמען די אונטערטעניקייט פון יבש־גלעד, כל זמן די איינוואוינער וועלן זיך נישט לאָזן אויסשטעכן דאָס רעכטע אויג ווי אַ צייכן פון טרייער קנעכטשאַפט; אויב נישט, האָבן זיי געדראָט, וועט קיינער פון שטאָט קיין לעבעדיקער נישט בלייבן. די באַלאַגערטע האָבן געשיקט שלוחים צום יונגן מלך שאול אין דער הויפט־שטאָט גבעה און געבעטן הילף. דער מלך איז אויפגערעגט געוואָרן הערנדיק די רייד פון די שלוחים, ער האָט גענו־מען אַ רינד, עס צעשניטן אויף צוועלף שטיקער און צעשיקט דורך די זעלביקע שלוחים צו אַלע שבטים פון ישראל מיט די ווערטער: „ווער עס וועט נישט גיין צו שאולן און שמואלן אין דער מלחמה, וועל איך אזוי טון צו זיינע רינדער!" דאָס פאָלק האָט פאַרנומען די שטים פון זיין מלך און אַלע, ווי איין מאַן, האָבן זיי זיך פאַראייניקט אונטער דער אָנפירונג פון שאולן. אַ גרויסע, באַגייסטערטע מחנה האָט שאול ארויסגעשטעלט קעגן די עמונער און מיט דעם גרעסטן העלדנמוט האָט ער געקעמפט קעגן דעם שונא, וועלכן ער האָטווירקלעך געגעבן אַ טויט־קלאַפּ.

מיט דעם גלענצנדיקן נצחון, וואָס שאול האָט אָפּגעהאַלטן אויף דעם יידישן שונא, האָט ער זיך פאַרשאַפט די ליבע און אַכטונג פון גאַנצן פאָלק אָן אונטערשיד. דאָס פאָלק האָט זיך צונויפגעזאַמלט אין שטאָט גלגל צו פייערן שאולס טריאומף און צו באַנייען זיין אויסוויילונג ווי אַ מלך. דאָ האָט שאול אויך געהאַט די מעגלעכקייט ביי זיין גרויסער דרייסטיקייט צו אַרויסווייזן זיין טיפסטע גוטהאַרציקייט. דאָס פייערנדיקע פאָלק, פרייענ־דיק זיך מיט זיין העלד און באַשיצער, האָט געוואָלט ביי דער געלעגנהייט נוקם זיין זיך אָן די, וואָס האָבן צוערשט געהאַט אַרויסגעוויזן זייער פאַר־אַכטונג און האָס צום אויסגעוויילטן מלך. דער יונגער מלך האָט אָבער נישט דערלאָזן קיין בלוט־פאַרגיסונג און דאָרט, וואו ער האָט געוויזן זיין

העלדנמוט אויסצוראָטן די שונאים פון זיין פאָלק, האָט ער אויך געוויזן זיין העלדנמוט צו שענקען זיינע פערזענלעכע שונאים. „עס זאָל קיינער נישט געטויט ווערן היינטיקן טאָג — האָט דער העלד אויסגעשריען צום פאָלק — ווייל היינטיקן טאָג האָט גאָט זיין ישועה געבראַכט זיין פאָלק ישראל"...

נאָך דער מלחמה מיט די בני עמון האָט זיך שוין שאול נישט אומגעקערט צו זיין פעלד. די אנערקענונג פון זיינע פליכטן צו זיין פאָלק דרינגט אַלץ מער אַריין אין זיין האַרצן; ער פאַרשטייט, אַז כדי דאָס פאָלק זאָל האָבן אַ קיום צווישן די אַרומיקע פיינטלעכע שכנים, מוז עס אויף אַ געוויסער צייט פון אַ פרידלעך ערד־ארבעטער־פאָלק ווערן אַ קריגס־פאָלק; די שווערד מוז אויף אַ צייט פאַרבייטן די סאָכע. שאול נעמט זיך צוערשט ענערגיש צו פאַרמירן אַ שטענדיק באַוואָפנטן חיל פאַרן פאָלק. דאָס איז געווען גאַנץ שווער. דאָס לאַנד פון ישראל האָט זיך דאַן געפונען אין אַ שרעקלעכער לאַגע. די פאַרשידענע פעלקער ארום האָבן עס געוואָלט צע־רייסן אויף שטיקלעך. איבערהויפט האָבן די פלשתים צו יענער צייט פון דאָס ביי גענומען דריקן דאָס פאָלק ישראל, געמאַכט אים אין אַ געוויסער מאָס אָפּהענגיק פון זיי. דאָס פאָלק ישראל האָט זיי, ווי אין פאַר שמואלס צייטן, געמוזט צאָלן צינזן און איז דורך דעם שטאַרק פאַראָרימט געוואָרן. די פלשתים האָבן דאַן געהאַט אין ארץ ישראל אַן אייגענעם נציב (פאַר־שטייער) און האָבן שטרענג נאָכגעשפּירט, אַז אין לאַנד זאָל זיך נישט געפינען קיין שום געווער; צוליב דעם האָט זיך דאַן צווישן די בני ישראל אַפילו נישט געפונען קיין אייגענער שמיד, כדי זיי זאָלן זיך נישט קאָנען שאַפן קיין כלי־זיין. נאָר שאול און יהונתן זיין זון — דערציילט די מסורה — האָבן ביי זיך געהאַט צו שווערד און צו שפּיז אין דער צייט פון די ערשטע מלחמות. דאָס איבעריקע חיל האָט זיינע פרידלעכע ארבעטס־געצייג אין קריגס־געווער פאַרוואַנדלט. שאול האָט זיך אָבער פאַר די אַלע שוועריקייטן נישט דערשראָקן און אים געלינגט ענדלעך צונויפצושטעלן אַ שטענדיקע העלדישע אַרמיי, אין שפּיץ פון וועלכער עס זיינען געשטאַנען די באַרימטע קריגס־העלדן אבנר בן־נר און יהונתן בן־שאול. דאַן פאַרפירט שאול אומערמידלעכע שוץ־מלחמות קעגן די פילע שונאים, וואָס פלעגן אומאויפהערלעך באַפאַלן דאָס פאָלק ישראל און האַלטן אָפּ אומעטום גלענ־צנדיקע נצחונות. אָנגעהויבן האָט ער פון די פלשתים, פון דעם געפער־

לעכסטן יידישן פיינט צו יענער צייט, מיט וועלכן דעם יידישן פאָלק איז אויסגעקומען מלחמה צו האלטן דורות־לאַנג, מיט קירצערע אָדער לענגערע הפסקות. די ערשטע מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט אַ פולשטענדיקער מפלה פאַר די פלשתים און שאול האָט דאַן באַפרייט דאָס יידישע לאַנד אויף אייביק פון דער הערשאַפט פון די פלשתים. דאָך האָבן די פלשתים אין אַ קורצער צייט ארום זיך פון דאָס ניי פאַרשטאַרקט און אָנגעהויבן ווידער גאַנץ אָפט צו באַפאַלן די יידישע גרענעצן, נאָר שטענדיק פלעגן זיי טרעפן אַ מוראדיקן ווידערשטאַנד דורך שאולס אַרמיי און זיי האָט זיך שוין מער נישט איינגעגעבן צו מאַכן דאָס יידישע פאָלק אָפּהענגיק פון זיי.

נאָכדעם ווי שאול האָט זיך אַרומגעטון אַביסל מיט די פלשתים, האָט ער זיך גענומען אָפּרעכענען מיט די איבעריקע פעלקער, וועלכע האָבן יאָרנלאַנג געדריקט דאָס פאָלק ישראל און געראַוּבט די גרענעצן פונעם לאַנד. „ער האָט אָן אויפהער גלענצנדיקע מלחמות געהאַלטן מיט מואב און מיט עמון און מיט אדום און מיט צובה און מיט עמלק, און וואו ער האָט זיך געקערט האָט ער אומעטום באַגליקט". אויף אַזאַ אופן האָט שאול אויף אַ לאַנגער צייט באַפרייט זיין פאָלק פון דעם פאָליטישן דרוק פון די אַרו־מיקע פיינטלעכע פעלקער.

שאול האָט אָבער נישט נאָר פאַר דעם מאַטעריעלן גליק פונעם לאַנד אַליין זיך געזאָרגט, ער האָט שטענדיק זיך געמיט אויך אויפצוהויבן דאָס פאָלק אין מאָראַלישן זין. ער האָט געקעמפט קעגן די פאַרשידענע וויר־קונגען פון דער אַמאָליקער געצנדינערײַ; ער האָט אויסגעראָט פונעם לאַנד דאָס כישופמאַכעריי. ער האָט אַכטיק געגעבן, אַז דאָס פאָלק זאָל אָפּהיטן פינקטלעך די תורה; די מסורה דערציילט, אַז אפילו אויפן שלאַכטפעלד האָט ער אַכטיק געגעבן אַז דאָס חיל זאָל נישט קיין געקוילעטע פלייש נישט עסן, אאז״וו... די אַלע פאַרדינסטן שאולס צוזאַמען מיט זיינע אויס־געצייכנטע פערזענלעכע אייגנשאַפטן, ווי זיין גוטהאַרציקייט, מילדקייט, ענִיוות און גאָטספאָרכטיקייט, האָבן אים געמאַכט פאַרן פאָלקס־ליבלינג. דאָס פאָלק האָט אים געאַכטעט אויף דער העכסטער מדרגה, אים אָנגערופן „משיח ד'" („דער געזאַלבטער פון גאָט"), נאָר צוזאַמען מיט דער ליבע פון פאָלק, וואַקסט אויך די פיינטשאַפט פון דעם אַלטן נביא צום יונגן קעניג. דאָס גאַנצע מלוכה־סיסטעם איז געווען קעגן זיינע באַגריפן, קעגן זיין גייסט. צופיל אַכט האָט שאול — לויט שמואלס מיינונג — געשאָנקען

דער אַרמיי, ווען אין אמתן דאַרף דאָס פאָלק געדענקען, אַז זיין גליק איז אָפּהענגיק נאָר פון דעם ווילן פון גאָט, וועלכער „וועט זיין פאָלק נישט פאַרלאָזן צוליב זיין גרויסן נאָמען"... שמואל האָט געזען, אַז שטיצנדיק זיך אויף דעם חיל ווערט דער מלך אַלץ מער זעלבסטשטענדיק אין זיין טעטיקייט, וואָס ווייטער ווערט ער אַלץ ווייניקער אָפּהענגיק פון דעם נביא. דעם געטלעכן מאָן האָט, פאַרשטייט זיך, נישט זיין כבוד געאַרט, נאָר זיין אידעאַל: דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, וואָס גלייבט אין איין אייניציקן הייליקן גאָט און שטרעבט צו הייליקייט, ריינקייט און מענטשן־ליבע, ווערט אויך אַ פאָלק פון גראָבן פיזישן כוח, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, און אנשטאָט צו זיין אַ „ממלכת כהנים" („אַ מלוכה פון גאָטס־באַדינטע") ווי עס האָבן געהאָפּט די ערשטע פאָלקס־לערער און פאָלקס־אָנפירער, ווערט דאָס פאָלק פאַרוואַנדלט אין אַ שטענדיקער באַוואָפנטער אַרמיי!

שמואל הנביא איז געווען טיף איבערצייגט, אַז שאול פירט דאָס פאָלק אויף אַ פאַלשן וועג און ער האָט נישט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט אַרויסצואווייזן דעם יונגן מלך זיין שנאה. פאַרן גאַנצן פאָלק פלעגט שמואל מבייש זיין דעם גרויסן קריגס־העלד, און איין מאָל, ווען שאול האָט נישט פּינקטלעך דערפילט שמואלס פאַרזאָג (אין באַטרעף צו דער מלחמה מיט עמלק, וואָס דער נביא האָט אָנגעזאָגט פון דעם פיינטס לאַגער נישט איי־בערצולאָזן קיין לעבעדיקס, אַפילו קינדער און בהמות, און דער מלך האָט רחמנות געהאַט אויף די אומשולדיקע בהמות און זיי געשאָנקען זיין חיל, אויך אגגן, דעם קעניג פון עמלק, דעם געפערלעכן יידישן שונא, האָט ער אַ לעבעדיקן אין קייטן געבראַכט מיט זיך אין לאַנד, כדי דעם אייגענעם טריאומף מיט אים צו באַפּוצן), האָט אים שמואל אין די אויגן פון דעם גאַנצן חיל דערקלערט, אַז אין דעם נאָמען פון גאָט, אַז „גאָט וועט אַרויס־רייסן פון זיין האַנט די מלוכה איבערן יידישן פאָלק און איבערגעבן זי אין בעסערע הענט!"

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַלע לעבנס־אינטערעסן פונעם פאָלק און אַלע פּאָליטישע באַדינגונגען זיינען געווען קעגן שמואל הנביאס איי־דעאַל, דאָך איז דער מלך שאול געפאַלן ווי אַ קרבן פון שמואלס הייליקן אייפער. דער האַס, וואָס דער נביא האָט דעם מלך אַרויסגעוויזן פאַרן גאַנצן חיל אין דעם נאָמען פון גאָט, האָט זיין כבוד ביים פאָלק זייער דערנידע־ריקט. אויך די שלעכטע בשורה, אַז די מלוכה וועט פון אים אָפּגענומען

ווערן, האָט אים שרעקלעך דערשלאָגן. דער העלד ווערט קראַנק; עס פאַלט אויף אים אַרויף אַ מרה שחורה און פאַראומערט אים דאָס לעבן... די פאַרצווייפלונג, וואָס האָט זיך פאַרגנבעט ביי שאולן אין האַרצן, הערט גישט אויף אַפילו נאָך שמואלס טויט און מאַכט אים אָפּהענטיק; ער פאַרלירט זיין העלדנמוט, און צוזאַמען מיט דעם אויך זיין מילדקייט און גוטהאַרציקייט. שאול פאַרלאָזט אַלץ מער אויף לענגערע צייטן דאָס קריגספעלד; דערפאַר אָבער הייבן אָן אַ רייע בלוטפאַרגיסונגען אין לאַנד גופא. דעם מלכס אומרואיקער גייסט הייבט אָן מורא צו האָבן פאַר אַ פאַרשווערונג קעגן אים; דאַן זוכט ער אויסצוראָטן זיינע אינערלעכע כלומרשטיקע שונאים. מיט דעם צוועק הרגעט ער אויס אַ גאַנצע שטאָט מיט כהנים, (נוב עיר הכהנים), הרגעט אויס די גבעונים, וועלכע זיינען נאָך פון יהושעס צייטן געוואָרן יידישע אונטערטאַנען; אַפילו זיינע אייגענע קינדער הייבט ער אָן חושד צו זיין אין אַ פאַרשווערונג קעגן אים און פאַרפאָלגט זיי. שאול פאַרלירט אַלץ מער די ליבע פון פאָלק; ער פאַרלירט זיין צויבער־קראַפט צו באַגייסטערן זיין חיל. און ווען צו ענדע קלייבן זיך די פלשתים צוזאַמען אויף די בערג גלבוע מלחמה צו האלטן קעגן שאולן, טרעפן זיי אין יידישן לאַגער אַ מוטלאָזע אַרמיי, מיט אַ גייסטיק קרענקלעכן, פאַרצווייפלונגספולן אָנפירער. דאַן פאַרשפּילט דאָס יידישע פאָלק די שלאַכט, דאָס יידישע חיל טרעט אָפּ צוריק; נאָר שאול און זיין העלדישער זון יהונתן קלייבן בעסער אויס דעם טויט איידער דאָס שענדלעכע אַנטלויפן פון שלאַכטפעלד.

אַזוי שטאַרבט דער ערשטער יידישער מלך שאול בן־קיש!

קאַפּיטל פינף

דוד המלך

(1055—1015 פאַר קריסטוסן)

שאול איז געשטאָרבן, נאָר דאָס פּאָליטישע לעבן אין לאַנד האָט שוין נישט געקאָנט אומקערן זיך פון דעם וועג, אויף וועלכן דער פאַרשטאָרבענער מלך האָט עס אַוועקגעשטעלט. נאָך שאולן האָט געקעניגט איבערן לאַנד זיין איבערגעבליבענער זון איש־בושת. איש־בושת איז אָבער געווען נישט קיין פּאַסנדיקער יורש פון טראָן: ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער און פון זיין פּאָטערס העלדנמוט האָט ער גאָרנישט געירשנט. דער אָנפירער אין לאַנד איז געווען זיין הויפּט קריגס־הער אבנר בן־נר, וועלכער האָט די זעלביקע שטעלע פאַרנומען פאַר שאולס לעבן און האָט זיך זייער אויסגעצייכנט אין די פילע מלחמות, וואָס שאול האָט געפירט. ער האָט מיט זיין פרישן חיל ארויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד די פלשתים, וועלכע האָבן נאָך שאולס טויט געוואָלט, ווי אין אַמאָליקע יאָרן, אונטערטעניק מאַכן אונטער זיך דאָס יידישע פאָלק. נאָר דאַן האָט זיך אינעם לאַנד גופא אָנגעפאַנגען אַן אינערלעכער קאַמף. דער אומפעאיקער איש־בושת האָט נישט געקאָנט מיט זיין אויטאָריטעט צוציען צו זיך דאָס גאַנצע פאָלק, ווי זיין פאָטער שאול און אין דער הערשאַפט איבערן לאַנד קומט פאָר אַ שפּאַלטונג. דער גאַנצער שבט יהודה, וועלכער איז שטענדיק געווען אייגער פון די באַדייטנדיקסטע, זאָגט זיך אָפּ פון איש־בושתן און ווייַלט אויס איבער זיך פאַר אַ מלך דעם יונגן דוד, דעם זון פון ישי פון דער שטאָט בית־לחם, אין טייל לאַנד פון שבט יהודה.

ווי אַ פּערזענלעכקייט איז דוד געווען פיל ענלעך צו שאולן; ער באַזיצט אויך צוויי וואונדערלעכע קאָנטראַסטן אויף אַמאָל: פון איין זייט די מילדסטע גוטהאַרציקייט, כמעט די איידלסטע פרויען־צערטלעכקייט; פון דער צווייטער זייט — העלדנמוט, וואָס גרייכט כמעט ביז אכזריות. דיביידע אייגנשאַפטן האָבן אין דודן זיך נאָך אַלס קינד אַרויסגעוויזן. ווי

די מסורה דערציילט איז ער פאַסטוך געווען ביי זיין פאָטער. צווישן די טשערעדעס שאָף, אין פעלד, אין דעם שויס פון דער נאַטור, פלעגט ער זינגען באַגייסטערטע לידער און שפּילן אויף דער האַרפּע געטלעכע מע־לאָדיעס; נאָר אַז אויף די שאָף פלעגן חיות רעות אָנפאַלן, וועלף אָדער בערן אָדער לייבן, פלעגט דער יונגער געטלעכער משורר פייל און בויגן אין האַנט נעמען און גאַנץ דרייסט אין מלחמה גיין. און ווען ער איז נאָך אַ קליינער פאַסטוכל געווען, דערציילט די מסורה, האָט אים שמואל געזען און על פּי הנבואה האָט ער אים ווי אַ צוקונפטיקן מלך איבער יידן גע־זאַלבט, אנשטאָט שאולן, וועלכן דער אַלטער נביא האָט שוין פאַרפאַלגט. אַלנפאַלס האָט דער מסבב הסבות נאָך קינדווייז געגומען דודן צוגעוואוי־נען און איינאיבן אין זיין גרויסער היסטאָרישער ראָלע, וואָס ער האָט ענדלעך געזאָלט שפּילן צווישן זיין פאָלק. גאָר יונג, גלייך פון פעלד, „פון הינטער די טשערעדעס שאָף" טרעט דוד אין שאולס הויז אַריין. שאולן האָט שוין דאַן די מרה שחורה געפּייניקט און זיינע דינער האָבן אים גע־ראַטען דעם יונגן געטלעכן פּאָעט צו זיך אין הויז צונעמען, כדי ער זאָל מיט זיין וואונדערבאַרער האַרפּע פון קעניג דעם טרויער פאַרטרייבן. דוד אָבער האָט מיטן פידל אַליין זיך נישט געקאָנט באַנוגענען: צוזאַמען מיט זיער פּאָעטישער באַגייסטערונג, איז אין אים אויך זיין גבורה געוואַקסן, און זי האָט אויך געפאָדערט באַנוצט צו ווערן צום נוצן פון זיין געליבט פאָלק און גאָטס געזאַלבטן מלך.

די מסורה דערציילט, אַז אין איינער פון די אומאויפהערלעכע מלחמות מיט די פלשתים, וואָס שאול האָט געפירט, האָט דוד נאָך גאָר יונגערהייט געהרגעט דעם ריז פון די פלשתים, גליתן, וועלכער איז געווען זעקס איילן די הייך, געפאַנצערט איינגאַנצן אין אייזן און אין קופּער. ער האָט אַ שרעק אָנגעוואָרפן אויף דער מחנה פון ישראל. דער דאָזיקער ערשטער גליקלעכער העלדנטאַט האָט דודן געשאַפן אומענדלעכן רום: זיין נאָמען איז געוואָרן באקאנט דעם גאַנצן פאָלק; דאָס גאַנצע לאַנד שטאָל־צירט מיט אים. דוד טרעט אַריין אין שאולס מחנה, נעמט אנטייל אין פיל מלחמות און צייכנט זיך אומעטום אויס מיט זיין גבורה. שאול באַשטימט אים איינגיכן ווי אַ מלחמה־אָנפירער איבערן גאַנצן חיל, וואָס האָט אים שטאַרק ליב. דוד פירט מלחמות מיטן איבערגעגעבענעם חיל, ער האלט כסדר אָפּ גרויסע נצחונות, ער ווערט אַ פאָלקס־העלד, דער סאַמע באַ־

ליבסטער מאַן צווישן פאָלק, ווען דאָס פאָלק באַזינגט, ווען די פרויען באַגעגענען מיט ליבע און מיט טענץ. צו דודן ווערט צוגעבונדן דאָס גאַנצע הויזגעזינד פון מלך שאול: מיכל, די יונגסטע טאָכטער פון קעניג, פאַרליבט זיך אין קריגס־העלד און געטלעכן פאָעט און ווערט דודס פרוי.

נאָך צוזאַמען מיטן רום, וואַקסט אויך פאַר דודן אַ גרויסע געפאַר. דער גייסטיק־קראַנקער שאול קאָן נישט גלייכגילטיק צוזען, ווי עס שטייגט די ליבע פון פאָלק צו דודן. עס צעפלאַקערט זיך אין זיין קראַנק האַרץ די קנאה; זיין קראַנקע פאַנטאַזיע זאָגט אים פאָרויס, אַפילו גאַנץ אומדייט־לעך, אַז דוד וועט ענדלעך פון זיין דינאַסטיע אַרויסרייסן די מלוכה, און ער זוכט מיטלען צו מאַכן אַ סוף צו דעם יונגן משורר און העלד. ער פּרואווט אַפילו ביי זיך אין הויז מיט זיין אייגענער שווערד אים צו דער־שטעכן אין די מינוטען פון דער געטלעכער באַגייסטערונג, ווען דער משורר איז איינגאַנצן פאַרשיכורט פון די הימלרייכע קלאַנגען, וועלכע רייסן זיך אַראָפּ פון זיין האַרפע. דאַן מוז דוד אַנטלויפן פון שאולס הויז, פון זיין פרוי, פאַרלאָזן די מחנה און שטענדיק זיך באַהאַלטן פון מלכס צאָרן, וואָס זוכט אים אָן אויפהער. אַ געוויסע צייט באַהאַלט זיך דוד ביי שמואלן אין רמה. ער גיט זיך איבער דער נבואה און פירט אַריין גייסטיק לעבן צווישן די בני הנביאים. ענדלעך ווערט אָבער זיין באַהעלטעניש אַנטדעקט און ער מוז פון דאָרטן אַנטלויפן. דאַן הייבט זיך אָן פאַר דודן אַ גאַנצער פּעריאָד פון וואַנדערונג, פון באַהעלטעניש און ליידן. פיל העלדן פון לאַנד, וואָס זיי האָט געקרענקט דודס נישט פאַרדינטע צרות, זיינען אָנגעקומען צו אים צו טיילן מיט אים צוזאַמען פיין און נויט. דאַן האָט דוד צונויפגעשטעלט אַ מחנה פון עטלעכע הונדערט מאַן אויסגעצייכנטע העלדן, מיט וועלכע ער האָט ארומגעוואַנדערט איבער די גרענעץ־געגנטן פון לאַנד ישראל, אָב־געפאַלן אויף די גרענעץ־פעלקער: אויף גשור, אויף גריז, אויף עמלק אאז״וו. די דאָזיקע אָנפאַלן האָבן אויף די פעלקער אַרויפגעוואָרפן אַן אימה און זיי פלעגן האַלטן זיך וואָס ווייטער פון די יידישע גרענעצן. ביי די אָנפאַלן פלעגט דוד אָפּנעמען ביי די פעלקער פיל רויב; דעם רויב פלעגט ער אָוועקשיקן איבעם לאַנד צו צעטיילן צווישן פאָלק. ענדלעך איז אָבער זיין וואַנדערן אַפילו איבער די גרענעץ־געגנטן אויך געוואָרן נישט אָן סכנה, ווייל שאולס קנעכט האָבן אויף אים אומעטום געלויערט. דאַן האָט

דוד געמוזט אינגאַנצן פאַרלאָזן זיין הייליק לאַנד, זיין הייסגעליבט פאָלק, און ער האָט זיך מיט זיינע מענטשן באַזעצט אין פלשתים. דאָרטן האָט ער געפירט זייער אַ לוסטיקע אָבער אַ געפערלעכע פּאָליטיק מיטן מלך אכיש, פאַר וועלכן ער האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ הייסער פריינט פון די פלשתים און אַ פיינט פון מלך שאול, וועלכער האָט אים פאַרפאָלגט, און אין אמתן האָט ער פאַרגעזעצט די פריערדיקע ארבעט זיינע: ער פלעגט ווי פריער מאַכן אָפטע אָנפאַלן אויף די גרענעץ־פיינט פון ישראל!

דאָס גאַנצע לעבן פון שאולן האָט דוד אַזוי אומרחמנותדיק געוואַנדערט צווישן פרעמדע פעלקער, אין פרעמדע לענדער, צווישן שרעקלעכע געפאַרן. זיין איינציקע טרייסט פלעגט ער נאָר אָפטמאָל געפינען אין זיין האַרפע און אין דער אנערקענונג פון די בוצן, וואָס ער פלעגט גאַנץ אָפט ברענגען דורך זיינע ליידן דעם געליבטן פאָלק ישראל. זיין אומענדלעך מוחל־זיין האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווען צו דודן אין צקלג, אין פלשתים, האָט געגרייכט די טרויעריקע בשורה, אַז שאול און זיין זון יהונתן זיינען געהרגעט געוואָרן אין מלחמה. דוד פאַרגעסט די אַלע צרות, וואָס דער פאַרשטאָרבענער שאול האָט אים פאַרשאַפן, און ער ברעכט אויס מיט אַ ריינדיקן יאָמער:

„הצבי ישראל! על במותיך חלל איך נפלו גבורים -...״

דאָס פאָלק האָט אָבער אויך נישט פאַרגעסן זיין גרויסמוטיקן העלד, און נאָך שאולס טויט, ווען דוד האָט זיך אומגעקערט פון דער פרעמד אין זיין געליבט לאַנד, ווערט ער פריינטלעך הייס באַגעגנט און דער שבט יהודה זאַלבט אים אויף זיין חלק ערד ווי מלך. ער האָט זיך באַזעצט אין חברון; ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויסע מחנה, איבער וועלכער ער האָט באַשטימט אַלס הויפטמאַן דעם באַרימטן גבור יואבן, דעם זון פון צרויה, און ווי אַ געהילף זיין ברודער אבישי. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ זיבן־יאָריקער קאַמף צווישן דער מחנה פון איש־בושת און דער מחנה פון דודן. ענדלעך האָט אבנר, דער הויפטמאַן פון איש־בושתעס מחנה אַליין אויך איינגעפונען, אַז דוד איז אַ פאַסענדיקערער מלך פאַר יידן איידער איש־בושת און ער מיט זיין גאַנצער מחנה גייען איבער צו דודן. אבנר האָט דערצו אויך געניינט די יענע שבטים, וועלכע זיינען צוערשט טריי געבליבן צו שאולס זון. נאָר אַז אבנר איז געקומען קיין חברון אויסצודריקן דודן זיין טריישאַפט, האָט דאָרטן יואב אים, אָן דודס וויסן, דער־

מאָרדעט, ווייל ער האָט אים חושד געווען אין פאַלשקייט. דאָן האָבן צוויי פאַרעטער, רכב און בענה, געהרגעט איש־בושתן און געבראַכט זיין קאָפּ צו דודן, האָפנדיק אויף אַ גרויסן לוין. דוד האָט אָבער שרעקלעך נוקם געווען אָן די מערדער, „וואָס האָבן געהרגעט אַן ערלעכן מאַן אין זיין הויז, אויף זיין געלעגער"; דאָס איינציקע קינד, וואָס איז נאָך פון שאולס פאַ־מיליע איבערגעבליבן, מפיבשת, האָט דוד צו זיך אין הויז גענומען און אים דערצויגן ווי אַן אייגענער פאָטער.

נאָכן טויט פון איש־בושת פאַראייניקן זיך אַלע שבטים, קומען צו דודן קיין חברון און זאָלבן אים פאַר אַ מלך איבערן גאַנצן לאַנד. „מיר זיינען דאָך דיין ביין און בלוט — זאָגט אים דאָס פאָלק — אויך נעכטן, אויך אייערנעכטן, ווען שאול האָט נאָך איבער אונדז געקעניגט, ביסטו דאָך געווען דער פאַרזאָרגער פאַר ישראל!"

נאָכדעם ווי דער אינערלעכער קריג אין לאַנד איז איינגעשטעלט גע־וואָרן, האָט דוד זיך גענומען פאַרענדיקן די באַפעסטיקונג פון דעם יידישן לאַנד פון אויסערן, וואָס שאול האָט נאָך אין זיין צייט אָנגעפאַנגען. ער באַנייט און פאַרגרעסערט זיין מחנה און די ערשטע זאַך האָט ער באַקעמפט דאָס שטאַרקע פאָלק יבוסי, וועלכעס איז געזעסן אין מיטן לאַנד פון ישראל אין דער בערגיקער געגנט פון ירושלים, וואָס די יידן האָבן יאָרנלאַנג נישט געקאָנט איינבעמען. דוד האָט צעקלאַפּט דעם יבוסי, צוגענומען זיין לאַנד און, די פון דער נאַטור באַפעסטיקטע שטאָט ירושלים האָט ער געמאַכט פאַר זיין הויפּט־שטאָט. שפּעטער באַשליסט ער צו מאַכן אַן ענדע מיט די פּלשתים, פון וועלכע דאָס יידישע לאַנד האָט הונדערטער יאָרן נאָכאַנאַנד געליטן. צום ערשטן מאָל איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן זיי אין בעל־פרצים און האָט צעשלאָגן זייערע מחנות. די פלשתים זיינען זיך צעלאָפן, נאָר אין אַ קורצער צייט ארום האָבן זיי צוזאַמענגעשטעלט אַ נייע אַרמיי און מיט פאַרגרעסערטע קרעפטן זיינען זיי פון דאָס ניי באַפאַלן דאָס יידישע פאָלק אין עמק רפאים. דאָ האָבן זיי ווייטער געליטן דורך דודן אַ פול־שטענדיקע מפלה. נאָכער האָבן די פלשתים אַ דריט מאָל און אַ פערט מאָל דערקלערט די יידן אַ מלחמה, נאָר דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע מאָל. דוד האָט צעשמעטערט די רייען פון שונא, אים געמאַכט אונטערטעניק אויף אייביק און צוגענומען אַ שטיק לאַנד ביי די פלשתים.

מיט דעם האָט דוד געענדיקט די שוץ־מלחמות, וועלכע דאָס פאָלק

ישראל האָט געמוזט פירן הונדערטער יאָרן קעגן זיינע פיינט, די גרענעצן פון דעם יידישן לאַנד זיינען שוין געווען געזיכערט, דאָס פאָלק האָט שוין נישט געדאַרפט מער מורא האָבן פאַר די ארומיקע פעלקער, וואָס דוד האָט זיי שטענדיק געהאַלטן אין שרעק. נאָר דודס העלדנגייסט האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיקן; דאַן האָט ער אָנגעהויבן אַ גאַנצע רייע מלחמות מיט די שטאַרקסטע פעלקער פון דער אַלטער קליין־אַזיע און מעסאָפּאָטאַמיע. ער האָט אָפּגעהאַלטן גלענצנדיקע נצחונות איבער מואב, חמת, אדום, עמון, צובה אאז״וו. די דאָזיקע מלחמות האָט דאָס לאַנד פון ישראל ברייטער געמאַכט מיט פיל איינגענומענע געגנטן, דאָס פאָלק ישראל רייכער גע־מאַכט מיט פיל אָפּגענומענע רויב: מיט גאָלד, מיט זילבער און מיט קופּער. די אַלטע אַזיע האָט אויפגעציטערט פאַר דער פרישער קראַפט. די מער קולטורעלע פעלקער, ווי פעניציע, צ״ב, האָבן געמיט זיך אַריינצוטרעטן אין פריינטלעכע באַציאונגען מיטן יידישן מלך, זיי האָבן צו אים זייערע שלוחים געשיקט און מתנות אים געשאָנקען.

אָט אַזוי האָט דוד אַוועקגעשטעלט די יידישע מלוכה אויף דער העכסטער שטופע, וועלכע איז דאַן נאָר מעגלעך געווען. ער האָט אָבער נישט נאָר פאַר דער אויסערלעכער שטאַרקייט פון זיין פאָלק געזאָרגט, נאָר ער האָט אויך פאַרפולקאָמט דעם אינערלעכן אויפבוי פון דער יידישער מלוכה־אָרדענונג. די אלגעמיינע צענטראַליזאַציע האָט פאַר דודן באַקומען איר פולקאָמסטן אויסדרוק. ירושלים איז געוואָרן דאָס הארץ פון לאַנד: דאָרטן איז געזעסן דער קעניג פון דעם גאַנצן לאַנד, די הויפּט־ריכטער פון דעם גאַנצן לאַנד און די הויפּט־כּהנים פאַר דעם גאַנצן לאַנד. כּדי די צענ־טראַליזאַציע זאָל זיין פולשטענדיק, האָט דוד פון קרית־יערים געבראַכט קיין ירושלים אויך דעם הייליקן ארון. די אויטאָריטעט פון דעם דאָזיקן הייליקטום, וואָס איז שוין געווען געפאַלן ביים פאָלק פון שמואלס צייטן, האָט דוד געמיט זיך אויפצוהויבן מיט דעם, וואָס ער האָט באַנייט די גאָטעסדינסט אינעם געצעלט פון דעם ארון. צו די קרבנות, וואָס זייער ווערט איז ביים פאָלק ווי גרינגער געוואָרן, האָט ער איינגעפירט גרויס־אַרטיקע געזאַנגען און שפּילן פון גאַנצע כאָרן און אָרקעסטערס. ירושלים איז בכן געוואָרן נישט נאָר דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער צענ־טער פון לאַנד, נאָר אויך דער גייסטיקער.

דוד האָט אויפגענומען באַזונדערע לייט, וואָס יעדן פון זיי איז געווען

אנגעטרויט אַ באַזונדער מיסיע פונעם מלוכה־לעבן און פון די מלוכה־איינטערעסן. אויף אַזאַ אופן איז פאַר אים אַלזייטיק פאַרפעסטיקט געוואָרן די מלוכה־אָרגאַניזאַציע אינעם לאַנד.

די בני הנביאים, וואָס האָבן פון שמואלן אָן נישט אויפגעהערט צו עקזיסטירן אין לאַנד, האָבן נישט מיט קיין פולער איינשטימיקייט זיך פארהאלטן צו דער טעטיקייט פון דעם ענערגישן מלך. אַזוי זעען מיר, אַז דוד האָט געוואָלט בויען אַ בית המקדש פאַר גאָט אין ירושלים, כדי נאָך מער פאַרשטאַרקן די גייסטיקע צענטראַליזאַציע אין ירושלים, האָט אים נתן הנביא געזאָגט אין דעם נאָמען פון גאָט, אַז זיין בנין וועט פאַר גאָט נישט באַוויליקט ווערן, „ווייל זיינע הענט האָבן צופיל בלוט פאַרגאָסן"...

נאָר אויב דוד האָט זיך נישט זייער פיל גערעכנט מיט די אנזיכטן פון די נביאים אין זיינע פאָליטישע אונטערנעמונגען, האָט ער דאָך די נביאים זייער געשעצט ווי די ריכטיקע טרעגער פון דעם געטלעכן אמת און צווישן זיינע הויפלייט און גרויסע שרים האָבן זיי פאַרנומען דעם אָנגעזעענסטן אָרט. ווי מענטשן מיט דער גרעסטער מסירות־נפש פאַר דער גערעכטיקייט האָבן זיי שטרענג באַכגעקוקט אַלע טאַטן פונעם מלך און פאַר יעדער אומרעכט האָבן זיי אים געזאָגט די פייערדיקסטע שטראָף־רייד, נישט מורא האָבנדיק פאַר קיין זאַך. מיט זייער מיטהילף האָט דוד זיך געמיט איינצופלאַנצן אין לאַנד דעם ריינעם אמת און יושר, נישט אָפּטרעטנדיק פון זיי אויף אַ האָר און ער איז אַזוי אַרום ביים פאָלק דערפאַר געבליבן אויף אייביק פאַררעכנט אַלס דערהויבנסטער ביישפּיל פון גערעכטיקייט און אמת.

דודס לעבן איז געווען פון אָנפאַנג ביזן סוף געווידמעט דעם גליק פון זיין פאָלק און זיין לאַנד; אים אַליין פערזענלעך האָט דאָס לעבן אָבער גאָר קיין גליק נישט געשאַפן. פון דער יוגנט האָט ער פאַרזוכט דעם טעם פון פאַרפאָלגונג, שאולס שפּיז איז פיל מאָל אים איבערן קאָפּ געפלויגן און נאָר בנס איז ער נצול געוואָרן; באהאלטנדיק זיך אין לאַנד פון די פלשתים און פירנדיק דאָרטן אַ צווייזייטיקע פּאָליטיק מיטן מלך אכיש, איז זיין לעבן יעדע רגע געשטאַנען אין געפאַר, טאָמער ווערט באַוואוסט זיין סוד. און אַפילו ווען ער האָט צום טראָן דערגרייכט האָבן זיינע ליידן זיך נאָך נישט געענדיקט. דוד האָט געהאט פיל ווייבער און פיל קינדער און צווישן זיין גרויסן הויזגעזינד זיינען שטענדיק פאָרגעקומען קריג און

אינטריגעס, וואָס פלעגן אים פאַרביטערן דאָס לעבן. אמנון זיין זון פון איין פרוי האָט זיך פאַרליבט אין תמרן, זיין צווייטער פרויס אַ טאָכטער פון איר ערשטן מאַן; אמנון האָט תמרן פאַרנאַרט צו זיך און זי געשענדט. אבשלום, דודס אַ צווייטער זון און תמרס אַ ברודער פון איין מוטער, האָט זיך נוקם געווען אַן אמנונען: איינלאַדנדיק אים צו זיך אויף אַ פאַמיליען־יום־טוב, האָט ער אים דערהרגעט; אמנון איז אָבער געווען דודס בכור און ליבלינג, האָט ער אבשלומען דעם ברודער־מאָרד נישט געקאָנט מוחל זיין און ער האָט אים פאַרטריבן פון זיין לאַנד. אין אַ יאָר דריי ארום ערשט האָט דער מלך זיין פאַרטריבענעם זון דערלויבט צוריק אין לאַנד זיך אומצוקערן. דאַן האָט אבשלום ווי אַ נקמה אויפגעהויבן אַ פאַרשווערונג קעגן זיין אייגענעם פאָטער. מיט זיינע חניפה־רייד האָט ער אַפילו אויף זיין זייט צוגעצויגן צו זיך דאָס גאַנצע פאָלק און דודס לעבן איז געשטאַנען אין געפאַר. פאַרגעסן איז געוואָרן אַלץ וואָס דער דאָזיקער העלד האָט געטון פאַר זיין לאַנד און אויף דער עלטער האָט דוד געמוזט אַנטלויפן פון זיין הויפט־שטאָט, פון זיין קעניגלעכן הויז, און מיט עטלעכע הונדערט מאַן, וואָס זיינען אים טריי געבליבן, זיך באהאלטן אין די וועלדער. אבשלום האָט זיין פאָטערס קעפּס־ווייבער געשענדעט און נאָכער האָט ער אים נאָכגעיאָגט. נאָר די אייניקע הונדערט מאַן, וועלכע זיינען מיט דודן געבליבן, האָבן מיט מסירות־נפש מלחמה געהאלטן מיט אבשלומס חיל אין וואַלד, וואו צווישן זיי איז פאַרגעקומען דער צוזאַמענשטויס און אים גובר געווען. אבשלום אַליין איז אויך דאַן דערשטאָכן געוואָרן דורך יואבן, דודס פעלדהער, טראָץ דודס פאַרזאָג. דוד האָט מנצח געווען זיין פיינד, אָבער זיין נצחון האָט אים אַן אייגן קינד געקאָסט, און ער האָט זיך מיט זיין נצחון נישט געקאָנט באזונדער פרייען... דאָס פאָלק האָט זיך באלד ארומגעזען, וואָס פאַר אַ שרעקלעכן פאַרברעכן עס איז באַגאַנגען קעגן זיין, מיט לייב און לעבן איבערגעגעבענעם מלך, און איז געקומען פאַרן קעניג פון דאָס ניי אים אויסדריקן זיין טריישאַפט, נאָר אבשלומס פאַרשווערונג האָט זייער אַ שלעכטן ביישפּיל געוויזן. באלד האָט זיך געפונען אַ נייער מורד, שבע בן־בכרי, וואָס האָט אויך אויפגעהויבן זיין האַנט קעגן מלך. אויך די פאַרשווערונג איז גיך איינגעשטילט געוואָרן; אין געפילפולן האַרצן פון דעם מלך האָט דאָס אָבער איבערגעלאָזן זייער ביטערע איינדרוקן.

אין דודס פריוואַטן לעבן איז נאָך עפּעס טרויעריקעס פאַרגעקומען,

וואָס אַזאַ הייליקע נשמה האָט נישט געקאָנט גלייכגילטיק פאַרטראָגן, כאָטש ביי די פאַרצייטיקע דעספּאָטישע הערשער איז עס געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך. דודן איז געפעלן געוואָרן בת־שבע, די פרוי פון אוריה החתי, וועלכער האָט געדינט ביי אים אין מחנה. ער האָט געהייסן איר ברענגען צו אים... ווען אָבער די פרוי האָט אים שפּעטער געלאָזט וויסן, אַז זי איז טראָגנדיק געוואָרן פון אים, האָט ער קיין אַנדער מיטל נישט געפונען, ווי די זאַך צו פאַרדעקן, נאָר צונעמען זי פאַר אַ פרוי צו זיך. דאַן הייסט ער יואבן, אין דער צייט פון אַ מלחמה, אַוועקשטעלן אוריהן, בת־שבעס מאַן, אין סאַמע געפערלעכסטן אָרט אויפן שלאַכטפעלד, וואו ער איז געהרגעט געוואָרן, און דוד נעמט בת־שבען צו זיך פאַר אַ פרוי... דאָס ערשטע קינד אָבער, וואָס זי האָט אים געבוירן איז געשטאָרבן, ווי אַ שטראָף פאַר זיין פאַרברעכן, ווי נתן הנביא האָט אים מיט דרייסטיקייט געזאָגט. זיין גאַנצן לעבן האָט דוד געדענקט דעם דאָזיקן פאַרברעך און חרטה־געהאַט... אין מלך דודס צייט איז אין לאַנד אויך פאַרגעקומען אַ מגפה; ביז זיבעציק טויזנט מאַן זיינען דאַן אויסגעשטאָרבן; דוד האָט אויך די דאָזיקע מגפה געשטעלט אויפן רעכענונג פון זיינע זינד. (ער האָט דאָס יאָר דאָס פאָלק געציילט, וואָס איז פאַרבאָטן דורך דער תורה!) און ער האָט דאַן צו גאָט מתפלל געווען: „אמת איך האָב געזינדיקט און באַגאַנגען פאַרברעכנס; וואָס האָט אָבער דאָס אומשולדיקע שאָף געטון קעגן דיר? שטראָף מיך און מיין הויזגעזינט!"...

די אומאויפהערלעכע צרות, וואָס דוד איז ביים לעבן אויסגעשטאַנען, פלעגן פון זיין האַנט גאַנץ אָפט די שווערד אַרויסרייסן און ער פלעגט זיך פאַר דער האַרפע נעמען. געטלעכע שירים פלעגן זיך דאַן פון זיין צעבראָ־כענעם האַרצן גיסן און פלעגן אים ווי באַלזאַם די וואונדן פון זיין נשמה היילן, אין זיי פלעגט ער זיין טרייסט געפינען און פרישע כוחות צו נייע האָפענונגען שעפּן... אין דודס האַרצן האָט אייביק געלעבט די ליבע צו דער נאַטור, וואָס אין איר שויס האָט ער זיך דערצויגן קינדווייז נאָך אַלס פאַסטוך. דוד האָט, ווי קיינער אין דער וועלט, באַגריפן די אומענדלעכקייט און מעכטיקייט פון דער נאַטור. אין דער אומענדלעכקייט און מעכטיקייט פון דער נאַטור האָט דוד פאַרנומען די געטלעכקייט, איר גרויסקייט און הייליקייט. צו דער דאָזיקער אומענדלעכקייט און געטלעכקייט פלעגט דוד אין זיינע שירים זיך דערהויבן — וואָס האָבן אים דאַן געקאָנט אַרן זיינע

צייטווייליקע יסורים ? ... וואָס פאַר אַ נחת האָט אים געקאָנט אויך פאַר־שאַפן זיין צייטווייליקער רום, זיין קעניגלעכע גרויסקייט אין פאַרגלייך מיט דער אייביקער מעכטיקייט ?...

אַזוי פלעגט פאַלן דער שטאָלץ און אַזוי פלעגט שטומען דער וויטיק אין די באַגייסטערטע האַלב־נעכט, ווען דוד פלעגט פון זיך וואַרפן זיין שווערד צו דער ערד און נעמען זיין האַרפע.

דודס שווערד האָט פאַר זיין פאָלק ישראל געשאַפן אַ פעסט קעניג־רייך; דודס האַרפע האָט פאַר דעם פאָלק תהלים געשאַפן; דאָס פאָלק האָט זיי ביידע פאַרהייליקט !

פערציק יאָר האָט דוד געקעניגט און דערצויגן זיין פאָלק. צו זיבע־ציק יאָר איז ער געשטאָרבן אין זיין הויפט־שטאָט ירושלים, מיד און צעבראָכן פון דער גרויסער פאָלקס־אַרבעט, פאַר וועלכער דער העלדישער מלך האָט זיין לעבן געאָפפערט. דאָס פאָלק האָט שטענדיק מיט דעם נאָמען פון דעם גרויסן העלד און געטלעכן משורר פאַרבונדן זיינע אייגענע ליכטיקסטע דערינערונגען פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט צוזאַמען מיט זיינע הערלעכסטע האָפענונגען אין דער ווייטער צוקונפט. אויף דער מצבה פון מלך דוד, וואָס דאָס יידישע פאָלק טראָגט אין האַרצן שוין טויזנטער יאָרן, שטייט אויסגעקריצט מיט אַן אומשטערבלעכער האַנט :

ד ו ד מ ל ך י ש ר א ל ח י ו ק י ם !

קאַפּיטל זעקס

שלמה המלך

(1015 ביז 977)

ווייט און ברייט, פון טייך פרת ביז דער גרענעץ פון מצרים, איז געווען פונאַנדערגעוואָרפן די מלוכה פון ישראל בעת דודס לעבן. נאָך בייע נצחונות וואָלטן שוין כמעט ווי גאָרנישט צוגעגעבן צום רום פון דעם געוועזענעם פאָלק. עס איז נאָר געבליבן אויפן פרידלעכן אופן גוט איינצוהיטן און פאַרפעסטיקן דאָס, וואָס דוד האָט מיט זיינע פעלדצוגן דערוואָרבן. דעם שווערד האָט געמוזט פאַרבייטן די קלוגע האַנדלונג פון דעם הערשער. מען האָט געדאַרפט געבן דעם אויסגעמאַטערטן (פון די פיל מלחמות) פאָלק די מעגלעכקייט זיך איבערצוגעבן, ווי אַמאָל, זיינע פרידלעכע באַשעפטיקונגען: ערד־אַרבעט, האַנטווערק און האַנדל. מען האָט געדאַרפט פאַרשטיין ווי אַמבעסטן אויסצונוצן די גלענצנדיקע פּאָלי־טישע לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען דאָס לאַנד פון ישראל, פאַר דעם גליק פונעם פאָלק, כדי עס זאָל זיך קאָנען אַנטוויקלען אַלזייטיק — פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און מאָראַליש. די דאָזיקע שווערע אויפגאַבע איז געפאַלן אויף דוד המלכס טראָנפאָלגער, אויף זיין זון שלמהן.

דודס זון שלמה איז געווען פון בת־שבע, דער פרוי, וואָס ער האָט אָוועקגערויבט פון אוריה החתי; נאָך ביים לעבן האָט דוד געלאָזט זאַלבן שלמהן פאַר אַ מלך איבערן גאַנצן לאַנד, כאָטש ער האָט געהאַט עלטערע זין פאַר אים. דערביי האָט מיטגעווירקט נתן הנביא, וועלכער האָט אין זיין צייט אַזוי אומדערבאַרעמדיק געשטראָפט דודן פאַר זיין גרויסן פאַר־ברעכן, ווי די נבואה וואָלט געוואָלט דערווייזן דורך שלמהס געזאַלבט ווערן אַלס מלך, אַז דודס זינד דורך בת־שבען זיינען פאַרגעבן געוואָרן צוליב זיין כסדרדיקער חרטה און אָפּגעוואַשן געוואָרן דורך זיינע פיל פאַרגאָסענע טרערן! אין דערווירקלעכקייט האָט דער נביאים־אידעאַל קיין געטרייערן טרעגער פאַר זיך נישט געקאָנט געפינען, ווי שלמה. פון

דער יוגנט נאָך האָט ער אַרויסגעוויזן דעם הערלעכסטן פּאָעטישן גייסט און די גרעסטע ליבשאַפט צו דער חכמה, געהאַסט די פיזישע קראַפט און העכער פאַר אַלץ אין מלוכה־לעבן האָט ער גערעכנט די גערעכטיקייט. „די פרומקייט און די גערעכטיקייט היטן דעם מלך״; „ס׳איז בעסער חכמה פאַר גבורה, ס׳איז בעסער חכמה פאַר קריגס־געווער״; „נאָר ביי מיר, טיפזיניקייט, איז די גבורה, נאָר מיט מיין הילף קאָנען מלכים געוועלטיקן״. די אָנשויאונגען האָט שלמה געלייגט ווי אַ פונדאַמענט אין זיין מלוכה־פּלאַן. די מסורה דערציילט, אַז אין אָנהייב, ווי שלמה איז געוואָרן אַ מלך, האָט זיך אים גאָט באַוויזן און אים געפרעגט, וואָס וויל ער, אַז גאָט זאָל אים שענקען אַנשטאָט גבורה, כבוד, רייכקייט און אַ לאַנג לעבן, וואָס גאָט האָט אים פאַרגעלייגט, האָט שלמה אויסגעקליבן נאָר אַ האַרץ, וואָס זאָל פאַרשטיין ווי צו באַגיין זיך מיטן פאָלק, און זאָל קאָנען ריכטיק אונטערשידן צווישן גוטן און שלעכט, כדי ערלעך דאָס פאָלק צו משפטן! און גאָט האָט אים געזאָגט: „איך טו דיין פאַרלאַנג: איך שענק דיר אַ קלוג, גוט האַרץ, וואָס פאַר דיר איז אַזאַ נישט געווען און נאָך דיר וועט אַזאַ נישט זיין. און אויך דאָס וואָס דו האָסט אַליין נישט פאַרלאַנגט וועל איך דיר געבן: אויך רייכקייט און כבוד, וואָס אַזעלכעס האָט נאָך קיין מלך אין דער וועלט נישט געהאַט!״

גאָטס הבטחה איז טאַקע מקוים געוואָרן. שלמה האָט מיט זיין חכמה, ווי עס זאָגט דער תנ״ך, אַריבערגעשטיגן אַלע געלערנטע פון די מזרח־לענדער און פון מצרים; דאָס פאָלק רופט אים אָן „המלך החכם מכל האדם״. די ספרים, וועלכע געפינען זיך ביי אונדז און זיינען אונטערגעשריבן מיט שלמהס נאָמען, ווייזן אַז דער דאָזיקער טיטל, מיט וועלכן דאָס פאָלק האָט דעם מלך פון ירושלים געקרוינט, איז גאָרנישט איבערטריבן.

לויט דער מסורה, האָט שלמה נאָך אין דער יוגנט געשאַפן די וועלט־באַרימטע פּאָעמע „שיר השירים״, אין וועלכער דער געטלעך־באַגאַבטער משורר באַזינגט, צוזאַמען מיט דער אומשולדיקער פּאַסטוכישער און ערד־אַרבעטערישער לעבנסאַרט פון זיין פאָלק, די ריינע, נאַאיווע ליבע, וועלכע ער דערהויבט דורך זיין צערטלעכער מוזע ביז דער מדרגה פון אַ הייליקטום. אין ספר „משלי״ געפינען מיר די פּראַקטישע קלוגשאַפט, וועלכע נעמט אַרום דאָס אַלטעגלעכע לעבן אין אַלע זיינע פּאַזעס, צוזאַמען מיט די דערהויבנסטע צילן, וועלכע דריקן אויס דעם מחברס שטרעבונגען

ווי אַ הערשער, שופט און פאָלקס־אָנפירער. 1) לויט דער מסורה געהערט שלמהן אויך דער ספר „קהלת, וועלכער איז דער טיפסטער אויסדרוק פון דעם אייביקן וועלט־שמאַרץ, די גרויזאַמסטע טראַגעדיע פון דעם מענטש־לעכן גייסט, וואָס זוכט אייביק דעם ציל פון זיין וועזן און בלאָנדזשעט אייביק, וואָס צווייפלט אין גלויבן און גלויבט פון פאַרצווייפלונג...

לויט די אַלע אויסגערעכנטע ספרים ,אויף וועלכע עס באַזירט זיך, מען קאָן זאָגן, די גאַנצע אַלמענטשלעכע מאָראַל און האַרץ־פילאָזאָפיע, שטעלט זיך פאַר דאָס בילד פון שלמהן ווי אַ דערהאַבנסטער פּאָעט, טיפ־זיניקער דענקער, ווי אַ דורכדרינגענדיקסטער האַרץ־ און מענטשן־קענער און הויפּטזעכלעך ווי אַן איבערגעבנסטער דינער פון אמת און גערעכטי־קייט. מיט אַזעלכע אייגנשאַפטן נעמט שלמה דעם טראָן פון זיין פאָטער דוד, זייענדיק אַלט אַ יאָר צוואַנציק און ער שאַפט זיך באַלד אַן אייביקן אַלוועלטלעכן רום ווי אַ געניאַלער פאָלקס־שופט, אַדמיניסטראַטאָר און שטאַטסמאַן.

שלמהס משפט איז אַלעמען באַקאַנט. כדי אין אַ קריג צו דערגיין גרינטלעך, אויף וועלכן צד איז דער אמת, אנשטאָט די געוויינלעכע אָבּ־יעקטיווע געריכט־באַווייזן, ווי עדות, שבועה אדג״ל, וואָס ברענגען נישט שטענדיק די געווינטשטע רעזולטאַטן, פלעגט שלמה זיך באַנוצן מיט אַזעלכע סוביעקטיווע, נאָר שאַרפזיניקע מיטלען, וועלכע טראָגן איבער־הויפּט אַ ריין פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער און לאָזן אין האַרצן קיין צווייפל נישט. פון די פילביישפילן פון שלמהס חכמה ווי אַ שופט, וואָס דאָס פאָלק דערציילט, איז אַלעמען באַוואוסט די געשיכטע מיט די צוויי פרויען, וועלכע זייַנען געקומען פאַר אים צום משפט. דורך דעם קלוגן פסק דין, וועלכער האָט אומבאַדינגט געמוזט ארויסרופן דאָס ריכטיקע מוטער־געפיל, איז ער דערגאַנגען אין דעם שטרייט פון די צוויי פרויען איבער דער אָנ־געהעריקייט פון אַ קינד ווער עס איז די אמתע מוטער.

שלמהס חכמה אַלס שופט האָט אין יענער צייט אַרויסגערופן די פאַרוואונדערונג פון אַלע ארומיקע מלכים, וועלכע פלעגן צוליב דעם קומען

---

1) מען שרייבט אים צו אויך אַ ספר „חכמת שלמה" (אין די „כתובים אחרונים") נאָר דער ספר איז געווים אַ פּראָדוקט פון די שפּעטסטע צייטן. און אפילו ניט קיין פּראָדוקט פון פאָלקס־חכמה, נאָר פילאָזאָפישע געדאַנ־קען פון אַ גריכישן געלערנטן יידן אין די לעצטע צייטן פון בית שני.

אליין קיין ירושלים, כדי צו איבערצייגן זיך אין דער ריכטיקייט פון די וואונדער, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעהערט וועגן דעם מלך פון ישראל. אין תנ"ך ווערט דערציילט, ווי עס איז געקומען די קעניגן פון דעם ווייטן לאַנד שבא צו שלמהן אין הויז אָנצוקוקן דעם וואונדערלעכן מלך און צו הערן זיין קלוגשאַפט. פאַר איר אומקערן זיך צוריק אין איר לאַנד האָט די קעניגן פון שבא געזאָגט צום מלך שלמה:

„ריכטיק איז דאָס, וואָס איך האָב געהערט אין מיין לאַנד וועגן דיינע מעשים און וועגן דיין חכמה; איך האָב עס נישט געוואָלט גלויבן ביז איך בין אַהער געקומען און איך האָב זיך מיט מיינע אויגן ניט איבערצייגט. אַז מען האָט מיר אַפילו קיין העלפט נישט דערציילט פון דיין גרויסקייט. דו ביסט פיל קליגער און גוטהאַרציקער, ווי איך האָב וועגן דיר געהערט. גליקלעך זיינען דיינע מענטשן; גליקלעך זיינען דיינע קנעכט, וועלכע שטייען פאַר דיר שטענדיק און הערן דיין חכמה. זאָל זיין געבענטשט גאָט דיין באַשעפער, וועלכער, אויס ליבע צו זיין פאָלק ישראל, האָט ער דיך אַרויפגעזעצט אויפן טראָן פון ישראל און פאַר אַ מלך דיך אויסגעוויילט צו שאַפן אין לאַנד משפט און גערעכטיקייט!..."

שלמה איז געווען פון נאַטור ווי אויך לויט זיינע אָנשויאונגען אַ פרידלעך געשטימטער מענטש, „איש מנוחה". עס איז אים געלונגען אָן בלוט-פאַרגיסונג 1) בלויז פירענדיק אַ קלוגע פּאָליטיק, כמעט זיין גאַנצן לעבן איינצוהאַלטן דעם אינערלעכן און אויסערלעכן שלום פון לאַנד. ער איז אַריינגעטראָטן אין פרידלעכע אַפילו פריינטלעכע באַציאונגען מיט די אַרומיקע מלוכות. מיט פיל פון זיי האָט ער זיך גאָר מתחתן געווען. אַזוי האָט ער גענומען פאַר אַ פרוי די טאָכטער פון מלך עמון און נאָכער די טאָכטער פון מלך מצרים. דורך דעם האָט ער נאָך מער פאַרזיכערט די לאַגע פון דעם לאַנד און אויפגעהויבן זיין רום; דער וואוילשטאַנד פון פאָלק דערגרייכט דאָן די העכסטע מדרגה. אין תנ"ך ווערט געזאָגט, אַז

1) נאָך דער ערשטער שלמהס אַרויפטריט אויפן טראָן איז פאַרבונדן מיט בלוט-פאַרגיסן: ער האָט געהרגעט זיין ברודער אדוניה, וועלכער האָט צוליב זיין עלטער, פרעטענדירט אויף זיין פאָטערס קרוין. צוזאַמען מיט אדוניהן האָט שלמה אויך געטויט דעם עלטסטן און העלדנמוטיקסטן דודס קריגס-הער יואבן, ווי אויך פיל אַנדערע גרויסע לייט פון פאָלק, וועלכע האָבן געהאַלטן מיט אדוניהס צד.

„פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס שלמה האָט געהערשט אין לאַנד ישראל, האָט דאָס פאָלק געלעבט רואיק, יעדער אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונ־טער זיין פייגנבוים. מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז די גאַנצע באַשעפ־טיקונג אין לאַנד איז באַשטאַנען דורכויס אין ערד־אַרבעט, ווי מען קאָן אין פלוג פאַרשטיין דעם דאָזיקן פסוק. די ערד־אַרבעט איז, אמת, געווען דער יסוד פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט; נאָר צוזאַמען מיט דעם האָט פאַר שלמהס צייט שטאַרק אנטוויקלט אין לאַנד פון ישראל דער אינערלעכער און אויסערלעכער האַנדל. די נאָענטסטע, צו ארץ ישראל, מלוכה, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר מסחר און רייכקייט, איז געווען צור (פעניציע). צו דרום זייט האָט זיך געפונען די פרוכטבאַרע און קולטורעלע מצרים (עגיפּטן); פון צפון זייט, ארם, מיט איר הויפּט־שטאָט דמשק. מיט די אַלע מלוכות האָט שלמה געשלאָסן אַ האַנדלס־אָפּמאַך. די בני ישראל פלעגן אין יענע לענדער ארויספירן זייערע ערד־פּראָדוקטן: קאָרן, וויין און איילבירטן, און אנשטאָט דעם פלעגן זיי אַריינפירן: פּימסען־האָלץ און בוקסן־ביימער, פון צור, פערד און רייטוועגענער פון מצרים. די הויפּט־באַדייטונג פון דעם לאַנד איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס עס האָט געדינט ווי אַ גרויסער קאַראַוואַנען־וועג אויף דורכצופירן סחורה צווישן מעסאָפּאָטאַמיע און מצרים, צווישן אַזיע און אַפריקע. דאָס לאַנד כנען איז געווען דורכויס דורכגעשניטן מיט אַזעלכע דורכפאָר־וועגן. לויט שלמהס פאַראָרדענונג איז אויף די דאָזיקע וועגן אין פאַרשידענע פונקטן געווען אויסגעבויט באַקוועמע סטאַנציעס פאַר די קאַראַוואַנען פון פאַר־שידענע לאַנדער פאַר זייערע סחורות; ארץ ישראל איז אַלזאָ געוואָרן דער מיטלפּונקט פון דעם סחורה־אויסטויש צווישן אַזיע און אַפריקע, צוליב וואָס עס האָט אויפגעבליט דער לעבהאַפטסטער האַנדל אין לאַנד. ווי עס שיינט האָבן די קאַראַוואַנען אויך געמוזט פאַר דעם דורכפירן זייערע פאַר־שידענע סחורות צאָלן געוויסע אָפּצאָלונגען, וואָס האָט אריינגעבראַכט אין דער מלוכה־קאַסע גרויסע הכנסות.

צוזאַמען מיטן יבשה־האַנדל האָט זיך אויך אַנטוויקלט אין לאַנד פון ישראל דער ים־האַנדל, אַ דאַנק שלמהס אָפּמאַך מיט דער מלוכה צור, וועל־כע איז אין אַלטערטום געווען באַרימט מיט אירע בעסטע ים־רייזנדערס, וואָס האָבן נאָך אין יענער צייט דורכגעשוואומען דורך דעם געפערלעכן גיבראַלטאַר און האָבן דערגרייכט ביז די ווייטסטע מקומות אין אַפריקע.

די סוחרים פון דיביידע לענדער — ארץ־ישראל און צור — פלעגן בויען צוזאַמען גרויסע שיפן, אויף וועלכע זיי פלעגן זיך לאָזן אין ים אַריין צו דעם גאָלד־לאַנד אופיר, קיין אינדיע (הודו), קיין כינע אאז"וו. יעדע ים־רייזע פלעגט געדויערן אַ משך פון דריי יאָר. דאַן פלעגט דער פאַרייניקטער פלאָט פון צור און ישראל זיך אומקערן, אָנגעלאָדן מיט זילבער, מיט גאָלד, מיט קופער און אַנדערע טייערסטע מעטאַלן, מיט העלפאַנט־ביין, מיט די אויסגעצייכנטסטע געהילצן, מיט שמעקנדיקע געווירצן און מיט די פאַרשידנסטע לוקסוס־אַרטיקלען.

זייער גרויסע הכנסות האָבן אין לאַנד אַריינגעטראָגן אויך די פיל מתנות, וואָס פאַרשידענע מלוכות פלעגן שיקן צום קלוגן מלך, וועלכער האָט געשפּילט אין דעם פּאָליטישן לעבן פון אוראַלטן מזרח די הויפּט־ראָל, כדי צו געווינען זיין פריינטשאַפט. די מתנות פלעגן באַשטיין „פון גאָלד און פון זילבער און פון קליידער און פון געווער און פון געווירצן און פון פערד און פון מויל־אייזלען — יאָר־יערלעך"...

די רייכקייט אין לאַנד פון ישראל האָט אין שלמהס צייטן אַלזאָ דער־גרייכט די העכסטע מדרגה. „פאַר שלמהס לעבן — דערציילט זיך אין תנ"ך — איז געלט געווען פאַר גאָרנישט גערעכנט". שלמה האָט גע־מאַכט אַזוי רייך דאָס פאָלק, אַז זילבער איז געווען אין ירושלים ווי שטיי־נער פיל, און צעדערהאָלץ — ווי די דערנער אינעם טאָל".

שלמה המלך האָט זיך אויך ווי זיינע פאָרגייער שאול און דוד גע־זאָרגט פאַר דער פאַרייניקונג פון אַלע שבטים אין לאַנד, און אין זיין צייט איז די אינערלעכע צענטראַליזאַציע פון דער מלוכה פאַרפולקאָמט גע־וואָרן. די פריערדיקע עטנאָגראַפישע צעטיילונג פון פאָלק האָט שלמה פאַרביטן אויף דער אַדמיניסטראַטיווער צעטיילונג. ער האָט צעטיילט די גאַנצע מלוכה פון ישראל אויף צוועלף געגנטן, נישט רעכנענדיק זיך דער־ביי מיט דער צוזאַמענשטעלונג פון די שבטים אין יעדער געגנט. כדי צו קענען בעסער איינפירן די אַדמיניסטראַטיווע אָרדענונג אין דעם ברייטן לאַנד, האָט ער אין יעדער געגנט באַשטימט אַ באַזונדערן פאַרטרעטער (נציב), וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע אָנצופירן מיט די פאַרשידענע אַדמיניסטראַטיווע אָנגעלעגנהייטן פון דער געגנט. איבער די אַלע צוועלף נציבים איז אויפגענומען געווען אַן אויבערהאַר, וועלכער פלעגט קאָנטראָ־

לירן די נציבים און האַלטן זיי אָפּהענגיק פון דער צענטראַלער מאַכט אין ירושלים.

שלמה האָט אויך אויסגעפירט דוד המלכס פּלאַן וועגן אויסבויען אין ירושלים אַן אַלגעמיין הייליקטום, וועלכער זאָל דינען ווי אַ גייסטיקער צענטער פאַרן גאַנצן פאָלק אין גאַנצן לאַנד. אויפן העכסטן פּלאַץ אין ירושלים, וועלכע איז פאַר זיך פאַררעכנט געווען ווי איינע פון די העכסטע ערטער אין דעם אוראַלטן מזרח, — אויפן הייליקן באַרג מוריה, וועלכער איז צונויפגעבונדן מיט די שענסטע און הייליקסטע פאָלקס־מסורות, האָט שלמה אויפגעשטעלט דעם וועלט־באַרימטן בית־המקדש. זיבן יאָר האָט דאָס בויען געדויערט, אונטער דער אויפזיכט פון די בעסטע בוי־מייסטערס פון דער אַלטער צור. צענדליקער טויזנטער מענער פלעגן האַקן אין די אַרומיקע ארץ־ישראל־בערג די שטיינער צום בנין; צענדליקער טויזנטער מענער פלעגן פאַר אים זעגן אין לבנון־וואַלד צעדערן און בוקסן־ביימער. די קינסטלערישע אַרכיטעקטור, די מייסטערהאַפטע שניצונג, דאָס גאָלד און דאָס זילבער און דאָס העלפאַנט־ביין, וואָס האָבן באַדעקט די ווענט פונעם היכל, דעם ארון פון די לוחות, די כרובים, דעם מזבח אדג"ל האָבן באַצויבערט יעדן זון פון ישראל. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן ווירקלעך געקאָנט האָבן די פאַרשידענע איינפאַכע מזבחות און במות, וואָס האָבן נאָך פון שמואלס צייט זיך געפונען אין פאַרשידענע ערטער אין לאַנד, אין פאַרגלייך מיט דעם פּוץ און גלאַנץ פון דעם דאָזיקן היכל?!

שלמהס בית־המקדש, וועלכער האָט זיך קונה־שם געווען אין אַלע שכנותדיקע לענדער, האָט בכן אינעם לעבן פון פאָלק ישראל באַלד זיך דערוואָרבן די געוואונטשענע אויטאָריטעט און באַדייטונג. שלמה האָט מיט גרויס פּאַראַד געפייערט די דערעפענונג פון „גאָטס־הויז", דערביי האָט ער אויך, לויט די פאָלקס־מנהגים, געבראַכט פיל קרבנות; באַשטימט האָט אָבער דער קלוגער מלך פאַרן בית־המקדש אַ פיל העכערן ציל, ווי קרבנות ברענגען. דאָ האָט ער זיך געהאַלטן ביי די אנשויאונגען פון די נביאים, וועלכע האָבן — מיט שמואלן אין דער שפּיץ — ווייניק געהאַלטן פון דעם קרבנות־דינסט. אין דער מוסטערהאַפטער תפלה, מיט וועלכער שלמה האָט באַנייט דעם בית־המקדש, האָט ער דאָס הייליקטום באַשטימט פאַר תפלה, פאַר „עבודה שבלב". די הערלעכקייט, די פייערלעכקייט, די הייליקייט, וואָס האָט גערוט אין דער „געפעל־טונקלקייט" פון היכל, האָבן

געדאַרפט וועקן די בעסטע געפילן פון יעדן באַזוכער און ווענדן דאָס האַרץ זיינס צום אמתן גאָט... די האָפענונגען, וואָס שלמה האָט אַרויפגעלייגט אויפן בית־המקדש, זיינען געווען פיל דרייסטערע ווי זיין פאָטער דודס: ער האָט נישט בלויז פאַרן פאָלק ישראל, נאָר פאַר דער גאַנצער מענטש־הייט מיט דעם געשטרעבט אַ גייסטיקן צענטער אויפצובויען.

„און אויך צו דעם פרעמדן — בעט שלמה אין זיין תפלה — וועל־כער איז נישט פון דיין פאָלק ישראל, אַז ער וועט קומען פון אַ וייטן לאַנד. צוליב דיין גרויסן נאָמען און שטאַרקער מאַכט און אויסגעשטרעקטן אָרעם — אַז ער וועט קומען און בעטן פאַר דיר אין דעם דאָזיקן הויז — זאָלסטו פונעם הימל, פון דיין פאַרפעסטיקטן טראָן, זיין שטים צוהערן און דו זאָלסט טון דאָס, וואָס עס וועט בעטן פון דיר דער פרעמדער, זאָלן אויך אַלע פעלקער פון דער וועלט דערקענען דיין נאָמען, מורא האָבן פאַר דיר, ווי דיין פאָלק ישראל, און וויסן, אַז דיין נאָמען איז באַרופן אויף דעם דאָזיקן הויז, וואָס איך האָב געבויט!”...

די עפענונג פון בית־המקדש האָט אין לאַנד אַרויסגערופן אַ גרויסע באַגייסטערונג און אַ גרויסע פרייד. דאָס גאַנצע פאָלק פון ברעג צו ברעג האָט צוזאַמען מיט זיין באַליבטן מלך געפייערט זיבן טעג דעם „חנוכת־הבית”. נאָר די נבואה, וועלכע איז פון אָנהייב אָן קעגן יעדער קאָנקרעטער פאָרם, וואָס פאַרקערפּערט איר אומענדלעכן אידעאַל, האָט זיך געשראָקן, אַז די פאָרם זאָל דעם אינהאַלט נישט איינשלינגען, ווי עס פאַסירט גאַנץ אָפט; אַז דער היכל זאָל ביים פאָלק נישט ווערן דער עיקר, און די הויכע צילן, וואָס שלמה האָט אים צוליב זיי געשטעלט, זאָלן נישט ווערן קיין טפל. באַלד נאָך דער עפענונג פון היכל האָט די נבואה מזהיר געווען שלמהן און דאָס פאָלק, אַז זיי זאָלן נישט האָפן צופיל אויפן בית־המקדש. דאָס הייליקע הויז אַליין וועט וויסט און ליידיק ווערן, און דאָס גאַנצע לאַנד וועט רואינירט ווערן, אויב דאָס פאָלק וועט פאַרלאָזן דעם גאָט פון זייערע עלטערן און נישט היטן זיין געבאָט...

נייע געביטן אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט האָט שלמה געעפנט; נייע געביטן האָט ער אויך אַנטדעקט אין דער פאָלקס־שאַפונג. נאָך דעם בית־המקדש, האָט ער געבויט דעם „בית־המלך” (קעניגלעכן פאַלאַץ), וועלכער איז געווען נישט וויניקער שיין פון גאָטס הויז; צוזאַמען מיט דעם האָט ער אויפגעשטעלט דעם „געריכטס־זאַל”, וואו עס האָט זיך געפונען דער

באַרימטער שלמהס טראָן (כסא־שלמה). דאָס פאָלק, ווען ס'איז געווען, ווי עס שיינט, ביז איצט אין גאַנצן פרעמד די פּלאַסטישע קונסט, האָט זיך באַקענט מיט דער אַרכיטעקטור, מיט דער שניצונג און האָט זיך אַלץ מער דורכגעדרונגען מיט די געפילן פון שיינקייט. דער ביישפּיל פון מלך האָט באַלד אַרויסגערופן נאָכמאַכונגען, און די הויפּטשטאָט ירושלים, אי־בערהויפּט דער אַריסטאָקראַטישער קוואַרטאַל „ציון" האָט זיך גענומען באַדעקן מיט גאַנצע רייען פון פּראַכטפולע בנינים אין ריזיקע פאָרמען, לויט דעם מזרחישן געשמאַק, ביז זי באַקומט נישט ענדלעך דעם טיטול „ציון מכלל יופי"...

אין דעם, וואָס דער קלוגער מלך האָט זיך געמיט צו געבן זיין לאַנד אַלץ ווייטער וואָס מער אויסערלעכן גלאַנץ, האָט ער געהאַט נישט בלויז עסטעטישע, נאָר אויך פּאָליטישע אויסזיכטן. וואָס פּרעכטיקער דאָס לאַנד האָט אויסגעזען, האָט עס אַלץ געהאַט וואָס מער השפּעה אין פאַרצייטיקן מזרח. מיט דעם ציל האָט דער מלך אויך געמוזט איינאָרדענען זיין „הויף" אַלץ גרעסער און פּראַכטפולער, לויט דעם מנהג פון די גרויסע מזרחישע הערשער האָט ער אויך ביי זיך אַ גרויס פרויען־הויז איינגעפירט; אין דעם פרויען־הויז האָבן זיך געפונען די טעכטער פון די שטאַרקסטע מזרחישע מלכים און דאָס האָט פאַרשטאַרקט די פרידלעכע באַציאונגען פון די לעצ־טע צום פאָלק ישראל. דעם פאָלק האָט אָבער דער דאָזיקער ריזנהאָפּטי־קער שטאַט פון קעניג זייער טייער געקאָסט. אויסצוהאַלטן דעם גרויסן „הויף", דאָס צאָלרייכע פרויען־הויז האָט דאָס פאָלק געמוזט צאָלן אַ גרויסן מס (צינזן) סיי מיט געלט, סיי מיט פּראָדוקטן. דאָס פאָלק, וואָס אין דער פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט פון דעם מלכים־פּעריאָד איז עס נאָך נישט געוואָרן צוגעוואוינט — בפרט ביי דעם איינפאַכן אופן לעבן פון די פאָריקע מלכים — צו אַזעלכע פליכטן, האָט אויך געמוזט אָנ־טיילנעמען אויף פאַרשידענע אופנים אין דער בויאונג פון די פאַרשידענע פּאַלאַצן און נייע שטעט, וואָס דער מלך האָט אונטערגענומען. די צאָלונ־גען זיינען צוליב דעם נאָך מער צו לאַסט געווען פאַרן פאָלק, ווייל צוזאַמען מיט די נייע אָרדענונגען אין לאַנד איז דורכן מלך געבראָכן געוואָרן די פּאַטריאַרכאַלישע פּשוטע פויערלעכע אויפפירונג; דער צווישן־פעלקערלע־כער האַנדל האָט רייך געמאַכט דאָס לאַנד, צוזאַמען מיט דעם האָט ער אָבער אויך געשטעלט גרעסערע, קאָסטבאַרערע, מער קולטורעלע פאָדערונ־

גען פון לעבן. אויף דעם גרונט פון די שווערע אָפּצאָלונגען פאַר די מלוכה־באַדערפעניש איז ביסלעכווייז צווישן פאָלק געוואַקסן אַן אומצופרידענע שטימונג קעגן די נייע איינפירונגען פון מלך. דאָך וואָלט אפשר די דאָזיקע אומצופרידנקייט נישט געבראַכט צו קיין שום קאָנקרעטע רעזולטאַטן, ווען די נביאים וואָלטן נישט אונטערגעשטיצט אין נאָמען פון גאָט, די דאָזיקע שטימונג. די נביאים, וועלכע האָבן געהאָפּט צו געפינען אין דער פּערזאָן פון דעם פּאָעטישן, קלוגן, פרידלעכן און איבערהויפּט גאָט־פאַרכטיקן שלמהן דעם איבערגעגעבנסטן טרעגער פון זייער ריינעם אידעאַל און וועלכע האָבן דערפאַר מיטגעהאָלפן ער זאָל געזאַלבט ווערן פאַר אַ מלך אין ארץ־ישראל, האָבן ענדלעך אין אים אויך געמוזט האָבן אַן אַנטוישונג, ווי אין זיינע פאָרגייער. צוליב זיין פרידנס־פּאָליטיק האָט דער מלך געמוזט צייטנווייז פאַרבייגן פאַרשידענע טראַדיציעס, באַשליסן זיך אויף אַזעלכע שריט, וואָס זיינען קעגן דעם פאָלקס־גייסט, כדי צו דערהאַלטן דעם שלום מיט די שטאַרקע מלכים אַרום. ווי אַזעלכע דאַרף מען רעכענען זיין חתונה־האָבן מיט קעניגלעכע טעכטער פון פרעמדע פעלקער און זיינע טאָלעראַנטע באַציאונגען צו פרעמדע קולטן. זיינע אייגענע פון דער פרעמד־געגומענע פרויען, אין וועמענס גלויבן און געוויסן ער האָט נישט געקאָנט דערלויבן זיך אַריינצומישן, האָבן מיט זיין וויסן געשטעלט מזבחות פאַר זייערע היימישע געטער, וואָס האָט געקאָנט שעדלעך ווירקן אויף דער יונגער פלאַנצונג, אויף דער אמונה אין איין אומענדלעכן, אייביקן, אומקערפּערלעכן גאָט, — וואָס די נביאים האָבן אַזוי פייערלעך געפּרעדיקט. די נביאים, ווי טרעגער פון ריינעם אידעאַל, האָבן זיך נישט געוואָלט רעכענען מיט דער פּראַקטיק און מיט די הויכע מלוכה־צילן, וועלכע דער מלך האָט דורך זיינע קאָמפּראָמיסן געוואָלט דערגרייכן, און זיי האָבן אים אין די לעצטע יאָרן פון זיין הערשן אַרויסגעוויזן גאַנץ פיינטלעכע געפילן. זיי האָבן באַשלאָסן, ווי עס שיינט, צו קעמפן פאַר זייער אידעאַל נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיינע שום קרבנות... געשטעלט אין געפאַר די גאַנצע מלוכה פון ישראל. אין די לעצטע יאָרן פון שלמהס רעגירונג האָט ירבעם בן נבט, פון דעם שבט אפרים, איינער פון די צוועלף פאַרטרעטער (נציב) אין לאַנד, אויפגעהויבן אַ פאַרשווערונג (אַ מרידה) קעגן דעם מלך. די פאַרשווערונג איז געווען נאָך געפערלעכער דערפאַר, וואָס דאַן האָט דאָס לאַנד ישראל נאָך באַדראָט אויך אַן אויסערלעכע מלחמה מיט ארם. דאָך האָט דער נביא

אחיה השלוני אינעם נאָמען פון גאָט געבענטשט די טאַט פון ירבעם און אים צוגעזאָגט אַ דערפאָלג. אינעם שריט פון דעם נביא, וועלכער האָט פאָראויסגעזען, אַז אין בעסטן פאַל וועט פון שלמהן און זיין דינאַסטיע נאָר אָפּפאַלן אַ געוויסער טייל פונעם פאָלק, און אַז דער שבט יהודה, פון וועלכן עס שטאַמט דודס הויז, ווי אויך דער שבט לוי און דער שבט בני־מין, צוליב געוויסע טעריטאָריעלע און אַנדערע אָנגעלעגנהייטן, וועלן זיך פעסט האַלטן אָן זייער באַליבטן מלך און די פאַרשווערונג וועט אַלזאָ ברענגען נאָר צו אַ שפּאַלטונג אין לאַנד — באַדאַרף מען זען אַ פּראָטעסט נישט נאָר קעגן שלמהן, נאָר קעגן דער מלוכה־צענטראַליזאַציע אין אַלגע־מיין. עס איז מעגלעך, אַז אַזוי ווי די נביאים האָבן געפּאָדערט, אַז די אי־דעע פון גאָט זאָל זיין אַן אַבסטראַקטע און זי טאָר נישט פאַרקערפּערט ווערן אין קיין קאָנקרעטער פאָרם, אַזוי איז ביי זיי אויך אויסגעקומען אַז די אידעע פון „פאָלק" דאַרף זיין אַן אַבסטראַקטע. דער מלוכה־צענטער, וועלכער האָט געזאָלט אויסדריקן די נאַציאָנאַלע אייניקייט פון אַלע חלקים פון פאָלק, האָט אפשר דערפאַר פון אָנפאַנג אָן געטראָפן אַ שטאַרקן קעג־נער אין דער פּערזאָן פון די נביאים...

דאָך האָט דער פאַרשווערונגס־פּלאַן פון אחיה השלוני זיך נישט איינגעגעבן ביי שלמהס לעבן. צו גרויס איז געווען די אויטאָריטעט פון דעם קלוגן מלך, אַז אַ וועלכער נישט איז ירבעם בן נבט זאָל קענען אונ־טערברעכן דעם צוטרוי פון פאָלק און אַרויסרופן אים אויף אַ פאַקטישן בונט. ירבעם בן נבט האָט געמוזט אַנטלויפן פון לאַנד און זיך באַהאַלטן אין מצרים, וואו עס האָט דאַן געוועלטיקט אַ נייער פרעה, וועלכער איז מיט שלמהן נישט געווען אין קיין פאַרבאַנד און וועלכער האָט געשיצט דעם פיינט פון מלך ירושלים; שלמה, וועלכער איז פערציק יאָר געזעסן אויפן טראָן אין ירושלים, האָט ביז זיין לעצטן טאָג געהערשט איבערן לאַנד אין פרידן און אין גליק; זיין טויט האָט פאַרדעקט מיט אַ הייליקן שלייער נישט נאָר זיין חכמה, נישט נאָר זיין זשעני, נאָר אויך זיינע פע־לערן, וועלכע ער איז אָבער באַגאַנגען — נאָר אויס פיל ליבשאַפט צו זיין פאָלק און צו זיין לאַנד.

די מסורה, מיחס זייענדיק צו אים דעם „ספר קהלת", האָט די פע־לערן אין שלמהס פּערזענלעכן און מלוכה־לעבן אויפגעהויבן זאָגאָר העכער פון דער פאַרבייגייענדיקער פּאָליטיק, אין שלמהס פריילעכן אַרט־לעבן פון

איין זייט און זיינע גאָטס־פּאַרכטיקע מעשים פון דער צווייטער זייט, אין שלמהס פּרויען־הויז ווי אין זיין בית־המקדש האָט די מסורה געזען די אייביקע יסורים פון מענטשלעכן גייסט, וועלכער זוכט זיין ציל און לעבן. זוכט זיין גליק אויף פאַרשידענע געביטן, אין תענוגים און מעשים טו־בים, און קאָן עס נישט געפינען — ביז עס קומט אָן פלוצלינג דער טויט, און ער ווענדט זיינע בליקן צום הימל!...

אַזוי האָט דאָס פאָלק פון דעם מעשים־פולן און ווירקונגספולן לעבן פון זיין קלוגסטן מלך געמאַכט אַן אייביקע אגדה, אין וועלכער די מענטש־הייט זוכט שוין זייט טויזנטער יאָרן די באַשיידונג פון די קאָמפּליצירטע פאַזן פון לעבן.

קאַפּיטל זיבן

די שפּאַלטונג

מיט שלמהס טויט פאַרגייט די זון איבערן לאַנד פון ישראל. דאָס גליק פאַרשווינדט. די רו — צעשטערט. די קריגערייען, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אין די לעצטע שלמהס יאָרן און נאָר ער, שלמה, מיט זיין גרויסער חכמה און מיט זיין אויטאָריטעט האָט זיי איינגעשטילט, — ברעכן אויס נאָך זיין טויט מיט מער שטאַרקייט.

גלייך נאָך דעם ווי שלמה איז געשטאָרבן און זיין זון רחבעם האָט געזאָלט געזאַלבט ווערן פאַר אַ מלך איבער ישראל האָט זיך ירבעם בן נבט אומגעקערט פון מצרים (וואו ער האָט זיך באַהאַלטן פון שלמהס צאָרן, נאָך דעם אומגעלונגענעם בונט, וואָס ער האָט אויפגעהויבן) און האָט פונדאָסניי גענומען אויפרייצן די מאַסן קעגן דוד המלכס דינאַסטיע. ער האָט זיך געשטיצט, ווי צום ערשטן מאָל, פון איין זייט אויף דער מיט־הילף פון זיין אייגענעם שבט אפרים און פון דער צווייטער זייט — אויף דעם מיטגעפיל און די מאָראַלישע מיטווירקונג פון די בני־הנביאים. אין לאַנד האָט זיך פונדאָסניי אויפגעהויבן די פראַגע וועגן די גרויסע מסים (אָפּצאָלונגען), וועלכע זיינען איבערהויפּט געפאַלן צו לאַסט אויף די פאָלקס־מאַסן. דאָס אונטערגעהעצטע פאָלק האָט זיך פאַרזאַמלט אין שכם — די באַדייטנדיקסטע שטאָט אין דעם טייל לאַנד פון שבט אפרים, — אַרויסגערופן אַהין דעם טראָנפאָלגער, רחבעם, און געפאָדערט פון אים, אַז פאַרן געזאַלבט ווערן ווי מלך זאָל ער צוזאָגן לייכטער צו מאַכן פאַרן פאָלק די פליכטן פון דער מלוכה. „דיין פאָטער — האָבן זיי געזאָגט — האָט אונדזער יאָך שווער געמאַכט; איצט פאַרגרינגער אונדז די האַרבע אַרבעט פון דיין פאָטער און זיין שווערן יאָך, וואָס ער האָט אויף אונדז אַרויפגעוואָרפן, דאַן וועלן מיר דיר דינען”. רחבעם איז אָבער געווען פון איין זייט — „אַן אומדערפאַרענער און כאַראַקטערלאָזער מענטש”, און פון דער צווייטער זייט — אַ מענטש וואָס האָט געהאַט די באַגריפן פון דעספּאָטישע מזרח־מלכים, פאַר וועלכע ס'איז פרעמד די שטים פון פאָלק

און וועלכע שטיצן זיך שטענדיק אויף דער פיזישער קראַפט. רחבעם, אַ זון פון נעמה, דעם מלך עמונס טאָכטער, האָט באַקומען בירושה דעספּאָטישע נייגונגען און צו זיינע דעספּאָטישע נייגונגען האָט ער געקראָגן הסכמה פון זיינע יינגסטע אומדערפאַרענע יועצים. צוהערנדיק זייער עצה האָט ער אַזוי געענטפערט דעם פאָלק: „מיין קלענסטער פינגער איז גרעבער פון מיין פאָטערס לענדן; מיין פאָטער האָט אייך באַלעסטיקט מיט אַ שווערן יאָך, איך וועל אייער יאָך נאָך גרעסער מאַכן; מיין פאָטער האָט אייך גע־שטראָפט מיט ריטער, איך וועל אייך שטראָפן מיט שטעכעדיקע דערנער"... ביים פאָלק ישראל זיינען נאָך אָבער צו פריש געווען די טראַדיציעס פון די פאַרגאַנגענע הערשער, כדי אַזאַ ענטפער זאָל זיי קאָנען צופרידנשטעלן. די בני ישראל האָבן זיך קיינמאָל נישט גערעכנט פאַר קנעכט פון זייערע מלכים; די מלכים ווייטער, האָבן אויף זיך נישט געקוקט ווי אויף טיראַ־נען מיט אויסשליסלעכע פּריווילעגיעס צו פאַרשקלאַפן דאָס לאַנד, נאָר ווי אויף פאָלקס־דינער מיט באַזונדערע פליכטן צו זאָרגן זיך פאַר דעם גליק און וואוילשטאַנד אינעם לאַנד. דאָס פאָלק איז געווען געוואוינט, אַז די מלכים זאָלן זיך מיט זיי באַגיין מיט ליבשאַפט, מיט טרייהייט און אײַ־בערגעגעבנקייט. דער דעספּאָטישער ענטפער פון דעם פרישן טראָנפאָלגער האָט נאָר געקאָנט אים נאָך מער אויפרייצן. דערויף האָבן נאָר געוואַרט די ווירקלעכע אָנפירער פונעם אויפשטאַנד. ירבעם מיט זיינע מיטהעלפער האָבן נישט געוואַרט ביז וואַנען דער צאָרן פון פאָלק וועט אָפּגעקילט און געשטילט ווערן. זיי האָבן גלייך אויסגעשריגן: „וואָס פאַר אַ חלק האָבן מיר אין דודן און וואָס פאַר אַ ירושה איז דאָס פאַר אונדז ישיס הויז? יש־ראל, צוריק אין דיינע געצעלטן!"

די ווערטער האָבן געדינט ווי אַ פאַראַל פאַר דער מרידה קעגן רחבעמען, קעגן שלמהס זון און דוד בן ישי׳ס איידיקל. דער אויפשטאַנד כאַפּט אַרום כמעט דאָס גאַנצע לאַנד; דער גרעסטער טייל פון פאָלק, גאַנצע צען שבטים דערקלערן די שטאָט שכם, אין טייל לאַנד פון אפרים, אַלס הויפּטשטאָט אַנשטאט ירושלים, און ירבעם בן נבט דעם זון פון שבט אפרים אַלס מלך אַנשטאט רחבעמ׳ן. ביי דודס הויפּטשטאָט און דודס דינאַסטיע בלייבן נאָר צוויי שבטים: יהודה און בנימין. דער ער־שטער — ווייל די דינאַסטיע שטאַמט פון אים; דער צווייטער — ווייל די הויפּטשטאָט ירושלים איז זיין טייל לאַנד. אַ גרויסער טייל פון שבט

לוי האַלט זיך אויך ביי ירושלים ווי אויסדערוויילטע באַדינגטע פון בית־המקדש.

אַזוי איז צעפאַלן געוואָרן דאָס פאָלק ישראל אויף צוויי טיילן, אַזוי איז צעשפּאָלטן געוואָרן דאָס הייליקע לאַנד אויף צוויי מלוכות. די מלוכה פון יהודה און די מלוכה פון אפרים עקזיסטירן פון דאַן אַן אין ארץ ישראל ווי צוויי גאַנץ זעלבסטשטענדיקע מדינות און די פאָלקס־כחות, וועלכע זיינען מיט אַזוי פיל מי פון גאַנצע דורות פאַראייניקט געוואָרן, ווערן פון דאַסניי צעשפּליטערט... רחבעם האָט, אמת, געפּרואווט, לויט זיין דעספּאָטישער שיטה, צווינגען דורכן שווערד די אויפגעבונטעטע־וועטע טיילן פונעם פאָלק צו אָנערקענען אים ווי דעם איינציקן מלך איבערן גאַנצן לאַנד. ער האָט מיט דעם צוועק מאָביליזירט אַ גרויסן חיל און האָט זיך געגרייט אויף מלחמה קעגן ירבעם׳ן מיט זיינע אָנהענגער. נאָר די בני־הנביאים מיט זייער אויטאָריטעט, וואָס איז געווען זייער הויך ביי די בני יהודה, האָבן דעם פּלאַן צעשטערט. דער נביא שמעיה האָט זיך געווענדט צום מלך רחבעם, ווי אויך צום שבט יהודה און שבט בנימין אינעם נאָמען פון גאָט:

„אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איר זאָלט נישט גיין און נישט מלחמה האַלטן קעגן אייערע ברידער, די בני ישראל; קערט אייך יעדער צו זיין זיין היים, וויל מיט מיין ווילן איז די זאַך געשען!"

און דער נביא איז מנצח דעם מלך; דאָס חיל צעגייט זיך „ווי גאָט האָט געבאָטן", און מער פּרואווט שוין קיינער נישט צו פאַראייניקן דאָס פאָלק אונטער איין צענטראַלער מאַכט.

עס איז שווער צו זאָגן אויב די נבואה, וואָס האָט באַשלאָסן אַזאַ שריט ווי די צעשפּאַלטונג פון דער יידישער מלוכה, האָט ביי דעם גע־האָט אויך וואָסערע ס׳איז פּאָזיטיווע אויסזיכטן איך צוזאַמענהאַנג מיט די נבואה־אידעאַלן. אַלנפאַלס זעט מען אַרויס פון די שפּעטערדיקע נביאים, אַז אויף דער נייער ממשלה האָבן זיי געהאַט געלייגט גרויסע האָפענונגען. „אפרים איז מיין בכור". „איז דען אפרים דער טייערסטער זון ביי מיר..." „איך בין געוואוינט געווען אפרימען אויף (מיינע) אָרימס צו נעמען.." „אפרים איז אַ געלערנט קאַלב, איך האָב ליב געהאַט מיט אים צו דרעשן, איך האָב ליב געהאַט זיין שיינעם האַלדז צו גלעטן"... דאָס זיינען נאָר אייניקע פון די פיל מיט ליבע דורכגעדרונגענע אויס־

דריקן פון די נביאים וועגן דער מלוכה אין אפרים, ווי זיי האָבן זי זיך פון אָנהייב געוועזן פאַרגעשטעלט. ס'איז קיין צווייפל נישט, אַז די נביאים, נישט אַרייַנקוקנדיק פּאָליטיש אין דער צוקונפט, האָבן שטאַרק געגלויבט אין דעם אינערלעכן גייסטיקן פאַרבאַנד פון גאַנצן פאָלק, אין דער אַלגעמיינער אמונה, אין די אַלגעמיינע טראַדיציעס און היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, און האָבן געהאָפט, אַז אפילו ביי אַדמיניסטראַטיווער דעצענטראַליזאַציע, אפילו ביי צוויי פאַראַלעלע מלוכה־אָנפירונגען אין לאַנד, וועט דאָס פאָלק דאָך בלייבן איין נאַציאָנאַלער אָרגאַניזם, איבער וועלכן די אויבערמאַכט האָט דער אומענדלעכער יהוה. נאָך פון קדמונים אין דער צייט פון שופטים זיינען די בני אפרים געוועזן די שטאַרקסטע און דרייסטסטע צווישן פאָלק און ביי זיי איז געוועזן קאָנצענטרירט די מיליטערישע העגעמאָניע פונעם לאַנד. זיי פלעגן אָנפירן די פאַרשידענע מלחמות מיט די פיינטלעכע פעלקער און שיצן די גרענעצן פון ארץ ישראל. די בני יהודה, ווייטער, זיינען געווען איבערהויפּט רואיקע ערד־אַרבעטער און אַזוי ווי זיי האָבן פאַרנעמען דעם צענטער פון לאַנד האָבן זיי זיך ווייניק געגרענעצט מיט פרעמדע לענדער און זיינען געוועזן כמעט געזיכערט פון אויסערלעכע פיינטלעכע אָנפאַלן. דאָס האָט גורם געוועזן, אַז זיי, די בני יהודה, זאָלן זיך קאָנען מער אָפּגעבן דער פרוכטבאַרער קולטורעלער אַרבעט און זאָלן שטענדיק שטיין אין דער שפּיץ פון גייסטיקן לעבן אין לאַנד1). ביי אינערלעכער אחדות צווישן פאָלק וואָלט די באַנייטע מיליטערישע העגעמאָניע פון אפרים, שטיצנדיק זיך אויף דער אָרגאַניזירטער קראַפט פון די צען שבטים, געקאָנט שיצן דאָס גאַנצע לאַנד; און דער שבט יהודה, ביי וועלכן די גייסטיקע און קולטורעלע העגעמאָניע איז נאָך שטאַרקער געוואָרן אַדאַנק דעם בית־המקדש און די איבעריקע ענלעכע אינסטיטוציעס, וואָלט זיך ווייטער געקאָנט רואיק אָפּגעבן מיט דער גייסטיקער אנטוויקלונג פונעם פאָלק. די נביאים האָבן געהאָפט, אַז די ביידע העגעמאָניעס, די מיליטערישע און די קולטורעלע, וועלן ביידע שטרעבן צו פאַרווירקלעכן דאָס אַלגעמיינע גליק פונעם פאָלק יעקב־ישראל „אין אמת און גערעכטיקייט". דער

1) „לא יסור שבט מיהודה ומחוקק מבין רגליו"; „ומשפחות סופרים יושבי יעבץ (אין יהודה) וכו' "; „בני מכיר (פון שבט יהודה) ירדו מחוקקים" „יהודה מחוקקי".

שפּעטערדיקער נביא הושע בן בארי דריקט אויס די געוועזענע כונה פון דער נבואה ביי דער אָפּטיילונג פון די צוויי בלוכות: „אפרים וועט רייטן 1), יהודה וועט אַקערן 2), יעקב וועט באַראָנעווען". „זייעט אייך צדקה, שניידט אייך חסד... און ווענדט זיך צו גאָט אין דער צייט..." אין די דאָזיקע ווערטער הערן מיר אַ וואונק אויף אַ גאַנצן פאָלקס־סיסטעם, וועלכן די נביאים האָבן, ווי ס'שיינט, געהאָפט דורכצופירן אינעם הייליקן לאַנד!

ליידער האָט זיך די פּאָליטיק ניט גערעכנט מיט דער נבואה אין אירע אידעאַליסטישע שטרעבונגען. וועגן פולקאָמער אחדות צווישן ביידע מלוכות אפרים און יהודה איז גאָרנישט געווען צו טראַכטן. די רייד פונעם נביא שמעיה האָבן אָפּגעהאַלטן רחבעם'ן פון אַן אָפענעם קאַמף באַלד נאָך דער שפּאַלטונג, אָבער שפּעטער צו, האָבן זיך דאָך אָנגעהויבן צוזאַמענשטויסן צווישן דעם מלך פון ירושלים און דעם מלך פון שכם. רחבעם האָט אפשר פאַרמאָגט ווייניקער חיל פון ירבעם'ן, דערפאַר איז ביי אים געווען אַ פעסטערע דיסציפּלין, פון יאָרן לאַנג אַן איינגעאָרדנטע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע ווי אויך מער געלט־מיטלען, און ירבעם אין קאַמף מיט רחבעם'ן האָט געמוזט זיך ווענדן צו דער הילף פון פרעמדע מלכים. לויט ירבעם'ס פּלענער פאַלט אַן שישק מלך מצרים אויף יהודה, מאַכט דאָרטן גרויסע חרבנות און טרעט נאָר דאַן אָפּ פונעם לאַנד, ווען רחבעם גיט אים פיל גאָלד און זילבער. רחבעם'ס טראָנפאָלגער אבים באַנייט נאָך זיין פּאָטערס טויט די מלחמה מיט ירבעם'ן, הרגעט אויס פיל טויזנטער פון זיין חיל און נעמט אָפּ ביי אים פיל שטעט. אפרים און יהודה ווערן אלזאָ נישט נאָר צוויי אַדמיניסטראַטיוו פאַנאַנדערגעטיילטע ממשלות, נאָר צוויי פיינטלעכע פעלקער, וואָס יעדעס פאָלק וויל אויפגעבויט ווערן פונעם צווייטנס חורבן. ווייטער האָט ירבעם בן נבט זיך נישט גייסטיק פאַרבונדן מיט יהודה, מיט ירושלים, מיט דער הויפּט־שטאָט פון רחבעם. ירבעם האָט אויסגערעכנט: כל זמן דאָס פאָלק וועט זיך האַלטן פעסט ביים גאָט יהוה, וועט ביי אים זיין הויך די אויטאָריטעט פון שלמהס בית־המקדש, וואו עס געפינען זיך די העב־

---

1) דער סימבאָל פון מלחמה־לעבן.
2) דער סימבאָל פון פרידלעכער, קולטורעלער פאָלקס־אַרבעט.

סטע הייליקטימער פון דער אמונה, ווי דער ארון, די לוחות און דער מזבח. דאָס פאָלק וועט קומען שטענדיק קיין ירושלים צו ברענגען קר־בנות אין גאָטס הויז און דורך דעם וועט דודס געזעצלעכע דינאַסטיע געוויס שטאַרקן איר ווירקונג אויפן פאָלק און באַקומען ענדלעך פון דאָס ניי די פאַקטישע הערשאַפט איבערן גאַנצן לאַנד. דעריבער האָט ירבעם בן נבט באַשלאָסן איינצופירן אין זיין ממשלה אַ נייעם קולט, אַ נייע אמונה. ער האָט אַוועקגעשטעלט אויף די גרעניצן פון יהודה צוויי גאָלדענע קעלבער, טעמפּלען און אַלטאַרן פאַר זיי געבויט און גע־הייסן דעם פאָלק מקריב זיין פאַר זיי קרבנות, און פאַרווערט עולה־רגל זיין קיין ירושלים. דעם קעלבער־קולט האָט, ווי ס׳שיינט, ירבעם איינ־געפירט לויט דער השפעה פון מצרים, וואו ירבעם איז פון שטענדיק געשיצט געווען און וואו דאָס פאָלק האָט געדינט אַפּיס׳ן, דעם אָפּבילד פון אַן אָקס, ווי אַ סימבאָל פון אַ גאָט, וואָס שיצט ערד־אַרבעט און פיצוכט — די הויפט באַשעפטיקונג און דערנערונג אינעם לאַנד. ער האָט פאַר זיך אויך געהאַט אַ פאָרבילד: דעם עגל וואָס יידן האָבן גע־מאַכט אין מדבר. דער עגל האָט בכן געהאַט אַ געוויסע אַלטע מסורה, און ירבעם האָט זיך אויף איר געשטיצט.

און כאָטש אין ארץ ישראל האָט אויפגעהערט צו זיין די געצנדי־נעריי ווי אַן אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג שוין פון עטלעכע דורות, אָבער די אמונה אין דעם אַבסטראַקטן גאָט, וועלכער האָט קיין פאָרעם נישט און קיין געשטאַלט נישט, וועלכער קאָן נישט געהערט ווערן און קאָן נישט געזען ווערן, האָט דאָך נאָך נישט באַוויזן אַזוי טיף זיך איינצוואָרצלען אינעם באַוואוסטזיין פון די ברייטע פאָלקס מאַסן, אַזוי אַז דער שלעכטער ביישפּיל פון דעם מלך און די שרים זאָלן אויף זיי נישט ווירקן. דער גרעסטער טייל פון די עשרת השבטים קערן זיך אום צו דער אַמאָליקער געצנדינעריי... — אַנדערע האָבן פון אומוויסנקייט אינגאַנצן נישט אַנערקענט דעם אייגענעם טראַדיציאָנעלן גאָט, אַנדערע (און דאָס אין דער גרעסטער טייל)— האָבן געזען אין די גאָלדענע קעל־בער נאָר אַ קאָנקרעטע פאָרם פון דעם נאַציאָנאַלן יהוה, אַנדערע — אויס שנאה צו דער מלוכה פון ירושלים האָבן געפירט די זעלבע פּאָליטיק, וואָס רבעם בן נבט. גאָר אַ קליין הייפל מענטשן בלייבן געטריי דער אייגענער אמונה מיט איר באַזונדערער וועלט־אַנשויאונג.

אַזוי האָט דער מלוכה־גאַנג אין ארץ ישראל צעריסן דאָס פֿאָלק און זיין אמונה אויף צוויי טיילן. די נביאים, די שטענדיקע טרייע היטער פֿונעם ריינעם נאַציאָנאַלן גייסט, וואָס זיינען געווען די אומדירעקטע גייס־טיקע גורמים פֿון דער דאָזיקער ערנסטער לאַגע אין לאַנד, האָבן אָבער דאָך אַליין נישט פֿאַרלוירן דעם מוט. האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָסן אין פֿעסטערע געדיכטערע רייען, האָבן מיט מסירת נפש געקעמפֿט פֿאַר זייער אידעאַל מיט דער ביז אַהעריקער אייזערנער קראַפֿט, און נישט איינגע־גאַנגען אויף קיין שום קאָמפּראָמיסן, עס זאָל אפילו אויסקומען צו מקריב זיין צוליב דעם גאַנצן וואוילזיין פֿונעם לאַנד...

אין דעם קאַמף פֿון דער נבואה קעגן די מלוכה־טענדענצן באַ־שטייט דער הויפּט־געדאַנק פֿון דער ווייטערדיקער היסטאָרישער אַנט־וויקלונג פֿונעם פֿאָלק ישראל און זיין הייליק לאַנד.

קאַפּיטל אַכט

די מלוכה פון אפרים

(פון 955 ביז 720)

די מלוכה אין אפרים צייכנט זיך אויס פון אָנהייב אָן מיט בלוטיקע מהומות. קיין פונקט האָט זיך נישט געקאָנט אויספורעמען ווי אַ צענטער פונעם גאַנצן לאַנד. קיין מלך האָט די ערשטע פופציק יאָר נישט געקאָנט גרינדן אַ דויערנדיקע דינאַסטיע. ירבעם בן־נבט האָט אין אָנפאַנג זיך באַזעצט אין שכם און געמאַכט די דאָזיקע שטאָט פאַר זיין הויפּטשטאָט. ער האָט זיך אָבער דאָרט געפילט אומזיכער צוליב דעם אומרואיקן כאַראַקטער פון די שכם־לייט. דאַמאָלס באַזעצט ער זיך אין פּנואל; נאָר פּנואל איז געווען צו נאָענט צו שכם און ער פילט זיך זיכערער ווען ער באַזעצט זיך אין תרצה. נאָך אַ צוויי־און־צוואַנציק יאָריקן הערשן איבערן לאַנד שטאַרבט ירבעם; נאָר ביי זיין לעבן נאָך האָט אים דער נביא אחיה השלוני, — דערזעלבער נביא, וועלכער האָט אים מיטגעהאָלפן דערגרייכן די מלוכה, — מתרה געווען, אַז פון זיין הויז וועט אפילו „קיין הונט נישט איבערבלייבן", דערפאַר וואָס גאָט האָט אים אויסדערוויילט פונעם פאָלק און אים פאַר אַ הערשער געמאַכט און ער האָט אַזוי געזינדיקט און דאָס פאָלק פאַרפירט דורך די גאָלדענע אָפּגעטער. און באמת, אין אַ יאָר צוויי נאָך ירבעמס טויט (955), ווען אויפן טראָן אין תרצה איז געזעסן זיין זון נדב, האָט בעשא זיין קריגסמאַן שטילערהייט צוזאַמענגעשטעלט אַ פאַרשווערונג און האָט געהרגעט דעם מלך אויפן שלאַכט־פעלד ביי גבעון, וואו נדב האָט דאַן געפירט אַ מלחמה קעגן די אויפגעבונטעוועטע פלשתים. בעשא האָט פּינקטלעך אויסגעפירט די נבואה־רייד פון אחיה השלוני: ער האָט פון ירבעמס הויזגעזונט „קיין נשמה נישט איבערגעלאָזט". מיט דעם נייעם מלך האָט זיך אָבער אינעם לעבן פונעם לאַנד גאָר נישט געענדערט. בעשא איז געגאַנגען אינעם וועג פון ירבעמען. ווי ירבעם בן־נבט אַזוי האָט אויך

בעשא מורא געהאַט צו פאַרלירן די מלוכה און האָט אויך ווי ירבעם, געפירט אומגעלונגענע מלחמות קעגן יהודה, און אויך ווי ירבעם, האָט ער געשיצט אין לאַנד דעם קעלבער־קולט. די נבואה, הייסט עס, האָט ווידער נישט געפונען אין דעם מלך דאָס, וואָס זי האָט געהאָפט. דער נייער מלך, וואָס האָט, ווי עס ווייזט אויס, מיט איר הילף די מלוכה באַקומען, איז נישט געגאַנגען אין גאָטס וועג! די נבואה האָט אָבער ווידער אירס געטון. זי האָט נישט אויפגעהערט צו קעמפן פאַר דעם אמת. די נבואה דערקלערט דערפאַר אַ מלחמה קעגן בעשאס דינאַסטיע. דער נביא יהוא בן חנני ווענדעט זיך צו בעשא מיט די ווערטער: „דער פאַר וואָס איך האָב דיך פון דער ערד דערהויבן און דיך געמאַכט פאַר אַ פירער איבער מיין פאָלק ישראל, און דו ביזט דאָך געגאַנגען אינעם וועג פון ירבעמען און האָסט געמאַכט זינדיקן מיין פאָלק... דערפאַר וועל איך אויסראָטן בעשאן און זיין הויז און איך וועל זיך מיט אים באַגיין, ווי איך בין זיך באַגאַנגען מיט ירבעמען, דעם זון פון נבט!...” נאָך אַ פיר און צוואַנציק יאָריקן הערשן שטאַרבט אָפּ בעשא און דעם טראָן פאַרנעמט זיין זון אלה. אין צוויי יאָר אַרום האָט טאַקע זמרי, איינער פון די מלוכה־לייט, אויפגעהויבן אַ בונט קעגן בעשאס זון און אים גע־הרגעט; צוזאַמען מיט אלהן האָט זמרי פאַרטיליקט דאָס גאַנצע הויז פון בעשאן. זמרי האָט פאַרכאַפּט די מלוכה און געקעניגט אין תרצה. אין זיבן טעג אַרום האָט אָבער דאָס חיל, דערוואוסט זיך פון זמריס פאַראַט, און אויסגעקליבן פאַר אַ מלך דעם באַליבטן קריגס־מאַן עמרי. דער אויס־געקליבענער מלך מיטן חיל האָבן באַלאַגערט תרצה; ווען זמרי האָט געזען, אַז די שטאָט איז איינגענומען געוואָרן דורכן חיל, האָט ער אַליין זיך אונטערגעצונדן אינעם קעניגלעכן פּאַלאַץ. מיט עמריס נצחון האָט זיך אָבער נאָך נישט געענדיקט די קריגעריי איבער דעם טראָן. באַלד האָט אַ טייל פונעם פאָלק אויסדערוויילט פאַר אַ מלך תבני בן גינת, און אין דער אפרים־מלוכה האָבן דערפאַר געהערשט צוויי מלכים. סוף כל סוף האָט אָבער עמרי, וואָס האָט זיך געשטיצט אויפן חיל, גובר געווען אויך תבני בן גינת, וועלכן ער האָט געהרגעט און איז געבליבן דער איינציקער מלך אין לאַנד. עמרי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט פילן זיכער אין תרצה, וואו עס האָבן זיך געפונען אַ סך אָנהענגער פון דעם געהרגעטן פרעטענדענט אויף דער קרוין, און ער האָט דערפאַר זיין

רעזידענץ איבערגעטראָגן אין שטאָט שומרון, וואָס ער אַליין האָט אויסגעבויט. שומרון איז געשטאַנען אויף אַ באַרג און איז פון דער נאַטור געווען גוט געשיצט פון אַן אויסערלעכער געפאַר.

מיר זעען בכן, אַז אין משך פון אַ יאָר פופציק האָבן זיך אין אפרים געביטן ביז פיר הויפּטשטעט און עס האָבן געהערשט דאָרטן ביז זיבן מלכים; פון די זיבן מלכים זיינען נאָר דריי געשטאָרבן מיט זייער נאַטירלעכן טויט און פיר זיינען געהרגעט געוואָרן דורך בונטן און פאַרשווערונגען. די אינערלעכע מהומות האָבן ניט דערלאָזט די מלוכה וואַקסן — זיי האָבן אינגאַנצן אָפּגעשטעלט איר אנטוויקלונג. דאָס פאָלק איז געווען פאַראָרעמט, ביים חיל האָט געפעלט אַ פעסטע דיסציפּלין, די צענטראַלע מאַכט, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויפן פאַראַט און האָט מורא געהאַט פאַר פאַראַט, איז געווען זייער שוואַך. די אַרומיקע פעלקער האָבן גוט אויסגענוצט די שרעקלעכע לאַגע פון דער אפרים־מלוכה. יענע גוטע יאָרן, ווען די אַרומיקע פעלקער האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַר די כלי־זין פון די בני ישראל, זיינען שוין לאַנג פאַרשוואונדן. פון דער צייט אָן, וואָס עס האָבן אויסגעבראָכן די מחלוקתן צווישן ברידער אין דעם הייליקן לאַנד, האָבן אַלע פיינט פון די בני ישראל דעם קאָפּ אויפגעהויבן. באַזונדערס האָבן זיי אַן אויג געוואָרפן אויף דער אפרים־מלוכה, וועלכע איז אַזוי אָפּגעשוואַכט געווען דורך די אינערלעכע מחלוקתן. עס האָט זיך זיי געוואָלט וואָס גיכער איינשלונגען דעם פעטן ביסן. די פלשתים, די בני ארם, די מואבים, האָבן נישט אויפגעהערט צו באַפאַלן דאָס לאַנד. אויסער דעם, פלעגט יהודה אויך פון צייט צו צייט אָפּרייסן שטיקער פון אפרים. אַזוי איז אפרים געווען אינערלעך צעריסן און אויסערלעך נישט באַפעסטיקט.

פון עמרין אָן הייבט זיך אָן אין לאַנד אַ נייע עפּאָכע. זיין דינאַסטיע האָט עקזיסטירט גענוג לאַנג, און די הויפּטשטאָט שומרון, וואָס ער האָט געגרינדעט, האָט נישט פאַרלוירן איר באַדייטונג ווי אַ צענטער, כל זמן די מלוכה פון אפרים האָט געהאַט אַ קיום. בעת עמריס רעגירן הייבט אָן דאָס לאַנד צו ווערן מעכטיקער אין פּאָליטישן און עקאָנאָמישן זין. די פיינטשאַפט פון יהודה צו אפרים ווערט ביסלעכווייז אָפּגעשוואַכט; דודס דינאַסטיע הייבט אָן צו רעכענען די שפּאַלטונג ווי אַ פאַקט, וואָס אים צו ענדערן איז אוממעגלעך. עמרי האָט אונטערגעכאַפּט די שטי־

מוגג פון יהודה און איז אַריינגעטראָטן אין פרידלעכע באַציאונגען מיט יהושפט בן אסא, דעם מלך פון ירושלים. אַזוי ווי ער איז אויך אַזאַ אופן באַוואָרנט געוואָרן פון די לאַנגיאָריקע אָנפאַלן פון יהודה, האָט עמרי שוין געקאָנט קאָנצענטרירן זיינע קריגס־כחות קעגן די פיינטלעכע פעל־קער פון אַרום אפרים. עס געלינגט אים אָפּהאַלטן אַ נצחון איבער מואב און ער צווינגט די בני־מואב, צו צאָלן געוויסע יערלעכע אָפּצאָלונגען; די פלשתים, וועלכע האָבן די ערשטע יאָרן פון דער אפרים־מלוכה אָן אויפהער באַאומרואיקט די גרענעצן פון די צען שבטים, שרעקן זיך אָפּ פאַרן נייעם מלך פון שומרון און ווערן פאַרזיכטיקער. כדי אויפצוהייבן דעם וואוילשטאַנד אינעם לאַנד, שליסט עמרי אַ האַנדלס־אָפּמאַך מיט די פעניציער, וואָס זייער מסחר צו יענער צייט איז נאָך פיל גרעסער געוואָרן ווי אין שלמהס צייטן, צוליב די ניי געגרינדעטע פעניצער־קאָ־לאָניעס אויף דעם צפון־ברעג פון אַפריקע. כדי צו פאַרפעסטיקן דעם האַנדלס־אָפּמאַך, מאַכט עמרי חתונה זיין זון אחאב מיט איזבל, די טאָכ־טער פון אתבעל דעם קעניג אין פעניציע. דורך דעם אָפּמאַך אַנטוויקלט זיך אין אפרים די אינדוסטריע און די רייכקייט פונעם לאַנד הייבט אָן ריזיק צו וואַקסן.

דער גייסטיקער, רעליגיעזער קאַמף איז אויך אין עמריס צייטן, ווי עס ווייזט אויס, געוואָרן גענאַסענער. טראָץ דעם וואָס עמרי האָט אויך, ווי די פריערדיקע מלכים פון אפרים, נישט מבטל געווען ירבעמס געצנדינערײַ. סוף כל סוף האָט דער נייער קעלבער־קולט נאָר געטראָגן אָן אויסערלעכן פּאָליטישן כאַראַקטער. יעדעס פאָלק קאָן נאָר שאַפן איין קולט, וואָס איז דער היסטאָרישער אויסדרוק פון זיין נאַציאָנאַלער פּסי־כיק, פון זיין היסטאָריש־אויסגעאַרבעטער וועלט־אנשויאונג, און דאָס פאָלק, וואָס האָט באַשאַפן אַ יהוה־קולט, קען נישט שפּעטער, צוליב דעם מלכס פאַרלאַנג, אַ נייעם קולט שאַפן. די אומוויסנדיקע מאַסן, וועלכע באַגרייפן שווער יעדע אַבסטראַקציע, האָבן אין די גאָלדענע בילדער פאַר־הייליקט דעם גאָט, וועלכן זיי האָבן פון דורות אין האַרצן געטראָגן און פאַר וועלכן זיי האָבן פון דורות לאַנג געזוכט אַן אויסדרוק, אַ קאָנקרעטע פאָרם. דער הויפּט־פּרינציפּ פון דער יהוה־אמונה, דער מאָנאָטעאיזם, דער גלויבן אין איין אַלגעמיינער געטלעכער קראַפט איז דאָך נישט גע־שטערט געוואָרן מיט דעם נייעם קעלבער־קולט, און מיט דער צייט, צו־

זאַמען מיט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די מאַסן, וואָלט זיי קלאָרער געוואָרן די אידייע פון זייער נאַציאָנאַלן גאָט און זיי וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון די אומפּאַסנדיקע פּאַרמען, וועלכע זיי האָבן פריער בטעות מיחס געווען צו זייער גאָט און וואָס שטימען נישט מיט דער אמתער נאַציאָנאַלער וועלט־אויפפאַסונג. אין פאַרלויף פון אַ יאָר פופציק האָבן די נביאים, ווי עס ווייזט אויס, זיך איבערצייגט, אַז די קעלבער, ווי אַ קולט, האָבן גאָרנישט געענדערט אין דעם אינערלעכן מאָראַלישן לעבן פונעם פאָלק. כאָטש ירבעמס געצן זיינען גראָב און דריקן נישט אויס די נאַציאָנאַלע אידייע פון דער געטלעכער אומענדלעכקייט און אומבאַגרייפּ־לעכקייט, פונדעסטוועגן האָבן זיי נישט צעשטערט דעם עכטן נאַציאָנאַלן גייסט און די אייגנאַרטיקייט פונעם פאָלק ישראל. די פרינציפּן פון צדק, פון אמת, פון משפט, אַט די פרינציפּן, וועלכע האָבן פון די פריער־דיקע דורות אָן געלאָזט טיפע וואָרצלען אין דעם פאָלקס־באַוואוסטזיין, — האָבן אויך אין דער ערשטער תקופה פון דער שפּאַלטונג נישט אויפ־געהערט צו געבן פרוכט. אַפילו דער מלך האָט זיך נישט געקאָנט דער־לויבן אָפּנעמען ביי זיין אונטערטאַן די קלענסטע זאַך אָן אַ משפט, נישט נאָר אָפּנעמען מיט געוועלד, נאָר אַפילו אָפּקויפן אָן דעם ווילן פון דעם בעל־הבית.1) — דאָס פאָלק האָט געלעבט לויט די אַלטע טראַדיציעס און די נביאים האָבן געקאָנט האָפן, אַז זייערע אידייען וועלן אַלץ מער אַריינ־דרינגען אין די הערצער פון די פאָלקס־מאַסן. די נביאים האָבן דערפאַר, ווי ס׳ווייזט אויס, נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו אונטערהאַלטן ווייטער די מהומות אין לאַנד דורכן קאַמף מיט דעם הערשער איבער די גאָלדענע קעלבער. און עמרי שטאַרבט אָפּ, אָן דער שטענדיקער התראה פון די נבי־אים...

עמרי האָט, ווי מלך, נישט לאַנג געלעבט. נאָכדעם ווי ער האָט בייגעקומען זיין קעגנער תבני בן גינת האָט ער געקיניגט צוועלף יאָר און זיין ענערגישע מלוכה־טעטיקייט, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען איבער־הויפּט זייט ער האָט זיך באַזעצט אין שומרון, האָט בסך הכל געדויערט זעקס יאָר. זיין זון אחאב, וועלכער האָט פון אים געירשנט די מלוכה, איז געווען אַ מענטש מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער, מיט קליינע שטאַטסמאַני־

1) מלכים א׳, כ״א.

שע פּעאיקייטן, און זיין פרוי, די פעניציערין איזבל, האָט געהאַט אויף איס זייער אַ גרויסע שעדלעכע ווירקונג. אהאַב האָט פאַרגעזעצט די קלו־גע פּאָליטיק פון זיין פאָטער: ער האָט אונטערגעהאַלטן די פרידלעכע באַציאונגען פון איין זייט מיט דעם מלך פון פיניציע, מיט וועלכן ער איז געווען פאַרבונדן משפּחהדיק דורך זיין פרוי איזבל, פון דער צווייטער זייט — מיט יהושפט דעם מלך פון יהודה, מיט וועלכן ער איז אויך אַריינגעטראָטן אין אַ פאַמיליען־בונד דורך דעם, וואָס ער האָט זיין טאָכטער עתליה געגעבן פאַר אַ פרוי דעם יורש עצר פון ירושלים. דורך דער פּאָליטיק איז אים, אויך ווי זיין פאָטער, געלונגען אויפצוהייבן דעם אויסערלעכן און דעם אינערלעכן מאַטעריעלן וואוילשטאַנד פון זיין לאַנד. אהאַב האָט מיט גרויס דערפאָלג געפירט פאַרשיידענע שוץ־מלחמות, אָפּ־גענומען צוריק אייניקע געגנטן און שטעט, וועלכע זיינען אין די פריערדי־קע שווערע צייטן אָפּגעריסן געוואָרן פון אפרים און יענע פעלקער, וואָס זיינען נאָך פון פריער אָן געווען מער אָדער ווייניקער אָפּהענגיק פון שומ־רון, האָט ער געצוואונגען צו צאָלן מס (צינז). דאָס לאַנד האָט אויך גע־בליט אין עקאָנאָמישער הינזיכט. אַ דאַנק דעם מסחר־פאַרקער מיט פע־ניציע איז דאָס רייכטום פונעם פאָלק זייער געשווינד געוואַקסן. אין שומ־רון קאָנצענטרירן זיך פיל אוצרות; די הויפּטשטאָט פון אפרים פאַרבויט זיך מיט גראַנדיעזע בנינים; דער מלך בויט זיך אַ פּאַלאַץ פון עלפנ־ביין אין זיין רעזידענץ שומרון און אַ „ווינטער־הויז" אין דעם טאָל „יזרעאל", אינעם אומגעגנט פון שומרון.

די מחותנותשאַפט מיט פעניציע האָט אָבער געהאַט אַ שלעכטע מאָ־ראַלישע ווירקונג אויפן אינערלעכן לעבן פון אפרים. צוזאַמען מיט דעם רייכטום איז אין לאַנד אַריינגעדרונגען די געלט־גיריקייט. דאָס איינפאַ־כע ערלעכע פויער־און פּאַסטוך־לעבן הויבט אָן ביסלעכווייז פאַרשוואונדן צו ווערן און אנשטאָט דעם, געוואוינט זיך דאָס פאָלק צו, צו אַ צעלאָזענעם, פאַרדאָרבענעם, נאָר פרעכטיקן, לוסטיקן אופן פון לעבן, לויט דעם ביי־שפּיל פון די פעניציער. פעניציע איז אין קולטורעלער הינזיכט געשטאַ־נען פיל העכער פון ארץ־ישראל; דער פרעכטיקער גלאַנץ פון דער ריי־כער און ציוויליזירטער מדינה האָט געמוזט פאַרבלענדן די אויגן פון די סוחרים פון אפרים, וועלכע פלעגן קומען אַהין. אַלץ, וואָס זיי האָבן געזען אין פעניציע, איז פאַר זיי געווען רייצנד, צוציענד און ווערט נאָכצומאַכן.

פיל סוחרים פון פעניציע באַזעצן זיך אויך אין אפרים און ברענגען מיט זיך זייערע מנהגים, זייער געשמאַק און אויפפאַסונג. די קעניגין איזבל האָט זיך אויך אַרומגערינגלט מיט אירע לאַנדסלייט און אין הויף פון אחאב, מיט זיין שוואַכן כאַראַקטער און אפשר אויך מיט זיין אינערלעכער נייגונג און סימפּאַטיע, האָט זיך איינגעפירט אַ פעניציער שטאַט. די פאָרמען פון פעניציער אַרט־לעבן, באַשטעטיקטע דורכן קעניגס הויף, האָבן געדינט דעם פאָלק ווי אַ ביישפּיל און דאָס פאָלק איז פון טאָג צו טאָג געפאַלן נידעריקער: עס האָבן זיך צווישן אים פאַרשפּרייט די פאַרדאָרבענע תאוות, ווי שכרות, לוקסוס און זנות. איזבל האָט אויך איינגעפירט אין לאַנד דעם קולט פון איר אייגענער אמונה. אין שומרון האָט זי אויסגעבויט טעמפּלען פאַר די געטער פון איר אייגענעם פאָלק — פאַר בעל און עשתרות; נאָענט פון ניין הונדערט כהנים פלעגן שטייען צום דינסט אין די טעמפּלען, צו ברענגען קרבנות פאַר די געטער. דאָס ברענגען קרבנות פאַר די געטער פלעגט גאַנץ אָפט פאָדערן מענטשלעכע קרבנות 1); שטענדיק פלעגט עס באַגלייט ווערן מיט ווילדע קולות און גראָבע באַוועגונגען; דער געטער־קולט פון פעניציע איז געווען פאַרבונדן מיט בלוט־פאַרגיסונג און מיט שענדלעכע תאוות, וועלכע פלעגן געפינען זייער סאַנקציע אין דער וועלט־אנשויאונג פון די פעניציער איבער גאָט און מענטש. אין דעם נייעם קולט האָט בכן געשטעקט אַ געפאַר ניט בלויז פאַר דער אמונה, אין דעם ענגן זין פונעם וואָרט, נאָר פאַר דעם גאַנצן שעפערישן נאַציאָנאַלן גייסט, פאַר די פּרינציפּן, פאַר די גייסטיקע יסודות, וועלכע האָבן זיך ביים פאָלק אין אַ משך פון דורות־לאַנג אויסגעאַרבעט און אויף וואָס עס האָט זיך געבויט די נאַציאָנאַלע פּסיכיק, די נאַציאָנאַלע קולטור.

דער פרעמדער אויסערגעוויינלעך־ווילדער קולט האָט זיך אומגעהויער גיך פאַרשפּרייט צווישן די פאָלקס־מאַסן צוליב דעם שטענדיקן פאַרקער מיט די פעניציער, און אויך צוליב דער אייפערדיקער מי פון איזבל. וואו די מלכה פלעגט טרעפן אַ שטאַרקערן ווידערשטאַנד קעגן אירע נייע איינפירונגען האָט זי זיך געמאַכט אַ וועג מיט אחאבס שווערד. אַזוי זיינען דאַן געפאַלן די ערשטע קרבנות פון פאָלק ישראל פאַר זייער אייגענער אמונה אין זייער אייגן לאַנד דורך זייער אייגענעם מלך. ניט פיל האָבן אָבער אַזאַ העלדנמוט אַרויסגעוויזן צו שיצן מיט זייער לעבן די פאָלקס־

---

1) בכורים. קנעכט אדג״ל פלעגן געבראַכט ווערן פאַר קרבנות פאַר די אָפּגעטער פון פעניציע.

טראַדיציעס, דעם נאַציאָנאַלן גייסט און אָריגינאַליטעט. דער גרעסטער טייל אין לאַנד האָבן אָנגענומען די נייע געצנדינעריי, כאָטש אין האַרצן האָט נאָך ביי זיי געברענט אַ פונק פון דער אייגענער אמונה און זיי פלעגן דעריבער אין איין און דער זעלבער צייט דינען אי צו יהוה, אי צום בעל. ווי די מסורה דערציילט, זיינען נאָר זיבן טויזנט מאַן געבליבן צו יענער צייט, „וועלכע האָבן זיך פאַר דעם בעל נישט געקניט". דאַן האָט די נבואה פונדאַסניי אויפגעהויבן די פאָן פון יהוה, די פאָן פון דעם ישראל־גאָט און מיט מסירות־נפש אַרויסגעטראָטן אין קאַמף קעגן מלך און זיינע רעפּאָר־מען. איר געוועזער איז, ווי שטענדיק, געווען דאָס הייליקע וואָרט פון גאָט. די נביאים פלעגן קומען צום פאָלק, לערנען אים, דערווייזן, איבערצייגן; זיי פלעגן נישט אָפּשרעקן זיך אויך צו קומען אין מלכס פּאַלאַץ און נישט קוקנדיק אויף איזבלס בלוטדורשטיקן פאַנאַטיזם פלעגן זיי שטראָפן דעם הערשער פאַר זיין פאַרראַט קעגן די פאָלקס־טראַדיציעס, קעגן דעם פאָלקס־גייסט; קעגן דעם אמת, קעגן יושר און משפּט. איזבל האָט די נביאים גע־לאָזט אויסהרגענען; בלויז אַ קליינע צאָל זיינען ניצול געוואָרן פון איר האַנט, אַ דאַנק דעם שר עבדיה, וועלכער האָט זיי באַהאַלטן אין אַ הייל און זיי געשפּייזט שטילערהייט; נאָר אַז די מלכה האָט זיך איבערצייגט, אַז די שווערד איז שוואַכער פאַר דעם הייליקן נבואה־וואָרט, האָט זי קעגן די נביאים גענומען מלחמה האַלטן מיט זייער אייגענעם געווער: זי האָט געדונגען פאַלשע נביאים, וועלכע האָבן אויך אין דעם נאָמען פון גאָט, פון יהוה, אָנגערעדט דאָס פאָלק צו גיין אין דעם וועג, וואָס איזבל האָט גע־פירט. דאָס איז געווען אַ טויט־בגידה. די פשוטע מאַסן האָבן נישט גע־קענט אונטערשיידן, וואָסער וואָרט איזווירקלעך געטלעך און וואָסער וואָרט איז נאָר דורך געלט באַגייסטערט. איינער איז נאָר געבליבן אין דער מחנה פון דער נבואה, וואָס איזבל האָט אים נישט געקאָנט גובר זיין: איר שווערד האָט אים קיינמאָל נישט געקענט דעריאָגן, און דאָס פאַלשע געדונגענע וואָרט פון די נביאי השקר איז צו שוואַך געווען צו באַטויבן זיין געטלעך־געשריי...

דער דאָזיקער „איינציקער" איז געווען — אליהו הנביא, פון שטאָט תשבי, אינעם געגנט פון גלעד!

אליהו הנביא איז געווען באַשאַפן מיט אַ פלאַמענדיקער נאַטור. דאָס איז געווען אַ מענטש, וועלכער איז יעדע רגע געווען גרייט צו ברענגען דאָס

אייגענע לעבן ווי אַ קרבן פאַר זיינע איבערצייגונגען. אליהו, ווי ער ווערט געשילדערט אין דער פאָלקס־מסורה, איז געווען די פאַרקערפּערונג פון דער רעליגיעזער און מאָראַלער אייפערדיקייט. פונעם מדבר פלעגט ער דערשיינען ווי אַ שטורעם־ווינט אין לאַנד, פּלוצלינג, אומדערוואַרטעט, אומפאַרהאָפט. ווי אַ שטורעם־ווינט האָט ער זיך אַריינגעריסן צו דעם כאַראַקטערלאָזן מלך אחאב, געדונערט איבער אים מיט זיינע דרייסטע רייד; ווי אַ שטורעם־ווינט האָט ער זיך פון אים אַרויסגעריסן, זיך באַוויזן דאָ און דאָרט צווישן פאָלק; אומעטום האָט ער מיט דער גיכקייט פון אַ שטורעם־ווינט דערפילט זיין מיסיע פון דער נבואה, געשיצט די גערעכטיקייט און געבראָכן די פאַלשקייט, און ענדלעך גלייך ווי אַ שטורעם־ווינט איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן. איין געדאַנק, איין פאַרלאַנג האָט געברענט טיף אין זיין האַרצן — ראַטעווען דעם נאַציאָנאַלן גייסט, וועלכער איז פעסט צוזאַמענגעבונדן מיט דעם באַגריף פון דעם נאַציאָנאַלן יהוה, ווי דער פלאַם מיט דער קויל...

אין זיין פּריוואַטן לעבן שטעלט אליהו פאַר אויך אַזאַ לעגענדע, ווי אין זיין נאַציאָנאַלער טעטיקייט. ווי אַ קעגנזאַץ דעם פאַרפיינערטן לוקסוס און דער ווילדער צעלאָזנקייט, וועלכע האָבן אַריינגעדרונגען אין אפרים פון פעניציע און זיך שטאַרק פאַרשפּרייט אין לאַנד, האָט אליהו געוויזן אַ ביישפּיל פון איינפאַכקייט און צוריקגעהאַלטנקייט. זיין קליידונג איז באַשטאַנען פון אַ האָריקן אויבער־מאַנטל און אַ פעלענעם גאַרטל; האָר האָט ער געטראָגן לאַנגע; קיין וויין פלעגט ער נישט טרינקען און קיין אויסנאַם שפּייזן פלעגט ער נישט באַנוצן; איין שטיקל קיכל און איין געפעס מיט וואַסער פלעגט אים גענוג זיין אויף צו דערהאַלטן זיין נשמה טעג און נעכט. קיין הויז האָט ער נישט געהאַט, קיין דאַך האָט אים נישט באַשיצט; אין מדבריות פלעגט ער דאָס מיינסטע זיך אויפהאַלטן, אויף די בערג פון ארץ־ישראל פלעגט ער שטייגן, אין די הייליקן פלעגט ער זיין אָפּרו געפינען. אין דער וויסטעניש, ווייט פון דער שטאָט און איר טומל, ווייט פון מענטשן און זייערע באַשעפטיקונגען, און לויט דער לעגענדע, זיך דערנערט מיט דעם, וואָס די פייגלען פלעגן אים ברענגען פונעם ישוב, פלעגט ער זיך איבערגעבן זיינע גייסטיקע באַטראַכטונגען. דאָרט פלעגט ער גאָט באַגרייפן, אין יעדע סטיכיע זיין געשטאַלט זען, אין די קלענסטע לופט־באַ־

וועגונגען — זיין הייליקע שטים פאַרנעמען. צווישן די שיינע בערג און די שטומע היילן פלעגט אים די נבואה באַגייסטערן.

אליהו הנביא האָט געהערט צו דער מדרגה פון נביאים בעלי־מופת. זיין דעוויז איז געווען: „יהוה איז די קראַפט פון אַלע קרעפטן (יהוה הוא האלהים1). גאָט האָט נישט נאָר די וועלט באַשאַפן, נאָר ער הערט נישט אויף איר צו שאַפן. אַלע נאַטור־דערשיינונגען זיינען נישט איין מאָל פאַר אַלע מאָל פעסטגעשטעלטע געזעצן, נאָר זיי זיינען די דייטלעכע אויסדרוקן פון זיין שאַפנדיקן ווילן; דער אַלמעכטיקער ווילן איז אָבער פריי צו ענ־דערן די אַלע דערשיינונגען לויט ווי אים געפעלט. דער ווילן פון גאָט נעמט אָבער אַרום נישט בלויז די טויטע נאַטור־דערשיינונגען, נאָר אויך יעדן שריט, יעדע מענטשלעכע טעטיקייט; סיי גוטס, סיי שלעכטס באַגייט דער מענטש נאָר לויט דעם ווילן פון גאָט; דער מענטש איז נאָר פריי אין זיין באַוואוסטזיין1). אין זיין באַוואוסטזיין קאָן אָבער דער מענטש דערגרייכן ביז דער מדרגה פון געטלעכקייט. ער ווערט דאַן אַנגעפילט מיט דעם ווילן פון גאָט, דאַן באַקומט ער אַ שאַפנדיקע מאַכט און ער באַהערשט די נאַ־טור, ער ווערט איר געזעץ־געבער. דאַן איז אים נישט פאַרמיטן צו ענדערן אירע אָרדענונגען; ער פאַרזאָגט, און זי פאָלגט, ער ווייזט וואונדער, וועל־כע זיינען נאָך אייגנטלעך דער אויסדרוק פון דעם ווילן פון דעם געטלעכן מאָן...

וועגן דעם ביבלישן אליהו הנביא דערציילט די מסורה פיל באַווי־זענע וואונדער. ראָבן ברענגען אים עסן; מלאכים שפייזן אים; אַ קרוג וואַ־סער און אַ לעפל מעל קלעקט אויף דריי יאָר פאַר דריי מענטשן לויט אלי־הוס ברכה; ער מאַכט לעבעדיק טויטע, ער צינדט אָן וואַסער אאז״וו. אין די אַלע אגדות מוזן מיר אַלנפאַלס זען די ריכטונג פון דעם לעגענדאַרישן פע־נאָמען, זיין אומבאַגרענעצטן גלויבן אין דעם געטלעכן ווילן, וואָס ברענט ביי אים אין האַרצן, און דאָס געטלעכע וואָרט, אויף זיינע ליפּן...

מיט דעם זעלבן אומבאַגרענעצטן גלויבן אין דער מאַכט פון דעם געטלעכן וואָרט קומט דער דאָזיקער נביא מלחמה האַלטן מיט דער געצנדי־נעריי צווישן פאָלק. און דאָ האָט ער באַוויזן אמתע וואונדער. ער האָט גע־

---

1) אלוה — קראַפט; אין מערצאָל — אַלס סומע.

2) „ואתה הסבות את לבם אחורנית״, מלכים א׳ י״ח.

וועקט דאָס נאַציאָנאַלע געוויסן ביים פאָלק; דאָס געטלעכע וואָרט, וואָס האָט וואַסער אָנגעצונדן, האָט אויך אָנגעצונדן די הערצער פון די בני ישראל מיט אַ פייער פון ליבע און אייפעריקייט צו זייער גאָט, צום גאָט פון זייערע עלטערן. ס׳האָט נישט געהאָלפן די מי און די פאַרפאָלגונגען פון איזבל. אונטער דער קאָמאַנדע פון אליהון האָט דאָס פאָלק אויפגעהויבן אַ בונט קעגן דעם נייעם קולט פון בעל און עשתרות, צעבראָכן די מזבחות פון די דאָזיקע אָפּגעטער, אויסגעקוילעט זייערע פּריסטערס. גרויס איז געווען דער צאָרן פון דער מלכה; ביי איר לעבן האָט זי געשוואוירן, אַז זי וועט זיך אָן אליהון נוקם זיין; אָבער נאָך דער דאָזיקער גרויסער שחיטה, וועלכע איז געשען אויפן באַרג כרמל, האָט אליהו זיך ווידער אויף אַ לענגערער צייט דערווייטערט אין דער וויסטעניש, וואו ער האָט זיך איבערגעגעבן זיינע גייסטיקע באַטראַכטונגען, און איזבל האָט אים נישט געקאָנט געפינען.

און הגם נאָך דער געשיכטע אויפן באַרג כרמל האָט איזבל פונדאָסניי אויפגעשטעלט דעם בעל־קולט, אויסגעבויט נייע מזבחות און באַשטימט נייע פּריסטערס; דער בעל איז אָבער שוין געווען פון דאַן אָן נאָר אַ הויף־קולט פאַרן מלכס משפחה און פאַר די הויף־מקורבים; דאָס פאָלק איז שוין נאָך אים מער נישט געגאַנגען. און אויב אחאב האָט מיט איזבלס עצו! ווייטער פאָרגעזעצט זיין מאָראַליש־פאַרדאָרבענע טעטיקייט, האָט אליהו זיך נישט אָפּגעזאָגט צו באַנייען די מלחמה קעגן אים מיט דער פריערדיקער מסירת־נפש. אָט וואָס פאַר אַ כאַראַקטעריסטישן פאַקט דערציילט די מסורה וועגן די ווייטערדיקע באַציאונגען צווישן מלך און דעם נביא:

נבות פון יזרעאל האָט געהאַט אַ ווייגאָרטן נאָענט צו אחאבס נייעם פּאַלאַץ אין יזרעאל. אחאבן איז דער ווייגאָרטן זייער געפעלן געוואָרן, האָט ער אים געוואָלט אָפּקויפן פאַר געלט, אָדער אויסבייטן אויף אַן אַנדער גאָרטן: נבות האָט אָבער אויף קיין פאַל נישט איינגעשטימט אָפּצוגעבן דעם מלך זיין ווייגאָרטן, וועלכער איז אים געווען זייער באַליבט, ווייל ער האָט אים באַקומען בירושה פון זיינע עלטערן. דאָס האָט אחאבן אַזוי פאַרדראָסן, אַז ער איז זייער אומעטיק געוואָרן און פאַרלוירן זיין אַפּעטיט צום עסן. ווען איזבל האָט אים געפרעגט פאַרוואָס איז ער נישט ביים מוט און עסט נישט, און אחאב האָט איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע מיט נבות און מיט זיין ווייגאָרטן, האָט זי אים אויסגעלאַכט: „אָט

אַזוי ווילסטו הערשן איבער ישראל?! קום עס און זיי מונטער. איך וועל דיר שוין אָפּגעבן דעם וויינגאָרטן פון נבות היזרעאלי!" די טאָכטער פון די דעספּאָטישע מזרח־הערשער האָט נישט געקאָנט צולאָזן אַ געדאַנק, אַז דעם מלכס ווילן זאָל זיין באַגרענעצט מיט וועלכע נישט איז געזעצן פון אמת און גערעכטיקייט. דאָך האָט זי זיך נישט געקאָנט דערלויבן אַוועק־צורויבן ביי איר אונטערטאַן זיין פּריוואַט־אייגנטום, ווייל דאָס פאָלק וואָלט נישט געקוקט גלייכגילטיק אויף אַזאַ פאַרברעכן, דעריבער האָט זי זיך געלאָזן אויף אַזאַ פאַלשקייט: זי האָט אין דעם נאָמען פון אחאָבן אַרויסגעפאָדערט נבותן צום משפט, אַזוי ווי ער האָט כלומרשט געלעס־טערט דעם נאָמען פון גאָט און פון מלך; פאַרן משפט האָט זי געשטעלט פאַלשע געדונגענע עדות. די שופטים האָבן נבותן פאַרמשפט צום טויט. נאָך דעם ווי ס'איז איבער נבותן אויסגעפירט געוואָרן די טויט־שטראָף, האָט איזבל קאָנפיסקירט זיינע גיטער, צווישן זיי אויך דעם וויינגאָרטן, וועלכן אחאָב האָט צוגענומען פאַר זיך. פון דעם פאַרברעכן האָט זיך דער־וואוסט אליהו. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט עס נישט געקאָנט פאַרשווייגן און נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אים איז פאַרגעשטאַנען אַ גרויס געפאַר פון דעם באַווייזן זיך אין שומרון, וואו איזבלס קנעכט האָבן אים נאָכגע־שפּירט, און בפרט נאָך ביים מלך אין פּאַלאַץ, איז ער דאָך אָנגעלאָפן, ווי אַ שטורעם־ווינט, אויף אחאָבן, און טרעפנדיק דעם מלך טאַקע אין דעם אַוועקגערויבטן וויינגאָרטן, האָט ער אויסגעשריגן: „דו וועסט טויטן און ירשענען?! ווייס זשע: אויף דעם זעלביקן אָרט, וואו די הינט האָבן געלעקט דאָס בלוט פון נבותן, וועלן זיי אויך דיין בלוט לעקן... גאָט זאָגט: איך וועל ברענגען אויף דיר אַן אומגליק און איך וועל דיך אויסראָטן... איך וועל מאַכן פון דיין הויז דאָס זעלבע, וואָס איך האָב געמאַכט פון דעם הויז פון ירבעם בן־נבט און דעם הויז פון בעשא בן אחיה, פאַר דעם צאָרן, וואָס דו האָסט מיך דערצאָרנט... און וועגן איזבלן האָט גאָט געזאָגט אַזוי: די הינט וועלן אויפפרעסן איזבלן אין דער פעסטונג פון יזרעאל. ווער פון אחאָבס משפחה וועט אין שטאָט שטאַרבן, וועלן אים די הינט אויפפרעסן און ווער פון זיי וועט אין פעלד שטאַרבן, וועלן אים די פייגל אויפפּיקן. ווייל עס איז נאָך נישט געווען נאָך איינער, וועלכער זאָל זיך אַזוי אינגאַנצן פאַרקויפן שלעכקייט צו טון, ווי אחאָב, דער אָנגערעדטער דורך זיין פרוי איזבל".

און טאַקע, דערציילט די מסורה: אין אַ געוויסער צייט אַרום איז

אחאב בשעת אַ מלחמה מיט בן־הדד, דעם מלך פון אַרם, געטויט געוואָרן דורך אַ פייל, וואָס האָט אים געטראָפן אין אַ געפערלעכן אָרט. דעם קעניג האָט מען נאָך באַוויזן אַ גוססדיקן צו ברענגען צופירן אין זיין קאַרעטע קיין שומרון; „זיין בלוט האָט פאַרגאָסן דעם וואָגן און די גאַסן, און די הינט האָבן עס געלעקט, ווי גאָט האָט געזאָגט".

אחאב איז געשטאָרבן אויפן צוויי און צוואַנציקסטן יאָר פון זיין קי־ניגן איבערן לאַנד. דעם טראָן האָט געירשנט זיין זון אחזיה.

אחזיה האָט געהערשט אין לאַנד נישט מער ווי צוויי יאָר; ער האָט אָבער אין דער קורצער צייט שוין באַוויזן, אַז דער עפּל פאַלט נישט ווייט פון בוים. „ער האָט געטון — דערציילט די מסורה — דאָס, וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט; ער איז געגאַנגען אין דעם וועג פון זיין פאָ־טער, אין דעם וועג פון זיין מוטער און אין דעם וועג פון ירבעם בן־נבט, וועלכער האָט געמאַכט זינדיקן דאָס פאָלק ישראל. ער האָט געדינט צום בעל און זיך געבוקט צו אים, און ער האָט דערצאָרנט גאָט דעם באַשאַפער פון ישראל, אַזוי ווי זיין פאָטער האָט געטון". דער אומדערמידלעכער הי־טער פונעם פאָלקס־גייסט, אליהו, האָט געקעמפט קעגן אחזיה, אַזוי ווי ער האָט געקעמפט קעגן זיין פאָטער אחאב. איבערהויפּט האָט אחזיה אויף זיך אויפגעבראַכט דעם צאָרן פון דעם בעסטן טייל פון פאָלק מיט דער ווייַ־טערדיקער טאַט:

אויפן צווייטן יאָר פון זיין הערשן איבערן לאַנד איז אחזיהו אַראָפּ־געפאַלן פון אַ הויכן שטאָק דורך די גראַטן פון זיין פּאַלאַץ און איז קראַנק געוואָרן. וואָס טוט דער מלך פון ישראל? שיקט ער זיינע דינער קיין עקרון, אין פלשתים, אָנצופרעגן ביים דאָרטיקן אָפּגאָט בעל־זבוב, אויב ער וועט געזונט ווערן פון זיין קראַנקייט? ווי אליהו האָט זיך דערוואוסט פון דער געשיכטע, איז ער געגאַנגען אין דעם וועג פון אחזיהוס שלוחים, און האָט זיי באַגעגנט מיט די דאָזיקע ווערטער: „צי איז שוין דען קיין גאָט נישטאָ אין ישראל, וואָס איר גייט זוכן דעם בעל־זבוב, דעם אָפּגאָט פון עקרון?"
— און אליהו האָט געשיקט די שלוחים צוריק צו זייער האַר, זיי זאָלן אים זאָגן אין דעם נאָמען פון גאָט: פון דעם בעט, אויף וועלכן דו האָסט זיך איצט געלייגט, וועסטו שוין מער נישט אַראָפּגיין — דו מוזסט שטאַרבן, דערפאַר וואָס דו האָסט מבזה געווען דאָס פאָלק און זיין גאָט!"...

„אוי ער איז טאַקע געשטאָרבן, — ענדיקט די מסורה — ווי גאָט

האָט דורך אליהון געזאָגט"; אנשטאָט אים האָט געקיניגט זיין ברודער יהורם, ווייל אחזיהו האָט נאָך זיך נישט געלאָזט קיין זין.

צו דער זעלבער צייט האָט אליהו אויך פאַרלאָזן די וועלט. נאָך איי־דער ער האָט זיך געשיידט מיט דעם ערדישן לעבן, האָט ער פאַרזיכערט זיין לערע, די לערע פאַר וועלכן ער האָט געקעמפט זיין גאַנץ לעבן און פאַר וועלכן ער האָט זיך אַזוי פיל מקריב געווען. צו דעם צוועק האָט ער צוזאַ־מענגעשטעלט אַ גאַנצן פּלאַן, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז דער פאַרבאַנד מיט פעניציע איז געפערלעך פאַרן פאָלק סיי פון דעם מאָראַלישן און סיי פון דעם ריין רעליגיעזן שטאַנדפּונקט און נעמענדיק אין אַכט, אַז די די־נאַסטיע פון עמרי, מיט איזבל אין דער שפּיץ, צוליב אירע משפחה־פאַר־העלטעניש, שטיצט אָט דעם דאָזיקן זינדיקן פאַרבאַנד, — האָט אליהו, נאָך פאַר זיין לעבן אויף דער ערד, — אָנגענומען אַ גאַנצע ריי מיטלען, ווי צו קעמפן קעגן אָט דעם דאָזיקן געפערלעכן מצב. אין דער צוקונפטיקער נבואה־טאַקטיק האָט אליהו אויסער איר שטענדיקן כלי־זיין — גאָטס וואָרט — איינגעשלאָסן אויך די אינערלעכע און אויסערלעכע פּאָליטיק. פון דער צייט, וואָס די בני־עמרי האָבן געהערשט אין שומרון, איז זיי אויס־געקומען זייער פיל צו ליידן פון די בני־אַרם, וועלכע האָבן נישט אויפגע־הערט צו באַפאַלן די מלוכה פון אפרים; דער מלך פון די בני־אַרם, בן־הדר, איז געווען פון דער נאַטור אַ קריגס־מאַן, נאָר ער האָט זיך נישט איבריק אויסגעצייכנט מיט זיינע פעאיקייטן ווי אַ גענעראַל. ביי דער גרעסטער טייל מלחמות מיט די בני־אַרם האָבן די בני־עמרי בן־הדרן מנצח געווען. לויט אליהוס פּלאַן האָט חזאל, איינער פון בן־הדרס שרים, געלאָזט אויס־אַרבעטן אַ פאַרשווערונג קעגן זיין מלך און פאַרכאַפּן די מלוכה. דאָס איז געווען אויסגערעכנט ערשטנס אויף דעם, אַז דער פאַרבאַנד פון אפרים מיט די פעניציער זאָל צעשטערט ווערן, ווייל די פעניציער, וועלכע זיינען גע־ווען פון דער נאַטור רואיקע און קריגס־אומפעאיקע מענטשן[1]) וועלן אין אַזאַ געפערלעכן מאָמענט גאָרנישט קענען העלפן, און צווייטנס אויף דעם, וואָס די נייע מלחמה וועט אויפוועקן אין די בני ישראל זייער זעלבסט־באַוואוסטזיין, ווייל יעדע אויסערלעכע פאָלקס־געפאַר וועקט שטענדיק ביים פאָלק זיין פּאַטריאָטיזם און זיין נאַציאָנאַלן געפיל. שטיצנדיק זיך

1) „כמשפט צידונים עם שוקט ובוטח" (שופטים י"ח).

אויף דעם האָט אליהו אָנגעצייכנט דעם פּלאַן אויך פון אַן אינעווייניקסטער פאַרשווערונג קעגן דער דינאַסטיע פון עמרי: זיינע אָנהענגער האָבן געזאָלט ביי אַ גינסטיקן מאָמענט אָנרייצן יהורם בן־אחאבס פעלד־מאַרשאַל, יהו בן־נמשיך, ער זאָל אויפשטיין קעגן מלך און מאַכן אַן ענד׳ע מיט אחאבס און איזבלס הויזגעזינט.

אין דעם לאַגער פון דער נבואה האָט אליהו זיך אויך באַמיט אַריינצוברענגען וואָס מער אָרדענונג; אָנשטאָט די, איבערן גאַנצן לאַנד, צעשפּרייטע איינצלנע געטלעכע לייט, פון וועלכע יעדער באַזונדער האָט לויט זיין דרך געלערנט דעם פאָלק און געקעמפט קעגן די שעדלעכע אויסערלעכע ווירקונגען, האָט אליהו געשאַפן אַ פרייע אָרגאַניזאַציע פון נביאים; פון זייער קרייז האָט ער אָנגעוויזן אויף אלישע בן שפט, אַ געוועזענעם ערדאַרבעטער, ווי אויף דעם סאַמע פּעאיקסטן, וועמענס אויטאָריטעט עס דאַרף מיטן גוטן ווילן אנערקענט ווערן פון זיינע חברים. מיט דעם האָט ער אַריינגעבראַכט מער גאַנצקייט און איינקייט אין דער טעטיקייט פון דער גבואה.

אלישע איז געווען אַ תלמיד מובהק פון אליהון פאַר זיין לעבן און זיין גייסטיקער יורש נאָך זיין טויט. ער איז שטענדיק געגאַנגען אין דעם וועג פון זיין גרויסן לערער: אַזוי ווי אליהו איז ער אויך געווען אַ ברענענדיקער קנאי בנוגע צו זיינע טיפע איבערצייגונגען; אין זיין גייסטיקער טעטיקייט איז ער געווען ביז דער העכסטער מדרגה קאָנסעקווענט, נישט נאָכגעביק, שטרענג, און האָט נישט געליטן קיין שום פשרות. אין קאַמף מיט די שעדלעכע ווירקונגען אויפן פאָלק איז ער געווען אומדערשראָקן: האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאַך און מיט קיין זאַך זיך נישט געלאָזט אונטערקויפן. זיין שיטה אין נבואה איז אויך געווען, ווי ביי אליהון, דאָס וואונדער־שאַפן. אין זיין פּריוואַטן לעבן האָט ער געדינט ווי אַ מוסטער פון ערלעכקייט, מענטשן־ליבע און געלט־פיינטשאַפט. אַזוי ווי אליהו האָט ער אויך געפירט אַן אָרימען, איינפאַכן וואַנדער־לעבן, און נאָר צייטנווייז פלעגט ער זיך באַווייזן צווישן פאָלק, ווען דאָס האָבן געפאָדערט די גייסטיקע נבואה־אינטערעסן. איבערהויפּט פלעגט ער מיט זיינע תלמידים וואַנדערן צווישן די בערג, וואו זיי פלעגן זיך פאַרנעמען מיט געטלעכע אויפקלערונגען. צווישן די בני־הנביאים האָבן זיך דאַן געגומען אַנטוויקלען גאַנץ דייטלעכע שטרעבונגען. לויט דעם ביישפּיל, וואָס אליהו האָט ביי

זיין לעבן געוויזן, פלעגן זיי זיך נישט באַזעצן אין שטעט, נישט בויען זיך קיין הייזער, נישט האָבן קיין פעלדער און וויינגערטנער. אויף אַזאַ אופן זעען מיר שוין דאָ דעם ערשטן, אפילו נאָך נישט דייטלעך פאָרמולירטן, פּראָטעסט קעגן פּריוואַט־אייגנטום. זייער אָרט־לעבן צווישן זיך טראָגט אויף זיך אָן אַ שום צווייפל סימנים פון אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפטס־פאָרם. זיי האָבן געוואוינט גרופּעסווייז און געשפּייזט זיך צוזאַמען. אין זייער דערנערן זיך האָבן זיי זיך נישט דערלויבט קיין מותרות; קיין וויין האָבן זיי נישט געטרונקען, קיין פלייש האָבן זיי נישט געגעסן. בלויז פאַר־שיידענע געוויקסן פלעגן זיי געברויכן אנשטאָט שפּייז. אין דעם קרייז פון דער נבואה האָט אַלזאָ זיך גענומען באַווייזן אין אַ געוויסער מאָס די ביי־גונג צו אַסקעטיזם, צו דערווייטערן זיך פון עולם הזה.

דאָס אָפּגעזונדערטע אָרט־לעבן פון די נביאים האָט זייער גוט גע־ווירקט אויף זייער אָרט דענקען. וואָס מער די נביאים האָבן זיך דערוויי־טערט פונעם ישוב און זיך איבערגעגעבן דער איינזאַמקייט אין דער מדבר, אַלץ שוואַכער איז ביי זיי געוואָרן דער ענגער נאַציאָנאַליזם און זיי ווערן אַלץ מער אַלטוועלטלעך, אַלמענטשלעך. זייער גאָט, וועלכער איז אין אָנ־הויב געווען נאָר אַ פאָלקס־באַשיצער ווערט אַ וועלט־גאָט; זייערע אידע־אַלן, וועלכע זיינען אין אָנהויב געווען ענג פאַרבונדן מיט די פאָלקס־אייגנ־שאַפטן ווערן וועלט־אידעאַלן; און פון דאַנען איז שוין נאָר איין טריט צו די שפּעטערדיקע נבואה־אנשויאונגען, לויט וועלכע דאָס פאָלק ישראל אַליין איז אויך אַן אַלוועלטלעך פאָלק און דאָס לאַנד פון ישראל — אַן אַל־וועלטלעך לאַנד. ישראל איז פאַר די נביאים אויף אַזוי פיל טייער, אויף וויפיל עס טראָגט אין זיך די הויכע נבואה־שטרעבונגען און דינט ווי אַ לערער פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. דער אַלגעמיינער נבואה־בליק נעמט אָבער אַרום, אויסער ישראלן, אויך אַלע פאַרשידענע פעלקער פון דער וועלט.

די שנאה צו א מלוכה־אָרדענונג, וועלכע די נביאים האָבן פון שטענ־דיק אָן געטראָגן אין האַרצן, ווערט ביי זיי נאָך מער פאַרשטאַרקט, זינט זיי האָבן זיך דערווייטערט פון ישוב, און ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט פון די תענוגי העולם, זיינען זיי געווען צו יעדער צייט גרייט, צו ברענגען דאָס מאַטעריעלע מלוכה־גליק ווי אַ קרבן אויף דעם מזבח פון דער מאָראַלישער פולקאָמענקייט.

אין דער צייט פון יהורם מלך ישראל, טרעפן מיר בכן אין לאַגער פון די נביאים אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, מיט אַ אידעאַלן צוקונפטס־פּראָגראַם און אַ פעסטער פּאָליטישער טאַקטיק אין דער קעגנוואַרט; דאָס איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך אַליין אויסגעקעמפט פולשטענדיקע פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, נישט אנערקענט איבער זיך קיין אַנדער מאַכט, אויסער די געטלעכקייט, און האָבן גענומען זיך דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן דעם גאַנג פון פּאָליטישן און גייסטיקן לעבן אין לאַנד. די אָרגאַניזאַציע ווערט נאָך פיל מעכטיקער, זינט אין איר שפּיץ שטעלט זיך, לויט אליהוס צוואה, אלישע בן־שפט און נעמט מיט אומדערמידלעכער ענערגיע און אייזערנעם ווילן אויסצופירן דאָס פּראָגראַם פון זיין „האַר".

דערווייל איז די לאַגע אין לאַנד אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט געוואָרן. גראַד איז אין יהורמס צייטן געווען אין לאַנד כמעט אַ כראָנישע אומגערעטעניש אויף די פעלדער; ס'האָט דער הונגער געפּייניקט דאָס פאָלק; געקומען איז דערצו, אַז מאַמעס האָבן אייגענע קינדער געגעסן; די אָרימקייט און געדריקטקייט אין לאַנד איז זייער גרויס געוואָרן; די מער פאַרמעגלעכע האָבן אויף דער צייט פונעם הונגער פאַרלאָזן זייערע הייזער און פעלדער און באַזעצט זיך אין פרעמדע לענדער. דער דאָזיקער מצב האָט, ווי עס ווייזט אויס, אַרויסגערופן ביים פאָלק אַ שטילע פרומקייט און אַן הכנעה פאַר דעם „גאָט פון זיינע עלטערן", נאָך מער ווי אין אליהוס צייטן. די אויטאָריטעט פון דער נבואה שטייגט. אלישעס נאָמען ווערט אומעטום געהערט און פאַרגעטערט; „דער הייליקער מאַן" — ווערט ער אָנגערופן צווישן פאָלק. אין דער צייט פון מאַטעריעלער נויט פאָרט אלישע אַרום איבערן לאַנד, און וואו ער קאָן העלפט ער די אומגליקלעכע. אין תנ"ך ווערט דערציילט זייער פיל וואונדער, וואָס אלישע האָט באַוויזן אין דער צייט פונעם הונגער: בעלי־חובות האָט ער געראַטעוועט פון קנעכטשאַפט, פאַרשמאַכטע האָט ער אויסגעלייזט פון טויט. דאָס אַלץ שאַפט אים אַן אויסערגעווינלעכע באַרימטקייט; אַרום אים גרופּירן זיך די בעסטע און די פרומסטע פון פאָלק; אפילו די „זקנים", די אָפיציעלע שופטים אין שומרון „זיצן מיט אים". אלישע ווערט געאַכטעט אפילו אויך אויסער די גרענעצן פון זיין פאָטערלאַנד: פרעמדע מלכים שיקן צו אים אַן עצה פרעגן און „גאָטס וואָרט" פאַרשן. — אין דער זעלבער צייט פירט זיך אָבער דאָס „קעניגלעכע הויז" אויף זיין אַלטן שטייגער. יהורם האָט זיך

אפילו פון אָנהייב נישט אַרויסגעוויזן ווי אַ צו הייסער אָנהענגער פון די רעליגיעזע רעפאָרמען, וואָס האָבן אָנגעהויבן פאַר אחאבן איינגעפירט צו ווערן אין לאַנד; זיין מוטער, די ענערגישע איזבל, אָבער, האָט אין איר זונס צייטן אויך געהאַלטן אין אירע הענט אַ געוויסן טייל פון דער אינערלעכער הנהגה, און זי האָט זיך אַלזאָ נישט אָפּגעזאָגט פון איר שיטה, צוזאַמענצוגיסן דאָס פאָלק ישראל מיט איר אייגן פאָלק, מיט די פיניציער. דער בעל איז געווען, ווי אין אחאבס צייטן, דער אָפיציעלער גאָט פונעם קעניגלעכן הויף, די מנהגים פון די פיניציער זיינען געווען זיינע מנהגים און די העברעיִשע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, די שרים און די קצינים, האָבן נאָכגעטון דער העכערער מאַכט און געשטרעבט צו אַסימילירן זיך מיט די פיניציער. אויף אַזאַ אופן איז געלעגן דאַמאָלס אַ טיפער אָפּגרונט צווישן דעם אַסימילירטן „בית המלך" און די פרומע פאָלקס מאַסן: זייערע אָנשויאונגען, זייערע שטרעבונגען, זייערע געטער זיינען געווען גאַנץ פיינטלעך צו די פון „הויף". און דער אָפּגרונט פלעגט נאָך אַלץ טיפער ווערן דורך די בני הנביאים, וועלכע זיינען געשטאַנען צווישן פאָלק און צווישן מלך, און נישט געלאָזט זיי זיך צוזאַמענוואַקסן; און אויב אויבערפלעכלעך זיינען די באַציאונגען צווישן דער מאַכט און צווישן פאָלק געווען כמעט פריינטלעכע, איז אָבער וואָס טיפער אַלץ ווייניקער סאָלידאַריטעט געווען צווישן זייביידע.

און אַזוי, ווי שטענדיק, ווירקט די לאַגע פון די אינערלעכע ענינים אין לאַנד אויפן אויסערלעכן מצב. יהורעמען קומט אויס דאָס גאַנצע לעבן צו פירן שוך־מלחמות קעגן די פיינטלעכע פעלקער, וועלכע ווירקן אָן אויפהער קעגן דער מלוכה פון אפרים. די ערשטע מלחמה, וואָס יהורמען איז אויסגעקומען צו פירן, איז געווען די מלחמה מיט מואבן. עמרי נאָך האָט געמאַכט מואבן אָפּהענגיק פון די מלכי ישראל. די מואבער פלעגן מוזן יערלעך שיקן קיין שומרון אַ גרויסן אָפּצאָל מיט „נאַטור" — ד"ה נאַטירלעכע פּראָדוקטן, וועלכע זיינען באַשטאַנען הויפּזעכלעך פון בהמות. מישע, דער מלך פון מואב אין יהורמס צייט, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שיקן דעם אָפּצאָל. יהורם איז צוזאַמען מיט יהושפטן, דעם מלך יהודה, וועלכער האָט שוין פון לאַנג־אָן געלעבט גוט מיט עמרים דינאַסטיע, אַוועק אויף אַ מלחמה קיין מואב. ווי די מסורה דערציילט, זיינען, לויט דעם פאַרלאַנג פונעם פרומען יהושפט, ביידע מלכים געקומען פריער צו

פאָרן צו אלישען, אים פרעגן וועגן די רעזולטאַטן פונעם פאַרשטייענדן קריג. אלישע האָט זיך געווענדעט צום מלך פון ישראל מיט די דאָזיקע ווערטער: „וואָס האָב איך מיט דיר צו טון? גיי דיר צו די נביאים פון דיין פאָטער און צו די נביאים פון דיין מוטער!"... „ביים לעבן פון גאָט דעם הערשער — ווען אי דוואָלט נישט געשוינט דעם כבוד פון יהושפט, דעם מלך פון יהודה, אויב איך וואָלט גאָר אויף דיר אַ בליק געגעבן און אויב איך וואָלט דיין געזיכט גאָר אָנגעקוקט!"... דאָ זעען מיר נאָר איינע פון די גרויסע צאָל צוזאַמענשטויסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישן דעם נביא מיטן מלך, דער נביא האָט אָן רחמנות דעם מלך דערנידעריקט!...

אלישע האָט פאָרויס געזאָגט די מלכים די פאָלגן פון זייער אונטערנעמונג: „גאָט וועט איבערגעבן מואבן אין אייערע הענט: איר וועט צעשטערן יעדע פאַרפעסטיקטע שטאָט און יעדע אויסדערוויילטע שטאָט; און יעדן גוטן בוים וועט איר אומוואַרפן, און יעדן קוואַל פון וואַסער וועט איר פאַרשטאָפּן און יעדעס גוטע פעלד וועט איר מיט שטיינער פאַרוואַרפן"... די מפּלה פון מואב איז טאַקע געווען אַ פולשטענדיקע. ווייל אַדאַנק די פאַראייניקטע כוחות פון דיביידע מלוכות, אפרים און יהודה, איז דער לאַגער פון מואב זיך צעלאָפן און די הויפּשטאָט קיר־חרושת חרוב געוואָרן; דאָך האָט יהורמען זיך נישט איינגעגעבן, מואבן פון דאָסניי אונטערטעניק צו מאַכן דער מלוכה פון ישראל.

באַלד איז יהורמען פאָרגעשטאַנען אַ מלחמה, וואָס האָט געדויערט כמעט דאָס גאַנצע לעבן זיינס, מיט לענגערע אָדער קירצערע הפסקות. די אַראַמעער, וועלכע האָבן נאָך פאָר אחאבס לעבן אָנגעהויבן זייערע אָנפאַלן אויף ישראל, און פלעגן דאָן שטענדיק באַגעגענען אַ שטאַרקן, אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד און שטענדיק ליידן גרויסע מפּלות, — האָבן פאַר יהורמען פון דאָסניי אָנגעהויבן זייערע פיינטלעכע טעטיקייט קעגן דער מלוכה פון ישראל. אונטער דער אָנפירונג פונעם מלך בן־הדד איז זיי געלונגען אַ סך מאָל אַריינצודרינגען אינעם לאַנד פון ישראל גופא; איינמאָל האָבן זיי זיך שוין געהאַט צוגערוקט ביז סאַמע שומרון, ביז דער הויפּטשטאָט פונעם לאַנד ישראל, און זי באַלאַגערט. ביי דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט דאָן אַזוי שטאַרק געליטן פון אומגערעטעניש, איז צוליב די אָנפאַלן און באַלאַגערונגען, דער הונגער נאָך מער געוואַקסן. אַ גרויסן

העלדנמוט האָט מען געמוזט דאַן פאַרמאָגן, אום צו קאָנען ביי אַזאַ לאַגע אויסהאַלטן דעם אָנגריף פונעם שונא. יהורם האָט אָבער כמעט אַלע אָנ־פאַלן פון בן־הדר מנצח געווען מיט מער אָדער ווייניקער דערפאָלג און בן־הדר פלעגט זיך שטענדיק אומקערן אין זיין לאַנד מיט גאָרנישט, וואָס דאָס פאָלק ישראל האָט שטענדיק פאַררעכנט אַלס נס; אַזוי שווער איז גע־ווען די לאַגע, אַז מען פלעגט גאָרנישט קאָנען האָפן אויף קיין רעטונג!

פון תנ״ך איז שווער אַרויסצודרינגען, וואָס פאַראַ פּאָזיציע די בני הנביאים האָבן פאַרנומען אין דער באַציאונג צו די דאָזיקע שווערע מלח־מות מיט ארם; מיר זעען נאָר, אַז איינמאָל אין דער צייט פון אַ באַלאַגע־רונג, ווען דער הונגער אין לאַנד האָט דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז די באַ־פעלקערונג אין שומרון האָט זיך דערנערט מיט אייזלען־פלייש און טויבן־מיסט, האָט דער מלך מיט פאַרביטערונג אויסגעשריגן: „זאָל מיר אַזוי גאָט העלפן, אויב אלישעס קאָפּ וועט נאָך היינט בלייבן שטיין אויף זיין אָרט!״ און דער מלך האָט טאַקע געשיקט שלוחים צו טויטן אלישען אין זיין וואוינונג, נאָר די שלוחים זיינען „צעקוועטשט געוואָרן ביי דער טיר״. ס׳איז אָבער נישט מעגלעך צו פאַרשטיין די כונה פונעם מלכס רייד: וואָס פאַר אַ שייכות האָט אלישע געהאַט מיטן הונגער און מיט דער באַ־לאַגערונג?... אויף יעדן פאַל וויסן מיר פון תנ״ך, אַז אלישע האָט זיך קונה שם געווען ביי די אַראַמעער און בן־הדר האָט אים זייער פאַרערט ווי אַ געטלעכן מאַן. איין מאָל איז בן־הדר קראַנק געוואָרן, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז אלישע איז גראַד געקומען קיין ארם. האָט בן־הדר געשיקט זיין שר חזאל זיך נאָכפרעגן ביים געטלעכן מאַן, צי וועט ער געזונט ווערן פון זיין קרענק. אלישע האָט דאַן די מעגלעכקייט ממלא צו זיין די צוואה־פּראָגראַם „פון זיין האַר״ אליהון, און ער האָט געזאַלבט חזאלן פאַר אַ מלך אינעם נאָמען פון גאָט; דאָס האָט בן הדרס קנעכט צוגעגעבן מוט, און ער האָט צוריק קומענדיק דערשטיקט זיין מלך. אין דער פּערזאָן פונעם נייעם העלדישן הערשער פון ארם באַקומט דאָס פאָלק ישראל אַ סך ערנסטערן פיינט. די מסורה דערציילט, אַז אלישע אַליין האָט גע־וויינט, ווען ער האָט ממלא געווען דעם ווילן פון זיין רבין. „ער האָט אומגעקערט זיך מיטן פנים צו דער וואַנט און איז אַזוי לאַנג געשטאַנען. האָט אים חזאל געזאָגט: וואָס וויינט מיין האַר? האָט אלישע געזאָגט: ווייל איך ווייס, אַז דו וועסט טון מיין פאָלק שלעכטס; זיינע פעסטונגען

וועסטו אין פייער פאַרברענען, זיינע בעסטע זין וועסטו מיטן שווערד דערשלאָגן, זיינע קליינע קינדער וועסטו צערייסן און זיינע שוואַנגערע פרויען וועסטו צעשפּאַלטן. האָט אים חזאל געזאָגט: צי איז דען דיין קנעכט אַ הונט, אַז ער זאָל אַזעלכעס טון? — אלישע האָט אים נאָר קורץ און שאַרף געענטפערט: גאָט האָט מיר דיך געוויזן ווי אַ מלך פון ארם !..."

גלייך נאָך דעם, ווי חזאל איז געוואָרן מלך, האָט ער באַלד גענומען פאַרקערפּערן זיין פיינטשאַפט צו ישראל אין רעאַלע מעשים. ער האָט דערקלערט שומרון אַ מלחמה. די דאָזיקע מלחמה איז געווען פאַר ישראל, ווי ס'ווייזט אויס, פיל שווערער פון די פריערדיקע; דער מלך יהורם אַליין, וועלכער פלעגט שטענדיק פערזענלעך אנטייל נעמען אין קריג, איז דאָן פאַרוואונדעט געוואָרן אין רמות־גלעד, וואו דער אנטשיידנדיקער קאַמף איז פאָרגעקומען, אַזוי אַז ער האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס שלאַכט־פעלד און אַפּפאָרן וואָס גיכער קיין יזרעאל, זיך צו היילן; דאָרטן איז אים געקומען באַזוכן אחזיהו, דער מלך פון יהודה, יהושפטס אייניקל און יהורמס פלימיעניק.

אָט דעם דאָזיקן שווערן מאָמענט, ווען דעם שונאס חיל האָט זיך געפונען אויפן געפערלעכן מלחמה־פּלאַץ אין רמות־גלעד, און דער מלך איז געלעגן קראַנק אין יזרעאל, האָט אלישע געפונען פאַר גינסטיק אויף דורכצופירן דעם לעצטן פונקט פון אליהוס פּראָגראַם: אויפצוהייבן אַ פאַרשווערונג קעגן יהורמען און קעגן דער גאַנצער פאַמיליע פון אחאבן. איינעם פון די בני־הנביאים, וועלכע זיינען שטענדיק געהאָרכזאַם געווען זייער אָנפירער, האָט ער געשיקט קיין רמות־גלעד, כדי צו זאַלבן פאַר אַ מלך איבער ישראל דעם שר־צבא יהוא בן יהושפט, בן נמשי. דער נביא האָט אַזוי געטון: אויפן שלאַכטפעלד האָט ער געזאַלבט שטילערהייט יהואן פאַר אַ מלך אין נאָמען פון גאָט און ער האָט אים אויך געזאָגט דערביי, וואָס פאַר אַ פליכטן גאָט לייגט אויף אים, אויף יהואן, אַרויף: „אַזוי האָט גאָט געזאָגט, דער האַר פון ישראל: איך האָב דיך געזאַלבט פאַר אַ מלך איבערן געטלעכן פאָלק, איבער ישראל. זאָלסטו טויטן אחאבס, דיין האַרס, הויזגעזונט, וועל איך נקמה נעמען פון איזבלן פאַר דעם בלוט פון מיינע קנעכט, די נביאים, און אַלע איבעריקע דינער מיינע. און עס זאָל אונטערגיין די גאַנצע פאַמיליע פון אחאב, עס זאָל קיין הונט

פון זיין הויז נישט אנטרונען ווערן... און איזבעלן זאָלן די הינט אויפ־פרעסן אין יזרעאל, און קיינער זאָל נישט וואָגן איר צו קבורה צו ברענ־גען...״

דער דאָזיקער פּאַראַט קעגן עמרים דינאַסטיע האָט אין זיך אַ מערק־ווירדיקע זייט, כאָטש אין אפרים זיינען די מרידות, ווי מיר האָבן שוין געזעען, בכלל נישט געווען קיין אויסנאַמלעכע דערשיינונג. דאָ איז אָבער דער בונט פאַרגעקומען אָפן. גלייך ווי דער נביא איז אַוועק, האָט יהו דערציילט די איבעריקע שרים, אַז אין נאָמען פון גאָט איז ער פאַר אַ מלך געזאַלבט; די שרים און דאָס גאַנצע חיל האָבן קיין רגע נישט גע־צווייפלט און זיי האָבן אויסגעשריען: „עס קעניגט יהו!״ נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס יהורם האָט נאָך געלעבט. דאָס דערווייזט, ווי ווייט די נבואה האָט אונטערגעגראָבן די אויטאָריטעט פונעם מלך, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן פאַרבראַכט אין אומאויפהערלעכע מלחמות פאַר זיין פאָלק און לאַנד!...

און יהו האָט זיך באַלד גענומען אויסצופירן דעם פאַרזאָג פונעם נביא. די מסורה דערציילט: מיט אַ טייל חיל איז ער אַוועקגעריטן קיין יזרעאל, וואו דער פאַרוואונדעטער מלך יהורם האָט זיך געהיילט, און האָט די שטאָט ארומגערינגלט. דער וועכטער פון שטאָט־טורעם האָט דער־זען, אַז עס דערנענטערט זיך אַזאַ גרויסע מחנה חיל, און האָט נישט פאַרשטאַנען די סיבה. ער האָט עס צעוויסן געגעבן דעם מלך. דער מלך האָט געשיקט אַ רייטער צו דערוויסן זיך, וואָס עס באַדייט די מחנה און באַלד אַ צווייטן שליח, נאָר זיי האָבן זיך צוריק נישט אומגעקערט; דאַן איז יהורם אַליין אין זיין עקאפּאַזש, צוזאַמען מיט זיין גאַסט אחזיהו, דעם מלך פון יהודה, אַרויסגעפאָרן אַנטקעגן דעם חיל און ער האָט גע־טראָפן יהון ביי דעם געוויסן פלאַץ פון נבות־היזרעאלי. יהורם האָט גע־מיינט, אַז זיין פעלדמאַרשאַל איז צו אים געקומען מיט ידיעות פון דער מלחמה, האָט ער אים געפרעגט: „מיט פרידן, יהו?״ נאָר יהו האָט אים געענטפערט: „ווי קומט פרידן ביי די זנות־טאָטן און ביי די כישוף־מעשים פון דיין מוטער איזבל?״! יהורם האָט געזען, אַז דאָ איז פאַר־געקומען אַ פאַרשווערונג קעגן אים, און צוזאַמען מיט זיין פּלימעניק, דעם מלך פון יהודה, האָט ער גענומען אַנטלויפן. נאָר אַ פייל פון יהוס בויגן האָט דעם מלך פון ישראל דעריאָגט און אין האַרצן געטראָפן. אַזוי איז

אויפן צוועלפטן יאָר פון זיין הערשן דערהרגעט געוואָרן יהורם בן־אחאב דער מלך פון ישראל. יהו — גיט צו די מסורה — האָט געהייסן זיין אַדיוטאַנט אַרויסוואַרפן יהורמס קערפּער אויפן פּלאַץ פון נבות היזרעאלי. „נעם און שליידער אים אַוועק אויף נבותס ערד, ווייל מיר מיט דיר געדענקען דאָך נאָך די נאָכרייטער פו [זיין פאָטער אחאב, און גאָט האָט דאַן געזאָגט וועגן אים: ביי מיין נאָמען — אויב איך האָב נישט געזען דאָס בלוט פון נבותן און דאָס בלוט פון זיינע קינדער! וואַרף־זשע אים אויף דעם פּלאַץ פון נבות, ווי גאָט האָט געבאָטן"... ביזן צווייטן דור האָט דאָס פאָלק געדענקט דעם פאַרברעכן פון זיין הערשער...

אַוועקגעהרגעט דעם מלך, האָט יהו גענומען זיך אָפּרעכענען מיט זיין פאַמיליע. ער איז געגאַנגען גלייך אין יהורמס פּאַלאַץ. דאָרטן האָט אים איזבל דורכן פענצטער באַגעגנט מיט אַן איראָנישן פאָרוואורף: „וואָס מאַכט זמרי, וועלכער האָט געטויט זיין האַר? 1) יהו האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר אויף זיין באַפעל האָבן אירע אייגענע דינערס איר אַרויסגעוואָרפן צו די פערד, וועלכע האָבן זי צעטראָטן מיט די פיס. דערווייל האָט יהו זיך געזעצט עסן אין מלכס פּאַלאַץ, נאָר ווען ער האָט זיך נאָכן עסן דערמאָנט און געהייסן דער מלכהס צעטראָטענעם קערפּער צונעמען און באַגראָבן, זיינען שוין פון איר נאָר איר שאַרבן, אירע הענט־ביינער און פוס־קנאָפּל געבליבן. און ווידער גיט די מסורה צו: דאָס איז גאָטס וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט דורך זיין קנעכט אליהו התשבי — אין יזרעאל וועלן די הינט אויפפרעסן איזבלס פלייש! — די פאָלקס־פאַנטאַזיע הערט נישט אויף נקמה צו נעמען פאַר דאָס אומזיסט פאַרגאָסענע בלוט...

פון יזרעאל, די צווייטע רעזידענץ, איז יהו אַוועק אין דער הויפּט־שטאָט, אין שומרון. דאָרטן האָט ער געלאָזט טייטן די איבעריקע אחאבס קרובים, ביז זיבעציק מאַן, די אַלע נאָענטע צו עמרים דינאַסטיע, זייערע גוטע פריינט און אָנהענגער. אפילו די זין פון עתליה, די טאָכטער פון אחאב, וועלכע איז געווען אַ פרוי פונעם מלך יהודה, האָט יהו געלאָזט הרגענען; ווייל זיי זיינען גראָד דאַן צו גאַסט געקומען באַזוכן זייער פאַ־

1) זמרי, וועלכער האָט געהרגעט דעם מלך בעשה, איז געבליבן אַ שאַנד־נאָמען פאַר אַ מלוכה־פאַרעטער.

טער יהורמען, דעם מלך פון ישראל. אָט אַזוי האָט יהו אויסגעראָטן מיטן וואָרצל אחאבס פאַמיליע נישט איבערלאָזנדיק פון איר קיין זכר. נאָכדעם האָט ער זיך געגומען צום בעל און זיינע דינער. ווי די מסורה דערציילט, האָט ער זיך דאָ באַנוצט מיט אַ רמאות. ער האָט געלאָזט פאַרזאַמלען דאָס פאָלק און דערקלערט בזה הלשון: „אחאב האָט נאָך ווייניק דעם בעל געדינט: יהו וויל אים מער דינען. בכן, רופן מיר צוזאַמען אַלע נביאים פון בעל, אַלע זיינע פּריסטער און דינער, קיינער זאָל נישט פעלן, ווייל איך וויל איינריכטן אַ גרויסן מלחמה־מאָלצייט פאַרן גאָט בעל!״... דעם דאָזיקן באַפעל האָט יהו אומעטום צעשיקט און עס זיינען טאָקע פון גאַנצן לאַנד אָנגעקומען אַלע דינער פון בעל אין דעם טעמפּל, וואָס איזבל האָט נאָך פאַר אים אויסגעבויט, ביז ער איז פול געפּאַקט געוואָרן. די כהנים פון בעל זיינען צוגעטראָטן מקריב צו זיין די קרבנות און לויט יהוס פאַר־זאָג, זיינען פון טעמפּל ארויסגעטריבן געוואָרן אַלע די, וועלכע אנערקענען נישט דעם בעל פאַר זייער גאָט. הינטער דעם טעמפּל האָט אָבער יהו באַהאַלטן אַכציג באַוואָפנטע מאַן, און ער האָט זיי באַפוילן: עס זאָל קיין מענטש נישט אנטרונען ווערן; פאַר יעדן איינציקן, וואָס וועט זיך ראַטעווען, באַצאָלט איר מיט אייער לעבן! — און ווען די פייערלעכקייט אין טעמפּל איז גרויס געוואָרן, זיינען די אַכציק מאַן אַרויס פון זייער באַהעלטעניש, צו זיי זיינען אָנגעקומען צו הילף נאָך פיל חיל, און מיט פאַראייניקטע קרעפטן זיינען זיי באַפאַלן דעם טעמפּל און אויסגעקוילעט די אַלע בעל־דינער, זיינע נביאים און זיינע כהנים ביז איינעם; דאַן האָבן זיי דעם בעל־טעמפּל פאַרברענט און פאַרניכטעט זיינע מזבחות און זיינע „הייליקע ביימער״ און זיינע מאַנומענטן. דאָס אַלץ איז אָפּגעטון גע־וואָרן אונטער דער פּערזענלעכער אויפזיכט פון דעם מלך יהו בן יהושפט און דעם נביא יהונדב בן־רכב.

אָט אַזוי האָט יהו אונטערגעבראַכט אין לאַנד דעם בעל־קולט, נישט איבערלאָזנדיק אַפילו אַ זכר פון אים, און דערמיט דערפילט די מיסיע פון דער נבואה. און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס יהו האָט דערנאָך ווידער באַנייט ירבעמס קעלבער־דינסט, האָט די נבואה דאָך גערעכנט איר הויפּט־אויפגאַבע פאַר דערפילט: די פרעמדע ווירקונג פון דער פרעמדער אמונה און איר פאַרדאַרבענער גייסט איז אונטערגעבראָכן, אירע אָנהענגער זיינען אומגעבראַכט; דער אָריגינעלער גייסט פונעם פאָלק וועט

אים פירדן אויפן וועג פון דער ווייטערדיקער מאָראַלישער אַנטוויקלונג אינעם גייסט פון די אייגענע טראַדיציעס און וועט גובר זיין אַזאַ שוואַכן מכשול ווי דעם קעלבער־קולט. דאָס איז, ווי ס'ווייזט אויס, געווען די טיפע איבערצייגונג פון די נביאים. זיי האָבן בכן געבענטשט יהוס אַר־בעט און זיין דינאַסטיע האָבן זיי פּאַרזיכערט אַ דויערהאַפטיקע עקזיס־טענץ. גאָט האָט צו יהון געזאָגט: ווייל דו האָסט באַגיטיקט צו טון דאָס רעכטפאַרטיקע אין מיינע אויגן, ווייל דו האָסט פּינקטלעך דערפילט מיין פאַרלאַנג בנוגע צו אחאבס הויז, דערפאַר וועלן דיינע אוראייניקלעך זיצן אויף דעם טראָן פון ישראל... דאָס איז כמעט דאָס שלוס־וואָרט פון דער נבואה אין יענער צייט. אויף אַ לענגערן פעריאָד ווערן די בני־הנביאים פאַרשוואונדן פון דער פּאָליטישער אַרענע, און כאָטש דער לעצטער נביא־בעל־מופת אלישע, האָט נאָך דער מלוכה איבערקערעניש אין שומרון לאַנג געלעבט, האָט ער זיך שוין כמעט נישט געמישט אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן זיך אויסרוען נאָך דעם גרויסן נצחון פון זיין אָרגאַניזאַציע...

דער דאָזיקער נצחון פון דער נבואה האָט אָבער זייער טייער געקאָסט דעם פאָלק. חזאל, דער מלך פון ארם, האָט אויסגענוצט דעם קריטישן מאָמענט אינעם לאַנד פון ישראל. די מלוכה־איבערקערעניש, צוזאַמען מיט די מהומות, וועלכע מוזן אויסוואַקסן אויף דעם דאָזיקן באָדן, האָבן אָפּ־געשוואַכט די קריגס־קראַפט פון פאָלק און די אַראַמייער האָבן אומגע־שטערט אָפּגעריסן פון ישראל איין גרענעץ־געגנט נאָכן צווייטן. „פונעם ירדן, צו מזרח זייט, דעם גאַנצן גלעד־קרייז, שטיקער חלקים ערד פון די שבטים גד, ראובן און מנשה, פון ערוער, וואָסביים טייך ארנון, אין גלעד און בשן...

אַז יהו איז געשטאָרבן אויף דעם אַכט און צוואַנציקסטן יאָר פון זיין הערשן איבערן לאַנד, האָט געירשנט דעם טראָן זיין זון יהואחז, וועל־כער האָט געקעניגט אַ יאָר זיבעצן. פאַר אים איז די לאַגע פון דער מלוכה נאָך ערגער געוואָרן. חזאל, דער מלך פון ארם, און זיין זון בן־הדד דער דריטער, האָבן זיך אַריינגעריסן אין די אינערלעכע געגנטן פון אפרים, צו מערב־זייט פון ירדן. די קאָנסעקווענצן פון דער דאָזיקער אַריינרייסונג זיינען געווען טראַגישע: ווי די מסורה דערציילט, איז ביי יהואחזן פון

זיין גאַנצער אַרמיי און פון אַלע זיינע קריגס־כוחות געבליבן נאָר אַ מאַן
צען טויזנט פוס־חיל, אַ מאַן פופציק רייטער און צען רייטוועגענער.

די מלוכה־אינטערעסן פון אפרים פאַרבעסערן זיך נאָר אין דער
צייט פון יהואשן, דעם זון פון יהואחז. זעכצן יאָר האָט ער געהערשט
איבער ישראל און זיין רעגירן איז שוין געווען מער גליקלעך. דריי מאָל
האָט ער מלחמה געהאלטן מיט די אַראַמייער און ביי אפיקה האָט ער
ענדלעך אָפּגעהאלטן אַ גרויסן נצחון איבערן שונא; דאַן האָט ער אָפּגע־
נומען ביי די אַראַמייער אַ גרויסן טייל פון די פריער איינגענומענע געגנטן
פון ישראל. דער נצחון דערקלערט זיך פון איין זייט דערמיט, וואָס ארם
האָט שוין דאַן אין דער זעלבער צייט אָנגעהויבן צו ליידן פון די אָנפאַלן
פון אשור, וועלכע איז שוין דאַן געווען אַ שטאַרקע מלוכה. פון דער צווייַ־
טער זייט, איז דאָס פאָלק ישראל שוין צו זיך געקומען נאָך דער גרויסער
איבערקערעניש, וואָס האָט אים דעזאָרגאַניזירט און צעבראָכן. אין לאַנד
הערשט אַ וואונדערבאַרע אחדות; די מלוכה, וואָס האָט צוליב אירע פּאָ־
ליטישע צוועקן זיך געהאלטן ביי דעם קעלבער־קולט, און די נבואה, וועלכע
איז, ווי שטענדיק, געשטאַנען פאַר דעם איינציקן קערפּער־ און פאָרעמלאָזן
גאָט, האָבן אנערקענט די איינציקע אויפגאַבע — זיך צו באַפרייען פון
דעם אַראַמייער יאָך. אין דער צייט פון יהואשן איז דער אַלטער נביא
אלישע שטערבלעך קראַנק געוואָרן; דער מלך איז געקומען אים מבקר חולה
זיין און די לעצטע ווערטער פון דעם געטלעכן מאַן אין דער מינוט פון
זיין טויט זיינען געווען: אויפמונטערן דעם מלך צו דעם ווייטערדיקן
קאַמף מיטן שונא. „אויפן פינפטן אָדער זעקסטן מאָל וועסטו אפשר אויס־
ראָטן אים, און דו מיינסט, אַז דו האָסט זיי דריי מאָל צעשלאָגן ביסטו
שוין פאַרטיק?" נאָך שטאַרקער איז געווען דאַן דער בונד צווישן פאָלק
מיט דער נבואה. דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז נאָר צוליב דעם, וואָס
אַ טייל בוקט זיך צו די קעלבער, שיקט גאָט אָן אויפן לאַנד אַזעלכע צרות,
און עס ווענדט דאָס פאָלק זיין האַרץ צום גאָט פון זיינע עלטערן און
דינט אים ערלעך און געטריי.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין הערשן איבערן לאַנד פילט זיך יהואש
אַזוי מעכטיק, אַז ער טרעט אַרויס אויף מלחמה קעגן יהודהן, אין דער
צייט פון דעם מלך אמציהו, און האַלט אָפּ איבער אים אַ גרויסן נצחון:
ער צעשלאָגט זיין חיל, כאַפּט אַריין אין געפענגעניש אמציהון אַליין,

דרינגט אַריין אין יהודה גופא, רייסט זיך אַריין אין ירושלים, צעשטערט דאָרטן אַ סך פעסטונגען, באַלאַגערט דעם בית־המקדש און נעמט פון דאָרטן צו פיל אוצרות פון גאָלד און זילבער, אויך קעניגלעכע קינדער, ווי גאַראַנטיעס, אַז די צעשטערטע פעסטונגען וועלן זיך מער נישט אויפ־בויען. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, ווען אפרים האָלט אָפּ אַ באַדייטנדיקן נצחון איבער יהודה. און געשען איז עס נישט צופעליק: אפרים האָט דאָן געפילט זיין כוח: די מלחמה האָט ארויסגערופן אמציהו מלך יהודה, וועלכער נאָך דעם, ווי ער האָט מנצח געווען אדומען, האָט ער געמיינט, אַז אים וועל אויך געלינגען בייצוקומען די צען שבטים. יהואש האָט אים אָבער געלאָזט ענטפערן דורך זיינע שלוחים אָט אַזוי: „דער דאָרן פון לבנון האָט געשיקט זאָגן צום צעדערבוים פון לבנון: גיב דיין טאָכטער פאַר מיין זון פאַר אַ פרוי; איז פאַרבייגעלאָפן אַ חיה פון לבנון און צע־טראָטן דעם דאָרן. — דו האָסט צעשלאָגן אדום, איז דיר שטאָלץ געוואָרן דיין האַרץ. האַלט זיך בכבוד און זיץ אין שטוב. פאַרוואָס זאָלסטו אַליין אויף זיך אָנרייצן דעם אומגליק; דו וועסט דאָך אַריינפאַלן מיט דיין פאָלק יהודה צוזאַמען"...

די דאָזיקע ווערטער אָטעמען מיט גבורה און מיט טיפן באַוואוסטזיין. אפרים, „דער צעדערבוים פון לבנון", קרעפטיקט זיך און וואַקסט. ער ווערט וואָס ווייטער אַלץ שרעקלעכער פאַר די שכנהשע פעלקער. דאָס איז אין אלגעמיין די אינערלעכע און אויסערלעכע לאַגע אין לאַנד ישראל פאַר יהוס דינאַסטיע. נאָר די העכסטע מדרגה דערגרייכט די גרויסקייט פון אפרים פאַרן פערטן פון דער יהו־דינאַסטיע, פאַרן מלך ירבעם בן יהואש.

ירבעם בן יהואש איז געווען דער לעצטער פון יהוס דינאַסטיע, וועל־כער האָט זיך געעלטערט אויפן טראָן פון שומרון. צווישן די מלכים פון אפרים צייכנט ער זיך אויס מיט אריכת ימים. העכער זעכציג יאָר האָט ער געהערשט אין לאַנד: פון 830 ביז 769־טן יאָר; און אָט די דאָזיקע צענדליקער יאָר פון ירבעם דעם צווייטנס הערשן רעכענען זיך פאַר דעם גליקלעכסטן פעריאָד אין דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן פון די עשרת השבטים. ירבעם דער צווייטער איז געווען פיל מעהר קריגס־פעאיק פון זיינע פאָרגייער, זינט די שפּאַלטונג אי זאַרץ ישראל איז פאַרגעקו־מען, און דאָס גליק האָט אים שטענדיק באַגלייט אין אַלע זיינע אונטער־נעמונגען. פאַר דער צייט, וואָס ער האָט געהערשט אין לאַנד, האָט ער

געפירט פיל מלחמות און אָפּגעהאלטן פיל נצחונות. צום ערשטן האָט ער זיך גענומען פאַר ארם, דעם פאַרביטערטסטן שונא פון שומרון, פון וועלכן דאָס פאָלק ישראל האָט דורות גאַנצע געליטן. פון תנ"ך קאָן מען נישט וויסן די פּרטים פון דער דאָזיקער מלחמה, נאָר לויט די רעזולטאַטן קאָן מען זיך פאָרשטעלן, ווי גרויס דער קאַמף איז געווען. ער האָט נישט נאָר אָפּגענומען צוריק ביז איינער די אָפּגעריסענע געגנטן פון שומרון, נאָר ער האָט זיך אַריינגעריסן אין לאַנד פון ארם גופא און צוגענומען פיל שטעט; ער זאָל אָפילו האָבן פאַרכאַפּט אויף אַ קורצער צייט די הויפּט־שטאָט דמשק און חמת. די גרענעצן פון שומרון האָבן זיך דאַן געהאַט צעצויגן ביזן ים־המלח. מואב איז אויך, ווי ס'ווייזט אויס, דאַן אינגאַנצן איינגענומען געוואָרן און פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ פּראָווינץ פון אפרים. די מלוכה פון יהודה האָט ירבעם אויך געהאלטן אין מורא. נאָך דער מפּלה, וואָס ירושלים האָט געהאַט אין יואשס צייטן, האָט זי נישט גע־קאָנט פאַרפעסטיקן זיך פאַר ירבעמס צייטן: די מויערן און די פעסטונגען פון יהודה זיינען געווען צעבראָכן, צעשטערט און אויפבויען זיי פון דאָס ניי האָט מען נישט געקאָנט: דערויף האָט דער מלך פון ישראל געהאַט גאַראַנטיעס: די בני־מלכים פון יהודה!

די צייט פון ירבעמען צייכנט זיך אויס מיט דער עקאָנאָמישער אויפ־בליאונג פון שומרון. די גרויסע נצחונות האָבן אַריינגעבראַכט אין לאַנד פיל רויב און פאַרשידענע אוצרות. און נאָכדעם ווי דאָס פאָלק האָט זיך שוין באַוואָרנט פון זיינע פיינטלעכע שונאים, האָט עס זיך צוריקגעקערט צו זיינע שטענדיקע באַשעפטיקונגען: צו ערד־אַרבעט און האַנדל מיט די ארומיקע פעלקער, איבערהויפּט מיט די פעניציער. דאָס פאַרמעגן אין לאַנד איז זייער גיך געוואַקסן און דערגרייכט אפשר נאָך אַ העכערע מדרגה ווי אין שלמהס צייטן. שומרון האָט שטאָלצירט מיט פּאַלאַצן פון עלפּנ־ביין, מיט אוצרות פון גאָלד, מיט צירונג פון די טייערסטע שטיי־נער, מיט קליידער פון די בעסטע וועבונגען, מיט עסנוואַרג פון די בעסטע געריכטן און מיט געטראַנקען פון די בעסטע וויינען! ווען מען האָט באַ־טראַכט אויבערפלעכלעך דעם וואוילשטאַנד פון פאָלק, האָט מען טאַקע גע־קאָנט קוקן אָפּטימיסטיש אויף דער צוקונפט פון אפרים. און טאַקע דער מלך און זיינע שרים, און אויף זיי קוקנדיק, אויך דאָס גאַנצע פאָלק, זיינען פאַרשיכורט געווען פון דעם גליק, צו וועלכן דאָס לאַנד האָט זוכה געווען

נאָך אַזוי פיל דורות פון ליידן און איבערקערענישן. אין דער אמתן אָבער האָט אונטער דעם גליק זיך שוין געהאט אונטערגעגראָבן דאָס אומגליק און דער ליכטיקער פעריאָד פון ירבעם דעם צווייטנס הערשן איז נאָר געווען דער לעצטער זונגלאַנץ פאַר דער שקיעה!

מיט דעם טויט פון ירבעם בן יהואש (769) גייט שוין אויף אייביק אונטער די זון פאַר דער מלוכה פון אפרים!

קאַפּיטל נײַן

די לעצטע מלכים פון אפרים און די מפלה פון שומרון

די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אויפבליאונג קאָן נאָך דאָן דינען
ווי אַ צייכן פון אויפלעבונג פאַרן פאָלק, ווען זי גייט צוזאַמען מיטן גייס־
טיקן פראָגרעס אויף דעם וועג, וועלכן די היסטאָריע האָט פון אָנהייב אָן
באַשטימט פאַר דעם דאָזיקן פאָלק. ווען דער מאַטעריעלער וואוילשטאַנד
וואַקסט אויף דעם חשבון פון די מאָראַלישע יסודות, אָדער, פאַרקערט,
ווען די מאָראַל אנטוויקלט זיך אויף דעם חשבון פון די מאַטעריעלע איב־
טערעסן פונעם פאָלק, איז דאָס פאַר אים זייער אַ בייזער סימן. די רייכ־
קייט פונעם לאַנד ישראל האָט זיך אין ירבעם דעם צווייטנס צייטן אומ־
געהייער הויך אויפגעהויבן. די פּאָליטישע לאַגע פון פאָלק האָט זיך באַ־
דייטנדיק פאַרבעסערט; דאָס מער און טיפער אריינדרינגענדיקע אויג פון
די איינצלנע נישט־אונטערגעקויפטע דענקער אין לאַנד האָט פונדעסטוועגן
פאָראויסגעזען, אַז דאָס פאָלק גייט צום גרונט, אַז די מלוכה פון אפרים
האַלט ביים אונטערגיין. דער מאַטעריעלער אויפבלי אין שומרון האָט גע־
פעלט איר גייסטיקער, היסטאָרישער אינהאַלט. דער כראָניקער פון יענער
צייט, אין זיין טיף רעליגיעזער איבערצייגונג, דריקט זיך אויס: „דאָס
פאָלק האָט זיך פאַרקויפט צו טון דאָס, וואָס שלעכט איז אין די אויגן פון
גאָט"; דאָס פאָלק איז געגאַנגען נישט אויף דעם וועג, וואו עס האָט אים
געדאַרפט פירן זיין אייגנאַרטיקייט, זיין אָריגינאַליטעט. די רואיקע לאַגע
אין לאַנד, וואָס איז אָנגעקומען נאָך אַזוי פיל יאָרן פון אומגליקלעכע
מלחמות, דאָס רייכקייט פונעם פאָלק, נאָך אַזוי פיל יאָרן פון ליידן און
פאַראָרעמטקייט, האָט נישט ארויסגערופן קיין שאַפנדיקע קולטורעלע טע־
טיקייט, נאָר אַ ווילדע, שטורעמדיקע תאווה זיך איבערצוגעבן דעם
לוקסוס מיט די נידעריקסטע און גרעבסטע תענוגים. דאָס לעבן אין שומרון,
איבערהויפּט צווישן די שרים און די קצינים, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין
אַן אומענדלעכער אָרגיע. די אלגעמיינע שטרעבונג פון די פאַרמעגלעכע
און מעכטיקע לייט איז געווען צו בויען פאַר זיך פּאַלאַצן פון מאַרמאָר, „צו

ליגן אויסגעצויגן אויף בעטן פון עלפנביין, צו עסן די פעטסטע שעפּסן, די בעסטע רינדער פונעם שטאַל, צו טרינקען וויין פון גרויסע בעקנס און צו שמירן זיך מיטן בעסטן בוימאייל". די ערלעכע אַרבעט אַליין האָט גישט געקאָנט צופרידנשטעלן די אומענדלעכע תאוה צו מותרות און געלט. און אין לאַנד האָבן זיך גענומען אַנטוויקלען מוראַדיקע שטרעבונגען צו דערווערבן קאַפּיטאַלן דורך פאַלשקייט און באַטרוג. די שׂרים האָבן גע־זריקט די פאָלקס־מאַסן, געריסן ביי זיי אומגעהייערע אָפּצאָלן און שוחד. די רייכע האָבן אויסגעזויגן דעם לעצטן טראָפּן מאַרך פון די אָרימערע קלאַסן, גענומען פון זיי גרויסע פּראָצענטן פאַר הלוואות. די סוחרים האָבן זיך באַנוצט מיט פאַלשע וואָגן און פאַלשע מאָסן. דערצו האָט דאָס לאַנד צו יענער צייט געליטן פון אָפטע אומגערעטענישן אויף די פעלדער; אָדער עס האָט ווייניק גערעגנט און קיין תבואה איז נישט געוואַקסן, אָדער דער היישעריק איז אָנגעפאַלן און אויפגעפרעסן אַלע געוויקסן. דערפון האָט געליטן דער ערדאַרבעטער־קלאַס. אַ סך האָבן געמוזט פאַרמשכנען זייער ערד ביי די רייכערע גוטבאַזיצער; די לעצטע האָבן זיך אָבער געקליגט צו שטעלן אַזוינע באַדינגונגען זייערע לוים, אַז די משכנות זאָלן שוין קיינמאָל נישט קאָנען פון זייערע הענט אַרויסגיין. דורך דעם האָבן זיך גענומען געשטאַלטן גרויסע גוטבאַזיצער אויף דעם חשבון פונעם אָרימען ערדאַר־בעטער, און די ערד האָט זי דאָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן אין איינצלנע הענט. די רייכע סוחרים ווייטער פלעגן אין די גראָטענע יאָרן אויפקויפן ביי די פּויערים תבואה פאַר ביליק און עס אָפּהאַלטן ביז אַ הונגער־יאָר, ווען זיי פלעגן קאָנען דערפאַר רייסן די הויט פון המון. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אין לאַנד געמוזט אָנהייבן אַנטוויקלען אַ טיפער אונטערשיד צווישן די פאַרשידענע קלאַסן און שטאַנדן: דאָס רייכטום פון די רייכע און מעכטיקע האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ פאַרגרעסערט און פאַרמערט און פון דער צווייטער זייט איז די אָרעמקייט פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן אַלץ שרעקלעכער און דריקנדיקער געוואָרן. דאָס רייכטום האָט ביי די רייכע אַרויסגערופן אַזעלכע גראָבע תאוות, ווי פרעסן, זויפן און זנות; דאָס אָרעמקייט האָט ווידער ביי די אָרימע אַרויסגערופן די שענדלעכסטע פאַרברעכנס: גנבה, גזילה און רציחה. אַזוי שרעקלעך נעדעריק איז גע־פאַלן דער גייסט ביי דעם פאָלק, וואָס דאָס גייסטיקע איז געווען ביי אים זיין נאַציאָנאַלער באַדן, וואָס ריכטיקייט און גערעכטיקייט איז געווען זיין

גאָטהייט, זיין היסטאָרישע באַשטימונג! און נאָך מער שרעקלעך איז דאָס, וואָס אין לאַנד האָט זיך נישט געפונען קיינער, ווער עס זאָל קעמפן קעגן דער דאָזיקער פאַרדאָרבנקייט, קעגן די שרעקלעכע מעשים פון דעם גאַנצן פאָלק! פון דעם גאַנצן נביאים־ און נזירים־שטאַט אין שומרון, וועלכע האָבן אין אליהוס און אלישעס צייטן מאַסנווייז אָנגעפולט דאָס לאַנד ישראל און האָבן געלערנט דאָס פאָלק און געדינט אים מיט זייער אייגענעם אופן לעבן ווי די בעסטע ביישפילן פון דער העכסטער מאָראַל, איז איצט געבליבן נישט מער, ווי אַ שיינע לעגענדע. אין דער צייט פון דער פאַרגאַנגענער סכנה, אין דער צייט פון די מלכים יהו, אחזיה און יואש, ווען די מלוכה פון שומרון האָט געהאַלטן ביים פאַרשלונגען ווערן דורך די שכנהשע פעלקער און די נביאים האָבן געמוזט שליסן שלום מיט די הערשער פון לאַנד, כדי צו ראַטעווען די עקזיסטענץ פון פאָלק מיט פאַראייניקטע כוחות, האָט די נבואה פאַרגעסן אירע אַלע טראַדיציעס: דעם קאַמף צווישן דער נבואה און דער ממשלה! און נאָכדעם, ווען די געפאַר איז שוין אַריבער, די מלוכה פון אפרים איז געוואָרן מער אָדער ווייניקער געוואָרנט קעגן אירע פיינט, האָט שוין די נבואה נישט געקאַנט זיך מער באַפרייען פון דער ממשלהס אויטאָריטעט. די ממשלה־לייט האָבן די נזירים אָנגעטרונקען מיט ווייַן און די נביאים האָבן זיי פאַר־זאָגט: איר זאָלט קיין נביאות מער נישט זאָגן!" די וואָס זיינען געבליבן געטריי דעם אידעאַל פון די ערשטע נביאים, ווי די בני הרכבים, האָבן אין בעסטן פאַל עמיגרירט קיין יהודה און אין דער אַרומיקער אָרגיע פון פרעסן, זויפן, אויפגעהיצטן זינגען, טענץ און לוסט צו פרויען פון איין זייט, און פון באַרויבונגען, בלוט־פאַרגיסונגען, אָפּגענאַרן און פאַלשע שבועות פון דער צווייטער זייט, איז פאַרשטומט געוואָרן גאָטס שטים און גאָטס ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן. און פונדאָסניי האָט אין לאַנד אויפגעלעבט די געצנדינעריי. דער קולט פון דעם יידישן גאָט, דעם גאָט פון גערעכטיקייט און ריכטיקייט, האָט זיך נישט געקאָנט איינלעבן מיט דער אַרומיקער נידערטרעכטיקייט; דאָס רעליגיעזע געוויסן ביי די אָנ־פירערס פון לאַנד האָט געזוכט אַ היתר אויף די פאַרברעכערישע מעשים; אין די געזעצן פון דעם היסטאָריש־נאַציאָנאַלן גאָט האָט עס אָבער אַזאַ מין סאַנקציע נישט געקאָנט געפינען, און דער מלך און די שרים האָבן פונדאָסניי באַנייט דעם קעלבער־קולט אין דן און אין בית־אל. דאָס מאָל

איז דער דאָזיקער קעלבער־קולט קינסטלעך געשאַפן און געשטיצט געוואָרן נישט בלויז צוליב פּאָליטישע צוועקן, נאָר דווקא אַלס קעגנזאַץ צום יהוה־קולט, ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער נאַציאָנאַלער מאָראַל, וועלכע באַשרענקט די תאווה און פאַרשקלאַפט די אינסטינקטן!...

ווי אין די פריערדיקע דורות, אַזוי אויך פאַר ירבעם דעם 2־טן איז אין דעם קעלבער־קולט קיין נייעס, אָריגינעלעס נישט אַריינגעטראָגן געוואָרן; נאָר אָנשטאָט דעם, וואָס פריער האָט דער דאָזיקער קולט מער אָדער ווייניקער געזאָלט זיין אַ קעגנזאַץ מיט דער אמונה אין יהוה און מיט דער טראַדיציאָנעלער מאָראַליסטישער וועלט־אנשויאונג, האָט דער באַנייטער קעלבער־גלויבן זיך מער דערנענטערט צו דעם פריילעכן בעל־קולט פון די פעניציער, מיט וועלכע דאָס פאָלק פון שומרון איז ווידער אַריינגעטראָטן אין נאָענטע עקאָנאָמישע באַציאונגען, זינט דער האַנדל אין לאַנד האָט זיך אויפגעהויבן. די לוסטיקייט איז געוואָרן דאַן אַ טייל פונעם קולט; צוליב דעם זיינען געשאַפן געוואָרן אין לאַנד ספּעציעלע פאַרוויילונגס־פּלעצער (במות־ישחק), וואו די תאווה האָט געשפּילט די ערשטע ראָלע. אַ גרויסער טייל פון די פאַרברעכערישע תאוות, וועלכע עס האָבן זיך איבערגעגעבן די שומרון־לייט, זיינען דורך דעם נייעם קולט ממילא דערלויבט געוואָרן און די איבעריקע זיינען געווען גאַנץ לייכט אויסצוקויפן מיט קרבנות און מתנות. וועגן דעם האָבן שוין די קעלבער־כהנים געזאָרגט. וואָס מער פאַרברעכן די מאַסן זיינען באַגאַנגען, אַלץ מער קרבנות האָבן זיי געבראַכט, און וואָס מער זיי האָבן קרבנות געבראַכט אַלץ מער פאַרברעכן זיינען זיי באַגאַנגען. אויף אַזאַ אופן זיינען די אינסטינקטן באַפרידיקט געווען, דאָס געוויסן רואיק און די כהנים זאַט!

נאָר אויב די אַלגעמיינע זיטן־פאַרדאָרבנקייט, מאָראַלישע געפאַלנקייט און געצנדינעריי האָט נישט אַרויסגערופן קיין פּראָטעסט אין אפרים גופא, האָבן די נביאים פון יהודה נישט געקאָנט גלייכגילטיק פאַרהאַלטן זיך צו דער דעמאָראַליזאַציע פון די עשרת־השבטים. זיי האָבן זיך נישט גערעכנט מיט די פּאָליטישע שטרעבונגען פון די ביידע מלוכות; פאַר זיי זיינען עס געווען בלויז ברידער פון איין פאָלק, פון איין אָפּשטאַמונג, פון איין גאָט, און זיי האָבן זיך געפילט מאָראַליש פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די זינד פון אפרים. זיי האָבן געפונען ביי זיך דערצו מוט

און דרייסטקייט, און זיי האָבן פאַרלאָזט זייער אייגן לאַנד און זיינען געגאַנגען אין אַ פרעמדער מלוכה, קעמפן דאָרט קעגן די פאַרדאָרבנקייטן פון מלך און די שרים, פון די כהנים און פון די פאָלקס־מאַסן; קעמפן, ווי אין אליהוס צייטן: מיט דעם געטלעכן וואָרט פאַר דעם געטלעכן, פאַר דעם גערעכטן.

איינער פון די ערשטע נביאים פון יהודה, וועלכע זיינען געקומען קיין אפרים מיט דעם הייליקן צוועק, איז געווען עמוס, פון דער שטאָט תקוע, נישט ווייט פון בית־לחם. געווען איז ער אַ פרידלעך־געשטימטער מענטש, מיט אַן איינפאַכער באַשעפטיקונג: אַרום תקוע פלעגט ער זיינע שאָף פאַשען און פייגן קלייבן. נאָר ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון די מעשים אין אפרים, איז ער באַגייסטערט געוואָרן מיט נבואה און ער איז געלאָפן אין דעם זינדיקן לאַנד. דאָרטן האָט ער זיך באַזעצט אין בית־אל, וואו עס איז געשטאַנען דער הויפט־מזבח פון דעם גאָלדענעם קאַלב, און וואו סאיז געווען דער גייסטיקער צענטער. דאָרטן פלעגן זיך צונויפקומען אויף מקריב צו זיין קרבנות — דער מלך, די שרים, די רייכע און דער המון. אין בית־אל האָט עמוס מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, ווי דאָס פאָלק איז מאָראַליש געפאַלן, ווי דאָס פאָלק פאַרלירט אַלץ מער זיין אייגנאַרטיקייט און זיין אָריגינאַליטעט, און ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז דער אָנהויב פון אונטערגאַנג, פון דעם נאַציאָנאַלן אָפּשטאַרבן: אַ פאָלק, וואָס פאַרלירט זיין גאָט, זיין היסטאָריש־נאַציאָנאַלע אנשויאונג, זיין נאַציאָנאַלן אינהאַלט, קען נישט עקזיסטירן, קען גאָרנישט געווינען אין דעם אומענדלעכן פעלקער־קאַמף. מיט דער פולשטענדיקער אַנטשלאָסנקייט איז ער געגאַנגען ראַטעווען דאָס פאָלק, כל זמן עס איז נאָך צייט. דערצו האָט ער אָנגענומען אַזעלכע מיטלען, וועלכע זיינען אין אפרים גאַנץ ניי געווען: אַנשטאָט די מופתים פון אליהון, און אַנשטאָט דער פאַרבאָרגענער פאָליטיק פון אלישען, האָט ער גענומען האַלטן אָפענע רעדעס פאַרן המון אינעם נאָמען פון גאָט. אַ באַגייסטערטער פון דער נבואה, האָט ער געשאָטן שטראָף־רייד אויף די קעפ פון דעם מלך און די שרים און די כהנים און די שופטים; אַ פייער האָט אין די דאָזיקע רייד געברענט און דאָך האָבן זיי געקלונגען ווי וואונדערלעכע לידער. אין זיי האָט געפלאַקערט דער צאָרן פון אַ האַרץ, וואָס פילט, ווי מען פאַרשמוצט אַלץ, וואָס אים איז הייליק, און עס האָט זיך

געריסן אַ רחמנות־געבעט פון אַ נשמה, וואָס זעט, ווי עס שטייט אין געפאַר אַלץ, וואָס איר איז טייער. עמוס וויינט און בעט זיך, און טרייסט און האָפט — און דאָס אַלץ אין אַ געטלעך מוזיקאַלישער פאָרעם, וועלכע גיט צו זיינע ווערטער דעם כאַראַקטער פון אַ באַצויבערנדיקער מעלאָדיע.

„הערט צו, איר, וועלכע פאַרשלינגען דעם אָרימאַן און פאַרטיליקן דעם שוואַכן! איר וואַרט „ווען וועט שוין פאַרבייגיין דער פייערטאָג (חדש) און מיר וועלן זיך נעמען צום האַנדל, און ווען וועט שוין פאַרבייגיין דער שבת און מיר וועלן עפענען די תבואות — צו פאַרקלענערן די איפה[1]) און פאַרגרעסערן דעם שקל[2]) און פאַרקרימען דאָס פאַלשע געוויכט! פאַר געלט אָפּצוקויפן די נישט פאַרמעגלעכע און פאַר אַ פאָר שיך — די אָרימע..." גאָט שווערט ביי דעם שטאָלץ פון יעקב: „אויב איך וועל אויף אייביק פאַרגעסן זייערע מעשים!" „צי דאַרף דען דערויף נישט אויפציטערן די ערד און צי דאַרף דערויף נישט טרויערן יעדעס באַשעפעניש?... און עס וועט געשען אין יענעם טאָג — זאָגט גאָט — און איך וועל אונטערברענגען די זון אין מיטן טאָג און איך וועל פינצטער מאַכן איבערן לאַנד אין העלן טאָג. און איך וועל פאַרוואַנדלען אייערע פייערטעג אין אַ טרויער־טאָג און אייערע אַלע געזאַנגען אין אַ קלאָגליד; און איר וועט זיך אָנגורטן אויף די לענדן זעק און פון אייערע קעפּ וועט איר די האָר זיך פליקן!... עס קומען טעג, זאָגט גאָט דער אַלמעכטיקער, און איך וועל אָנשיקן אין לאַנד אַ הונגער — נישט קיין הונגער אין ברויט, און נישט קיין דורשט אין וואַסער — נאָר צו הערן די רייד פון גאָט. און זיי וועלן וואַנדערן פון איין ים צום צווייטן, און פון צפון ביזן מזרח וועלן זיי זיך לאָזן זוכן גאָטס וואָרט און זיי וועלן נישט געפינען, אין יענעם טאָג וועלן פאַרשמאַכט ווערן פון דורשט די שיינע טעכטער און די אויסדערוויילטע זין — די, וואָס שווערן ביי דער זינד פון שומרון און זאָגן „ביים לעבן פון דיין גאָט, דן, און ביי דעם וועג, וואָס פירט קיין באַר־שבע, און זיי וועלן פאַלן און מער זיך ניט אויפהייבן!"...

ווען עמוס האָט געלעבט אין בית־אל, אינעם צענטער פון דער אפרים־מלוכה, האָט ער געזען, אַז אין דער פאַרדאָרבענער נייגונג צום אומגעהויערן לוקסוס זיינען איבערהויפּט שולדיק די פרויען. זיי שטעלן גרוי־

---

1) מאָס פון פאַרקויף. 2) די מטבעות.

סע פאָדערונגען פאַר זייער געגנוס און די מענער מוזן עס דערפילן. דאַן ווענדט זיך צו זיי דער נביא מיט זיינע שטרענגע רייד:

„הערט נאָר צו דאָס וואָרט, איר, בשן־קי, וואָס אויפן באַרג שומרון... די, וואָס רויבן די אָרימע און ברעכן די שוואַכע; די וואָס זאָגן צו זייערע מענער: „ברענג און מיר וועלן טרינקען!" גאָט דער אַלמעכטיקער שווערט ביי זיין הייליקייט: עס קומען אָן אויף אייך טעג און מען וועט אייך אַוועקשלעפּן אויף שיפלעך און אייער רעשט — אויף פישער־שיפן... קומט קיין בית־אל און זינדיקט, קיין גלגל קומט און פאַרמערט די צאָל פון אייערע פאַרברעכן — און ברענגט אויף מאָרגן אייערע קרבנות און אויף איבערמאָרגן אייער מעשר. און איר זאָלט מקריב זיין פון זויערטייג אַ תודה און איר זאָלט לאָזן אויסרופן אויף נדבות — דאָס האָט איר דאָך ליב, איר, די קינדער פון ישראל! — אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיקער! נאָר איך האָב אָבער אייך אויך געגעבן ציין־ריינקייט אין אייערע אַלע שטעט און ברויט־מאַנגל אין אייערע אַלע געגנטן, און איר האָט זיך דאָך נישט אומגעקערט צו מיר! — אַזוי זאָגט גאָט! דאַן האָב איך אויך פאַרמיטן פון אייך דעם רעגן: עס איז בלויז נאָר דריי חדשים צו שניט געבליבן און איך האָב אויף איין שטאָט גערעגנט און אויף דער צווייטער שטאָט האָב איך קיין רעגן נישט געשיקט; איין טייל פעלד איז באַרעגנט געוואָרן און דער צווייטער טייל פעלד איז נישט באַרעגנט געוואָרן; און עס האָבן דריי שטעט געוואַנדערט צו אַ פערטער, וואַסער צו באַקומען, און זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן — און איר האָט זיך דאָך צו מיר נישט אומגעקערט. אַזוי זאָגט גאָט! איך האָב אייך געפּלאָגט מיט שטורעם־ווינטן און מיט אומגערעטענישן: דאָס מייסטע פון אייערע גערטנער און ווייַנגערטנער און אייערע איילבירט־ביימער האָט דער היישעריק אויפגעפרעסן און איר האָט זיך צו מיר נישט אומגעקערט — אַזוי זאָגט גאָט! איך האָב אויף אייך אַ מגפה אַנגעשיקט; איך האָב אייערע זין געטויט, פון אייערע געפּלאָגטע לאַגערן האָט אַ געשטאַנק געטראָגן אין אייערע נעזער — און איר האָט זיך דאָך צו מיר נישט אומגעקערט — אַזוי זאָגט גאָט! איך האָב צווישן אייך איבערקערענישן געמאַכט, ווי די איבערקערענישן פון סדום און עמורה, און פון אייך איז נאָר איבערגעבליבן, ווי עס בלייבט אַ פאַרברענטע קויל פון פייער — און איר האָט זיך דאָך צו מיר נישט אומגעקערט — אַזוי זאָגט

גאָט! דעריבער וועל איך אַזוי מיט דיר זיך באַגיין, ישראל!... גרייט זיך קעגן דיין אַלמעכטיקן גאָט... ווייל דער באַשאַפער פון בערג און ווינט, וועלכער זאָגט פאַראויס דעם מענטשן זיינע געדאַנקען, מאַכט פינצטער דעם מאָרגנשטערן און טרעט אַרויס אויף די דערהייבענישן פון דער ערד — גאָט, דער אַלמעכטיקער הערשער איז זיין נאָמען!..."

עמוס אַליין האָט קיין וואונדער נישט געוויזן, ער האָט נישט באַ־אומרואיקט די נאַטור, כדי צו דערווייזן די הייליקייט פון זיינע רייד; ער האָט אָבער געשטעלט אין צוזאַמענהאַנג מיט די זינד פון פאָלק, אַלע נאַטור־קאַטאַסטראָפעס, וואָס זיינען דאַן פאָרגעקומען אין שומרון. אין דעם באַשטייט די וועלט־אנשויאונג פון דער נבואה. זי לייקנט אָפּ יעדע מעגלעכקייט פון אַ צופאַל. אַלץ וואָס עס געשעט אין דער נאַטור, קומט פאָר לויט דעם ווילן פון דעם אַלמעכטיקן הערשער, אין אַלץ מוז מען זען די ווירקונג פון דער אויבערשטער השגחה. „קען דען פאַסירן אַן אומגליק אין אַ שטאָט און גאָט זאָל עס נישט מאַכן?!"... דער ווילן פון אַלמעכ־טיקן צו טון שלעכטס איז אָבער אָפּהענגיק פון די מעשים און פון די פאַר־דינסטן פון פאָלק. יעדעס אומגליק, וואָס אַ לאַנד באַגעגנט, איז פאַר זיין זינדיקייט, נאָר גאָט שטראָפט נישט איידער ער איז דאָס פאָלק מודיע און מתרה דורך זיינע שלוחים, די נביאים. „דען גאָט דער אַלמעכטיקער וועט קיין זאַך נישט טון, איידער ער וועט זיין סוד נישט אַנטפּלעקן צו זיינע קנעכט, די נביאים". עמוס גלייבט בכן, אַז ווען דער מענטש דער־גרייכט צו דער מדרגה פון נבואה, קען ער פאַראויס זען און פאָרזאָגן די צוקונפט... — מיט דעם גייסט זיינען טאַקע געווען דורכגעדרונגען די נבואה־רייד פון עמוס.

די פאַרשידענע אומגליקן, וואָס האָבן געטראָפן אין שומרון, רעכנט ער ווי אַ שטראָף פאַר די זינד פונעם פאָלק. מיט שטרענגע ווערטער און מיט שוידערהאַפטע בילדער מאַכט ער דערויף אויפמערקזאַם די באַפעל־קערונג; ער באַנוגנט זיך אָבער נישט מיט דעם אַליין און זאָגט פאָר די פאָלגן, וואָס דאָס פאָלק וועט אויף זיך ברענגען, ווען עס וועט נישט פאַר־בעסערן זיינע מעשים: הונגער, טריקעניש, שטורעם־ווינטן, היישעריק און פעסט — אין דער פאַרגאַנגענהייט; ערד־ציטערניש, מלחמות, מפּלות — אין דער צוקונפט.

עמוס האָט אָבער נישט געוואָלט ווירקן אויפן פאָלק נאָר מיט אָנ־

שיקענישן אליין; ער האָט אין זיין נבואה זיך באַנוצט אויך מיט לאַגי־שע איבערצייגונגען; ער האָט געוויזן דעם פאָלק, ווי ווייט עס איז נישט דאַנקבאַר זיין גאָט:

„און איך האָב פאַרטיליקט פאַר אייך דעם אמורי, וועלכער איז הויך געווען ווי די צעדערן און מעכטיק געווען ווי די דעמבעס, איך האָב אויסגעראָטן זיינע פרוכט פון אויבן און זיינע וואָרצלען פון אונטן. און איך האָב אייך אַרויסגעבראַכט פון לאַנד מצרים און האָב אייך געפירט פערציק יאָר אין אַ מדבר, כדי אייך איבערצוגעבן דאָס לאַנד פון אמורי. און איך האָב פון אייערע זין אויפגעשטעלט פאַר נביאים און אייערע בעסטע קינדער — פאַר נזירים — נישט אַזוי דען, בני ישראל?!... האָט איר אָבער אַנגעשיכורט מיינע נזירים מיט ווייַן, און די נביאים האָט איר פאַרזאָגט: „איר זאָלט קיין נביאות נישט זאָגן!...״

די נבואה פון עמוס איז געווענדט קעגן דער נאַכלעסיקייט פונעם מלך, קעגן דער אומגערעכטיקייט פון די שרים, קעגן דער פאַלשקייט פון די שופטים, קעגן דער געלט־גיריקייט פון די רייכע, קעגן דער תאוה צו זנות, צו לוקסוס, קעגן דעם געצנדינערײ און אַז״וו. דאָס אַלץ ליגט, פאַר־שטייט זיך, אין דעם גייסט פון די פאָלקס־טראַדיציעס; ניי איז דאָ בלויז די פאָעטישע פאָרעם, אין וועלכער דער נביא האָט אויסגעדריקט זיינע געדאַנקען; דערפאַר אָבער זעען מיר אים אין דער הינזיכט פון קרבנות ווי אַ נאָוואַטאָר, אַלס באַנייער. דאָ דריקט ער שוין אויס נייע באַגריפן, דאָ קעמפט ער שוין אפילו קעגן דער טראַדיציע. שמואל נאָך, האָט שוין פאַר־קלענערט די באַדייטונג פון קרבנות, דאָך האָט ער נישט געהאַט ביי זיך אַזוי פיל דרייסטקייט זי אינגאַנצן אונטערצוברעכן; עמוס אָבער פאַר־פירט אַן אָפענעם קאַמף קעגן דער דאָזיקער אינסטיטוציע, וועלכע איז נאָך איבערגעבליבן אַ ירושה פון די דורות, ווען דאָס פאָלק איז נאָך נישט נאָך נישט אינגאַנצן דורכגעדרונגען געוואָרן מיט דער אידייע פון דער קערפּערלאָזער געטלעכקייט, אַן אינסטיטוציע וואָס האָט געהאַט אַזאַ שלעכטן איינפלוס אויף די מאָראַלישע באַגריפן פון די מאַסן, וואָס האָט אַריינגעגעבן אַ פאָרשטעלונג, אַז יעדעס פאַרברעכן קען ווערן אויסגע־קויפט דורך אַ געקוילעטן שעפּס אָדער אַ פאַרברענטן רינד.

„איך האָב פיינט אייערע פייערטעג און מיר שמעקן נישט אייערע יום־טוב־קרבנות. אויב איר וועט פאַר מיר אויפברענגען עולות און

מנחות, וועל איך זיי נישט באַווילִיקן, און צו די שלמים פון אייערע פעַ־טע שעפסן וועל איך זיך נישט אומקוקן. דערווייטער פון מיר דעם קלאַנג פון דיינע לידער, און דאָס לויב־געזאַנג פון דיינע האַרפן זאָל איך נישט הערן! זאָלן וואַקסן, ווי אין וואַסער, די כוואַליעס פון גערעכט און מעכ־טיק זאָל שטראָמען די גערעכטיקייט, ווי אַ גרויסער טייך. האָט איר מיר די פערציק יאָר אין דער מדבר געבראַכט זבחים אָדער מנחות?!...

עמוס האָט זיינע נביאות אָנגעהויבן צו זאָגן צוויי יאָר פאַר דער גרויסער ערד־ציטערניש, וואָס האָט אין ירבעם דעם צווייטנס צייט אויפ־געטרייסלט דאָס גאַנצע לאַנד. דער נביא האָט אפילו פאָרויסגעזען די ערד־ציטערניש און האָט געהאָפט, אַז די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע וועט אומקערן די הערצער פון זיינע ברידער צו זייער גאָט. נאָר ווען ער האָט ענדלעך געזען, אַז דאָס האָט אויך אויפן פאָלק ווייניק געווירקט, האָט ער שוין אינגאַנצן פאַרלוירן די האָפענונג, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך ווען עס איז אויסניכטערן פון זיינע תאוות און זיך אַרומקוקן, וואו עס האַלט אין דער וועלט.

און דערווייל איז געווען זייער פיל וועגן וואָס אַ טראַכט צו טון. איבער דער פאָדערשטער אַזיע האָט זיך גענומען רוקן אַ פינצטערע כמאַ־רע: אשור האָט זיך אַלץ מער געשטאַרקט, איינגענומען איין מלוכה נאָך דער אַנדערער און זי האָט שוין אַרויסגעוויזן איר קאָלאָסאַלן אַפעטיט צו פאַרשלינגען דעם גאַנצן מזרח. אין אפרים האָט אָבער זיך דערווייל פאַרשאַרפט דער קלאַסן־אַנטאַגאָניזם, דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין איז געוואָרן אַלץ שוואַכער, דער מלך און די שרים האָבן פאַרטרונקענע אין קורצזיכטיקן אָפּטימיזם זיך נישט געמיט צו באַפּעסטיקן די לאַגע פון לאַנד, כל זמן עס איז נאָך צייט געווען, כל זמן די געפאַר איז געווען נאָך ווייט. דאַן האָט דער נביא מיט אַ פאַרבלוטיקט האַרץ אויסגעשפּראָכן אי־בער אפרים זיין לעצטע אומפאַרמיידלעכע וואָרענונג:

„ווי צו די רואיקע... און די זאָרגלאָזע אויפן באַרג שומרון!... די, וואָס ליגן אויף בעטן פון עלפנביין און אויסגעצויגן אויף זייערע גע־לעגערס, פרעסן די געשטאָפּטע צווישן די שעפסן און די יינגסטע קעל־בער פון שטאַל. די וואָס שפּילן אויף דער האַרפע, און מיינען, אַז ווי דוד פאַסט זיי דאָס שפּיל־אינסטרומענט. די וואָס טרינקען וויין פון די בעקנס און שמירן זיך מיטן פעטסטן בוימאייל און זייער האַרץ קרענקט

גאָרנישט אויף דעם בראָך פון יוספן! דערפאַר וועלן זיי די ערשטע פאַר־טריבן ווערן אין געפענגעניש און דאַן וועט זיך ענדיקן די אָרגיע פון די זאָרגלאָזע!... גאָט דער אַלמעכטיקער האָט געשוואוירן ביי זיין ווילן: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער הערשער: איך פאַרהאַס דעם שטאָלץ פון יעקבן און זיינע פּאַלאַצן האָב איך פיינט און איך וועל דעריבער אין פרעמדע הענט איבערגעבן די שטאָט שומרון און אַלץ, וואָס אין איר געפינט זיך... דען איך וועל קעגן אייך, בית־ישראל, אויפהייבן אַ פאָלק, זאָגט גאָט דער אַלמעכטיקער הערשער, וועלן זיי אייך דריקן פון דעם גרענעץ חמת ביז דעם געזאַלצענעם ים...״ און ווייטער האָט ער געזאָגט, אַז עס וועלן וויסט ווערן די פּאַרוויילונגס־פּלעצער און די הייליקטימער פון ישראל וועלן רואינירט ווערן און די פּאַמיליע פון ירבעם וועט דורכן שווערד פאַלן.

די דאָזיקע שרעקלעכע ווערטער האָט עמוס געזאָגט אָפן פאַרן גאַנצן המון אין בית־אל, ביים מזבח פון דעם גאָלדענעם קאַלב. אמציה, דער כהן פון בית־אל, האָט דערהערט די דאָזיקע רייד און האָט געשיקט אָנזאָגן דעם מלך אַזוי: „עמוס האָט צווישן פאָלק קעגן דיר אויפגעהויבן אַ בונט. דאָס לאַנד קען מער נישט פאַרטראָגן זיינע רייד. דען אַזוי האָט עמוס געזאָגט: ירבעם וועט דורכן שווערט געטויט ווערן און ישראל וועט פון זיין לאַנד פאַרטריבן ווערן!״ דאַן איז אמציה באַפולמעכטיקט גע־וואָרן פאַרצולייגן עמוסן, ער זאָל זיך אומקערן צוריק אין זיין פאָטער־לאַנד און דאָרטן פאָרזעצן זיין נביאישע טעטיקייט. אין בית־אל אָבער — האָט אים אמציה פאַרזאָגט — זאָלסטו, נביא, מער נישט וואָגן נביאות צו זאָגן, ווייל דאָ איז דאָס הייליקטום פון מלך און דאָ געפינט זיך דאָס הויזגעזינט פון מלך״. עמוס האָט אים דערויף געענטפערט: איך בין נישט קיין נביא און נישט קיין זון פון קיין נביא, איך בין אַ פי־הענדלער און אַ פייגן־קלייבער. און גאָט האָט מיך אַוועקגענומען פון די שאָף און ער האָט מיר געזאָגט: גיי, זאָג נביאות איבער מיין פאָלק ישראל! און איצט הער גאָטס וואָרט: דו פאַרזאָגסט מיר, איך זאָל קיין נביאות נישט זאָגן איבער ישראל און איך זאָל נישט ריידן אין די פאַרוויילונגס־פּלע־צער. דעריבער האָט גאָט אַזוי געזאָגט: דיין ווייב וועט דיך אין שטאָט פאַרראַטן, דיינע זין און דיינע טעכטער וועלן דורכן שווערד פאַלן און דיין ערד וועט צעטיילט ווערן מיטן שטריק־מאָס און דו וועסט שטאַרבן

אין אן אומווירדיק לאַנד און ישראל וועט פון זיין לאַנד פאַרטריבן ווערן!...״

די שטרענגע ווערטער פונעם נביא האָבן נישט אויפגעוועקט דאָס פאָלק, דעם מלך און די שרים פון זייער שכרות — און מיט אַ מין קאָפּ־שווינדלענדיקער פלינקייט האָבן זיך די אינערלעכע און אויסערלעכע באַ־דינגונגען אין לאַנד אַזוי צונויפגעפּלאָנטערט, אַז זיי האָבן ענדלעך גע־מוזט פירן די מלוכה צו דער אומגליקלעכער קאַטאַסטראָפע, וועגן וועל־כער עמוס האָט פאָראויסגעזאָגט. נאָך דעם, ווי ירבעם דער צווייטער איז געשטאָרבן, האָט זיך ווירקלעך אָנגעהויבן אַ בונט קעגן דער דינאַסטיע פון יהו. די אָרימע און שוואַכע קלאַסן האָבן נישט געקאָנט זיין צופרידן מיטן מלך און מיט דער אָרדענונג, אויף וועלכן עס שטיצן זיך די רייכע און די מעכטיקע, מיט וועמענס הילף און איינשטימיקייט די לעצטע שטעלן צופרידן זייערע געלטגייציקע רויבער־אַפּעטיטן. אפשר איז אין דער הינזיכט גראָד געווען דעם נביאס אויבנדערמאָנטער רמז, וועגן וועלכן אמציה דער כהן פון בית־אל האָט גערעדט, דער אומגליקלעכער פונק, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין דעם פּולווער־באַרג. די טראָן־קריגע־רייען פאַר דער מלוכה, וואָס איז נאָר וואָס איצט עפּעס צו זיך געקומען, איז געוויס געווען אַן אומגליק; דער נביא האָט אָבער אין בעסטן פאַל נישט פאָרהיט דעם פאַרראַט, ווייטער געווען געטריי די אַלטע נבואה־טראַדיציעס, וואָס האָבן שטענדיק מקריב געווען דעם פּאָליטישן און עקאָ־נאָמישן וואוילשטאַנד פאַר דעם מאָראַלישן אידעאַל. און אָט אַזוי האָבן זיך אין לאַנד באַנייט די מהומות, וועלכע האָבן סוף כל סוף געפירט צו זיין פולשטענדיקן חורבן. נאָך ירבעמן האָט דעם טראָן אין שומרון גע־ירשנט זיין זון זכריהו. ער האָט אָבער געהערשט איבערן לאַנד נישט מער, ווי זעקס חדשים: קעגן אים און קעגן זיין גאַנצער פאַמיליע האָט זיך אָרגאַניזירט אַ מרידה. שלום בן יבש, דער ראש־המורדים, האָט אים געטויט עפנטלעך. „פאַר די אויגן פונעם פאָלק״, נאָכהער האָט ער אומ־געבראַכט דאָס גאַנצע הויז פון יהו און אַליין פאַרכאַפּט די מלוכה. איי־נער פון די נביאים, וועלכער האָט פאָראויס גערעדט וועגן דעם דאָזיקן נאָענטן קעניג־מאָרד, האָט עס געזען ווי אַ נקמה פון דער השגחה פאַר דעם בלוט פון בית־אחאב, וואָס יהו האָט פאַרגאָסן. דאָס איז מערקוויר־דיק: יהו האָט אויסגעטויט אחאבס פאַמיליע מיט אלישעס וויסן, נאָר די

נבואה רעכנט יעדן פאַרברעכן ווי אַ פאַרברעכן, ווען אפילו דאָס איז היס־טאָריש נייטיק, און פאַרגאָסן בלוט מוז ענדלעך באַשטראָפט ווערן מיט בלוט, ווען עס איז אפילו פאַרגאָסן געוואָרן מיטן ווילן פון גאָט!

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט שלום בן־יבש. ער האָט נאָך זיין שטראָף באַקומען פיל גיכער, ווי די דינאַסטיע פון יהו. עס איז קוים אַ מאָנאַט אַוועק, ווי שלום בן־יבש האָט געזעצט זיך אויפן קעניג־שטול און עס איז קעגן אים אויך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ פאַרשווערונג. מנחם בן גדי, פון תרצה (שיינט צו זיין אַ שר־הצבא) איז מיט אַ גאַנצער מחנה אָנגעקומען קיין שומרון און ער האָט דערהרגעט שלום בן־יבשן און האָט פאַרכאַפּט דעם טראָן. מנחמען האָט אָבער נישט דאָס גאַנצע פאָלק גע־וואָלט אנערקענען פאַר אַ הערשער. אין דער שטאָט תפסח האָט זיך אויפ־געהויבן אַן עפנטלעכער בונט און צו אים זיינען צוגעשטאַנען די אַרומי־קע געגנטן. מנחם האָט אָבער, מיט דער הילף פון זיין געטרייער מחנה, גיך אַן ענדע געמאַכט צו דעם אויפשטאַנד: ער האָט תפסח חרוב גע־מאַכט, די אַרומיקע שטעט האָט ער צעשלאָגן, די איינוואוינער האָט ער אויסגעטויט מיט דער גרעסטער אכזריות, אַפילו „די שוואַנגערדיקע פרוי־ען האָט ער צעריסן!" — דער דאָזיקער אומגעווינלעכער ביישפיל צווישן די מלכי־ישראל פון אכזריותדיקער באַהאַנדלונג, אין דער באַ־ציאונג צום אייגענעם פאָלק, האָט, פאַרשטייט זיך, נאָר געקענט פאַר־שטאַרקן אין שומרון די אומצופרידנקייט מיט דעם אוזורפּאַטאָר[1]; ער האָט אָבער פאַרשטאַנען אַנצוואוואַרפן אַ שרעק אויף דער באַפעלקערונג און איז געבליבן אויפן טראָן.

און דערווייל, אונטער דער צייט, ווען אין אפרים גופא זיינען פאַר־געקומען אינערלעכע מהפכות, האָט זיך אויפן לאַנד אַלץ נענטער אָנגע־רוקט אויך די אויסערלעכע געפאַר, וועגן וועלכער עס האָט מרמז געווען אין ירבעמס צייטן דער נביא עמוס. די שרים זיינען געווען פאַרנומען מיטן מלכים־שפּיל, דאָס פאָלק איז געווען טעראָריזירט און קיינער האָט דערווייל נישט באַמערקט, ווי אַשור גייט אַלץ נענטער און נענטער צו ארץ־ישראל. פאַרנעמט אין אָנפאַנג בלויז דעם אויבערשטן טייל פון מע־סאָפּאָטאַמיע צווישן די באַרימטע טייכן חדקל און פרת — האָט אשור,

1) טראָן־פאַרכאַפּער.

נאָך אַ פיל־דורותדיקער אַנטוויקלונג, אַלץ ווייטער פאַרברייטערט אירע גרענעצן און איז געוואָרן די מעכטיקסטע מלוכה אין דער פאָדערשטער אַזיע. איינער פון די שפּעטערדיקע נביאים מאָלט די גרויסקייט פון דעם דאָזיקן פאָלק מיט רייצנדיקע בילדער:

„אשור איז אַ לבנון־צעדער, מיט שיינע צווייגן און מיט וואַלד־געדיכטע שאָטנס, פון ריזיקער הויך — אַז ביז די וואָלקנס האָט זיין שפּיץ דערגרייכט. דאָס וואַסער האָט אים אויסגעהאָדעוועט, דער אָפּגרונט האָט אים דערהויבן; ער (דער אָפּגרונט) האָט געפירט זיינע טייכן אַרום זיין וואָרצל און זיינע סאַזשעלקעס האָט ער געשיקט אַרום זיינע שפּראָצונגען. דעריבער איז דער דאָזיקער אשור־צעדער אויסגעוואַקסן העכער פון אַלע פעלד־ביימער: זיינע שפּראָצלינגען האָבן זיך געמערט, זיינע צווייגן האָבן זיך געשפּרייט — אַ דאַנק די פילע וואַסערן, וואָס האָבן אים גענערט. אויף זיינע זייטנצווייגן האָבן אַלע פייגל געבויט זייערע נעסטן און אונטער זיינע צווייגן האָבן אַלע חיות געבוירן זייערע קינדער. און שיין איז ער געווען מיט זיין הויכן וואוקס, און הערלעך איז ער געווען מיט זיינע לאַנגע צווייגן... די צעדערן האָבן אים נישט געקענט פאַרטונקלען, די באָקסן־ביימער האָבן זיך נישט געקאָנט גלייכן צו זיינע שפּראָצלינגען און די קאַסטאַניען־ביימער זיינען נישט געווען ענלעך צו זיינע צווייגן; קיין בוים אין געטלעכן גאָרטן האָט זיך נישט געקענט גלייכן צו אים אין הערלעכקייט".

אַ צווייטער נביא קומט אין התפּעלות פון דער גבורה פון אשורס חיל און דריקט עס אויס אין די ווייטערדיקע ווערטער:

„גיך און ראַשיק קומט ער אָן. נישטאָ קיין פאַרמאַטערטער און נישטאָ קיין געשטרויכלטער אין זיינע רייען; ער דרעמלט נישט און שלאָפט נישט; ער גורט קיינמאָל נישט פונאַנדער דעם גאַרטל פון זיינע לענדן און בינדט קיינמאָל נישט פונאַנדער דאָס בענדל פון זיינע שיך. זיינע פיילן זיינען שטענדיק שאַרף, זיינע בויגנס זיינען שטענדיק אָנגעצויגן; די קאָפּיטעס פון זיינע פערד זיינען ווי פעלדזן־שטיין און זיינע רעדער זיינען ווי אַ שטורעם־ווינט אַ געשריי האָט ער פון אַ לייב, ער טוט אַ ברום און כאַפּט זיין קרבן, שלעפּט אַוועק און ראַטעווען וועט שוין קיינער! עס הילכט זיין שטים, ווי דאָס רוישן פון ים, און אַז ער גיט אַ

בליק אויף אַ לאַנד — ווערט עס פינצטער און ענג, אין די וואָלקנס ווערט דאָן דאָס ליכט אויסגעלאָשן..."

און דאָס דאָזיקע גרויזאַמע פאָלק האָט פון זיין הויפּטשטאָט נינוה אויסגעשטרעקט זיין האַנט איבער דער אוראַלטער וועלט. איינגענומען אַ סך ערד אין אַרמעניע, אין קליין־אַזיע, אין מדי, אין פּרס און אין בבל. די אשורער האָבן זיך אַ לאָז געטון צום מערב, צו די ברעגעס פון מיטל־לענדישן ים. זיי האָט זיך געוואָלט באַקומען דמשק, מיט וועלכער זיי האָבן שוין פון לאַנג אָן מלחמה געהאַלטן, זיי האָבן געוואָלט צונעמען די רייכע פעניציע, די מלוכות פון יהודה און ישראל און ענדלעך צוקער־מען צו דעם גרויסן און מעכטיקן לאַנד מצרים. כדי די מלוכה פון יש־ראל זאָל זיך קענען פיל וויניקער שיצן קעגן די דאָזיקע לעגענדאַרישע זיגערס פון אשור, האָט אין לאַנד געמוזט זיין אַ פעסטע הערשנדיקע מאַכט, ביי וועלכער דאָס באַוואוסטזיין פון די נאַציאָנאַלע פליכטן צום פאָלק און צום לאַנד זאָל זיין איינגעוואָרצלט פון דורות; דערצו האָט דאָס פאָלק געדאַרפט זיין פעסט אָרגאַניזירט פון אינעווייניק — דאָס אַלץ האָט געפעלט אין אפרים אין יענעם אומגליקלעכן מאָמענט, ווען אשור איז אָנגעפאַלן אויף שומרון. דאָס פאָלק איז געווען צעריסן אויף פּאַרטייען און קלאַסן און די אוזורפּאַטאָרישע הערשער האָבן נאָר גע־קלערט ווי צו באַקומען זייערע אינערלעכע קעגנער. כדי איינצוהאַלטן די ממשלה אין די הענט האָבן זיי זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר די שענד־לעכסטע מיטלען. אַזוי האָט מנחם בן גדי, דער מלך פון ישראל, אַליין אָן אַ שום ווידערשטאַנד אַנערקענט אויף זיך דעם אויטאָריטעט פון פּול, דעם הערשער פון אשור, אַבי נאָר ער זאָל אים העלפן גובר זיין זיינע שונאים אינעם לאַנד גופא. דערפאַר וואָס פּול האָט מנחמען אַנערקענט ווי אַ מלך איבער אפרים, האָט דער הערשער פון אשור פון אים באַקומען אַ גרויסע סומע זילבער פון טויזנט ככרים; דאָס געלט האָט מנחם אויפ־געמאָנט פון די רייכע אין לאַנד, צו פופציק שקלים פון יעדן. פּול האָט זיך אויף דערווייל באַגנוגנט מיט זיין ערשטן דערפאָלג און זיך צוריק־געקערט קיין אשור.

אין אַ יאָר צען אַרום, נאָך דעם ווי מנחם איז געוואָרן מלך, איז ער געשטאָרבן און די מלוכה האָט געירשנט זיין זון פקחיה. זיין ממשלה איז אָבער געווען נישט קיין דויערהאַפטע; די אומצופרידנקייט, וועלכע

איז ביים לעבן פון זיין אכזריותדיקן פאָטער געווען באַגראָבן טיף אין דער נשמה פונעם פאָלק, האָט ענדלעך אויסגעבראָכן און אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַן אָפענער מרידה. דער שר־צבא פקח בן רמליהו מיט דער הילף פון נאָך פופציק גלעד־לייט, האָט אַוועקגעהאַרגעט מנחם בן־גדיס יורש און האָט פאַרנומען די ממשלה אין די אייגענע הענט. דער טייל פון דער באַפעלקערונג, וועלכער איז נישט געווען צופרידן מיט מנחם בן־גדי און זיין זון פקחיה, האָט אויך נישט איינגעשטימט מיט זיין פּאָליטיק בנוגע צו אשור. דערפאַר האָט פקח בן־רמליהו, שטיצנדיק זיך אויף דער דאָזיקער פאַרטיי, געזוכט מיטלען ווי פטור צו ווערן פון אשורס אפּוט־רופּסות, וועלכע די פריערדיקע מלכים האָבן מיטן גוטן ווילן אנערקענט. מיט דעם ציל האָבן דער מלך און זיינע אָנהענגער געווענדעט זיך צו די איבריקע פעלקער, וועלכע זיינען געדריקט געוואָרן דורך אשור, ווי די פעניציער און אַראַמייער, מיט דעם פאָרשלאָג, זיי זאָלן צוזאַמען צונויפּ־שטעלן איין בונד קעגן זייער אַלגעמיינעם שונא. פקח האָט געהאָפט, אַז צו דער דאָזיקער אונטערנעמונג וועט ער געווינען דאָס מיטגעפיל אויך פון דעם מלך יהודה און איבערהויפּט פון מצרים. דער דאָזיקער שריט איז געווען זייער אַ דרייסטער אָבער אויך זייער אַ געפערלעכער. די אויסער־לעכע פּאָליטיק אין שומרון איז אויף אַזאַ אופן אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט געוואָרן. אַלץ נענטער איז געקומען דער מאָמענט פון דעם אַנטשלאָסע־נעם קאַמף, וועלכער האָט געשטעלט אין קאָן דעם גאַנצן קיום פון דער אפרים־מלוכה.

דאָס אינערלעכע לעבן אינעם לאַנד איז זיך אָבער דערווייל געגאַנ־גען אויף דעם אַלטן שטייגער. די אַלגעמיינע ליידנשאַפטלעכע אָרגיע האָט זיך נישט דערשראָקן אפילו פאַר דער נאָענטער געפאַר. די אוזורפּאַ־טאָרן האָבן געמוזט אונטערשמייכלען די מעכטיקע, רייכע און הערשנדי־קע קלאַסן. די פאַרמעגלעכע לייט און שרים האָבן ווי פריער געדריקט און געזויגן די פאָלקס־מאַסן; דער אַדל האָט ווי פריער זיך איבערגעגעבן די שענדלעכסטע תאוות, און האָט געווירקט דערמיט זייער דעמאָראַליזירנ־דיק אויף די נידעריקע קלאַסן; די אָפטע פּאָליטישע מהפכות, וואו עס האָט זיך פיל בלוט געגאָסן, האָבן נאָך וועלוועלער געמאַכט דעם ווערט פונעם מענטשן. דאָס אַלץ האָט נאָך מער געטריבן דאָס פאָלק אויפן וועג פון געצנדינערײ, אַלץ ווייטער פון יהוה, אַלץ ווייטער פון דעם נאַציאָ־

נאָלן געוויסן. די ווינציקע ניכטערע, וועלכע האָבן געפּרוּווט וועקן דאָס פאָלק און רופן אים צום פאַרשטאַנד, אים קלאָר מאַכן זייןווירקלעכע מאָראַלישע און פּאָליטישע לאַגע האָבן פון די הערשנדיקע שיכטן באַקומען אַן ערנסטן ווידערשטאַנד: שפּאָט, פאַרפאָלגונגען און דערמאָרדונג. האָבן באַגעגנט די הייליקע נביאים, וועלכע פלעגן ברענגען צום פאָלק דאָס וואָרט פון גאָט. די לעצטע האָט אָבער דער טויט נישט געשראָקן און דעם מלך, די כהנים, די שרים, און די רייכע פלעגט גאַנץ אָפט אויסקומען צו הערן דעם שרעקלעכן אמת פון נביאס מויל. אין דער צייט פון די דאָזיקע אינערלעכע און אויסערלעכע מהומות אין שומרון, האָט זיך איבערהויפּט, ווי ס׳שיינט, אויסגעצייכנט דער נביא הושע בן בארי, אויך פון יהודה.

הושע בן בארי האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע נביאים, צו וועלכער ס׳האָט געהערט זיין פאָרגייער עמוס. ער האָט אָנגעהויבן זיין נבואה־שע טעטיקייט נאָך פאַר ירבעם דעם 2־טן, און האָט איר פאַרגעזעצט ביז דער צייט פון די אוזורפּאַטאָרן. אים איז בכן אויסגעקומען מיט די אייגענע אויגן צו זען דעם טרויעריקן צושטאַנד אין לאַנד, סיי אין מאָראַלישן, סיי אין פּאָליטישן זין. די אינערלעכע מחלוקת אין דעם לאַנד פון ישראל, דאָס ראַשיקע בייטן פון מלכים, די פונאַנדערגעפלאַקערטע תאוות און ווילקיר פון די פאַרשידנסטע פּאָלקסקרייזן, דער אָנפאַל פון אַשור און די פּאָליטישע שפּאַלטונג אין לאַנד צוליב דעם, די אויפרעגונג צוליב דעם בונד קעגן אשור — דאָס אַלץ האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער גבואה פון הושע בן בארי. די פאָרעם פון הושעס נביאות אין איר אויסערלעכן גלאַנץ שטייט פיל נידעריקער פאַר עמוסעס: דאָ איז נישטאָ יענע האַרמאָניע, יענער מוזיקאַלישער טאָן, יענע בילדלעכקייט און יענער פּאָעטישער פלי; דערפאַר צייכנט הושע זיך אויס מיט זיין איינפאַכקייט און זיין פייערדיקן קוראַזש. די סכנה אין לאַנד איז שוין געווען צו נאָענט, כדי ער זאָל זיך קאָנען זאָרגן וועגן דער אויסערלעכער פאָרעם פון זיין געטלעכן וואָרט. אינעם נביאס ווערטער האָבן זיך געהערט די האַרצרייסנדע קולות פון דעם הערלעכן וועכטער, וועלכער וועקט די אין שלאָף פאַרזונקענע מענטשן פונעם הויז, וואָס שטייט אין פלאַמען; אין זיין שטים קלינגט דער טויט־שרעקלעכער ציטער פאַר דער פאַרשטייענדיקער נאַציאָנאַלער געפאַר. ער רעדט אָן מליצות, אָן שיינע אויסדריקן, אָן

גראַמאַטיק, אפילו אַן אַ פעסטן צוזאַמענהאַנג צווישן זיינע פראַזן; ער שפרינגט איבער גיך פון איין ענין צום צווייטן, פון צווייטן — צום דריטן, ווי ער וואָלט מורא האָבן, אַז ער וועט נישט באַווייזן אַלץ אַרויסצוזאָגן. אויף דעם צוהערער מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ מטורפדיקן, פון אַ דענערווירטן; דער וואָס דרינגט אָבער טיפער אַריין אין האַרץ פון נביא זעט, אַז דאָרט האָט אויפגעריסן אַ וואולקאַן, וועלכער שפריצט אַזוי אומרחמנותדיק זיינע פאַרעמלאָזע פייער־מאַסן. הושע אַליין כאַראַקטעריזירט זיך מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„עס האָט אויסגעבראָכן גאָטס באַפעל; עס זיינען געקומען די טעג פון באַלוינונג, ווייס עס, ישראל! דער נביא איז מטורף, דער מאַן פון גייסט איז דול צוליב דיינע זינד, ווייל גרויס איז אין זיין האַרץ די אויפרעגונג!"

ווי עמוס, רעדט הושע אויך וועגן דער מאָראַלישער דערנידערונג פון זיין פאָלק, נאָר ער רופט אַלץ אָן מיטן ריכטיקן נאָמען, אָן פאַרקליידונגען: „הערט צו גאָטס וואָרט, די קינדער פון ישראל, ווייל גאָט קריגט מיט דער באַפעלקערונג, ווייל עס איז נישטאָ קיין ריכטיקייט און קיין גערעכטיקייט און קיין געטלעך באַוואוסטזיין אין לאַנד. פאַלש שווערן און לייקענען און הרגענען און גנבנען און מזנה־זיין האָבן זיך פאַרמערט. און בלוט האָט זיך אָן בלוט באַרירט. דערפאַר וועט וויסט ווערן דאָס לאַנד און פאַראומגליקלעכט וועלן ווערן אַלע אירע באַזיצער, אַלע חיות פון פעלד און אַלע פייגל פון הימל, אפילו די פיש פונעם ים וועלן פאַרטיליקט ווערן... נאָר זנות און וויין און אַלט־וויין פאַנגט אייערע העו־צער. מיין פאָלק ווענדט זיך צום האָלץ, עס וואָרט, אַז זיין שטעקן זאָל אים ענטפערן אויף זיינע תפלות, ווייל דער גייסט פון זנות האָט אים פאַרפירט, און ער האָט מזנה געווען פון אונטער זייער אייגענעם גאָט... אויף די שפּיל־בערג שעכטן זיי זייערע קרבנות, און אויף אַלע הויכע פלעצער האָבן זיי גערויכערט זייערע קטרת..."

אַזוי ווי ער האָט זיך געפונען אונטער דעם אַרומיקן עראָטישן איינפלוס, האָט הושע דער ערשטער גענומען באַנוצן זיך מיט די עראָטישע באַגריפן צום סימבאָליזירן די באַציאונגען צווישן גאָט יהוה און זיין פאָלק ישראל. גאָט ווערט געשילדערט ווי אַ מאַן, ישראל ווי אַ פרוי. „גאָט האָט דיך פאַרקנסט דורך גערעכטיקייט, דורך געריכט, דורך גע־

נאָד און דורך באַרעמהערציקייט". נאָר ישראל האָט פאַראָטן זיין גאָט, איר מאַן. עס האָט זיך געווענדעט צו פרעמדע געטער און אויף דער שפּראַך פון דעם נביא הייסט עס: ישראל האָט מזנה געווען אונטער איר מאַן. מיטן מויל פון הושע זאָגט גאָט צו די קינדער פון ישראל:

„קריגט אייך קעגן אייער מוטער, קריגט אייך, ווייל זי איז שוין נישט מער מיין פרוי און איך בין שוין נישט מער איר מאַן. זאָל זי אָפּוואַשן פון זיך איר זנות־זינד, טאָמער וועל איך איר אויסטון נאַקעט, איך וועל איר לאָזן שטיין, ווי זי איז געבוירן געוואָרן, איך וועל איר מאַכן, ווי אַ מדבר, ווי אַ וויסט לאַנד, ליידיק און וויסט... און אויף אירע קינדער וועל איך זיך אויך נישט דערבאַרעמען, ווייל זיי זיינען זנות־קינדער, ווייל זייער מוטער האָט מזנה געווען; די, וואָס האָט זיי געבוירן, האָט אַ שאַנד באַגאַנגען. ווייל זי האָט געזאָגט: איך וועל גיין נאָך מיינע געליבטע, די וואָס גיבן מיר מיין ברויט און מיין וואַסער, מיין וואָל און מיין פלאַקס, מיין בוימל און מיינע געטראַנקען. דערפאַר פאַרשטעל איך איר וועג מיט דערנער, איך וועל איר אַרומצאַמען מיט אַ וואַנט, און זי וועט זיך קיין שטעג נישט געפינען. און זי וועט נאָכ־לויפן אירע געליבטע און זי וועט זיי נישט דעריאָגן, און זי וועט זיך קיין שטעג נישט געפינען; און דעמאָלט וועט זי זאָגן: לאָמיך גיין און לאָמיך צוריקקערן צו מיין ערשטן מאַן, מיר איז דאָך דעמאָלט בעסער געווען, ווי איצט. זי האָט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק, אַז איך האָב איר דאָס געגעבן דעם קאָרן, דעם ווין און דעם אייילבערט, און זילבער און גאָלד האָב איך איר געמערט, האָט זי פונעם גאָלד אַן אָפּגאָט גע־מאַכט!... דערפאַר וועל איך צוריק אָפּנעמען מיין קאָרן אין זיין צייט און מיין ווין — אין זיין טערמין — און איך וועל אָפּראַטעווען מיין וואָל און מיין פלאַקס, וואָס איך האָב דיר געשאָנקען, איר שאַנד צו פאַרדעקן. איצט וועל איך אַנטפּלעקן איר מיאוסקייט פאַר די אויגן פון אירע אַלע געליבטע, און קיינער וועט איר פון מיין האַנט נישט ראַטע־ווען. און איך וועל פאַרשטערן איר פריילעכקייט, איר יום טוב, איר חודש, איר שבת און אַלע איבעריקע ימים טובים. און איך וועל פאַרוויסטן איר ווייַנשטאָק און איר פייגן־גאָרטן, וועגן וועלכע זי האָט געזאָגט: „דאָס זיינען מיינע זנות־געשאַנקען, וועלכע מיינע געליבטע האָבן מיר געשאָנ־קען" — כ'וועל זיי ליידיק מאַכן ווי אַ וואַלד, און עס וועלן זיי ווילדע

חיות אַרומגריזשען. כ׳וועל איר נאָך דערמאָנען די צייט פון די אָפּגעטער, ווען זי פלעגט זיי קטרת רויכערן, ווען זי פלעגט זיך אויסצירן אין אירע גאָזבענדער און אירע האַלדזבענדער און גיין נאָך אירע געליבטע, און אָן מיר פלעגט זי פאַרגעסן — אַזוי זאָגט גאָט" —

דער סימבאָל פון „מאַן" און „פרוי" אין דער באַציאונג צו „גאָט" און „פאָלק" איז נאָכדעם דורך די שפּעטערדיקע נביאים פון יהודה פיל מאָל באַנוצט געוואָרן, נאָר אין קיין אָרט דערגייט עס ניט צו אַזעלכע דעטאַלן, ווי אין „הושע"; אפילו די אילוסטראַציעס, מיט וועלכע ער באַנוצט זיך אין דעם נאָמען פון גאָט, כדי דייטלעכער אונטערצושטרייכן זיינע נביאות, נעמט הושע אויך פון דער געשלעכט־וועלט. גאָט הייסט אים נעמען אַ זונה פאַר אַ פרוי, ווי אַ צייכן אַז דאָס לאַנד האָט אָפּגעקערט פון גאָט. ווייטער הייסט אים גאָט נעמען אַ פרוי און מיט איר נישט לעבן, ווי אַ צייכן, אַז גאָט וועט פאַרלאָזן זיין פאָלק. דאָס אַלץ דערוווייזט אין אַ געוויסער מאָס דעם מצב פון דעם נביאס פאַנטאַזיע: זיין נבואה טראָגט אויף זיך דעם צייכן פון ליידנשאַפטלעכן עקסטאַז. זיין באַציאונג צו גאָט איז דורך און דורך דורכגעדרונגען מיט אומענדלעכער דביקות און ליבע און דעריבער איז אומענדלעך זיין צאָרן קעגן דער געצנדינערייי פונעם פאָלק. און ווען די איבעריקע נביאים שטראָפן נאָר, זיינען בלויז מתרה, שעלט דער נביא הושע דאָס לאַנד, ער בעט אַליין ביי גאָט פאַרן פאָלק אַ האַרבן געריכט. „גיב זיי, גאָט — וואָס זאָלסטו געבן? טויט־געבוירענע קינדער און צעדאַרטע בריסטן!" „זאָל זיי מיין גאָט פאַרהאַסן, ווייל זיי האָבן אים נישט געפאָלגט; זאָלן זיי ז׳ערפאַר צווישן די פעלקער פאַרוואָגלט ווערן"... אין אַלגעמיין קאָן זיך קיין נביא נישט פאַרגלייכן צו הושען בנוגע צו דעם צאָרן, וואָס פלאַקערט אין זיינע ווערטער און צום ווייטיק, וואָס קלאָגט אינעם צאָרן. ביי קיין נביא געפינט מען נישט אַזוי פיל האַרבע תוכחה און ביי קיין נביא איז נישט אַזוי אָפט און פלוצלונג דער איבערגאַנג פון די ביטערסטע שטאָף־רייד צו די מילדסטע טרייסט־ווערטער. נאָך דער נבואה פון שטראָף, פון חורבן, פון טויט, גייט ער אַלע ווײלע איבער צו אַזעלכע נחמות: „ווי זאָל איך דיך מאַכן, אפרים, ווי זאָל איך דיך איבערגעבן ישראל, ווי זאָל איך דיר מאַכן ווי אדמה, ווי זאָל איך דיר איבערקערן ווי צבאים? מיין האַרץ ווערט מיר אויפגעצאַפּלט, מיין גאַנצע באַרעמ־

הערציקייט פלאַקערט זיך אויף אויף דיר. איך וועל מיין צאָרן נישט דערפילן, איך וועל אפרימען נישט פאַרדארבן; איך בין דאָך גאָט, נישט קיין מענטש...׳ „און כ׳וועל אין יענעם טאָג צוליב זיי אַ בונט שליסן מיט די חיות פון וואַלד און מיט די פייגל פון הימל און מיט די רמשים פון דער ערד, און דעם בויגן, און דעם שווערד און די מלחמות וועל איך אונטערברעכן פון לאַנד און איך וועל זיי לאָזן זיכער רוען״... נאָר די נחמה איז נאָך ביים נביא אויף די ליפּן, און פון זיין האַרצן רייסט זיך שוין פון דאָס־ניי אַ לאַווע פון גאַל און צאָרן.

אַזוי ווי עמוס, באַנוצט זיך הושע אויך זייער אָפט מיט ביישפּילן פון דער פאָלקס־געשיכטע. נאָר די ביישפּילן דינען אים נישט בלויז ווי אַרגומענטן צו רופן דאָס פאָלק צום גוטן וועג; ער מאַטערט זיך צו דער־קענען דעם פאָלקס־גייסט דורך זיינע לעגענדעס פון דער פאַרגאַנגנהייט און דערביי מאַכט ער נישט קיינע מסקנות: אַזוי דינען אים פאַר אַ שלעכטן סימן פאַרן גאַנצן פאָלק די מסורות וועגן יעקב אבינו: „נאָך אין מוטערס בויך האָט ער זיין ברודער פאַרנאַרט און מיט זיין קראַפט האָט ער זיך קעגן דער געטלעכקייט געראַנגלט״... וואָס שייך די קרבנות, האָט הושע פאַרגעזעצט די מלחמה קעגן דעם, אינעם זעלביקן גייסט ווי זיין פאָרגייער. „גערעכטיקייט פאַרלאַנג איך און נישט קיין שלאַכטונג, דעם געטלעכן באַוואוסטזיין — אַנשטאָט דעם פייער־אָפּפער״ — דער גע־דאַנק גייט אַדורך אין דער גאַנצער נבואה פון הושען. אויף דער טיפער איבערצייגונג אין דער געטלעכער השגחה, וואָס עמוס נאָך האָט באַ־טאָנט, האָט הושע געבויט זיינע פּאָליטישע אנשויאונגען און געגלויבט, אַז אשור איז געשיקט געוואָרן אויפן לאַנד נאָר פון גאָט פאַר די זינד פון פאָלק. ער האַלט פאַר אומנוצלעך דעם בונט קעגן פיינט, וועגן וועלכן עס האָט זיך געמיט פקח בן־רמליהו און זיין פּאַרטיי; ער האָט אָבער געזען, אַז דער שלום מיט אשור, פאַר וועלכן עס איז געווען די אַנדערע פּאַרטיי, וועט דאָס לאַנד אויך נישט ראַטעווען. „ווען אפרים האָט דער־זען, אַז ער איז קראַנק.... האָט ער זיך געווענדעט צו אשור, ער האָט געשיקט צום מלך ירבֿ, נאָר נישט דער וועט אייך היילן, נישט יענער וועט אייער וואונד לייכטער מאַכן. ווייל איך בין ווי אַ לעמפּערט פאַר אפרים... איך, איך וועל פאַרצוקן, פאַרשלעפּן און עס וועט קיינער נישט קענען ראַטעווען״... איבערהויפּט איראַניזירט דער נביא מיט גאַל איבער

דער פֿאַרלאָרנקייט און די פּאָליטישע וואַקלונגען צווישן די שרים גופא. „אפרים איז געוואָרן, ווי אַ פֿאַרנאַרטע טויב, אָן אַן אייגענעם פֿאַרשטאַנד: דאָ האָבן זיי מצרים גערופֿן צו הילף, דאָ זיינען זיי געגאַנגען קיין אשור. וואו זיי וועלן אָבער גיין, וועל איך אומעטום אויף זיי מיין נעץ פֿאַר־שפּרייטן, ווי די פֿייגל פֿון הימל, וועל איך זיי פֿאַנגען. ווי צו זיי, ווייל זיי האָבן זיך פֿון מיר דערווייטערט; זייער אומגליק איז דאָס, וואָס זיי האָבן קעגן מיר געזינדיקט..." אינעם בונט קעגן אשור זעט דער נביא באַזונדער קיין נוצן נישט פֿאַר שומרון, ווייל ערשטנס האָט ער נישט געגלויבט אין דער ערנסטקייט פֿון מצרים, וועלכע האָט אין דעם בונט געדאַרפֿט שפּילן די הויפּט־ראָל. ער האָט פֿאָרויסגעזען, אַז מצרים וועט ביז דעם אנטשלאָסענעם מאָמענט, ווי אַ פֿאַרטיידיקער אויסזייגן דעם לעצטן טראָפּן מאַרך פֿון אפרים, און ווען די סכנה פֿון אשור וועט אָנ־קומען, דעמאָלט וועט מצרים בעסער אָפּהיטן אירע אייגענע גרענעצן, — ווי ס׳איז טאַקע שפּעטער פֿאָרגעקומען. צווייטנס ווידער איז הושע געווען קעגן דעם בונד מיט די אַרומיקע מלוכות, ווייל ער האָט מורא געהאַט פֿאַר דעם פֿרעמדן קולטורעלן איינפֿלוס אויף אפרים, וועלכער האָט זיך פֿון אייביק אָן אַזוי שוואַך געהאַלטן ביי זיין נאַציאָנאַלער אָרי־גינאַליטעט. דער נביא זאָגט: „אפרים וועט זיך צעמישן צווישן די פֿעל־קער, ווייל אפרים איז אַ נישט דערבאַקענער קוכן"...

אנשטאָט די פֿאַרשידענע פּאָליטיק־שפּילן, לייגט הושע פֿאָר דעם פֿאָלק דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן מיטל, ווי צו קעמפֿן מיט דער נאָענטער געפֿאַר —

„קערט זיך אום צו גאָט דיין אָלמעכטיקן; גרייט זיך צו מיט תפלה און ווענדט זיך צו אים: אַלע זינד אונדזערע זאָלסטו מוחל זיין, נעם פֿון אונדז נאָר דאָס גוטע און מיט אונדזערע תפלות וועלן מיר דיר צאָלן אנשטאט קרבנות. אשור וועט אונדז נישט העלפֿן, אויף קיין פֿערד וועלן מיר נישט רייטן און מיר וועלן מער נישט רופֿן גאָט צום ווערק פֿון אונדזערע אייגענע הענט... דעמאָלט וועט גאָט ענטפֿערן, איך וועל זיי אויסהיילן פֿון זייער ווילדקייט, איך וועל זיי האַרציק ליבן, ווייל מיין צאָרן האָט זיך אָפּגעטון פֿון זיי. איך וועל זיין ווי אַ טוי צו ישראל, ער וועט בליען ווי אַ רויז און ער וועט זיך וואָרצלען, ווי דער צעדער פֿון לבנון..."

דער נביא אַליין האָט זיך אָבער נישט געגלויבט, אַז זיינע רייד וועלן אָנגענומען ווערן און ער רופט אויס מיט פאַרצווייפלונג:

—„וואו איז אָבער דער קלוגער, וועלכער זאָל דאָס פאַרשטיין; וואו איז דער פאַרשטענדיקער, וועלכער זאָל דאָס באַגרייפן"?...

און אין דער אמתן, טראָץ די רייד פונעם נביא, איז זיך די פּאָ־ליטיק אין לאַנד געגאַנגען אויף איר שטייגער. די פעלקער פון דער פאָדערשטער אַזיע האָבן זיך גענומען גרופּירן אין פאַרטיידיקונגס־פאַר־באַנדן קעגן זייער אַלגעמיינעם באַדריקער — קעגן דעם „גרויסן מלך" פון אשור. אין דער שפּיץ פון איינעם פון די דאָזיקע פאַרבאַנדן זיינען געשטאַנען דער מלך פון דמשק (ארם) רצין און דער מלך פון שומרון, פקח בן־ רמליהו. פאַר דעם דאָזיקן פאַרבאַנד איז זייער וויכטיק געווען צוצוציען אויף זיין זייט אויך יותמען, דעם מלך פון ירושלים: ארם, ישראל און יהודה זיינען דאָך דעמאָלט געווען די באַדייטנסדיקע מלו־כות אין דער פאָדערשטער אַזיע און האָבן פאַרנומען דעם צענטער פון יענעם קרייז. פאַרגעמענדיק אַזאַ פּאָזיציע, וואָלטן זיי געקאָנט האָבן אויך אויף דער הילף פון מצרים. האָט אָבער יותם נישט געוואָלט מיט גוטן ווילן אַריינקריכן אין אַ מלחמה מיט אשור, כל זמן זי, אשור, באַ־רירט נישט זיינע גרענעצן. דאַן האָבן די פאַראייניקטע מלכים פון ארם און שומרון גערעכנט מיט געוואַלט צו צווינגען דעם מלך פון ירושלים, צוצושטיין צו זייער פאַרבאַנד: זיי האָבן אים דערקלערט אַ מלחמה און זיינען באַפאַלן יהודה. דערצו איז אין דעם רעכטן, ערנסטן מאָמענט פונעם קריג געשטאָרבן יותם, און אים האָט געירשנט די מלוכה זיין קליינמוטיקער זון אחז. אחז איז געווען פון דער נאַטור נישט קריגס־פעאיק, און ער האָט נאָך מער פון זיין פאָטער זיך געשראָקן אָנצורייצן דעם גרויסן מלך פון נינוה און איז נישט צוגעשטאַנען צום פאַרבאַנד; דערפאַר האָט זיך די מלחמה פון די פאַראייניקטע מלוכות ארם און אפ־רים זיך באַנייט נאָך יותמס טויט. דאַן האָט זיך די אונטערדריקטע אדום באַנוצט מיט דעם קריטישן מאָמענט פון יהודה און ביי איר אָראָפּגעריסן איר וויכטיקסטן האָפן אילת ביים ים סוף; דעריבער האָט אחז מיטן אייגענעם ווילן זיך געווענדעט צום מלך פון אשור, צו תגלת פלאסר, אים אויסגעדריקט זיין אונטערטעניקשאַפט און געבעטן הילף קעגן זיינע פיינט; דערצו נאָך האָט אחז געשיקט דעם מלך פון אשור פיל זילבער

און גאָלד ווי מתנות. תגלת פלאסר איז זייער צופרידן געבליבן פון אחזעס אויפפירונג, לויט וועלכער ער האָט אים, אנשטאָט מלחמה צו האַלטן, מיטן אייגענעם ווילן גאָר אַנערקענט פאַר זיין אויבערהערשער; דער מלך פון אשור האָט זיך נישט געזוימט קיין סך, צענויפגעזאַמלט זיין חיל און זיך געלאָזט מיט זיי צו די אויפגעבונטעוועטע מלוכות.

ווען די פאַראייניקטע מלכים רצין און פקח האָבן זיך דערוואוסט, אַז אשור האָט זיך אַריינגעריסן אין זייערע לענדער, האָבן זיי פאַרלאָזן יהודה און יעדער פון זיי האָט זיך וואָס גיכער געלאָזט צוריק אין זיין לאַנד. נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. תגלת פלאסר האָט שוין גע־האָט באַוויזן איינצונעמען דמשק און די באַפעלקערונג פון ארם האָט ער פאַרטריבן ווייט אין דער פּראָווינץ קיר. דעם מלך רצין האָט ער פאַרכאַפּט און געפענקעניש און אים געטויט. דער קאַמף צווישן אשור און ארם, וואָס האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען מיט פיל צענדליקער יאָרן פריער, האָט זיך דעריבער פאַרענדיקט: ארם איז באַזיגט געוואָרן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אשורישער פּראָווינץ מיטן נאָמען סוריא. נאָכדעם איז דער מלך פון אשור מיט זיין חיל אַריינגעטראָטן אין לאַנד פון ישראל און האָט פון מזרח־זייט אָפּגענומען דעם גאַנצן גלעד און פון צפון־זייט — די חלקים ערד פון די שבטים. נפתלי, זבולון און אשר. די דאָזיקע חלקים ערד האָט פלאסר פאַראייניקט מיט זיין פאָטערלאַנד און די איינוואוינער האָט ער פאַרטריבן אין געפענקעניש און פאַנאַנדער־געזעצט אין די ווייטסטע געגנטן פון אשור. און אויף אַזאַ אופן איז פון דער ישראל־מלוכה מיט אַמאָל אָפּגעריסן געוואָרן אַ באַדייטנדיקער טייל ערד (אין יאָר 734—735). פקח איז געבליבן ווי דער הערשער נאָר איבער אפרים און נאָך פיר אָדער פינף שבטים. די הויפטשטאָט איז, ווי פריער, געבליבן שומרון. דער איבערגעבליבענער טייל האָט אָבער אויך געמוזט אנערקענען די אויבערמאַכט פון אשור און צאָלן אים אַ געוויסן מס. דאָס פאָלק איז געווען נישט צופרידן מיט פקחן, וועלכער האָט מיט זיין אויפשטאַנד קעגן אשור געבראַכט דאָס לאַנד צו אַזאַ אומגליק און קעגן אים האָט זיך געשאַפן אַ בונט, אין דער שפיץ פון וועלכן ס׳איז געשטאַנען הושע בן אלה, וועלכער האָט טאַקע געהרגעט פקח בן רמליהון, אויפן 20־טן יאָר פון זיין הערשן. הושע בן אלה איז מיט דער הילף פון אשור געוואָרן מלך איבער ישראל.

אין דער צייט פון דער פינצטערער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן די מלוכה פון אפרים, האָט געלעבט דער נביא מיכה המור־שתי, וועלכער איז, ווי זיינע פאָרגייער, עמוס און הושע, אויך געקומען פון יהודה קיין שומרון צו שטראָפן דאָס פאָלק. זיין נבואה איז געווען אַלץ אין דעם זעלביקן גייסט; ער רעדט כסדר וועגן די עוולות, וואָס די מעכטיקע באַגיין קעגן די שוואַכע, וועגן דער אומגליקלעכער פּאָליטיק פון די מלכים, קעגן דער פאַלשער לערע פון די געצן־כהנים, און איבערהויפּט קעגן דעם געצנדינעריי:

„זאָלן הערן אַלע פעלקער, זאָל פאַרנעמען די ערד און אירע באַ־שעפעניש, זאָל גאָט זיין צווישן אייך ווי אַן עדות — גאָט פון זיין הייליקן פּאַלאַץ! גאָט גייט אַרויס פון זיין אָרט, ער גייט אַראָפּ און טרעט אַרויף אויף די דערהויבענישן פון דער ערד. און עס וועלן די בערג צעגיין פון אונטער אים און עס וועלן די טאָלן צעשפּאַלטן ווערן פון זיינע טריט — אַזוי ווי וואַקס ביים פייער, ווי וואַסער וואָס רינט אַראָפּ. דאָס איז אַלץ צוליב די זינד פון יעקבן, צוליב די פאַרברעכן פון ישראל... גאָט זאָגט: איך וועל מאַכן פון שומרון אַ וויסטן פעלד־בערגל, איך וועל אירע שטיינער צום טאָל אַראָפּשליידערן און איר פונדאַמענט וועל איך אויפדעקן. און אַלע אירע הייליקע בילדער וועלן צעשמעטערט ווערן און אירע זנות־מתנות וועלן פאַרברענט ווערן און אירע געצן וועלן פאַר־ניכטעט ווערן... דערויף קלאָג איך און יאָמער איך, איך גיי אַרום באַ־קעט און געריררט פון זינען. איך טרויער ווי די שטרויס־פייגל, פאַרגיס טרערן, ווי די קראָקאָדילן״...

מיכהן איז אויסגעקומען צו קעמפן קעגן אַ נייעם פאַרברעכן, פון וועלכן זיינע פאָרגייער אין די לעצטע דורות האָבן נישט געוואוסט — קעגן די פאַלשע נביאים. דאָס זיינען געווען מענטשן, געדונגענע דורך דעם מלך און דורך די שרים, ווי אין איזבלס צייטן, וואָס האָבן גע־דאַרפט נאָכמאַכן די אמתע נביאים, כדי אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק פון זייער נביאות. די געדונגענע נביאים פלעגן באַרואיקן דאָס פאָלק נאָך די אָנשרעקענישן פון די אמתע נביאים. מיט זיסינקע רייד פלעגן זיי זיך מיען איינצושלעפערן דעם המון, ער זאָל זיך נישט אומקוקן אויף דער געפאַר וואָס שטייט אויף אים פאַר. צו די שרים און כהנים איז בכן

צוגעקומען אַ נייע זינדיקע קאַסטע, און מיכה האָט קעגן זיי אַלעמען געמוזט אויפהייבן זיין שטים:

„הערט נאָר די קעפּ פון יעקב, די האַרן פון ישראל: איר דאַרפט דאָך וויסן אייער משפט: איר האָט פיינט דאָס גוטס, און האָט ליב דאָס שלעכטס... איר האָט אויפגעפרעסן דאָס פלייש פון מיין פאָלק און זיין הויט האָט איר פון אים אָפּגעשונדן און זיינע ביינער האָט איר צעקנאַקט און איר האָט אים אויסגעבראָטן ווי אין אַ טאָפּ, ווי פלייש אין אַ קעסל. דערפאַר וועט איר שרייען צו גאָט און ער וועט אייך נישט ענטפערן, ער וועט זיין פנים באַהאַלטן פון אייך, אין דער צייט, ווען עס וועט פול ווערן די מאָס פון אייערע שלעכטע מעשים!" — און אַזוי האָט גאָט געזאָגט וועגן די נביאים, וואָס פאַרפירן מיין פאָלק, וואָס קריצן מיט די ציין און זעען פאַר אים „שלום" און אויף דעם, וואָס באַצאָלט זיי נישט, דערקלערן זיי אַ מלחמה — אַ בלינדע נאַכט וועט אייך באַגעגענען פאַר אייער „זעונג" און פינצטער וועט אייך ווערן פון אייער צויבער. די זון וועט אונטערגיין פאַר די דאָזיקע נביאים און זייער טאָג וועט פאַרשוואַרצט ווערן. און ס'וועלן זיך שעמען די „זעערס" און שאַנד וועט טרעפן די צויבערער, זיי וועלן מוזן דאָס מויל פאַרדעקן, ווייל זיי וועלן גאָטס ענטפער נישט געפינען. נאָר איך בין פול מיט דער קראַפט, מיטן גייסט פון גאָט, מיטן גייסט פון גערעכטיקייט און מאַכט, צו זאָגן יעקבן זיין פאַרברעכן און ישראלן זיין זינד!"

ווען עס האָט אָבער אויסגעבראָכן דאָס אומגליק אין לאַנד, האָט דער נביא אין זיין טיפן טרויער געביטן דעם טאָן: פון צו שטראָפן גייט ער איבער אויף צו טרייסטן דעם איבערגעבליבענעם טייל פונעם פאָלק. ער וועקט אין זיינע ברידער די האָפענונג אויף דעם רחמנות פון גאָט.

„איך האָף צו גאָט, איך וואַרט צום אַלמעכטיקן העלפער — מיין גאָט וועט מיך דערהערן. פריי זיך נישט, מיין פיינט, אויב איך בין געפאַלן, וועל איך זיך נאָך אויפהויבן, אויב איך זיץ אין דער פינצטער— איז גאָט מיין ליכט. דעם צאָרן פון גאָט וועל איך פאַרטראָגן, ווייל איך האָב קעגן אים געזינדיקט — ביז וואַנען ער וועט זיך אָננעמען מיין קריג, ער וועט ענדיקן מיין שטראָף, דעמאָלט וועט ער מיך פון דאָס־ניי אַרויספירן אויף דער ליכטיקער שיין און איך וועל זען זיין גערעכטיקייט. און מיין פיינדן וועט זיך צוקוקן, און פאַרשעמט וועט ווערן די, וואָס

האָט געשפּאָט: „וואו איז דיין גאָט, דער אַלמעכטיקער?!״ דעמאָלט וועל איך אין איר נקמה זען, דעמאָלט וועט זי צעטראָטן ווערן, ווי דאָס ליים פון גאַס!״...

די קאַטאַסטראָפע, וואָס איז געשען, האָט געהאַט אַ טיפע מאָראַ־לישע ווירקונג אויפן פאָלק; דאָס רעליגיעזע געפיל ווערט פאַרשטאַרקט און די הערצער ווענדן זיך צו זייער אוראַלטן גאָט, צום גאָט פון זייערע עלטערן. מיכה לערנט דאָס פאָלק דעם אמתן וועג, און דאָ ווערט פון דאָס־ניי אָנגעוויזן אויף די אַלטע טראַדיציעס:

„מיט וואָס זאָל איך גאָט באַגעגענען, מיט וואָס זאָל איך זיך בויגן פאַרן הויכן אַלמעכטיקן? זאָל איך אים דען באַגעגענען מיט עולות, מיט יאָריקע קעלבלעך? קאָן מען דען גאָט פאַרגיטיקן מיט טויזנטער שעפּסן, מיט צענדליקער טויזנטער בוימל־טייכן? זאָל איך דען מיינע פאַרברעכן אויסקויפן מיטן לעבן פון מיין בכור? זאָל איך אים מיין קינד מקריב זיין פאַר מיינע זינד? — מענטש, גאָט האָט דיר דאָך געזאָגט, וואָס אים געפעלט און וואָס ער פאָדערט פון דיר: נאָר משפּט טון: נאָר חסד ליב האָבן און קיין שטאָלץ פאַר גאָט נישט ווייזן!...״

די פּאָליטיק אין שומרון האָט אין אָנהייב זיך אויך געפירט לויט דעם וועג, וועלכן די נביאים האָבן אָנגעוויזן; זי האָט זיך געשטיצט אויף נאָכגעביקייט, געדולד און האָפענונג. דער בייער מלך הושע בן אלה האָט אשורן אויסגעדריקט טרייע אונטערטעניקייט און פלעגט יעדן יאָר שיקן מתנות צום הערשער פון נינוה, און דערפאַר האָט דער לעצטער נישט געפּרואווט מער צו באַאומרואיקן דאָס לאַנד פון אפרים. הושע האָט זיך אָבער נישט געקאָנט צוגעוואוינען צו דער קנעכטישער לאַגע פון דער ישראל־מלוכה און אין דער זעלבער צייט, ווען לפנים פלעגט ער אשורן אַרויסווייזן פולשטענדיקע הכנעה, האָט ער אין האַרצן געטראַכט וועגן דער פּאָליטישער באַפרייאונג פון זיין פאָלק. צו דער צייט איז געשטאָר־בן דער גרויזאַמער קריגס־העלד, דער „גרויסער מלך״ תגלת־פּלאסר (727) און אויפן מזרח האָט זיך פון דאָס־ניי אָנגעהויבן אַ באַוועגונג קעגן אשור. די פיניציער און די אַנדערע פעלקער האָבן זיך ווידער אויפגעבונטעוועט קעגן דער אויבערמאַכט פון אשור. זיי האָבן געגלויבט, אַז איצטער, נאָכן טויט פונעם העלדישן טיראַן, וועט זיי געלינגען זיך צו באַפרייען פונעם פרעמדן יאָך. און ווידער האָט אויפגעלעבט די האָפענונג אויף מצרים,

אַז זי וועט קומען צו הילף. די דאָזיקע אַלגעמיינע באַוועגונג האָט אויך הושע בן אלהן פאַרשלעפּט אין איר שטראָם. ער האָט געשיקט שלוחים צו סוא דעם מלך פון מצרים, צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט אים וועגן אַ פאַרבאַנד; פון סוא זיינען מסתמא אָנגעקומען גוטע הבטחות. הושע האָט זיך פאַרלאָזן אויף דעם און האָט אויפגעהערט צו שיקן דעם יער־לעכן מס צום יורש פון תגלת פלאסר, צו שלמאסרן. ער האָט אָבער באַלד זיך געמוזט איבערצייגן, אַז ער איז באַאַנגגען אַן אומגליקלעכן פעלער. עס איז געשען, ווי די נביאים פון גאָט האָבן פאָראויס געזאָגט. מצרים האָט אפילו נישט געפּרואווט קומען צו הילף דעם מלך פון שומרון, ווען שלמנאסר איז מיט זיין אומגעהויער גרויסן חיל באַפאַלן דאָס לאַנד פון ישראל. די אשורער האָבן אָפּגענומען ביי ישראל איין שטאָט נאָך דער אַנדערער, ביז זיי זיינען נישט צוגעטראָטן צום סוף צו שומרון אַליין. דאָ האָבן זיי געכאַפּט דעם לעצטן מלך פון ישראל אין געפענקעניש און אים איינגעזעצט אין אַ פינצטערן טורעם. שומרון אַליין איז אָבער זיי נישט געווען אַזוי לייכט איינצונעמען; די בני אפרים האָבן געוויזן גרויסע גבורות, פאַר וועלכע עס האָט געשטוינט דאָס גרויסע מלחמה־פאָלק פון אשור. שלמנאסר האָט שוין אַליין נישט זוכה געווען צו זען, ווי די הויפּטשטאָט פון אפרים איז איינגענומען געוואָרן; ערשט פאַר זיין יורש סרגון, אויף דעם פערטן יאָר פון דער באַלאַגערונג איז שומרון איינגענומען געוואָרן (721). אָט אַזוי איז געפאַלן אויף אייביק די מלוכה פון ישראל!

ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ נייעם אויפשטאַנד, און ער, סרגון, האָט דעריבער לויט די פאַרצייטיקע מלחמה־מנהגים, אויסגעהרגעט פיל טויזנטער באַזיגטע ישראלים און פיל צענדליקער טויזנטער האָט ער פאַר־טריבן אין ווייטע אשור־פּראָווינצן, „באַזעצט זיי אין חלח און אין חבור, ביי די ברעגן פון טייך גוזן און אין די שטעט פון מדי". אַ גרויסער טייל האָט זיך געראַטעוועט און איז אַנטלאָפן קיין יהודה, נאָר אַ קליינע מאַסע ישראלים, פון די אָרעמע און ווירקונגסלאָזע, האָט סרגון געלאָזט אין שומרון און אין די אַרומיקע שטעט. דערפאַר האָט ער דאָרט באַזעצט אַ פרעמדע באַפעלקערונג פון פאַרשידענע איינגענומענע פעלקער „פון בבל, פון כותה, פון עוה, פון חמת און פון ספרוים". די דאָזיקע נייע איינוואוי־נער האָבן איבערגענומען פיל מנהגים פון די אַלטע ישראלים, וואָס האָבן

זיך מיט זיי אויסגעמישט, נאָר צוזאַמען דערמיט האָבן זיי זיך געהאַלטן ביי זייערע אייגענע טראַדיציעס, וואָס זיי האָבן פון זייערע פאָטערלענדער אַהער געבראַכט. אַזוי אויך האָבן זיי אָנגענומען די אמונה פון יהודה, וועלכן זיי האָבן געדינט ווי צו אַ לאָקאַלן גאָט, ווי צום גאָט פון שומרון, נאָר צוזאַמען מיט דעם האָבן זיי געדינט צו זייערע טראַדיציאָנעלע, היי־מישע געטער. די מאַסע אין שומרון האָט בכן געשאַפן אַן אויסמישונג פון פעלקער, וועלכע האָבן באַקומען דעם אַלגעמיינעם נאָמען שומרונים; די שומרונים האָבן געשאַפן אַן אויסגעמישטע קולטור, אין וועלכער עס זיינען געבליבן נאָר גאַנץ שוואַכע שפּורן פון דער פאַריקער ישראל־קול־טור. שפּעטער זיינען פאַרשלונגען געוואָרן צווישן די איבעריקע פעלקער די דאָזיקע ישראלים, וואָס זיינען פאַרשטויסן געוואָרן אין פרעמדע לענ־דער. פון זייער אַלטער קולטור און פון זייערע אַלע אייגנשאַפטן איז קיין געדעכעניש נישט געבליבן. אַזוי איז חרוב געוואָרן דאָס פאָלק ישראל! דאָס פאָלק אין אפרים האָט וויניק זיך געמיט צו פאַרפעסטיקן אין זיך זיין אָריגינאַליטעט; זיי האָבן געבויט זייער נאַציאָנאַליזם אויף די מאַ־טעריעלע קנינים: אויף דעם לאַנד, מלך אאז״וו. אפרים האָט פאַרלאָזן זיין גייסטיקע וועלט, וואָס האָט זיך שטענדיק געוואַקלט אונטער פאַר־שידענע פרעמדע השפעות; און באַלד, ווי דאָס פאָלק איז אָפּגעריסן גע־וואָרן פון זיין מאַטעריעלן נאַציאָנאַלן באָדן, איז עס חרוב געוואָרן. עס האָט זיך נישט געקענט אונטערשיידן פון די איבעריקע פרעמדע פעלקער־מאַסן, וואָס האָבן אים ארומגערינגלט. דער בליק פון די אפרימשע פּאָ־ליטיקער האָט זיך בכן אַרויסגעוויזן פיל קורצזיכטיקער, ווי די שטרע־בונגען פון די נביאים פון לאַנד. און אַזוי ווי ס׳איז מקוים געוואָרן די נבואה פון געטלעכן נביא וועגן חורבן פונעם לאַנד, אַזוי איז אויך ענדלעך מקוים געוואָרן זיינע רייד וועגן חורבן פונעם פאָלק, וואָס ער האָט אויס־געדריקט אין די ווערטער:

אפרים בעמים הוא יתבולל, אפרים היה עוגה בלי הפוכה!

קאַפּיטל צען

די מלוכה אין יהודה

(פון רחבעם ביז יהואש. 977—881).

דאָס אינערלעכע לעבן אין יהודה איז נאָך דער ערשטער שפּאַלטונג געגאַנגען מיט אַ גליקלעכערן וועג, ווי אין אפרים. די רואיקייט אין לאַנד גופא איז געווען אַ פולקאָמע, די אייניקייט — אַ פעסטע, די אָרדענונג — אַ זיכערע. דער הויפּט־פּלאָג פון אפרים — די פאַרשידענע מרידות און מלוכה־איבערקערענישן, האָבן דאָ קיין אָרט נישט געהאַט. אין יהודה האָט פון אָנהייב אָן ביזן ענדע געהערשט די דינאַסטיע פון דוד בן ישי, די הויפּטשטאָט איז דאָ געווען, פאַר דער גאַנצער צייט וואָס יהודה האָט עקזיסטירט — ירושלים. די אומגעשטערטע אינערלעכע רואיקייט האָט מיטגעהאָלפן די מלכים פון לאַנד צו באַפעסטיקן און פאַרזיכערן די פּאָ־ליטישע לאַגע פון יהודה און דעם פאָלק — צו אנטוויקלען זיך אַלזייטיק אין דער ריכטונג פון זיין אָריגינאַליטעט און זיין נאַציאָנאַלער אייגנ־אַרטיקייט.

דער ערשטער מלך, וואָס האָט געוועלטיקט איבער יהודה נאָך דער שפּאַלטונג, רחבעם בן שלמה, האָט נאָך זיין אָפּזאָגן זיך, צוליב דער התראה פון נביא שמעיה—, מלחמה צו האַלטן מיט זיין פיינט ירבעם בן נבטן, דעם ערשטן מלך פון אפרים, — זיך פאַרנומען מיט דער וויכ־טיקער אַרבעט פון באַפעסטיקן דאָס לאַנד קעגן אַן אויסערלעכן אָנפאַל. די טעטיקייט פון זיינע פאָרגייער אין דער הינזיכט איז געווען נישט גע־נוגנדיק און אויסער דעם איז זי געווען געווענדעט הויפּטזעכלעך אויף די אַלטע גרענעצן, קעגן די אַלטע שונאים. נאָך דער שפּאַלטונג אין ארץ ישראל האָבן זיך אָבער איבערגערוקט די גרענעצן פון דער ירושלים־מלוכה און איר איז שוין אויסגעקומען זיך צו שיצן קעגן דעם נייעם פיינט, קעגן דער מלוכה פון אפרים, וועלכע האָט איר אָרומגענומען,

ווי אַ רינג, כמעט פון אַלע זייטן. מיט דעם צוועק בויט רחבעם נייע פעסטונגען אויף די גרענעצן צווישן יהודה און די איבעריקע פיינטלעכע שבטים פון ישראל, שטעלט אויף דאָרטן נייע שטעט און נייע פּאַרטיי־דיקונגס־פונקטן. אין די אַלע פּונקטן, וועלכע האָבן דערגרייכט ביז צוואַנ־ציק, האָט ער באַשטימט קאָמאַנדאַנטן, אויסגעבויט אַרסענאַלן און שפּייז־לאַגערס אויף אויסצוהאַלטן דאָס חיל אין דער צייט פון אַ מלחמה.

רחבעם האָט בכן געבראַכט פיל נוצן זיין פאָטערלאַנד אין סטראַ־טעגישער הינזיכט; זיין קעניגן האָט אָבער מיטגעבראַכט מיט זיך פאַרן פאָלק די געפאַר פון אַ מאָראַלישער פאַרדאָרבונג. ווי אַ זון פון נעמה, דעם מלך עמונס טאָכטער, זיין פאָטער שלמהס ערשטע פרוי, האָט ער פון איר געירשנט פיל שעדלעכע, פאָלקס־פיינטלעכע נייגונגען, צווישן זיי — אויך זיין נייגונג צו געצנדינעריי. שלמה נאָך האָט דערלויבט די אויסלענדישע איינוואוינער אין ירושלים און די איבעריקע שטעט צו האַלטן זיך ביי זייער אמונה; רחבעם האָט אָבער אַליין אויפגעשטעלט אָפּגעטער אין זייז הויפּטשטאָט, געבויט פאַר זיי אַלטאַרן אויף אַלע הויכע בערג און געלאָזט פאַר זיי פלאַנצן אשרות (ספּעציעלע לינדן־ביי־מער), דעם מלכס אויפפירונג האָט באַלד אַרויסגערופן פיל נאָכמאַכונגען צווישן די שרים און צווישן די פאָלקס־מאַסן. דער דאָזיקער מצב האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. די נביאים מיט זייער געווייגלעכער אנט־שלאָסנקייט האָבן נישט אויפגעהערט צו קעמפן קעגן דער דאָזיקער בגידה בנוגע צום נאַציאָנאַלן גייסט. ווייטער, איז אויפן פינפטן יאָר פון רחבעמס קעניגן אָנגעפאַלן אויף יהודה שישק מלך מצרים. רחבעם האָט מיט זיינע באַדייטנדיק קלענערע קרעפטן נישט געקאָנט גובר זיין דעם פיינט, וועל־כער האָט שוין זיך אפילו געהאַט אַריינגעריסן אין דער הויפּשטאָט, און ער איז געווען געצוואונגען מיט געלט אויסצוקויפן די זעלבסטשטענדי־קייט פון דער מלוכה: אַ סך גאָלד און זילבער און קופּער פון די אוצרות פון בית־המלך און פונעם בית־המקדש האָט שישק באַקומען פון רחבעמען און נאָר דעמאָלט האָט ער דאָס לאַנד פאַרלאָזן. דער נביא שמעיה האָט אויף דעם אָנפאַל פון מלך מצרים אָנגעוויזן, ווי אויף אַ שטראָף פון גאָט פאַר די שלעכטע מעשים אין לאַנד. „אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איר האָט מיך פאַרלאָזן, דערפאַר האָב איך אייך פאַרלאָזן אין די הענט פון שישק" — זיינען געווען שמעיהס ווערטער צום מלך רחבעם.

די גרויסע פאָלקס־געפאַר האָט, ווי געווײנלעך, אַרויסגערופן אַ שטאַרקע נאַציאָנאַלע שטימונג. די רייד פונעם נביא האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויפן מלך, אויף די שׂרים, אויפן פאָלק און „זיי האָבן זיך אומגעקערט צו גאָט". דער מלך האָט זיך אָבער נישט געמיט אויס־צוראָטן מיטן וואָרצל די שלעכטע, אַנטי־נאַציאָנאַלע ווירקונג, אין וועל־כער ער איז אַליין שולדיק געווען. דערפאַר האָט ער אָבער זיך אומגעקערט צו זיין פריערדיקער באַפעסטיקונגס־טעטיקייט, ווי נאָר דער פיינט האָט דאָס לאַנד פאַרלאָזן. ער האָט גענומען פון דאָס־ניי אויפבויען די פעס־טונגען, וועלכע די מצרים האָבן צעשטערט, ער האָט באַנייט מיט פרישע כוחות זיין חיל, וואָס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין דער פאַריקער מלחמה. אַדאַנק דער דאָזיקער פאָרזיכטיקייט איז אים געלונגען אויסצוהאַלטן די שטענדיקע צוזאַמענשטויסן מיט דער פילצאָליקער אַרמיי פון ירבעם בן נבט, וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט במשך פון גאַנצן לעבן פון רחב־בעמען און וועלכע זיינען מסתמא נאָך שישקעס אָנפאַל אויף יהודה, פיל שווערער און אָפטער געוואָרן.

אין אַכצענטן יאָר פון זיין קעניגן, איז ער געשטאָרבן, און אויפן טראָן איז אַרויף זיין זון אביה (957—960), וועלכער האָט געהערשט איבערן לאַנד סך הכל דריי יאָר. אים, דעם יונגן מלך, איז אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן שוין אין אַן אַנטשלאָסענער מלחמה קעגן דער מלוכה פון אפרים. יהודה איז שוין אָבער דעמאָלט געווען אַזוי מעכטיק, אַז נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָס חיל פון ירבעם בן נבט איז געווען דאָפּלט אין פאַרגלייך מיטן חיל פון אביה, האָט דער לעצטער אָפּגעהאַלטן אי־בערן שונא אַ ריזיקן נצחון. אביה האָט ביי ירבעמען אָפּגענומען פיל שטעט. צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען די באַרימטע בית־אל, נאָר זי האָט ער, ווי ס'ווייזט אויס, שפּעטער צוריקגעקערט. די גבורה פון יהודה האָט פון דעמאָלט אָן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אפרים. פיל פון אפרימס חיל זיינען געהרגעט געוואָרן אין קאַמף, די איבעריקע זיי־נען זיך צעלאָפן. מערקווירדיק זיינען די ווערטער, מיט וועלכע דער מלך פון ירושלים ווענדעט זיך אין דער צייט פון מלחמה צום חיל פון פיינט און צו זיין אָנפירער, שטייענדיק אויפן באַרג מצרים, וועלכער האָט, ווייזט אויס, געדינט ווי אַ גרענעץ צווישן ביידע לאַגערן, נאָכדעם, ווי דער מלך דערציילט אין קורצן די געשיכטע, ווי אַזוי גאָט האָט געזאַלבט

דודן און זיינע קינדער פאַר הערשער איבער ישראל און ווי אַזוי ירבעם, דער קנעכט פון שלמה בן דוד, האָט מורד געווען אַן זיין האַר, גייט ער איבער צו ריידן וועגן דעם קעגנוואַרטיקן מאָמענט:

„און איצטער מיינט איר זיך צו שטאַרקן איבער דער מלוכה פון גאָט, וועלכע איז אָנגעטרויט געוואָרן דודס הויז, דורכדעם וואָס איר פאַרמירט אַ גרויסע מאַסע און וואָס מיט אייך זיינען די גאָלדענע קעל־בער, וואָס ירבעם האָט אייך זיי פאַר געטער געמאַכט?! איר האָט דאָך אָפּגעשטויסן די כהנים פון גאָט, אהרנס קינדער, און די לוים, און איר האָט נייע כהנים געמאַכט, לויט דעם מנהג פון אַלע פעלקער: ווער עס וויל אָנפילן זיין האַנט מיט אַ יונגן רינד־אָקס און מיט זיבן שעפסן, יענער ווערט אַ כהן פאַר דעם אומגאָט! (לא־אלהים)! אונדזער גאָט איז אָבער דער אַלמעכטיקער יהוה, מיר האָבן אים נישט פאַרלאָזן און די קינדער פון אהרן זיינען כהנים־דינער פאַר אונדזער גאָט און די לוים — דערפילן די הייליקע אַרבעט אין בית־המקדש. און מיר זיינען מקריב פאַר גאָט עולות יעדן פרימאָרגן און יעדן אָוונט... ווייל מיר היטן גאָטס תורה, און איר האָט זי פאַרלאָזן. און איצטער שטייט גאָט און זיינע כהנים, מיט די שאַל־טראָמפּייטן, אין דער שפּיץ פון אונדזער מחנה— איר זאָלט נישט שטרייטן מיטן אַלמעכטיקן גאָט פון אייערע עלטערן, ווייל עס וועט אייך נישט געלונגען!"

די דאָזיקע רייד פון אביה דריקט אויס די פרומע שטימונג פון מלך און פון פאָלק. דער מלך און דאָס פאָלק דינען גאָט, היטן זיין תורה, פאַרהייליקן זיין בית־המקדש און ערן זיינע כהנים — דאָס גיט זיי דעם מוט צו גלייבן אין זייער מעכטיקייט און צו האָפן, אַז קיינער וועט נישט אימשטאַנד זיין, זיי צו באַזיגן. די דאָזיקע פרומע שטימונג איז אָבער נישט קיין פאַנאַטישע: דער מלך און דאָס פאָלק פאַרטראָגן גאַנץ געדולדיק די טיילווייזע געצנדינעריי, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון רחב־בעמס צייטן; רחבעמס פרוי, אביהס מוטער, מעכה בת־ אבישלום, וועל־כע איז געווען אַ הייסע געצנדינערן, האָט נאָך דעמאָלט געלעבט און האָט אומגעשטערט פאָרגעזעצט איר טעטיקייט אין דער דאָזיקער פאַר־דאָרבענער ריכטונג: זי האָט אין ירושלים אָפּגעטער געשטעלט און גע־פלאַנצט אשרות.

אָסאָ, דער זון פון אביה און זיין נאָכפאָלגער, איז שוין געגאַנגען

אין דער אייפעריקייט פאַר זיין אמונה פיל ווייטער פון זיין פאָטער. ער האָט געלאָזט צעברעכן די מזבחות פון די אָפּגעטער, אויסגעריסן די אשרות און בכלל שטרענג באַכגעקוקט, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך פעסט האַלטן ביי זיין תורה. ער האָט אפילו נישט געשוינט זיין באָבען מעכה: איר אָפּגאָט האָט ער צעשמעטערט און האָט פאַרקלענערט איר פּערזענ־לעכע באַדייטונג אין קעניגלעכן הויף. די פאַרשידענע במות, אויף וועלכע דאָס פאָלק האָט אין פּראָווינץ געבראַכט קרבנות און וועלכע האָבן דאַר־טן עקזיסטירט נאָך פון שמואל הנביאס צייטן, האָט אסא דירעקט נישט בטל געמאַכט. אומדירעקט האָט ער אָבער געשטרעבט זיי אונטערצוברענ־גען כדי צו פאַרפעסטיקן די אויטאָריטעט פון בית־המקדש און די אינער־לעכע צענטראַליזאַציע פון פאָלק — צו וואָס עס האָבן געשטרעבט די ערשטע מלכים פון ארץ ישראל. צו דעם צוועק האָט ער זיך געמיט אַלץ מער אויסצופוצן דעם בית המקדש און ער האָט אויף דעם מנדב געווען פיל גאָלד און זילבער פון זיינע אייגענע אוצרות. ער האָט דערפאַר אויך זייער פיל אַכט געלייגט אויף די קרבנות. וואָס שענער דער אַלגעמיינער בית המקדש איז געוואָרן און וואָס פייערלעכער זיין צערעמאָניאַל איז צוגעגאַנגען, אַלץ חשובער איז ער געוואָרן ביים פאָלק, ביי די מאַסן, אַלץ געפאַלענער זיינען געוואָרן די במות און אַלץ פעסטער זיינען צע־נויפגעבונדן געוואָרן די פאַרשידענע פּראָווינצן מיטן צענטער פון לאַנד, מיט דער הויפטשטאָט פון דער מלוכה — ירושלים. אין דער צייט, וואָס אָסא האָט געהערשט איבערן לאַנד, פלעגט דער נביא עזריהו בן עודד פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק די אידייען פון דער נבואה. „גאָט איז מיט אייך, ווען איר זייט מיט אים; וועט איר אים זוכן, וועט איר אים גע־פינען; וועט איר אים פאַרלאָזן, וועט ער אייך פאַרלאָזן!" — דער מלך און דער נביא האָבן בכן געאַרבעט אין איין ריכטונג: באַפעסטיקט ביים פאָלק זיין אמונה אין טראַדיציאָנעלן יהוה. אין יהודה האָבן זיך צוזאַ־מענגעטראָפן די אינטערעסן פון דער נאַציאָנאַלער אויפגעקלערטקייט און פון דער אינערלעכער פּאָליטיק, און די מער פאַרשטענדיקע מלכים האָבן דאָס פאַרשטאַנען אויסצונוצן פאַר דעם גליק פון פאָלק!...

אָסא איז געזעסן אויפן טראָן אַ יאָר איין און פערציק (957—917) און די מסורה דערציילט, זיינען די ערשטע יאָרן פון אָסאס הערשונג פאַרבייגעגאַנגען אין לאַנד זייער רואיק אפילו מצד די שכנים. קיין מל־

חמה, קיין צוזאַמענשטויסן. אין אפרים איז גראַד די צייט געווען זייער אומרואיק סיי פון אינעווייניק, סיי פון אויסנווייניק: אינערלעכע בונטן קעגן די מלכים און אויסערלעכע מלחמות מיט די אַרומיקע פיינטלעכע פעלקער האָבן דאָס לאַנד אין בלוט פאַרטרונקען. דאַן זיינען מאַסן איינוואוינער פון אפרים, אפילו גאַנצע שטעט, איבערהויפט פון די נאָענטע שבטים מנשה און שמעון, איבערגעגאַנגען קיין יהודה. אָסא האָט צווישן זיינע נייע אונטערטאַנען געמיט זיך אויסצואוואָרצלען דאָס געצנדינערײַ און צוזאַמענגיסן זיי מיט זיין פאָלק אין איין אמונה. די דאָזיקע רואיקע צייט האָט אָסא אויך שטאַרק אויסגענוצט אויף צו פאַרשטאַרקן דאָס לאַנד אין סטראַטעגישער הינזיכט. ער האָט געבויט אין לאַנד נייע פעסטונגען, ארום געוויסע שטעט האָט ער געשטעלט מויער־ווענט, אין פיל פונחטן האָט ער געמאַכט טורעמס. זיין חיל האָט ער פאַרגרעסערט און זיי באַוואָפענונג פאַרפולקאָמט. ווי די מסורה דערציילט, איז די יהודהשע מיליציע באַשטאַנען פון הונדערט טויזנט מאַן, באַוואָפנטע מיט שפיזן און פאַנצערן און פייל־בויגנס.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די דאָזיקע אַלע מלחמה־צוגרייטונגען זיינען שטאַרק צונוץ געקומען. אַ געפערלעכער שונא איז אָנגעפאַלן אויף יהודה, די כושים, וואָס זיינען אַהער אָנגעקומען פון אַפריקע, מיט אַן אומגעהייער גרויסן חיל (אַ מיליאָן, לויט דעם כראָניקער פון תנ"ך) מיט אַ קאָלאָסאַלער באַוואָפענונג (דריי הונדערט קריגס־רייטוועגענער, לויט דעם זעלביקן קוואַל). אָסא האָט דעם פיינט באַגעגנט ביי מורשה און אין אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף האָט ער אים מנצח געווען. די כושים זיינען אָפּגעטראָטן, נאָר אָסא מיט זיין פיל קלענערן חיל האָט זיי נאָכגעיאָגט, אָפּגענומען ביי זיי פיל רויב, איבערהויפט רינדער און שאָף און קעמלען, און פאַריאָגט זיי ענדלעך פון לאַנד. דער דאָזיקער נצחון האָט ביים פאָלק נאָך פיל העכער אויפגעהויבן דעם כבוד פון זייער נאַציאָנאַלן גאָט, „וועלכער קאָן העלפן מיט ווייניק כוחות פונקט ווי מיט פיל": דער מלך און דער נביא האָבן נישט געלאָזן אָפּקילן די דאָזיקע פייערלעכע שטימונג און גלייך נאָך דער מלחמה האָבן זיי צוזאַמענגערופן דאָס פאָלק אין ירושלים אויף דעם גרויסן קרבנות־יום־טוב, וואָס דער מלך האָט געלאָזט פייערן אין בית המקדש פון דעם אָפּגענומענעם רויב. דאַן האָט אָסא באַנייט דעם בונד צווישן פאָלק און צווישן זיין גאָט און האָט

באשוואוירן דאס פאלק „צו פאלגן דעם גאט פון זיינע עלטערן מיטן גאנצן הארצן און מיט דער גאנצער נשמה". און ווער עס וועט גאט נישט פאלגן, יענער זאל געטויט ווערן פון קליין ביז גרויס, פון א מאן ביז א פרוי". און דער כראניקער גיט־צו: „גאנץ יהודה האט זיך געפרייט צוליב דער באשווערונג, ווייל מיטן גאנצן הארצן האבן זיי צו גאט געשוואוירן און מיטן גאנצן ווילן האבן זיי אים באגערט"...

אויפן זעקס און דרייסיקסטן יאר פון אסאס רעגירונג האט זיך פון דאס ניי אנגעהייבן א מלחמה צווישן יהודה און צווישן אפרים. דאן האט בעשא דער מלך פון אפרים פארכאפט די גרענעץ־שטאט רמה און דארט געבויט א פעסטונג, כדי צו באקומען א זיכערע פאזיציע. צו יענער צייט איז שוין ארם מיט איר הויפט־שטאט דמשק, וועלכע האט זיך זייער נאענט געגרענעצט מיט ארץ ישראל, געווען געגוג גרויס און מעכטיק, און באזיצנדיק אן אומגעהייערן אפעטיט, וואלט זי נישט געקאנט בלייבן נייטראל אין דער באציאונג צו דער מלחמה פון אירע שכנים. זי וואלט געמוזט זיך אריינמישן און זיך אננעמען פאר וועלכן ס'איז צד, כדי צו באקומען א געוויסן חלק פון דעם נצחון. דער מלך פון יהודה האט עס גוט פארשטאנען און ער האט זיך געמיט צוציען די שכנהשע מלוכה אויף זיין זייט. דאן האט ער געשיקט גרויסע מתנות פון גאלד און זילבער צום מלך פון ארם, צו בן־הדר דעם ערשטן, און אים פארגעלייגט, צוזאמענצושטעלן א פאראייניקטן פארבאנד קעגן דעם מלך פון אפרים. בן־הדד האט אנגענומען דעם פארשלאג: אפרים איז געאגראפיש נאענטער געווען צו ארם, ווי יהודה, און פאר בן־הדדן איז וויכטיקער געווען אפצושוואכן זיין נאנטסטן שכן, מיט וועלכן ער פלעגט מוזן קומען אין אפטע צוזאמענשטויסן. און אין דער זעלבער צייט, ווען בעשא האט באלאגערט די גרענעצן פון יהודה, איז בן־הדד באפאלן די גרענעץ־שטעט פון אפרים און אנגעמאכט דארט פיל חורבנות. דער דאזיקער אומשטאנד האט געצוואונגען דעם מלך פון ישראל, וואס גיכער צו פארלאזן יהודה און ראטעווען זיין אייגן לאנד. יהודה איז באפרייט געווארן גאר אן א קאמף פון שונא און נאך פארכאפט זיינע פארפעסטיקטע פאזיציעס.

די פאליטיק פון אסא האט נכן געבראכט א גרויסע ישועה פארן לאנד, פונדעסטוועגן האט זי נישט געקאנט צופרידנשטעלן די נביאים. און דא איבערצייגן מיר זיך אין דער איינציקייט פון דער נבואהשער טאקטיק אין

ביידע ברידערלעכע מלוכות, אפרים און יהודה. אַזוי ווי אין אפרים, אַזוי זיינען די נביאים אין יהודה אויך שטענדיק געווען קעגן יעדן פאַרבאַנד מיט די אַרומיקע פעלקער. פון איין זייט האָבן זיי זיך געשראָקן פאַר דער שלעכטער מאָראַלישער און רעליגיעזער ווירקונג פון דעם פרעמדן פאָלק, און פון דער צווייטער זייט, האָבן זיי אין דעם געזען אַ צייכן פון נישט־גלייבן אין דער קראַפט פון דעם אַלמעכטיקן גאָט, וועלכער נייטיקט זיך נישט אין קיין זייטיקער הילף, ווען ער וויל העלפן זיין פאָלק. נאָך דער קאָמבינאַציע פון אָסא מיט ארם איז געקומען דער נביא חנני צום מלך פון יהודה און האָט אים געזאָגט: „דערפאַר, וואָס דו האָסט זיך געשטיצט אויף דעם מלך פון ארם און דו האָסט זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיין אַל־מעכטיקן גאָט, דערפאַר איז דאָס חיל פון ארם אנטרונען געוואָרן פון דיינע הענט. 1) האָבן דאָך די כושים און די לובים געבילדעט אַ ריזיק גרויסן חיל, מיט פיל רייטוועגענער און מיט פיל רייטערס, און אַז דו האָסט זיך אָנגעטרויט אָן גאָט, האָט ער זיי איבערגעגעבן אין דיינע הענט". דער מלך, וועלכער איז שטענדיק געווען געהאַרכזאַם דער נבואה בנוגע צו דער אמונה, האָט נישט געוואָלט פאַרליידן, אַז די נביאים זאָלן זיך מישן אין דער אויסערעלכער פּאָליטיק און אויף דעם באָדן האָט צום ערשטן מאָל נאָך דער שפּאַלטונג אויסגעבראָכן אין יהודה אַ קאָנפליקט צווישן מלך און צווישן נביא. אָסא איז אין כעס געוואָרן אויף חנני און האָט אים איינ־געזעצט אין פעסטונג.

אויף דעם ניין און דרייסיקסטן יאָר פון זיין הערשן איז אָסא קראַנק געוואָרן אויף די פיס. די נביאים האָבן אין דעם געזען אַ שטראָף פון גאָט פאַר באַליידיקן דעם נביא. די מסורה שטעלט אויף דעם מלכס רעכענונג נאָך אַ זינד, וועלכע איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די נבואה־באַגריפן פון יענער צייט: אָסא האָט וועגן זיין קרענק „געלאָזט פרעגן ביי די רופאים און נישט ביי גאָט". דאָס פאָלק האָט אָבער געוואוסט, ווי אָפּצו־שאַצן די גרויסע פאַרדינסטן פון דעם געליבטן און גאָטספאַרכטיקן הער־שער, און ווען ער איז געשטאָרבן אויפן איין און פערציקסטן יאָר פון זיין מלוכה, האָט דאָס פאָלק אים איינגעאָרדנט אַזאַ גרויסאַרטיקע לויה, וואָס קיין מלך אין ירושלים פאַר אים האָט אַזעלכע נישט געהאַט!

---

1) די כונה: ווען ארם וואָלט אפילו געווען אויף דער זייט פון אפרים, וואָלט דאָן אָסא זיי ביידן מנצח געווען מיט דער הילף פון גאָט.

יהושפט, דער זון פון אסא, האָט געקעניגט איבערן לאַנד פינף און צוואַנציק יאָר (918—895) און זיין הנהגה איז געווען ענלעך צו זיין פאָטערס. דער אינצידענט, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן פאַרשטאָרבענעם מלך מיט די נביאים, איז מיט דער צייט פאַרגעסן געוואָרן און דער פרי־שער יורש־עצר האָט פון דאָס ניי געאַרבעט פאַר די נוצן פון זיין לאַנד צוזאַמען מיט די אַלטע פאָלקס־לערער, מיט די געטלעכע לייט, די טרעגער פונעם „הייליקן גייסט".

דאָס הערשן פון יהושפט האָט זיך אויסגעצייכנט — ביז די לעצטע יאָרן — מיט פולשטענדיקער אויסערלעכער ווי אינערלעכער רואיקייט. די רואיקייט האָט אָבער דעם מלך נישט פאַרשלעפערט און ער האָט נישט אָפגעשטעלט זיין טעטיקייט מיט דעם צוועק אַלץ העכער אויפצוהייבן זיין פאָלק פאָליטיש, עקאָנאָמיש און מאָראַליש. ער האָט אויך, ווי זיינע פאָר־גענגער, זיך געמיט פאַרצוזעצן די פולקאָמענקייט אין דער סטראַטעגיק. פון זיינע נייע אויפטואונגען קאָן מען רעכענען דאָס, וואָס ער האָט זיין היל איינגעטיילט און צעשיקט אין פראָווינץ, אין די פעסטונגס־שטעט, אנשטאָט דעם, וואָס פריער איז ער כמעט אינגאַנצן געווען קאָנצענטרירט אין דער הויפט־שטאָט, אין ירושלים, ווייטער האָט ער געבויט נייע אַר־סענאַלן און לאַגערס לויט דעם אַמאָליקן פּלאַן פון זיין עלטער־זיידן שלמה, האָט ער דאָס גאַנצע לאַנד יהודה, ווי אויך די געגנטן, וואָס זיין פאָטער האָט אָפּגענומען פון אפרים, איינגעטיילט אין חלקים, און אויף יעדן פון זיי האָט געהאַט צו באַפעלן אַ באַזונדער שטעל־פאַרטרעטער (נציב); דורך דער דאָזיקער רעפאָרם האָט ער אַריינגעבראַכט מער אָרדענונג אין דער אינערלעכער אַדמיניסטראַציע פון לאַנד.

וואָס שייך צו דער גייסטיקער זייט פון זיין הנהגה האָט ער פאָרגע־זעצט די טעטיקייט פון זיין פאָטער: אַלץ טיפער איינצוואָרצלען ביים פאָלק די אמונה אין דעם נאַציאָנאַלן יהוה, ווי דעם איינציקן גאָט פון ישראל און אַלמעכטיקן באַשעפער און האַר פון דער גאַנצער וועלט, און צו באַקעמפן די שלעכטע מאָראַלישע ווירקונג פון די אַרומיקע שכנהשע פעלקער, דערצו האָט ער נישט נאָר מיט געוואַלט מבער געווען, ווי זיין פאָטער, די געצן און זייערע מזבחות, וואָס זיינען נאָך געבליבן אין דער פראָווינץ, נאָר ער האָט אויך געמיט זיך אויפצוהייבן דאָס נאַציאָנאַל־רעליגיעזע באַוואוסטזיין פונעם פאָלק. ער איז געווען דער ערשטער מלך,

וועלכער האָט גענומען אויף זיך די ארבעט, פּאָפּולער צו מאַכן די תורה צווישן די פֿאָלקס־מאַסן.

די פאַרשידענע חוקים און מצוות, וועלכע זיינען, לויט דער מסורה, געגעבן געוואָרן דורך משה רבינו, האָבן זיך צוערשט איינגעהאלטן ביי די זקנים און ביי די נביאים ווי פאָלקס־טראַדיציעס און אַנדערע פון זיי זיינען פאַרקערפּערט געוואָרן אין לעבעדיקע מנהגים און געוואוינהייטן; אין יהודה, וואו די נאַציאָנאַלע קולטור האָט געבליט פּרעכטיקער, ווי אַנדערש־וואו, האָבן די אַזוי גערופענע מחוקקים אָדער סופרים ביסלעכווייז צוזאַ־מענגעקליבען די דאָזיקע טראַדיציעס און מנהגים, פאַרשריבן זיי אויף טאָוולען אָדער מגלות, פעסטגעשטעלט די פּרינציפּן, אויף וועלכע די פאַר־שידענע חוקים און מצוות באַגרינדן זיך און אויסגעאַרבעט זייערע דעטיילן. די דאָזיקע ריזיקע אַרבעט האָט זיך, ווי עס ווייזט אויס, געצויגן גאַנצע דורות און איז איבערהויפּט אָרגאַניזירט געוואָרן פאַר דודן און שלמהן, ווען אויסער די באַקאַנטע נביאים האָבן אין יהודה עקזיסטירט נאָך גאַנצע פּלעיאַדעס פון חכמים, ווי די בני־יעבץ, די בני־אסף, די בני־הימן אאז״וו. די פאַרצייכנטע חוקים ומשפטים האָבן זיך אָבער איינגעפונען אין גאַנץ ווייניק עקזעמפּליאַרן: נאָר ביים מלך, ביי די כהנים און ביי די נביאים; דעם פאָלק און זיינע ברייטע מאַסן, זיינען זיי געווען גאַנץ אומבאַקאַנט, אויסער יענע געזעצן, וועלכע זיינען שוין פון יאָרן איינגעדרונגען אין אַלטעגלעכן לעבן און פאַררעכנט געוואָרן ווי מנהגים. יהושפט האָט באַ־שטימט אַרויסצונעמען די תורה פון די איינצלנע הענט און זי אַריינברייג־גען אין די ברייטע שיכטן פון פאָלק. ער האָט דעריבער אויפן דריטן יאָר פון זיין קעניגן ארויסגעשיקט ספּעציעלע שרים, צוזאַמען מיט אויסדער־ווילטע פון די כהנים און די לויים, „צו לערנען אין די שטעט פון „יהודה״. דער כראָניקער פון „דברי הימים״ רעכנט אויס אַ גאַנצע רשימה פון הויכע לייט, וועלכע זיינען לויט דעם מלכס באַפעל ארויסגעפאָרן איבער די שטעט פון יהודה „מיט דער ספר תורה פון גאָט און געלערנט דאָס פאָלק״.

נאָכדעם ווי די געזעצן פון דער תורה, וועלכע נעמען ארום דעם גרעסטן טייל באַציאונגען פון יעדן בן־ישראל צו זיין גאָט און צו זיין חבר זיינען געוואָרן מער אָדער ווייניקער באַקאַנט צווישן פאָלק, האָט שוין דער מלך יהושפט געהאַט די מעגלעכקייט אַריינצוברייגען מער אָרדענונג אויך אין דער ספערע פון געריכט. כל זמן די געזעצן, וועלכע דאַרפן רעגולירן

די פאַרשידענע אינטערעסן פון דער באַפעלקערונג, זיינען נישט געווען פּאָפּולער, האָבן זיך די ענינים פון משפט איינגעפונען כמעט אויסשליס־לעך אין די הענט פון דעם מלך. יעדע קעגנזייטיקע מיספאַרשטענדעניש אין לאַנד, וועלכע האָט נישט געקאָנט צווישן די צדדים געענדיקט ווערן אויפן פרידלעכן אופן, האָט געדאַרפט פאַרגעשטעלט ווערן פאַרן מלך אין זיין פּאַלאַץ. פון אַזאַ אָרדענונג האָט געמוזט ליידן די גערעכטיקייט אין לאַנד, די מלוכה איז געווען צו גרויס און צו ברייט, כדי יעדע אומרעכט זאָל קאָנען דערגרייכן צום מלך אין דער הויפּטשטאָט. יהושפט האָט דער־ריבער זיך באַמיט, לויט דער מעגלעכקייט, צו לאָקאַליזירן די גערעכט־אינסטיטוציעס. אין יעדער פאַרפעסטיקטער שטאָט אין דער פּראָווינץ האָט ער געגרינדעט אַ געריכט־הויז. יעדע מחלוקה, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן פאַרשידענע לייט, האָט געמוזט באַטראַכט ווערן דורך די פון מלך אָנגעשטעלטע שופטים און געמוזט באַשלאָסן ווערן, לויט די באַשטימטע אַלגעמיינע געזעצן, אין דעם גייסט און לויט די פּרינציפּן פון דער תורה. עס איז זייער אינטערעסאַנט די רעדע, מיט וועלכער דער מלך האָט זיך געווענדעט צו די אָנגעשטעלטע פּראָווינציעלע שופטים און אין וועלכער עס קלינגט דער העכסטער הומאַניזם און דאָס שענסטע רעכט־באַוואוסט־זיין: „באַטראַכט שטענדיק וואָס איר טוט — האָט ער צו די שופטים געזאָגט — געדענקט, אַז נישט פאַר קיין מענטשן משפּעט איר, נאָר פאַר גאָט, ווייל ער געפינט זיך צווישן אייך אין געריכט־הויז, זאָל אויף אייך שטענדיק זיין דער שרעק פאַר גאָט; היט אייך, ווייל אונדזער אַלמעכטיקער גאָט פאַרטראָגט נישט קיין אומרעכט, קיין פּניות און קיין שוחד!”

די אינסטיטוציעס האָט ער אויך געשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון דער הויפּט־געריכט־אינסטאַנץ, וואָס ער האָט איינגעאָרדנט אין ירו־שלים. די שופטים אין דער דאָזיקער איינריכטונג זיינען געווען אָנגע־שטעלטע כהנים און לויים (דער גייסטליכער שטאַנד) צוזאַמען מיט די ראשי־האבות (פאַמיליען־עלטסטע). זייער פליכט איז געווען, אַכטונג צו געבן אויף די געריכט־אָפּטיילונגען אין דער פּראָווינץ, אַז זיי זאָלן געפירט ווערן ערלעך, לויט די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון דער נאַציאָנאַלער רעכט־לערע. דאָס דאָזיקע אויבער־געריכט ווידער איז געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון דעם הויפּט (ראש) מיט דער באַטייליקונג פון דעם מלוכה־קאַנצלער; אין זיין רשות האָט זיך שטענדיק געפונען אַ גאַנצער שטאַט

פון שומרים, וועלכע האָבן געבילדעט די אויספירונגס־מאַכט פון געריכט און וועלכע האָבן געהאַט די באַפולמעכטיקונג, צו צווינגען די פאַרמשפּטע זיי זאָלן מקיים זיין דעם פּסק פון די שופטים. אויך צו דעם געריכט־קאָנטראָל האָט זיך דער מלך יהושפט געווענדעט מיט וואַרימע ווערטער:

„אייער פליכט מוזט איר דערפילן מיט גאָטספאַרטיקייט, מיט אי־בערצייגונג און מיט ערנסטקייט. יעדע מחלוקה, וואָס וועט אָנקומען צו אייך פון אייערע ברידער, וואָס וואוינען אין די פּראָווינץ־שטעט, וועגן בלוט־פאַרגיסונגען, וועגן רעכט־אָנגעלעגנהייטן, יעדע פראַגע וועגן געזעצן, וו'עגן מצוות, אַלץ מוזט איר פאַרנעמען און פאַרהיטן פון אומרעכט, זיי זאָלן צו גאָט נישט זינדיקן, און עס זאָל גאָט נישט צאָרענען אויף אייך און אויף אייערע ברידער. אויב איר וועט אַזוי טון, וועט איר קיין פאַרברעכן נישט באַגיין. זאָל אמריה דער כהן זיין אייער ראש פון די שופטים, און זבדיהו, דער באַפולמעכטיקטער פון דעם מלך, און די לוויים זאָלן אייערע שוטרים זיין; שטאַרקט אייך און טוט מיין באַגער — און גאָט וועט זיין מיט דעם גערעכטן!״

די מוסטערהאַפטע אָרדענונג פון געריכט, וואָס איז דורך יהושפטן איינגעפירט געוואָרן, האָט אַרויסגערופן גרויס באַוואונדערונג ביי די אַרו־מיקע פעלקער, ביי וועלכע דאָס נאַציאָנאַלע רעכט, ווי אַ מלוכה־פּרינציפּ, איז געווען נישט זייער קיין געוויינלעכע דערשיינונג. פון דער צווייטער זייט האָבן אויך די פיל מיליטערישע פאַרשטאַרקונגען און רעפאָרמען גע־מאַכט אַ גרויסן איינדרוק אויף די שכנים פון יהודה. דעריבער זיינען כמעט אַלע יאָרן פון יהושפטס רעגירונג פאַרבייגעגאַנגען אין רואיקער קולטורע־לער טעטיקייט און די פעלקער אַרום האָבן נישט געוואַגט צו באַאומרואיקן די מלוכה פון ירושלים מיט זייערע אָנפאַלן. די לענדער, ווייטער, וואָס זיינען שוין פון אַמאָל, איבערהויפּט פאַר דודן און שלמהן, אונטערטעניק געוואָרן די מלכי בית־דוד, נאָר זיי האָבן מורד געווען אין זיי אין דער צייט פון די מהומות אין ארץ ישראל, צוליב דער שפּאַלטונג, און אויפ־געהערט זיי צו צאָלן צינזן, אַזוי ווי צ״ב די פלשתים און די אדומים. יענע האָבן פון דאָס ניי געמוזט אנערקענען די אויבערמאַכט פון ירושלים און האָבן ווידער אָנגעהויבן צאָלן זייערע אָפּצאָלונגען. דאָס האָט אַרייַנ־געבראַכט דער מלוכה זייער פיל רייכקייט, און יהודה האָט אַפילו אָנגע־הייבן שטייגן אויך אין עקאָנאָמישער הינזיכט. יהושפט האָט באַנייט אויך

די יהודהשע שיף־באַוועגונג אויפן ים. ביי דעם האַפן אילת, אין דער באַזיגטער אדום, האָט ער איינגעריכטעט דעם שיפבוי־וואַרשטאַט עציון־גבר. דאָרטן האָט ער גענומען בויען אַ גרויסן האַנדלס־פלאָט, אויף צו שיקן אים אינעם וואונדערלאַנד אופיר, כדי צו ברענגען פון דאָרט גאָלד און זילבער קיין יהודה.

נאָר אויף אַ קורצער צייט איז געשטערט געוואָרן די רואיקייט אין ירושלים. די מואבים און די עמונים האָבן, ווי עס ווייזט אויס, מקנא געווען זיך אָן דער גדולה פון יהודה, און שליסנדיק צווישן זיך אַ פאַרבאַנד זיינען זיי צוזאַמען באַפאַלן דאָס הייליקע לאַנד. יהושפט האָט זיך לכתחילה געהאַט דערשראָקן, ווייל די פאַראייניקטע כוחות פוןביידע יהודהשע פיינט האָבן געבילדעט אַ ריזיקן לאַגער. דאַן האָט דער מלך גוזר תענית געווען און פאַרזאָגט דער באַפעלקערונג צו בעטן גאָט, אַז ער זאָל קומען צו הילף זיין הייליקן לאַנד. דאָס פאָלק פון גאַנץ יהודה האָט זיך צוליב דעם פאַרזאַמלט אין בית־המקדש, אַלט און יונג, פרויען און מענער, און צוזאַמען פאַרגאָסן טרערן פאַר גאָט. דער מלך האָט זיך דאַן געווענדעט צו גאָט מיט אַ באַזונדערער תפילה:

„יהוה, דער גאָט פון אונדזערע עלטערן! דו ביסט דאָך דער אַלמעכטיקער אין הימל און דו געוועלטיקסט דאָך איבער די מלוכות פון אַלע פעלקער, אין דיין האַנט איז דאָך די קראַפט און די מעכטיקייט, און קיינער קאַן דאָך זיך קעגן דיר נישט שטעלן. און דו, אונדזער אַלמעכטיקער גאָט, האָסט דאָך פאַרטריבן די באַזיצער פון דעם דאָזיקן לאַנד צוליב דיין פאָלק ישראל און האָסט עס געשאָנקען צו די קינדער פון דיין אייביק געליבטן אברהם, און זיי האָבן דאָס לאַנד באַזעצט און זיי האָבן פאַר דיין נאָמען אַ מקדש אויסגעבויט מיטן ציל: „אויב עס וועט אויף אונדז אָן אומגליק קומען, אַ שווערד (אַ מלחמה), אַ מגפה אָדער אַ הונגער, וועלן מיר זיך שטעלן פאַר דיר אין דעם דאָזיקן הויז, אויף וועלכן דיין נאָמען ווערט גערופן, און מיר וועלן שרייען צו דיר אין אונדזער פאַרלעגנקייט און דו וועסט אונדזער שטים פאַרנעמען און דו וועסט אונדז העלפן". און איצט זיינען אויף אונדז אָנגעפאַלן די עמונים און די מואבים, וואָס דו האָסט די בני ישראל פאַרווערט, בעת זיי זיינען געגאַנגען אין מדבר פון מצרים, אין זייערע לענדער צו קומען און זיי שלעכטס צו טון. איצט באַצאָלן זיי אונדז דערפאַר: זיי קומען אונדז צו פאַרטרייבן פון דער נחלה,

וואָס דו האָסט אונדז געשאָנקען! מיר קאָנען קעגן זיי גאָרנישט טון און נאָר צו דיר ווענדן מיר אונדזערע אויגן!״...

די דאָזיקע גרויסאַרטיקע תפילה, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט דער פאָלקס־געשיכטע פון דער נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט און מיט די נבואה־שע וועלט־אַנשויאונגען פון דער קעגנוואַרט, האָט אַרויסגערופן ביי די פאַרזאַמלטע מאַסן אַ נאַציאָנאַלע התלהבות. די נביאים, וועלכע האָבן זיך בשעת מעשה דאָרטן געפונען, האָבן אויפגעמונטערט דאָס פאָלק און דעם מלך און פאַרזאָגט צו האָפן צו גאָט. איינער פון די בני־אסף האָט אַזוי געזאָגט: „הערט־צו, גאַנץ יהודה, די איינוואוינער פון ירושלים און דער קעניג יהושפט: אַזוי האָט יהוה געזאָגט צו אייך: איר זאָלט אייך נישט שרעקן און איר זאָלט אייער מוט נישט פאַרלירן צוליב דער דאָזיקער גרויסער פיינטלעכער מחנה; נישט איר וועט די מלחמה פירן, נאָר גאָט!״ די מלחמה האָט זיך ווירקלעך געענדיקט מיטן נצחון פון יהודה איבער זיינע פיינט. דאָס באַגייסטערטע פאָלק האָט צעשמעטערט די לאַגערן פון עמון און מואב, און האָט נאָך ביי זיי פיל רויב אָפּגענומען. דאָס האָט נאָך מער אַכטונג אַרויסגערופן ביי די אַרומיקע פעלקער צו דעם געוועזער פון יהודה. דער כראָניקער, וועלכער באַשרייבט די דאָזיקע מלחמה, דריקט זיך אויס וועגן דעם איינדרוק, וואָס דער נצחון פון יהודה האָט געמאַכט אין די אַרומיקע לענדער: דער שרעק פון גאָט איז געפאַלן אויף אַלע מלוכות, ווייל זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז יהוה זעלבסט האָלט מלחמה קעגן די פיינט פון ישראל.

די איבערגעריסענע רואיקייט האָט זיך בכן פון דאָס ניי צוריקגע־קערט אין לאַנד פון יהודה; די פעלקער האָבן שוין מער נישט געהאַט די העזה צו באַפאַלן יהושפטן; ער אַליין, ווידער, וואָס איז געווען פון דער נאַטור אַ פרידלעכער מענטש און איז געגאַנגען אין די וועגן פון דער נבואה, האָט געוויס פון זיין זייט נישט אַרויסגערופן קיין מלחמות. ער האָט שטענדיק געפירט אַ פרידנס־פּאָליטיק און אַפילו מיט דעם בייזסטן שונא פון יהודה, מיט אפרימען, קעגן וועלכן די פאַרגייערס פון יהושפט האָבן נישט אויפגעהערט צו קעמפן, האָט דער דאָזיקער מענטשנפריינט־לעכער מלך אויך געשלאָסן שלום. דער דאָזיקער שלום, וועלכער איז אין אָנפאַנג געווען נאָר אַ פּאַסיווער, האָט זיך ענדלעך פאַרוואַנדלט אין אַן אַקטיוון פּאָליטישן און אַפילו פאַמיליען־פאַרבאַנד. דער פרומער יהושפט,

דער מלך פון ירושלים, האָט זיך מתחתן געווען מיט דעם זינדיקן אחאב, דעם מלך פון שומרון: זיין זון יהורם האָט ער חתונה געמאַכט מיט אחאבס טאָכטער עתליה. נאָכדעם האָט שוין דער הערשער פון יהודה געהאָלפן די מלכים פון אפרים אין זייערע מלחמות קעגן אַרם און קעגן אדום; דער־פאַר האָבן די מלכים פון אפרים אנטיילגענומען אין בויען דעם פלאָט פון עציון־גבר. אויף דעם דאָזיקן באָדן איז אויך צווישן יהושפטן און צווישן דער נבואה אויסגעבראָכן אַ סכסוך. די נביאים, וועלכע זיינען שטענדיק געווען קעגן דער ברידער־לעכער בלוטפאַרגיסונג צווישן די ביידע טיילן פון דעם איינציקן געטלעכן פאָלק, האָבן אָבער נישט געקאָנט זיך גלייכגילטיק פאַרהאַלטן צו דער גרויסער פריינטשאַפט, וואָס איז געוואָרן צווישן זיי. אַזוי ווי די נביאים זיינען געווען קעגן יעדן נאָענטן פאַרבאַנד מיט די אָב־דערע פעלקער, אַזוי זיינען זיי אויך געווען קעגן דער איינהייט מיט אפרים, וועלכע האָט שוין דאַן געהאַט „אָפּגעקערט פון דעם געטלעכן וועג". זיי האָבן מורא געהאַט — און דאָס איז געווען, ווי עס האָט זיך צום לעצטן דערוויזן, נישט אָן אַ גרונט — פאַר דער שלעכטער ווירקונג. און ווען יהושפט האָט זיך אומגעקערט קיין ירושלים פון דער מלחמה קעגן אַרם לטובת אחאבן, האָט אים איינער פון די נביאים גאַנץ דייטלעך אויסגע־דריקט די אומצופרידנקייט פון זיינע חברים: „דאַרף מען דען דעם רשע העלפן און גאָטס פיינט ליבן? דערמיט האָסטו אויף זיך ארויפגעבראַכט דעם צאָרן פון גאָט!"... יהושפט אָבער, האָט, נישט געקוקט אויף זיין גאָטספאַרכטיקייט, אויך, ווי זיין פאָטער, נישט געוואָלט צוזאַמענמישן נבואה מיט מלוכה־אָנגעלעגנהייטן, און ער האָט פאַרגעזעצט זיין פריינט־שאַפט־פּאָליטיק מיט אחאבס דינאַסטיע. דאַן האָט זיך געמאַכט, אַז אַן אומגעווייינלעכער שטורעם־ווינט אויפן ים האָט פאַרניכטעט דעם אַלגעמיי־נעם האַנדלס־פלאָט, וועלכער איז אין עציון־גבר געבויט געוואָרן מיט די פאַראייניקטע כוחות פון יהושפט און אחזיהו, אחאבס טראָנפאָלגער, און די נביאים האָבן דאָס דאָזיקע אומגליק אויסגעטייטשט ווי אַ צייכן פון דער השגחה. דער נביא אליעזר בן־דודיהו האָט יהושפטן דאָס געזאָגט פאַרויס: „דערפאַר, וואָס דו האָסט חברשאַפט מיט אחזיהון, האָט גאָט פאַרניכטעט דיין אַרבעט!" יהושפטן האָט אָבער, ווי עס שיינט, דער פאַקט נישט איבערצייגט און ער האָט נישט פונאַנדערגעריסן זיין פאַר־באַנד אויך מיט די ווייטערדיקע מלכים פון שומרון. פאַר זיין לעבן האָט

דער דאָזיקער פאַרבאַנד ווירקלעך געבראַכט דעם לאַנד נאָר גוטס און די פֿינף און צוואַנציק יאָר, וואָס יהושפט האָט געקעניגט אין יהודה, קאָנען זיך רעכענען פאַר איינעם פון די גליקלעכסטע פּעריאָדן, בנוגע צו דער אויפבליאונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור אין לאַנד.

אין אַ משך פון פיל דורות, רעכענענדיק פון יהושע בן־נון אָן, האָט דער פאָלקס־גייסט פון ישראל נישט אויפגעהערט צו שאַפן דעם באָדן פאַר זיין עקזיסטענץ — זיין אייגנאַרטיקע קולטור. אין דער צייט פון יהושפט האָט שוין די דאָזיקע קולטור דערגרייכט זייער אַ הויכע מדרגה. אויף אַזוי פיל, אַז מען האָט איר שוין געקאָנט באַצייכענען, מען האָט שוין געקאָנט אונטערשיידן אירע הויפט־פּרינציפּן, מען האָט לייכט געקאָנט אָנווייזן איר היסטאָרישן וועג. דאָס, וואָס דאָס פאָלק האָט אַריינגעבראַכט אין דעם אַלגעמיינעם אוצר פון דעם מענטשלעכן גייסט, איז געווען דייטלעך אָפּגע־שטעמפּלט פון דער נאַציאָנאַלער אָריגינאַליטעט און אייגנאַרטיקייט. ישראל האָט ביז יהושפטן שוין געהאַט פעסט באַגרינדעט זיין נאַציאָנאַלע טעאיסטישע וועלט־אָנשויאונג אויך, צוזאַמען מיט דעם, די פליכטן פון מענטשן. דער ישראליזם לערנט, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן דורך אַ באַוואוסטזיניקער איינציקער קראַפט, דורך דעם איינציקן גאָט (מאָנאָ־טעאיזם); גאָט האָט נישט נאָר די וועלט באַשאַפן, נאָר ער הערט איר נישט אויף צו שאַפן, אַזוי ווי אַלע נאַטור־דערשיינונגען זיינען אייביק

אומאָפּהענגיק פון אים, פון זיין ווילן, — אייביק, ווייל ער אַליין איז די אייביקייט, די אומענדלעכקייט. און ווייל גאָט אַליין האָט אַלץ באַשאַפן און אַלע נאַטור־כוחות און עלעמענטן געפינען אין אים זייער קוואַל, אַנט־האַלט ער אין זיך דעם סכום פון אַלע כוחות, און איז ממילא העכער פון אַלע נאַטור־דערשיינונגען; מ׳קען דעריבער גאָט נישט באַגרייפן, פאַרשטעלן זיך זיין געשטאַלט אין וועלכן ס׳איז באַגרענעצטן קערפּער, דורך אַ וועלכער ס׳איז שטערבלעכער מאַטעריע, ווייל דערמיט באַגרענעצט מען זיין אומ־באַגרענעצטקייט אַלס סך־הכל פון דער שאַפונג, צוזאַמען מיט דעם אומ־ענדלעכן שאַפונגס־ווילן. גאָט איז בכן די אייביקע, אומענדלעכע קער־פּערלאָזיקייט; דער מענטש מיט זיינע באַגרענעצטע חושים און באַגרע־נעצטן פאַרשטאַנד קאָן געוויינלעך דעם גרענעצלאָזן באַשעפער נישט זען

און נישט הערן, אים איז נאָר אַנטפּלעקט געוואָרן זיין הייליקער נאָמען יהוה (דאָס זיין). 1)

די וועלט־אָנשויאונג פון דעם ישראליזם איז אַן אָפּטימיסטישע. יהוה, וועלכער האָט די וועלט באַשאַפן צוזאַמען מיט אַלע אירע ברואים, איז די גוטסקייט אַליין; מיט דער גוטסקייט האָט ער די וועלט באַשאַפן און מיט דער גוטסקייט הערשט ער איבער אַלע ברואים. מיט זיין גוטסקייט האָט גאָט באַשאַפן דעם מענטשן און אים געשענקט אַ פונק פון זיין געטלעכ־קייט, זיין נשמה; דער צוועק און די שטרעבונג פונעם מענטש דאַרף זיין אַלץ מער זיך צו דערנענטערן אין זיין גייסטיקן לעבן צו זיין באַשעפער; צו דעם קאָן דער מענטש דערגרייכן נאָר דורך דער גוטסקייט. שאַפט אָבער דער מענטש שלעכטס, דאַן מוז ער ברעגגען אויף זיך דעם צאָרן פון גאָט, וועלכער איז דער פיינט פון דעם שלעכטן... בנוגע צו דער היסטאָרישער באַדייטונג פון פאָלק ישראל, איז עס אויסדערוויילט געוואָרן פון יהוה אַליין, צו לערנען די מענטשהייט, זי זאָל דערקענען דעם ריכטיקן גאָט און איר ריכטיקן ציל, וועלכער איז צוזאַמענגעבונדן מיט דעם געטלעכן באַ־וואוסטזיין; און זוכה געווען דערצו האָט ישראל דערפאַר, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן, ווי אַ פאָלק, אין ליידן און אין פיין, אונטער דעם יאָך פון מצרים און האָט גענוג געפילט דעם טעם פון דעם בייזן, כדי עס צו האַסן. גאָט האָט ישראלן ארויסגענומען פון מצרים, כדי דאָס געטרייע פאָלק זאָל אין זיין אייגן לאַנד גרינדן די ערשטע מלוכה פון גוטסקייט און דורך דעם דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר אַלע פעלקער.

דאָס זיינען די הויפּט־טעזיסן פון דער אייגנאַרטיקער וועלט־אָנשוי־אונג פון ישראל, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט און פאַרטיפט אין אַ ריי פון פיל דורות; זייער טעאָרעטישע באַהויפּטונג האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער לערע פון די נביאים און אין דער פּאָעזיע פון די משוררים. ביז יהושפטס צייט איז שוין געווען געשאַפן אַ געוויסער טייל פון ספר תהלים, און, ווי ס'ווייזט אויס, אויך דער גייסטרייכסטער ספר איוב, וועלכער באַהאַנדלט די עיקרים פון דעם ישראליזם. די רעאַלע פאַרקערפּערונג פון די זעלבע טעזיסן האָט זיך אויסגעדריקט אין דער „תורה", וועלכע האָט

1) אנשטאָט דעם, וואָס דער גריכישער אַנטראָפּאָמאָרפיזם מאַכט די געטער ענלעך צו מענטשן, מאַכט דער ישראליזם דעם מענטשן ענלעך צו גאָט.

נאָרמאַליזירט דאָס אַלטעגלעכע פאָלקס־לעבן לויט די יסודות פון גוטס־קייט.

די תורה אנטהאלט אין זיך געזעצן און פאַרבאָטן, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען באַשטימט שטענדיק צו פאַרפעסטיקן און פאַרטיפן דאָס געט־לעכע באַוואוסטזיין, לויט דער נאַציאָנאַלער אויפפאַסונג. דאָס ווערט דער־גרייכט דורך געוויסע טאָטן און סימבאָלן, וועלכע זיינען גאַנץ אָפט גענומען פון די אוראַלטע מנהגים פון די סעמיטישע פעלקער, נאָר אין וועלכע דער נאַציאָנאַלער גייסט האָט אַריינגעגעבן אַ נייעם רעליגיעזן אינהאלט. אַזעלכע זיינען די מצוות: מילה, ציצית, תפילין, מזוזה, קרבנות אאז״וו. אַ טייל געבאָטן קומען צו דערמאָנען שטענדיק יעדן בן־ישראל די געשעע־ניש פון יציאת מצרים, אויף וועלכער עס גרינדעט זיך די אמונה פון פאָלק וועגן זיין אויסעדרווייילטקייט צו טראָגן די געטלעכע שליחות; אַזעלכע זיינען די מצוות: פסח, חמץ, סוכה און אַנדערע. ווייטער גייען אַ טייל געבאָטן, וואָס זייער ציל איז, צו לערנען דעם מענטשן שטענדיק גוטס צו טון מיט אַלעמען אָן קיין אונטערשיד. אַזעלכע זיינען די מצוות וועגן צדקה, וועגן לקט, וועגן מעשרות, אדג״ל. די רעכט־נאָרמען פון דער תורה גרינדן זיך אויך אויף דעם פרינציפ פון מענטשנליבע („דו זאָלסט דיין חבר ליב האָבן ווי זיך״) און אויף גלייכהייט. מען טאָר נישט גנבענען. מען טאָר נישט גזלענען, מען טאָר נישט קיין בלוט פאַרגיסן, מען טאָר נישט נאַרן, מען טאָר נישט דריקן קיינעם, מען באַדאַרף געדענקען דאָס זיין אין מצרים... („וגר לא תונה ולא תלחצנו, כי גרים הייתם בארץ מצרים״) אָר־עמע, שוצלאָזיקע, שוואַכע, יתומים, אלמנות מוזן ערלעך באַהאַנדלט ווערן; דער פרינציפ פון גערעכטיקייט טאָר אָבער צוליב דעם אָרעמען און שוואַכן נישט פאַרבויגן ווערן (ודל לא תהדר בריבו״). די יסודות פון מענטשנליבע מוזן אָנגעווענדעט ווערן פאַר יעדן מענטשן גלייך: נישט נאָר פאַר אַ גלויבנס־ברודער, נאָר אַפילו פאַר אַ פרעמדן, וואָס וואוינט אינעם לאַנד פון ישראל, ווייל — מען מוז שטענדיק געדענקען דאָס זיין אין מצרים...

מיט אַ באַזונדערן אייפער ווערט אין דער תורה געקעמפט פאַר דער אַלגעמיינער גלייכהייט. צווישן בני ישראל טאָרן נישט זיין קיין הערן און קיין קנעכט. „נאָר פאַר מיר זיינען די בני ישראל קנעכט, מיינע קנעכט זיינען זיי, וואָס איך האָב זיי פון לאַנד מצרים ארויסגענומען, איך יהוה

אייער אלמעכטיקער גאָט !״ דאָס איז דער פּרינציפּ פון אַלגעמיינער גלייכהייט. און ווען איינער פאַרקויפט זיך אויס נויט צום צווייטן, מוז מען אים אויפן זיבעטן יאָר אַרויסלאָזן פריי. אין דער צייט פון דער פאַרדינגונג איז דער האַר מחויב צו באַגיין זיך מיט זיין צייטווייליקן קנעכט מיט יושר און רחמנות, טאָר אים נישט באַלעסטיקן מיט שווערער און שענדלעכער ארבעט, מוז אים געבן זיין קליידונג, זיין שפּייז און רו־צייט. אַפילו איבער דעם קערפּער פון אַ קנעכט פון אַ פרעמדן פאָלק, האָט דער האַר נישט צו שאַפן; אויב ער טייט אים באַוואוסטזיניק, באַצאָלט ער דערפאַר מיטן לעבן און אויב ער מאַכט אים אַ פעלער, מוז ער אים פריי לאָזן... לויט די געזעצן פון דער תורה, טאָר מען פאַר קיין הלוואה נישט נעמען קיין רבית; אַ פאַרמשכנט פעלד קערט זיך אום צוריק צום בעל הבית אין שמיטה; קיין ערד קאָן נישט פאַרקויפט ווערן לענגער ווי ביז יובל — דורך דעם ווערט באַגרענעצט דאָס רעכט פון פּריוואַט־אייגנטום, און אין אַ געוויסער מאָס ווערט פאַרהיט די עקאָנאָמישע אומגלייכקייט: עס זאָל זיך נישט אַבקלייבן צופיל רייכקייט ביי איינעם, און דער צווייטער זאָל נישט פאַרלירן זיין לעצט שטיקל נחלה אויף אייביק. אַ שטרענג, איינפאַך אופן לעבן — דאָס איז דער אידעאַל פון דער תורה און זי פאַרבאָט קנאה און תאוה; אַפילו די קנעכט און די דינסטן, זיינען מחויב צו רוען פון דער וואָכעדיקער פרויען, קיין סך פערד, קיין סך גאָלד און קיין סך זילבער, ווייל דאָס אַלץ שטערט די אלגעמיינע גלייכקייט... אין דער מצוה פון שבת, ווען אַלע, אפילו די קנעכט און די דינסטן, זיינען מחויב צו רוען פון דער וואָכעדיקער אַרבעט, האָט די תורה פאַראייניקט אַלע דריי פּרינציפּן פון דער ישראלישער אמונה: די באַשאַפונג פון דער וועלט דורך גאָט ,דאָס באַפרייט ווערן פון מצרים און די גלייכקייט אויף דעם יסוד פון גוטסקייט.

פון דער צייט, ווען דער געניוס פון ישראל, האָט אַוועקגעלייגט די פונדאַמענטן פון זיין קולטור, איז נים איבערגעבליבן קיין שום געדעכענישן פון זיינע אָריגינעלע שאַפונגען אין יענע געביטן, אין וועלכע עס האָבן זיך אויסגעצייכנט אַלע אַנדערע פעלקער פון דער אוראַלטער וועלט, ווי די מצרים, די כשדים, די צורים, די גריכן: דאָס פאָלק ישראל האָט נישט אריינגעטראָגן דאָן קיין אייגנס, נישט אין דער קונסט און נישט אין דער וויסנשאַפט. און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. די קונסט איז אומעטום אין אָנהייב געווען אַ רעליגיעזע. די געצנדינערישע פעלקער פלעגן מאָלן

אָדער שניצן בילדער, וועלכע פלעגן פאָרשטעלן יענע נאַטור־כוחות, צו וועלכע זיי פלעגן דינען; אויף דעם באָדן האָט זיך דערנאָך אנטוויקלט די פלאַסטישע קונסט; ביי ישראל האָט די רעליגיעזע וועלט־אנשויאונג פון אָנהייב פאַרווערט אַזעלכע געטלעכע בילדער, ווי אַ ווידערשפּרוך צו דעם אומענדלעכן און קערפּערלאָזן באַגריף פון יהוה. די וויסנשאַפט האָט אויך אין דעם ישראליזם נישט געקענט געפינען קיין סטימול. ווי באקאַנט, איז אויך די פילאָזאָפיע, ביי די גריכן, צ״ב, אנטוויקלט געוואָרן אויף דעם יסוד פון דער קאָסמאָגאָניע און גאָטזוכונג; דער געניוס פון ישראל האָט אָבער קיינמאָל נישט געליטן פון די אַלע צווייפלונגען און זוכענישן; עס עקזיסטירן פאַרשידענע מיינונגען, ווי אַזוי דער ישראליזם איז געקומען צום מאָנאָטעאיזם, יעדנפאַלס איז אָבער געוויס, אַז די העברעער, אַלס פאָלק, זיינען אַריינגעטראָטן אין לעבן מיט אַ פאַרטיקן געטלעכן טעזיס, וועלכן זיי האָבן נאָר וואָס ווייטער אַלץ ברייטער אנטוויקלט און פאַר־פולקאָמט. אַפילו די פאַרשידענע נאַטור־דערשיינונגען האָבן קיינמאָל ביים זשעני פון ישראל נישט געקאָנט אַרויסרופן קיין באַוואונדערונג, קיינמאָל נישט געקאָנט צווינגען אים צו באַטראַכטן זייערע רעגעלן, ווייל דער „ווילן פון אַלמעכטיקן״ האָט געדינט ווי אַ דערקלערונג פאַר אַלע דער־שיינונגען. אין דער תורה, צווישן די נביאים, באַגעגנט מען פיל שטעלן, וואו עס זעט זיך דייטלעך אַרויס די נעגאַטיווע פאַרהעלטעניש צו פאַר־שידענע וויסנשאַפטלעכע געביטן, וועלכע זיינען געווען זייער געשעצט אין דער אוראַלטער וועלט, ווי צ״ב אַסטראָלאָגיע, מאַגיק, מעדיצין; דאָס איז אפשר נישט אַזוי פיל צוליב דעם, וואָס די נביאים זיינען געווען אי־בערצייגט אין דער פאַלשקייט פון די דאָזיקע חכמות, ווי צוליב דעם, וואָס די דאָזיקע חכמות, אויב זיי וואָלטן זיין ריכטיק, וואָלטן זיי דאָך געמוזט באַגרענעצן דעם פרייען ווילן פון דעם באַשעפער און אים שטעלן אין צו־זאַמענהאַנג מיט געוויסע אויסערלעכע געזעצן און דאָס האָט דער ישראליזם פּרינציפּיעל נישט געקאָנט דערלאָזן. 1) אַזוי ווי דער פּאַסטוך, וואָס בלאָנדזשעט אין דער לענג און אין דער ברייט פון דעם גרויסן געדיכטן וואַלד און וואָס זוכט אָן אַ שפּור און אָן אַ שטעג זיין פאַרלוירן

1) די קאָמפּראָמיסן צווישן דער וויסנשאַפט און צווישן דער לערע וועגן דער אַבסאָלוטער פרייהייט פון גאָטס ווילן געהערן צו די שפּעטער־דיקע דורות.

שעפעלע, געפינט גאַנץ אָפט אין גאַנג אַזעלכע מציאות, וועגן וועלכע ער האָט גאָרנישט גערעכנט, אַזוי אויך האָט די אַלגעמיינע מענטשהייט, וואָס בלאָנדזשעט אין דעם גרויסן געדיכטן וואַלד פון דער נאַטור, גאַנץ אָפט געפונען אין וועג זייטיקע אומדערוואַרטע אנטדעקונגען אין דער ספערע פון דעם מענטשן־געדאַנק. דאָס איז אָבער געווען גאַנץ פאַרמיידלעך פאַרן ישראליזם, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געבלאָנדזשעט שפּורלאָז, און אין זיין אנטוויקלונג האָט ער געמוזט גיין אָן זייטיקע אָפּבייגונגען, האַלטנדיק זיך פעסט ביי אַ גלייכן וועג־שטריך. עס איז דערפאַר קלאָר, אַז דער זשעני פון ישראל איז פון אָנהייב אָן געווען באַגרענעצט אין זיין שאַפונגס־געדאַנק. אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין וועלט־אָנשויאונג איז פאַר אים פריי געבליבן דאָס געביט פון דער עטיק, און אין דער הינזיכט האָט ער דערגרייכט שוין מיט דריי טויזנט יאָר צוריק אַזאַ הויכע מדרגה, אויף וועלכער קיין פאָלק אין יענער צייט איז נישט געשטאַנען. מיט דריי טויזנט יאָר צוריק האָט דאָס פאָלק ישראל ארויסגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון מענטשנליבע און גלייכקייט, נישט נאָר ווי אַ וועלט־אויפפאַסונג, נאָר אַפילו ווי אַ מלוכה־יסוד, וועלכער האָט זיך אין אַ משך פון פיל דורות אַלץ מער אנטוויקלט און פאַרקערפּערט אין רעאַלע אַלגעמיינע מלוכה־פאָרמען, (איבערהויפּט אין יהודה). ליידער האָט אָבער די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן אידעאַל פּלוצלינג געפונען פאַר זיך אַ שטערונג אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק פונעם לאַנד און נאָך יהושפטס טויט האָט דאָס אינערלעכע מלוכה־לעבן אין יהודה געמוזט אָפּטרעטן אויף אַ געוויסער צייט פון זיין גלייכן היסטאָרישן וועג.

נאָך יהושפטס טויט (895) זיינען געבליבן פיל זין, נאָר די מלוכה האָט געירשנט, ווי דער מנהג איז געווען אין יהודה, דער עלטסטער פון זיי, יהורם (895—882). יהורמען האָט נאָך זיין פאָטער חתונה געמאַכט מיט עתליהן, די טאָכטער פון אחאב און איזבל. די דאָזיקע מחותנותשאַפט איז געשלאָסן געוואָרן צוליב דער אויסערלעכער פּאָליטיק — צו פאַרשטאַרקן די פריינטשאַפט צווישן שומרון און ירושלים; די בעסטע מענטשן פון פאָלק, וועלכע האָבן זיך געזאָרגט פאַר דאָס אינערלעכע גייסטיקע לעבן אין לאַנד מער ווי פאַר דער אויסערלעכער פּאָליטיק, זיינען געווען נישט צופרידן מיט דעם דאָזיקן שריט פון דעם פרומען מלך, און די נאָענטסטע צוקונפט האָט דערוויזן, אַז זיי זיינען געווען נישט אינגאַנצן

אומגערעכט. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז עתליה איז געווען אינגאַנצן געראָטן אין איר מוטער, די פעניציערן איזבל. זי איז אויך געווען אַזאַ פאַנאַטישע אָנהענגערן פון דעם אַנטימאָראַלישן פעניציער־קולט, פון די פאַרשידענע אָפּגעטער, ווי בעל, עשתרות און אַנדערע; זי איז אויך געווען אַ הייסע ליבהאָבערן פון דעם פריילעך־צעלאָזענעם פעניציער־לעבן. דערביי איז זי געווען פון דער נאַטור זייער דעספּאָטיש און האָט זיך נישט געוואָלט רעכענען מיט די פאָלקס־באַגריפן אין איר נייעם פאָטערלאַנד. אין דער באַציאונג צו איר אומגעהייערער ענערגיע און אייזערנעם כאַראַקטער האָט זי אפשר נאָך איבערגעשטיגן איר מוטער און דער מלך איז געוואָרן אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דעם ווילן פון דער מלכה. דער פרומער גאָטספאָרכטיקער גייסט, וואָס האָט פון יאָרנלאַנג שוין געהערשט אין דעם הויז פון די מלכי בית דוד אין מיטאַמאָל געוואָרן אָפּגעשאַפט; עס איז באַנייט געוואָרן דאָס געצנדינערײַ, נאָר נישט דאָס געצנדינערײַ פון די פלשותים, פון די עמונים אאז״וו, וואָס האָט אַמאָל אָפּט קאָנקורירט אין לאַנד מיט דעם קולט פון יהוה, וואָס האָט מער אויסגעדריקט פאַרגרעבטע אומוויסנקייט, ווי וועלט־אַנשויאונג און איז בכן נישט געווען קעגן די נאַציאָנאַל־פסיכאָלאָגישע נייגונגען צו מאָראַל, צו אמת און גערעכטיקייט. אַ דאַנק עתליהס מי ווערט אין יהודה צום ערשטן מאָל איבערגעטראָגן דער איינפלוס פון דעם ציוויליזירטן פעניציער־קולט, וועלכער שטעלט פאָר מיט זיך אַ גאַנצן לעבנס־סיסטעם פון בלוט־פאַרגיסונג, פון זנות און פון שיכרות, און קעגן וועלכן ס׳איז געווען פיל שווערער צו קעמפן, ווי קעגן דעם איינפלוס פון די אומוויסנדיקע אַנדערע שכנהשע פעלקער. און דאַן ווערט דער טראָן אין ירושלים, כמעט דאָס ערשטע מאָל אין אַ משך פון פיל דורות, באַפלעקט מיט אומשולדיק בלוט. וואַרשיינלעך, האָבן די נייע אויפפירונגען פון מלך געטראָפן אַ געוויסן ווידערשטאַנד, ווייניקסטנס, אַן אומצופרידנקייט ביי פיל שרים, וועלכע האָבן נאָך געדענקט דעם אַלטן פרומען יהושפט, שוין נישט ריידנדיק וועגן די נביאים; מעגלעך, אַז די אומצופרידענע האָבן געקלערט, אָדער געקענט קלערן וועגן אַ פאַרראַט קעגן מלך, כדי אויפן טראָן אַרויפצוזעצן איינעם פון זיינע פיל ברידער, וועלכע שטאַמען פון דוד בן ישיס הויז פונקט ווי ער. דער כאַראַקטערלאָזער יהורם, אונטער דעם איינפלוס פון עתליה, האָט דערפאַר אויסגעהרגעט די ראַזיקע אומצופרידענע שרים און צוזאַמען מיט זיי — אויך זיינע אַלע

ברידער, כדי ער זאָל נישט האָבען אין בית־המלך מער קיין פּרעטענדענטן אויף דער קרוין. ווען ער האָט געהאט זיך פאַרזיכערט קעגן אַן אינערלעכן פּאַראַט, האָט זיך דער יונגער מלך איבערגעגעבן דעם לוסטיק־צעלאָזענעם לעבן, צו וועלכן עס האָט אים געטריבן זיין מלכה, די פעניציערן, און ווי דער גרעסטער טייל דעספּאָטן, וועלכע הערשן קעגן דעם ווילן פון פאָלק, האָט ער אויך פאַרגעסן אין דער אויסערלעכער געפאַר. אנשטאָט דעם, וואָס זיינע פאָרגייער האָבן אָן אויפהער זיך געזאָרגט, צו פאַרפעסטיקן דאָס לאַנד און דאָס חיל, האָט ער זיך איבערגעגעבן דעם לוסטיקן בעל־קולט און געהאלטן אין איין טרינקען און פריילעך זיין. מיט דער דאָזיקער זאָרגלאָזיקייט האָבן זיך באַנוצט די אַרומיקע פעלקער אָפּצושוואַכן די קראַפט פון יהודה. די ערשטע האָבן די אדומער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון יהודה, און אנשטאָט דעם נציב (פאָרטרעטער), וועלכער פלעגט ווערן אין אדום באַשטימט דורכן הערשער פון ירושלים, האָבן זיי אויסגעקליבן אַן אייגענעם מלך. יהורם האָט דעמאָלט דערקלערט אדומען אַ מלחמה, וועלכע איז זייער שווער געווען פאַר אדומען, נאָר דאָך האָט ער נישט געקאנט אויף דאָס ניי אויפשטעלן דאָרט די אויטאָריטעט און די הערשאַפט פון יהודה, און אדום איז געבליבן אויף שטענדיק אומאָפּהענגיק פון ירושלים. נאָך אדומען האָט זיך פון יהודה אָפּגעריסן נאָך אַ קליינע מלוכה, לבנה, און איז אויך געוואָרן זעלבסטשטענדיק.

לויט דער מסורה האָבן אָבער אַפילו די דאָזיקע מפּלות נישט אויסגעניכטערט דעם מלך פון זיין שיכּרות און ער האָט פאָרגעזעצט זיין זאָרג־לאָז־פריילעך לעבן; דאַן האָט דער געטלעכער נביא אליהו צוגעשיקט צו יהורמען אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט אים אָהן רחמנות געשטראָפט פאַר זיינע שענדלעכע מעשים:

„אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער אַלמעכטיקער גאָט פון דיין אורעלטער־פאָטער דוד: דערפאַר וואָס דו ביסט נישט געגאַנגען אין דעם וועג פון דיין פאָטער יהושפט און פון דיין זיידן אָסאַ — די מלכים פון יהודה, און ביסט ליבערשט אַוועק מיט דעם וועג פון די מלכים פון ישראל; דערפאַר וואָס דו האָסט פאַרפירט דאָס פאָלק יהודה, אַזוי ווי אחאבס הויז האָט פאַרפירט דאָס פאָלק ישראל; דערפאַר וואָס דיינע ברידער, וועלכע זיינען געווען בעסערע, ווי דו, האָסטו אויסגעהרגעט — דערפאַר וועט דיך גאָט פּלאָגן מיט אַ גרויסער פּלאָג — דיך און דיין פאָלק און דיינע קינדער און

דיינע פרויען און דיין גוטס. און אויף דיר אַליין וועט גאָט אָנשיקן אַ בייזע קרענק, ביז וואָנען דיינע געדערים וועלן דיר אַרויספּלאַצן פון דער פאַרלענגערטער קרענק".

און דעם נביאס רייד זיינען טאַקע מקוים געוואָרן. ווי די מסורה דערציילט, האָבן די פלשתים געשלאָסן אַ בונד מיט די ערבים (אַראַבער) פון דעם אַראַבישן האַלב־אינדזל און מיט פאַראייניקטע כוחות זיינען זיי אָנגעפאַלן פלוצלונג אויף יהודה; דאָס איז געשעען אַזוי אומדערוואַרט, אַז דאָס פאָלק האָט קיין ווידערשטאַנד נישט געקענט אַרויסווייזן און דער שונא האָט דערגרייכט ביז דער סאַמע הויפּטשטאָט ירושלים. די פלשתים און די אַראַבער האָבן צעראַבירט די שטאָט, אָפּגענומען דאָס גאַנצע גוטס פון בית־המלך און האָבן אַפילו פאַרכאַפּט איז געפענגעניש דעם מלכס קעפּס־ווייבער און זיינע אַלע קינדער; ס'איז נאָר דער יונגסטער, יהואחז פאַרבליבן ביי יהורמען. נאָכדעם איז יהורם קראַנק געוואָרן אויף אַ געדערים־קרענק, וועלכע האָט זיך נישט געלאָזן היילן. צוויי יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין שרעקלעכע יסורים און אויפן אַכטן יאָר, זינט ער איז מלך געוואָרן, איז ער געשטאָרבן. דאָס פאָלק, ווי ס'שיינט האָט געוואוסט ווי אָפּצושאַצן די פאַרדאָרבענע טעטיקייט פון דעם דאָזיקן מלך און די פיינטשאַפט וועלכע האָט נישט געקאָנט ארויסגעוויזן ווערן פאַר זיין לעבן, האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָכן טויט: יהורמען איז ביי זיין לויה נישט אַרויסגעוויזן געוואָרן אַזוי פיל כבוד, ווי זיינע עלטערן און אורעלטערן; מען האָט אים אַפילו נישט מקבר געווען אין די קברים פון די מלכי בית דוד!

דעם טראָן האָט געירשנט יהורמס זון, אַחזיהו. זיין ממשלה איז געווען זייער אַ קורצע. בסך הכל האָט ער געהערשט איבערן לאַנד איין יאָר (886), נאָר אין דער דאָזיקער קורצער צייט האָט ער באַוויזן, אַז ער איז דער ריכטיקער יורש פון זיין פאָטער. אונטער דער השפּעה פון זיין מוטער עתליה האָט ער זיך אויך, ווי זיינע קרובים, דער מלך און די בני המלך פון שומרון, געהאַלטן ביי דעם בעל־קולט און אין לאַנד האָט ער אויך געוואָלט פאַרפעסטיקן די ווירקונג פון דער פיניציערקולטור. אין אַ יאָר ארום נאָכדעם, ווי ער איז געוואָרן מלך, איז ער געפאָהרן מבקר־חולה זיין זיין פאָטער יהורם, דעם מלך פון שומרון, וועלכער האָט זיך דעמאָלט אין יזרעאל געהיילט פון די וואונדן, וואָס ער האָט באַקומען אין דער מלחמה מיט די אַראַמעער. דאָן האָט זיך אין דער

מלוכה פון ישראל אויפגעהויבן דער בונט קעגן די עמרידן און צווישן די איבעריקע פאַמיליאַנטן פון יהורמען, אחאב בן עמריס זון, וועלכע זיינען געהרגעט געוואָרן דורך יהוען, האָט דער גאַסט אחזיהו, דער מלך פון יהודה, אויך מיט זיין לעבן באַצאָלט פאַר דער מחותנותשאַפט מיט איזבלס משפחה. עס איז אינטערעסאַנט דער פאַקט, אַז די מורדים אין שומרון, וועלכע האָבן מבזה געווען איזבלס משפחה אפילו נאָכן טויט און זיי נישט געבראַכט צו דער קבורה, האָבן זיי דאָך אָפּגעגעבן כבוד דעם טויטן קערפּער פון איזבלס אייניקל דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ זון פון יהושפט, „דער וואָס האָט מיטן גאַנצן האַרצן גאָט געדינט". דאָס באַזונדערע אַכטונגס־געפיל צום פרומען יהוה׳יסט יהושפט, פון יהו, וועלכער האָט געדינט צו די קעלבער פון ירבעם בן נבט — איז זייער כאַראַקטעריסטיש!

עתליהו, ווייזט זיך אַרויס, האָט נישט שטאַרק באַדויערט דעם טויט פון איר זון. זי האָט זיך באַנוצט מיט דעם אומגליקלעכן צופאַל אויף צו פאַרכאַפּן אין די אייגענע הענט די מלוכה איבער יהודה, און ווי נאָר זי האָט באַקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן איר געהרגעטן זון, האָט זי געהייסן אירע טרייע דינער, און זיי האָבן אויסגעטויט אַלע מיטגלידער פון מלכות בית דוד, די גערעצלעכע פּרעטענדענטן אויפן טראָן אין ירושלים; עס איז נאָר געבליבן דער יונגסטער זון פון אחזיהון, דער איינ־יאָריקער יואש, וועלכן זיין מומע יהושבע, יהוידע דעם כהנס פרוי, האָט באַוויזן אַרויסצוגנבענען אומבאַמערקטערהייט אין דער צייט פון דער מהומה אינעם קעניגלעכן פּאַלאַץ, און באַהאַלטן אין איינעם פון די לשכות (צימערן) אין בית־המקדש, וואו דער כהן גדול יהוידע האָט אים דערצויגן.

די געצנדינערן עתליה האָט פאַרנומען דעם טראָן פון דוד און פון שלמהן (886—880). איר טעטיקייט איז געווען געווענדעט נאָר צו פאַרווירקלעכן דאָס אַסימילירונגס־פּראָגראַם, וועלכן זי האָט אָנגעהויבן ביים לעבן פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, יהורם, און איר זון אחזיהו. איצט האָט זי געהאַט די גאַנצע מאַכט אין אירע הענט, זי האָט מיט אומדערמידלעכער ענערגיע גענומען אויסוואָרצלען אין יהודה דעם פרו־מען טראַדיציאָנעלן גייסט פון די נביאים און איינפלאַנצן דעם פרעכן תאווה־גייסט פון די פיניציער. און אין דער צייט, ווען אין שומרון איז

ערשט אונטער יהוס אָנפירונג, פאַרגעקומען די פאַרניכטונג פון דעם בעל־קולט, האָט עתליה אין דער הייליקער שטאָט ירושלים אויסגעבויט אַ טעמפּל מיט אַ סך מזבחות פאַר די געצן פון פיניציע און איינגעפירט דאָרטן אַן אָפיציעלן כּסדור־דיקן געצנדינסט אונטער דער השגחה פונעם אָבער־פּריסטער מתן און אַ גרויסער מחנה פון קלענערע באַדינטע; צו־זאַמען מיט דעם האָט זי מבטל געמאַכט דעם גאָטעס־דינסט און דאָס קרבנות־ברענגען אין בית־המקדש. די שרים, וועלכע דער נייער תאווה־דיקער קולט, איז, ווי ס׳שיינט, שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָבן איינגע־שטימט מיט דער הנחה פון דער מלכה, צווישן פאָלק זיינען אָבער געווען אַזעלכע וואָס זיי האָט געקרענקט פאַר זייער נאַציאָנאַלער קול־טור, פאַר זייער נאַציאָנאַלער אמונה; זיי האָבן זיך פיינטלעך פאַרהאַלטן צו עתליהן און געזוכט מיטלען, ווי צו באַפרייען דאָס לאַנד פון איר גע־פערלעכער ממשלה. אין דער שפּיץ פון דער נאַציאָנאַליסטישער פּאַרטיי איז געשטאַנען דער זעלביקער יהוידע הכהן, וועלכער האָט בסוד געהאָ־דעוועט און דערצויגן דעם איינציקן וואָרצל פון דודס בוים, דעם קליי־נעם יהואש, דעם זון פון אחזיהו.

זעקס יאָר האָט די פרומע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי צוגעגרייט דעם פּאַראַט קעגן דער מלכה, און ווען די פּאַרטיי האָט שוין געהאַט צוגעצויגן אויף איר זייט אַ גרויסן טייל פונעם פאָלק, פונעם חיל און פון דער מלכהס לייבוועכטער, האָט יהוידע אין אַ שבתדיקן טאָג פאַרופן די אָנהענגער אין בית־המקדש, וועלכן ער האָט פון דרויסן ארומגערינגלט מיט אַ געהיימער גרויסער וואַך פון איבערגעגעבענע סאָלדאַטן, און דאָרטן האָט ער פאַר זיי אַרויסגעפירט דעם באַהאַלטענעם זיבניאָריקן פּרינץ יהואשן; דער כהן גדול האָט אים געזאַלבט פאַר אַ מלך און אַרויפ־געזעצט אים די קרוין אויפן קאָפּ; די פאַרזאַמלטע האָבן צוגעשוואוירן דעם נייעם הערשער, און דאַן האָט יהוידע געהייסן שאַלן מיט די טראָמ־פייטן פון בית־המקדש און דאָס פובליקום האָט אויסגעשריגן פיל מאָל: „זאָל לעבן דער מלך!״ עתליה, האָט עפּעס דערהערט אַ טומל פון בית־המקדש און האָט נישט געהאַט קיין שום חשד, איז אַוועק אַהין פון איר פּאַלאַץ (בית־המלך), וואָס איז געווען זייער נאָענט. ווען זי איז גע־קומען אין בית המקדש האָט זי געזען דעם קליינעם פּרינץ, ווי ער איז געשטאַנען אויף אַ קאָלאָנע מיט דער קרוין אויפן קאָפּ און ווי דער פאַר־

זאַמלטער עולם שפּילט פאַר אים און באַגריסט אים. זי האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז פאַרגעקומען אַ פאַרראַט, און זי האָט גענומען לויפן פון בית־המקדש, שרייענדיק „אַ בונט, אַ בונט"! יהוידע הכהן האָט איר אָבער געהייסן פאַרהאַלטן, און דאָס חיל, וואָס האָט זיך געפונען אין בית־המקדש און איז געווען אין איין דעה מיט אים, האָט איר אָנגענומען און געוואָלט טויטן אויף אָן אָרט. יהוידע האָט אָבער נישט דערלאָזן, אַז גאָטס הויז זאָל באַשמוצט ווערן מיט מענטשן־בלוט. דאַן האָט דאָס חיל אַרויסגעשלעפּט עתליהן אין פאָדערהויז און דאָרט זי געהרגעט. אַזוי איז פאַרניכטעט געוואָרן דאָס לעצטע גליד פון איזבלס פאַמיליע, וועלכע האָט גורם געווען אַזוי פיל אומגליקן אין ביידע מלוכות פון ישראל!

דער צד פון די אַריסטאָקראַטן און פון די שרים, וועלכע זיינען געווען פון עתליהס אָנהענגער, האָבן געמוזט באַהאַלטן זייער צאָרן, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, וואָס פאַר אַ מפּלה עס האָט באַגעגנט זייער מלכה; און דאָס פאָלק, ביי וועמען עס איז נאָך נישט אויסגעלאָשן אין האַרצן די ליבע צו די פריערדיקע מענטשן־פריינטלעכע און גאָטספאָרכטיקע מלכים, האָט זיך שטאַרק דערפרייט, ווען עס האָט זיך דערוואוסט, אַז עס איז געראַטעוועט געוואָרן די דינאַסטיע פון דוד המלך און אַז עס האָט זיך געפונען אַ געזעצלעכער יורש אויף דעם טראָן אין ירושלים אַנשטאָט דער בלוטדורשטיקער איזבל־טאָכטער. יהוידע האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט דעם, וואָס דער טראָן האָט זיך באַפרייט פון עתליהן; ער האָט געוואָלט, אַז אויך דאָס פאָלק זאָל זיך באַפרייען פון איר שלעכטן מאָראַלישן איינפלוס. ער האָט דעריבער פונדאָסניי פאַרזאַמלט דאָס פאָלק אין בית־המקדש אין דער אָנוועזנהייט פון דעם יונגן מלך, און האָט אים באַשוואוירן אומצוקערן זיך צוריק מיטן גאַנצן האַרצן צו דעם אמתן נאַציאָנאַלן גאָט, צו יהוה, צו ווערן „פונדאָסניי אַ געטלעך פאָלק"! באַגייסטערט פון דער שבועה איז דאָס פאָלק צוזאַמען מיט זיין פירער יהוידע אַוועק צו דעם בעל־טעמפּל, צעבראָכן דאָרטן די געצן־בילדער, צעשמעטערט די מזבחות און אויסגעקוילעט די פּריסטער (כהנים) מיט זייער הויפּט מאַן. מיט דעם אַקט האָט זיך פאַרענדיקט די אויטערלעכע אָפּרייניקונג אין ירושלים פון דעם פרעמדן געטער־קולט. דאַן האָט דאָס פאָלק זיך אומגעקערט צוריק אין בית־המקדש און באַנייט דאָרטן דעם גאָטעס־דינסט מיט קרבנות און מיט געזאַנג. נאָכדעם ווי

פאַר עתליהן איז דאָס שוין אַ לאַנגע צייט נישט פאַרגעקומען. נאָך די קרבנות זיינען געקומען די שרי־הצבא און די איבעריקע מדינה־לייט און האָבן אַרויסגענומען דעם יונגן מלך, וועלכער איז דאַן אַלט געווען נאָר אַ יאָר זיבן, פון בית־המקדש, און אים אַוועקגעפירט אין בית־המלך און אַרויפגעזעצט אויפן טראָן.

„דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך געפרייט, די הויפטשטאָט ירושלים האָט זיך פונדאָסניי באַרואיקט״ נאָך די פיל בלוטיקע שרעקן, וואָס זי האָט די לעצטע פופצן יאָר איבערגעלעבט. עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז דאָס לעבן אין יהודה האָט זיך צוריקגעקערט אויף זיין אַלטן היס־טאָרישן וועג, וועלכער האָט אים געזאָלט פירן צום גליק און כבוד!

קאַפּיטל עלף

פון יהואש ביז אחז

(724—880)

יהואש (843—880) איז אַלט געווען אַ יאָר זיבן, ווען ער איז געקרוינט געוואָרן פאַר אַ מלך. צוליב זיין נישט־רייפקייט האָט דערווייל זיין פעטער און אפּוטרופּוס, דער כהן יהוידע, געפירט דאָס לאַנד. זיין טעטיקייט אויף דעם געביט האָט זיך הויפּטזעכלעך אויסגעדריקט אין דער פאַרגעזעצטער גייסטיקער רעסטאוראַציע (צוריקשטעלונג). קודם־כל האָט ער זיך גענומען פאַרריכטן דעם בית־המקדש, וועלכער איז פאַר די לעצטע יאָרן זייער פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. עתליה האָט זיך דערלויבט אים צו באַרויבן אויפן שענדלעכסטן אופן: פיל גאָלד און זילבער פון דעם, וואָס דאָרט האָט זיך געפונען, האָט זי אַרויסגענומען און דערפון אירע געצן אויסגעגאָסן, די הייליקע כלים האָט זי אַוועקגענומען און צו אירע קרבנות גענוצט, אַפילו גאַנצע פליטעס האָט זי פון גאָטס הויז אויסגעהאַקט און אין אירע טעמפּלען פאַרבויט. די דאָזיקע שאָדנס זיינען אָבער גיך ממלא געוואָרן. אין דעם נאָמען פון מלך האָט יהוידע אויפן הויף פון בית־המקדש אַוועקגעשטעלט אַ פאַרמאַכטן קאַסטן מיט אַ לאָך אין מיטן און האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַרזאָג צום פאָלק, אַז יעדער זאָל דאָרטן אַריינוואַרפן זיין נדבה אויף צו באַנייען דעם בית־המקדש. דאָס פאָלק האָט מיט פרייד דעם פאַרזאָג ממלא געווען און גיך איז דער גרויסער קאַסטן פול געוואָרן מיט געלט, ביז עס האָט געקלעקט נישט נאָר דעם בית־המקדש צו פאַרריכטן, נאָר אים אַפילו צו מאַכן שענער, ווי געווען. דעם אויסערלעכן קולט פון יהוה האָט אויך יהוידע פעסטגעשטעלט ווי אַמאָל: זיין גאַנץ לעבן האָבן די קרבנות נישט אויפגעהערט אין דעם געטלעכן הויז. מיט דעם דאָזיקן ריטואַל האָט ער געמיינט צו ווירקן אויף די הערצער, זיי אומצוקערן צו זייער גאָט און צו זיינע געבאָטן.

פאַקטיש אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז לייכטער צו פאַרריכטן די לעכער אין בית־המקדש, ווי אויסצואוואָרצלען אַ שלעכטן מאָראַלישן איינפלוס. כל זמן יהוידע האָט געלעבט און דער יונגער מלך האָט זיך אינגאַנצן געפונען אונטער זיין אויפזיכט האָט זיך אין לאַנד אַלץ געפירט לויט דעם ווילן פון גאָט. באַלד אָבער, ווי דער כהן גדול איז געשטאָרבן, איז יהואש אונטערגעפאַלן אונטער דעם איינפלוס פון שרים און די קצינים און דער מלך האָט געביטן זיינע באַציאונגען צו די אַלטע טראַדיציאָנעלע אידעאַלן. הגם יהוידע האָט אויסגעראָטן פון ירושלים די פעניצישע געטער, איז אָבער דאָך נאָכדעם ביי דער אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז געווען נאָענט צו עתליהן, געבליבן איינגעבאַקן אין האַרצן די נייע פעניצישע וועלט־אויפפאַסונג, וואָס דער געטער־קולט איז נאָר געווען איר קאָנקרעטער אויסדרוק — דער אַזיאַטישער אוטיליטאַריזם, וועלכער לערנט דעם מענטשן געפינען דעם ציל פון זיין לעבן אין דער אומבאַגרענעצטער באַפרידיקונג פון זיינע שענדלעכסטע תאוות, איז קעגנטייל פון דעם יהוהיזם, וואָס לערנט דעם מענטשן נאָר גוטס טון דעם צווייטן און ברעכן די תאוות ווי אַן ענד־ציל פון לעבן. דער יונגער יהואש האָט נאָך יהוידעס טויט אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן זיינע סימפּאַטיעס צו די דאָזיקע פאַרדאָרבענע נייגונגען פון די שרים. ער האָט אפילו נישט געשטערט די לעצטע אויפצושטעלן פונדאַסניי פאַרשידענע געצן אין ירושלים, אמת, נישט קיין פעניצישע בעלים, מיט וועלכע מען האָט געקענט ווידער אויפברענגען דעם צאָרן פון פאָלק, וועלכעס האָט נאָך גוט געדענקט דאָס אומגליק, וואָס עתליה האָט אויפן לאַנד געבראַכט. די נביאים האָבן מזהיר געווען דעם מלך און די שרים, אַז מיט זייערע מעשים וועלן די נייע אומגליקן ברענגען אויף יהודה, נאָר קיינער האָט זיי נישט געהערט. דאַן האָט דער נביא זכריה, יהוידע הכהנס זון, אין בית־המקדש פאַר דאָס גאַנצע פאָלק געשטראָפט דעם פאַרפירטן מלך:

„אַזוי האָט דער אַלמעכטיקער געזאָגט, פאַרוואָס פאַרלאָזט איר גאָטס געבאָט? דאָס וועט אייך קיין גליק נישט ברענגען; ווייל פאַרלאָזט איר גאָט, פאַרלאָזט גאָט אייך!"

דאַן איז פאָרגעקומען אַזעלכעס, וואָס דאָס הייליקע לאַנד האָט נאָך נישט געזען: דער מלך האָט געטויט דעם נביא, דעם זון פון דעם, וואָס האָט אים אַליין זיין לעבן געראַטעוועט און צום טראָן געבראַכט. אין

רעכטן מיטן פון דעם בית־המקדש; דער נביא האָט אפילו זיין געקרוינטן רוצח קיין ווידערשטאַנד נישט באַוויזן; זיין לעצט וואָרט איז נאָר געווען: „זאָל גאָט צוזען און משפטן!"

דער דאָזיקער טאַט פון מלך האָט אויפגערעגט דאָס גאַנצע פאָלק, ווייל דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל, אַז אַ מלך פון בית־דוד זאָל הרגענען אַ נביא דערפאַר, וואָס ער רעדט אין דעם נאָמען פון גאָט, און נאָך דערצו — אינעם הייליקן הויז פון גאָט!

אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק האָט זיך יהואש אַרויסגעוויזן אויך אַזוי אומגעראָטן, ווי אין דער אינערלעכער. פאַר זיין צייט האָט חזאל, דער מלך פון ארם, געמאַכט אַ פּלוצימדיקן אָנפאַל אויף יהודה און האָט דאָרטן אָנגעמאַכט גרויסע חורבנות: יהואש האָט זיך פאַר זיין לאַנג־יאָריקן הערשן ווייניק געמיט, צו פאַרפעסטיקן די כוחות פון דער מדינה, נאָך די גרויסע מפּלות, וואָס זי האָט באַקומען פאַר די לעצטע יאָרן, ווען איז יהודה האָבן געהערשט זיין פאָטער, זיין זיידע און זיין באָבע. חזאלן איז גאַנץ לייכט אָנגעקומען אַריינצודרינגען אין לאַנד און צוצוקומען ביז צו דער הויפּטשטאָט ירושלים. ער האָט איר אָבער באַלד נישט איינגענומען. יהואש האָט אים געמוזט געבן אַ סך אויסקויף־געלט מיט גאָלד און מיט זילבער און נאָר דאַן האָט חזאל פאַרלאָזט יהודה. די אומצופרידנקייט מיטן מלך איז אַלץ געוואַקסן. דאָס פאָלק האָט זיך נאָך דער אומגליקלעכער מלחמה מיט ארם נאָך מער איבערצייגט, ווי גערעכט עס איז געווען דער אומשולדיק געהרגעטער נביא, און זיין פאַרגאָסן בלוט האָט אַלץ מער געשריגן און געפאָדערט נקמה. ענדלעך האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ פאַרראַט צווישן דעם מלכס נאָענטסטע לייב־דינערס און זיי האָבן אים געהרגעט אויף זיין בעט, אויף דעם זיבן און דרייסיקסטן יאָר פון זיין הערשן איבערן לאַנד (843).

די ממשלה פון יהואשס זון, אמציה (843—815), האָט געשיינט צו זיין פון אָנפאַנג אביסל גליקלעכער. אמת ער האָט אויך זיינע הענט איינגעריכט אין בלוט: ער האָט נקמה גענומען פון די, וואָס האָבן זיין פאָטער דערמאָרדעט; דערפאַר אָבער שטעלט ער זיך אַלס זכות, וואָס ער האָט נאָר באַשטראָפט די, וואָס האָבן אַ דירעקטן אָנטייל גענומען אין דעם מלכס מאָרד, נישט רירנדיק זייערע הויזגעזינטן, ווי דער מנהג איז געווען אין דער דעספּאָטישער אַזיע; דערביי דערקלערט ער זיין טאַט

מיט דעם געזעץ פון תורת משה: עס זאָלן עלטערן נישט געטויט ווערן צוליב דעם פאַרברעכן פון זייערע קינדער און עס זאָלן קיין קינדער נישט געטויט ווערן צוליב דעם פאַרברעכן פון זייערע עלטערן. דאָס באַווייזט, אַז דער מלך איז שוין דאַן מער אָדער ווייניקער באַקאַנט געווען מיט דער תורה און האָט זיך געמיט זיינע שריט, ווי ווייט מעגלעך אויסצוגלייכן מיטן געזעץ.

איבערהויפּט האָט אמציה זיך ענערגיש גענומען צו פאַרפעסטיקן דאָס חיל, וואָס איז אַזוי רואינירט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן. ער האָט דורכגעפירט אַ ציילונג פון גאַנצן פאָלק און די יונגעלייט, וואָס זיינען געווען אין דעם עלטער פון צוואַנציק יאָר, האָט ער צוגענומען צו זיך אין חיל. אַזוי האָט ער באַקומען אַן אַרמיי פון דריי הונדערט טויזנט מאַן, וועלכע ער האָט באַוואָפנט לויט דער מעגלעכקייט פון דער דעמאָלסטדי־קער פאַראָרעמטער מלוכה־קאַסע. אמציה האָט שוין דאַן באַקלערט אַ גאַנצן פּלאַן פון מלחמות, דורך וועלכע ער האָט געוואָלט אויפהויבן דעם כבוד פון זיין מדינה. דערפאַר האָט זיך אים געדוכט, איז זיין חיל איז נישט גענוגנדיק און ער האָט געוואָלט דינגען הונדערט טויזנט סאָל־דאַטן צווישן אפרים; ער האָט שוין אפילו געהאָט איינגעצאָלט דער געדונגענער פּאַרטיי פאַראויס הונדערט לאָבענס (ככרים) זילבער. נאָר די נביאים, וואָס האָבן שטענדיק געשטרעבט צו פאַרהיטן יעדן מעגלעכן פרעמדן איינפלוס אויף זייער פאָלק, האָבן נישט איינגעשטימט דערצו, אַז אַ פרעמדער עלעמענט זאָל אַריינדרינגען אין די רייען פון דער נאַ־ציאָנאַלער מיליציע, בפרט נאָך געצנדינער, — ווי די עשרת השבטים זיינען דעמאָלט געווען. און די נביאים האָבן געשיקט איינעם פון זייערע אָנהענגער צו זאָגן דעם מלך: „זאָלן ביי דיר נישט זיין די חילות פון ישראל, ווייל גאָט איז נישטאָ צווישן ישראל, אין דער מלוכה פון אפ־רים. גיי דו אַליין מיט אייגענע כוחות און שטאַרק זיך אין דער מלחמה; וועט אָבער גאָט וועלן דיך וואַרפן פאַרן פיינד, דעמאָלט וועט נישט העלפן דאָס פאַרגרעסערטע חיל, ווייל אין דעם ווילן פון יהוה איז די מאַכט צו העלפן און מאַכן פאַלן". האָט אמציה געזאָגט צום געטלעכן מאַן: „און וואָס וועט זיין מיט די הונדערט ככרים, וואָס איך האָב שוין איינגעצאָלט די מחנה פון ישראל?" האָט אים געענטפערט דער געטלעכער מאַן: „גאָט

קאָן דיר באַצאָלן אַ סך מער ווי דאָס!" — דעמאָלט האָט אַמציה געפאָלגט דעם נביא און פונאַנדערגעלאָזט דאָס געדונגענע חיל.

נאָך די אויסבעסערונגען און פאַרגרעסערונגען אין דער אַרמיי איז אַמציה אַוועק מלחמה האַלטן מיט אדום, וועלכע האָט זיך נאָך אָפּגעריסן פון יהודה אין דער צייט פון זיין עלטער־זיידן יהורם. אין די עטלעכע צענדליק יאָר, וואָס אדום איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק האָט זי באַוויזן גוט צו פאַרשטאַרקן זיך פון אויסערלעכע אָנפאַלן; די הויפּטשטאָט פון לאַנד איז געוואָרן סלע, אויף אַ בערגיקן אָרט, וואָס איז געווען באַשיצט דורך נאַטירלעכע פעסטונגען פון פעלזנשטיינער. דערצו זאָל אדום אויך האָבן געשטאַנען אין אַ שטענדיקן פּאָליטישן פאַרבאַנד מיט אירע שכנים: די עמונים און די מואבים. אין די לעצטע יאָרן, ווען יהודה איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט צוליב די אינערלעכע און אויסערלעכע באַדינגונגען, איז איר אויסגעקומען פיל צרות צו ליידן פון איר אַמאָליקער אונטערגעוואָרפענער שכנה אדום, וועלכע פלעגט מאַכן אָפטע אָנפאַלן אויף די גרענעצן פון יהודה און, אין דער צייט פון אַ מלחמה — צושטיין צום שונא. די נביאים האָבן דעריבער זייער האַרציק באַגריסט די אונטערנעמונג פון אַמציה. דער נביא עובדיה האָט פאַראויס געזאָגט, אַז אַמציה וועט אָפּהאַלטן אַ גלענצנדן נצחון איבער אדום, און ער האָט דערקלערט ווי אַ שטראָף פון גאָט דערפאַר, וואָס אדום האָט זיך מיט אכזריות פאַרהאַלטן צום געטלעכן פאָלק.

„...אַ בשורה איז אונדז אָנגעזאָגט געוואָרן פון גאָט און אַ שליח איז צו די פעלקער פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן: שטייט אויף, לאָמיר גיין אויף איר (אויף אדום) מלחמה צו האַלטן! (גאָט זאָגט): צווישן אַלע פעלקער האָב איך דיך דאָס קלענסטע געמאַכט, אומעטום ביסטו פאַראַכט — און דיך האָט דיין עזות איינגערעדט: דער, וואָס רוט צווישן די שפּיציקע פעלדזן, דער וואָס זיצט אויף די הויכע בערג, יענער דענקט אין זיין האַרץ: „ווער וועט מיך קענען אויף דער ערד אַראָפּנידערן?!" גאָט זאָגט: אויב דו וועסט אפילו ווי אַן אָדלער זיך דערהויבן און אויב דו וועסט אַפילו צווישן די שטערן דיין נעסט בויען, וועל איך דיך אַזש פון דאָרטן אַראָפּשליידערן... פאַר דעם צער פון דיין ברודער יעקב, וועט דיך שאַנד באַגעגענען, וועסטו אויף אייביק פאַרלוירן ווערן. פאַר דעם טאָג, וואָס דו ביזט אין דער צייט געשטאַנען, ווען פרעמדע האָבן זיין חיל

געפֿאַנגען, און ווען די פרעמדע האָבן אין זיינע טויערן אַריינגעדרונגען און אויף ירושלים האָבן זיי גורל געוואָרפן — איר צווישן זיך צו צעטיילן — ביזטו אויך געווען איינער פון זיי. ווייל דו האָסט נישט געדאַרפט צוזען, ווען דיין ברודער איז פאַרקויפט געוואָרן, ווייל דו האָסט זיך נישט געדאַרפט פרייען ווען די בני־יהודה זיינען פאַרלוירן געגאַנגען... ווייל דו האָסט נישט געדאַרפט קומען אין טויער פון מיין פאָלק אין דעם טאָג, ווען זיין אומגליק האָט אויסגעבראָכן... ווייל דו האָסט נישט געדאַרפט שטיין אויפן שייד־וועג צו אומברייינגען זיינע אַנטלאָפענע, ווייל דו האָסט נישט געדאַרפט אַרויסגעבן זיינע איבערגעבליבענע!...״

גרויס איז טאַקע געווען דער נצחון פון אַמציהן אין אדום, און ווי גרויס דער פאָלקס־צאָרן קעגן איר איז געווען, אַזוי גרויס איז געווען די אכזריות פון דער נקמה. די שטאָט סלע איז איינגענומען געוואָרן און באַהעפט געוואָרן צו יהודה און פון די אין געפענגעניש גענומענע זיינען ביז צען טויזנט מאַן געהרגעט געוואָרן. אדום האָט נאָך דעם, אמת, ווייטער עקזיסטירט ווי אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק, נאָר דאָך איז איר מפלה געווען גרויס. איינער פון די פאָעטן אין יהודה האָט די מפלה באַזונגען מיט די ווייטערדיקע ווערטער:

„ווער קומט עס אָן פון אַדום, מיט פאַרשמוצטע קליידער, ווער קומט פון בצרה? — דער, וואָס זיין קליידונג איז שטענדיק באַשיינט, וואָס קלעטערט מיט זיין גרויסער מעכטיקייט... — פאַרוואָס איז דיין איינהילונג רויט און פאַרוואָס זיינען דיינע קליידער אַזוי, ווי דו וואָלסט אין קעלטער געטראָטן? — אַ ווייגשטאָק האָב איך אַליין צעטראָטן, קיין פאָלק איז פאַר מיר נישט געשטאַנען, האָב איך זיי געטראָטן אין מיין כעס, האָב איך זיי צעדריקט אין מיין צאָרן, און זייער בלוט האָט אויף מיינע קליידער געשפריצט און מיין גאַנצע איינהילונג האָב איך באַשמוצט. ווייל עס איז געקומען דער טאָג פון נקמה אין מיין האַרץ און דאָס יאָר פון מיין דערלייזונג איז געקומען. איך האָב זיך אומגעקוקט, אַז קיינער העלפט מיר נישט, איך האָב זיך פאַרוואונדערט וואָס קיינער שטיצט מיך נישט, האָט מיר מיין אָרעם געהאָלפן, האָט מיר מיין צאָרן געשטיצט...״

דער נצחון, וואָס אַמציה האָט אָפּגעהאַלטן איבער אדום, האָט אָנגעפילט זיין האַרץ מיט שטאָלץ, זיין קאָפּ איז אים באַרוישט געוואָרן,

און ער האָט גאָר פאַרלוירן דעם אמתן חשבון פון זיינע כוחות. עס איז אים איינגעפאַלן אַרויסצוטרעטן מיט אַ מלחמה קעגן ישראל, וועלכער האָט בעתן קעניגן פון זיין מלך יואש שוין אָנגעהויבן גרויס אויסוואַקסן, איז געווען אַ שטאַרקע מלוכה און איז אין דער ווירקלעכקייט געווען שוין פיל מעכטיקער פאַר יהודה. די נאָענטסטע סבה, וואָס האָט די מלחמה אַרויסגערופן, זאָל זיין דאָס־אָ: ווען דער מלך אַמציה האָט פלוצלינג צוריקגעשיקט דאָס געדונגענע חיל פון שומרון, האָט דאָס די סאָלדאַטן זייער באַליידיקט, און אַז זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים, האָבן זיי זיך נוקם געווען פאַר דער באַליידיקונג, אויף די גרענעץ־שטעט פון יהודה, בשעת אמציה אַליין איז געווען פאַרנומען מיט דער מלחמה אין אדום. דער מלך פון ירושלים האָט, ווי ס׳ווייזט אויס, געפאָדערט אַ באַפרידי־קונג און האָט זיך גענומען צום שווערד. די ברידער־מלחמה האָט זיך אָבער געענדיקט זייער טרויעריק פאַר יהודה. יהואש דער מלך פון ישראל האָט צעשלאָגן די רייען פון אמציהס חיל אויפן קריגס־פּלאַץ ביי בית־שמש און האָט אים געצוואונגען צו אַנטלויפן. דער מלך פון יהודה אַליין איז אַריינגעפאַלן אין געפענגעניש ביי יואשן; דעמאָלט איז דער פיינד געגאַנגען ווייטער, טיפער אין לאַנד און איז צוגעקומען ביז צו דער הויפּטשטאָט ירושלים; דאָרטן האָט ער אויפגעבראָכן די וואַנט, וואָס ציט זיך אַרום שטאָט און איז אַריינגעדרונגען אינעווייניק, אָנגעמאַכט חורבו־נות און צוגענומען פיל גאָלד און זילבער פון אוצר המלוכה און פיל טייע־רע כלים פון בית־המקדש; אמציהן האָט יואש אָבער נאָך דעם געלאָזט זיצן ווייטער אויף זיין טראָן; ער האָט נאָר גענומען ערובניקעס, — די קינדער פון די גרויסע מלוכה־לייט — אַז די ווענט פון ירושלים זאָלן זיך ביז אַ געוויסער צייט נישט צוריק אויפבויען און אַז יהודה זאָל ביז אַ געוויסער צייט נישט וואַגן צו באַאומרואיקן שומרון.

אַזוי האָט אמציה אומגליקלעך געענדיקט זיין ממשלה, וועלכע ער, ווי ס׳האָט זיך געדוכט, האָט אַזוי גלענצנדיק אָנגעהויבן. נאָך דער מלחמה מיט יואשן האָט נאָך אמציה געוועלטיקט איבערן לאַנד אַ יאָר פופצן, אָבער עס איז געוואַקסן כסדר די אומצופרידנקייט פון פאָלק מיט דעם, וועלכער האָט מיט די אייגענע הענט אַזוי אומזיניק איבערגעפירט זיין אויפבלי. סוף כל סוף הייבט זיך אויף קעגן אים אַ בונט, און אמציה לויפט זיך באַהאַלטן קיין לכיש (פלשתים); די פאַרעטער האָבן אים נאָכ־

געיאָגט, געכאַפּט אויפן וועג און אים דאָרטן געטויט, אויפן 29־טן יאָר זינט ער איז אַרויף אויפן טראָן. (815).

נאָך אַמציהס טויט זיינען אויף יהודה געקומען נאָך פיל ערגערע צייטן. דער געזעצלעכער יורש פון דער מלוכע עוזיהו אָדער עזריהו, דער זון פון אמציה, איז אַ יונג קינד געווען נאָך זיין פאָטערס טויט, בסך הכל אַלט אַ יאָר זעכצן; מיטן לאַנד האָבן דערפאַר אַנגעפירט די שרים און די איינפלוסרייכע אַריסטאָקראַטן, וועלכע זיינען געווען נאָענט צום הויף; די דאָזיקע ממשלה פון צענדליקער שרים, האָט, ווי יעדע אָליגאַרכישע ממשלה בכלל, זיך נאָר געמיט אויסצונוצן די מאַכט פאַר זייער אייגענער טובה און פאַר דער טובה פון זייער קלאַס; דאָס חיל איז געווען קליין און שוואַך, דאָס לאַנד איז געווען שוצלאָז; דערווייל איז אָבער יהודה געווען דורכאויס אַרומגערינגלט מיט פיינט, וואָס האָבן איר געוואָלט איינשלינגען. די ערשטע האָבן זיך די אדומים באַנוצט מיט דער הילפסלאָזיקייט און אָפּגעשוואַכטקייט פון זייער שכנה. זיי האָבן פון דאָס ניי גענומען מאַכן אָנפאַלן אויף די יהודהשע גרענעצן, און זיך אָפּגערעכנט פאַר דער מפּלה אין אמציהס צייטן; זיי האָבן געראַ־בעוועט, געטייט, געכאַפּט אין געפענקעניש. די פלשתים, די מצרים,אפילו די פיניציער, די אַמאָליקע גוטע פריינט פון יהודה, זיינען אויך נישט אָפּגעשטאַנען פון דער קאָמפּאַניע און האָבן פאַרכאַפּט שטעט און געגענ־טן פון דער אומגליקלעכער מלוכה; אַ טייל פון דער באַפעלקערונג האָבן זיי אויסגעהרגעט און אַ טייל האָבן זיי פאַרקויפט פאַר קנעכט אין גריכנ־לאַנד און אין די איבעריקע ווייטע לענדער און אינדזלען.

צו די אויסערלעכע אומגליקן, וואָס האָבן זיך פאַר יענער צייט גע־שאָטן אויף דער דערשלאָגענער יהודה, איז נאָך צוגעקומען אויך אַן אי־נערלעכע. עס זיינען אויפן לאַנד אָנגעקומען אומגעהויערע היצן און טרי־קענישן צוזאַמען מיט אַ שרעקלעכן היישעריק, וואָס האָט אויפגעפרעסן אַלע תבואות אויף די פעלדער, אַלע פרוכטן אויף דיביימער און אַלע גראָזן פון די לאָנקעס; צוליב דעם האָט זיך אין לאַנד אָנגעהויבן אַ גרוי־סער הונגער. עס האָט זיך געדוכט, אַז די נאַטור אַליין איז געקומען פאַרענדיקן די אומאויפהערלעכע אָנפאַלן פון די אַרומיקע פעלקער. דער נביא יואל בן פתואל, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט, שילדערט מיט די ווייטערדיקע ווערטער דעם אָנפאַל פון היישעריק:

„בלאָזט שופר אין ציון, שאַלט אויף דעם הייליקן באַרג, זאָלן אויפֿ־ציטערן אַלע איינוואוינער פון לאַנד, ווייל עס קומט אָן אַ טאָג פון גאָט, ער איז שוין נאָענט — אַ טאָג אַ פינצטערער און אַ שוואַרצער, אַ טאָג אַ וואָלקנדיקער און אַ נעפלדיקער, אַזוי ווי דער מאָרגנשטערן, האָט זיך אויף די שפּיץ בערג אויסגעשפּרייט אַ גרויס מעכטיק פאָלק, וואָס אַזאַ איז נאָך נישט געווען זינט עס שטייט די וועלט, און אַזאַ וועט מער נישט זיין, זינט עס וועט שטיין די וועלט. פאַראויס פאַר אים ברענט דאָס פייער, הינטער אים פלאַקערט דער פלאַם; ווי אַ גן־עדן איז דאָס לאַנד פאַר אים געווען און ווי אַ וויסטער מדבר וועט עס נאָך אים זיין — קיין געדע־כעניש וועט נישט בלייבן! ווי די פערד זעען זיי אויס און ווי די רייטער אַזוי לויפן זיי. ווי דער רעש פון די רייטוועגן, וואָס שפּרינגען איבער די שפּיציקע בערג, ווי דאָס זשומען פון דעם פייער, ווען עס פרעסט אויף דאָס שטרוי, אַזוי טומלט דאָס מעכטיקע קריגס־גרייטע פאָלק. לעבנדער ציטערן פאַר אים; שוואַרץ ווערן די געזיכטער, ווי דער געברענגטער קעסל. ווי די העלדן פליען זיי, ווי קריגס־לייט קלעטערן זיי אויפן שטאָט־מויער; יעדער פון זיי גייט זיך זיין וועג, און זיי פאַרבלאָנדזשען נישט קיין מאָל. און איינער דעם צווייטן דריקט נישט, יעדער איינער האָט זיך זיין שטעג און אַז זיי טרעפן די שווערד, מאַכט ער זיי קיין וואונד נישט. עס רוישט אין שטאָט, אין די מויערן דרינגען זיי אַריין, אויף די הייזער קלעטערן זיי, דורך די פענצטער רייסן זיי זיך דורך, ווי גנבים. די ערד ציטערט פאַר זיי, די הימלען שטורעמען; די זון האָט זיך באַהאַלטן, די לבנה איז פאַר־פינצטערט געוואָרן, די שטערן האָבן זייער שיין פאַרלוירן. גאָט אַליין פירט אָן זיין חיל, גרויס איז זיין מחנה, מעכטיק זיינען זיינע דינסט־גרייטע. גרויס איז דער טאָג פון גאָט און שרעקלעך איז ער, ווער קאָן אים פאַר־טראָגן ? !...״

דער נביא יואל גלייבט געוויינלעך, אַז די דאָזיקע אָנשיקעניש איז נישט קיין אומזיסטע. דאָס שטראָפט גאָט זיין פאָלק, ווייל עס איז זינדיק, און דער נביא רופט צו תשובה :

„בלאָזט שופר אין ציון, פייניקט אייערע הערצער, רופט צונויף אַ פאַרזאַמלונג. פאַרזאַמלט דאָס פאָלק, רופט אויף די אַלטע לייט, קלייבט אויף די יונגע קינדער, זאָל דער חתן פאַרלאָזן זיין צימער און די כלה — איר חופה. צווישן מזבח און דעם אולם זאָלן וויינען די כהנים, וואָס דינען

פאַר גאָט און זאָלן זיי בעטן: „דערבאַרעם דיך, גאָט, אויף דיין פאָלק און דיין נחלה זאָלסטו נישט מאַכן צו שאַנד פאַר אַ שפּרעכוואָרט ביי די פעל־קער; פאַרוואָס זאָלן די פעלקער זאָגן: „וואו איז זייער אַלמעכטיקער?!...״ און גאָט וועט פאַרדריסן פאַר זיין לאַנד און ער וועט זיך דערבאַרעמען איבער זיין פאָלק. און ער וועט ענטפערן זיין פאָלק און וועט אים אַזוי זאָגן: איך שיק אייך קאָרן, וויין און אייליבירטן, ביז צו זאַט וועט אייך גענוג זיין און מער וועל איך אייך צו שאַנד נישט מאַכן צווישן די פעל־קער... שרעק זיך נישט, ערד, פריי זיך און לאַך, ווייל גרויס זיינען די מעשים פון גאָט. שרעקט זיך נישט, פון פעלד בהמות, ווייל דער טרוקע־נער מדבר האָט זיך באַדעקט מיט גראָז, ווייל דער בוים האָט געבראַכט זיין פרוכט; די פייג און דער ווייַנשטאָק האָבן געבראַכט זייערע זאַפטן. פרייט זיך, קינדער פון ציון, פרייט זיך מיט יהוה אייער גאָט, ווייל ער האָט אייך מיט רעגן באַגנאַדיקט... און פול וועלן ווערן די שייערן מיט תבואה, און עס וועלן די קעלטערן רוישן מיט וויין און מיט בוימל, איך וועל אייך באַצאָלן פאַר די יאָרן, וואָס עס האָט אויפגעפרעסן דער היישעריק — מיין גרויס חיל, וואָס איך האָב אויף אייך געשיקט. און איר וועט אייך שפייזן און איר וועט זאַט זיין און איר וועט לויבן אייער אַלמעכטיקן גאָט יהוה, וואָס האָט מיט אייך וואונדער געטון — און מיין פאָלק וועט זיך מע רשוין נישט דאַרפן שעמען. און איר וועט וויסן, אַז איך בין צווישן מיין פאָלק און אַז איך, יהוה, בין אייער גאָט — און מיין פאָלק וועט זיך מער שוין נישט דאַרפן שעמען״.

אין דער באַגייסטערונג פון דער נבואה רעדט יואל אויך וועגן די ליידן, וואָס יהוה איז אויסגעשטאַנען פון די פיינטלעכע פעלקער און ער איז מבשר, אַז עס איז שוין גאָענט דער טאָג פון נקמה. „אַלץ — זאָגט גאָט מיטן מויל פון דעם נביא — וועל איך שענקען, זייער פאַרגאָסן בלוט אָבער וועל איך קיינמאָל נישט שענקען!״ אויף דער ערדציטערניש, וואָס האָט אין יענער צייט אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע פאָדערשטע אַזיע, אָנגעמאַכט אַ סך חורבנות, אָוועקגעטראָגן אַ סך קרבנות און, ווי ס'האָט אויסגעזען, נאָר יהודה אויסגעמיטן, ווייזט אָן דער נביא, ווי אויף אַ שטראָף פון גאָט פאַר דער אכזריותדיקער באַהאַנדלונג פון די אַזיע־פעלקער בנוגע צו יהודה. שפּעטער רעדט דער נביא וועגן דער נאָענטער אויפבליאונג און אויפלע־בונג פון זיין פאָלק:

„אין יענע טעג און אין יענער צייט וועל איך אומקערן די געפאַנגענע פון יהודה און ירושלים. און איך וועל צונויפזאַמלען אַלע פעלקער... און איך וועל זיי משפטן פאַר מיין פאָלק און פאַר מיין נחלה, דערפאַר, וואָס זיי האָבן אים צעזייט און דאָס לאַנד צעריסן. אויף מיין פאָלק האָבן זיי גורל געוואָרפן, צו אַ זונה האָבן זיי זייערע יינגלעך פאַרקויפט און פאַר וויין האָבן זיי זייערע מיידלעך פאַרקויפט... און איר אויך, צור און צידון און די געגנטן פון פלשתים — דאָס באַצאָלט איר מיר אַזוי? אויב דאָס איז אייער צאָלונג, וועל איך אים גיך צוריקקערן אויף אייערע קעפּ. דערפאַר, וואָס איר האָט מיין גאָלד און מיין זילבער באַרויבט און מיינע טייערסטע ווערטזאַכן האָט איר אין אייערע פּאַלאַצן געבראַכט; דערפאַר, וואָס איר האָט די קינדער פון יהודה און ירושלים פאַרקויפט צו די גריכן אין ווייטע לענדער... וועל איך זיי צוריקברענגען פון די ערטער, וואו איר האָט זיי פאַרקויפט און איך וועל אייערע מעשים אויף אייערע קעפּ צוריקוואַרפן: און איך וועל איבערגעבן אייערע זין און אייערע טעכטער אין די הענט פון יהודה און זיי וועלן זיי פאַרקויפן צו שקלאַפנהענדלער אין ווייטע לענדער”.

די נחמות פון דעם געטלעכן נביא יואל בן פתואל זיינען אין דער אמתן גיך פאַרווירקלעכט געוואָרן, ווי נאָר דער באַגאַבטער עוזיהו איז אויסגעוואַקסן און האָט אַריינגענומען אין זיינע הענט די הנהגה פון לאַנד.

די דויערהאַפטיקע ממשלה פון עוזיהו (755—705) האָט זיך אין יהודה אויסגעצייכנט מיט אויסערלעכן גלאַנץ און אינערלעכן וואוילשטאַנד. דער נייער מלך האָט גיך אויסגעהיילט די וואונדן, וועלכע די מלוכה האָט באַקומען בעת די פריערדיקע צוויי הערשער, וועלכע זיינען דערהרגעט געוואָרן. כדי צו באַשיצן דאָס לאַנד פון פיינטלעכע אָנפאַלן האָט דער מלך פאַרגרעסערט זיין חיל און אויסגעבויט נייע פעסטונגען אויף די גרענעצן פון דער מלוכה. ווייטער האָט ער צורעכט־געמאַכט ארום ירושלים דעם מויער, וואָס איז געוואָרן איינגעבראָכן אין דער פאַריקער מלחמה מיט ישראל. ער האָט דאָרטן אויפגעשטעלט גרויסע טורעמס, אויף וועלכע עס האָבן זיך געפונען שליידער־מאַשינעס אויף צו וואַרפן אויפן שונא פיילן און שטיינער. די יהודהשע קריגסלייט זיינען באַזאָרגט געוואָרן מיט נייע פאַנצערס, מיט נייע שיס־בויגנס און שפּיזן. עס איז פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל פון די קריגס־וועגענער און פערד זיינען געבראַכט געוואָרן פאַרן חיל אין אַ גרויסן סכום. ווען ער האָט געהאַט אָפּגעפרישט אויף אַזאַ אופן

זיינע קריגס־כוחות און מיטלען, האָט עוזיהו זיך געווענדעט קעגן זיינע אויסערלעכע פיינט. ער האָט פון דאָס ניי רואיק געמאַכט די אדומים און ווידער אָפּגענומען ביי זיי דעם האַפן אילת, ביים אויסגוס פון רויטן ים. דאָס האָט געגעבן יהודה די מעגלעכקייט פון דאָס ניי צו פירן דעם האַנדל ביי די ברעגן פון ערב (אַראַביע) און הודו (אינדיע), אַזוי ווי אין די צייטן פון מלך יהושפט. נאכער האָט ער זיך אָפּגערעכנט מיט די פלשתים און די איבעריקע פיינטלעכע שכנים, וואָס האָבן די לעצטן יאָרן אַזוי פיל חורבנות געמאַכט אין זיין פאָטערלאַנד. ביי די ערשטע האָט ער אָפּגענומען פיל שטעט, צווישן וועלכע ס'איז געווען אויך די באַרימטע אשדוד. די איבע־ריקע קלענערע שכנהשע מלוכות, ווי עמון צ״ב האָבן אַליין עוזיהון אויס־געדריקט זייער אונטערטעניקייט און האָבן אים געשיקט יערלעכע מתנות. דער מלך האָט זיך אויך געמיט אויפצוהייבן די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד. אויסער דעם, וואָס ער האָט באַנייט דעם ים־האַנדל דערמיט, וואָס ער האָט אילת ביי אדום אָפּגענומען, האָט ער באַזונדער געשטיצט די ערד־אַרבעט. ער האָט אין לאַנד געגראָבן פיל נייע ברונעמס און פיל קאַנאַלן דורכגעפירט צו באַזאָרגן די פעלדער מיט וואַסער. ער אַליין האָט געהאַט פיל ערד, וואָס ער האָט גוט באַאַרבעט. ווי אַ טייל פון דער לאַנדווירט־שאַפט האָט ער אויך אויפגעהויבן דאָס האָדעווען פון בהמות. תבואה, וויין און בהמות זיינען אין יהודה אין עוזיהוס צייטן געווען די הויפט קעגנ־שטאַנדן פון זיין אויסערלעכן האַנדל, וועלכער האָט אין לאַנד אריינגע־בראַכט פיל גאָלד און זילבער פון די ארומיקע רייכע לענדער, ווי פעניציע און מצרים. יהודה האָט זיך אין עוזיהוס צייטן פון דאָס ניי אויפגעהויבן צו יענער גלענצנדיקער שטופע פון פאָליטישער מאַכט און עקאָנאָמישן וואויל־שטאַנד, אויף וועלכער זי איז געשטאַנען אין די גליקלעכע צייטן פון שלמה און יהושפט.

אין גייסטיקער הינזיכט איז עוזיהו אין אַנהייב געווען אַ שטאַרקער אַנהענגער פון דער פרומער פּאַרטיי. ער האָט זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פונעם נביא זכריה דעם ערשטן און כל זמן דער נביא האָט גע־לעבט, האָט עוזיהו פערזענלעך זיך פעסט געהאַלטן ביי דעם וועג פון די „געטלעכע לייט״. ער האָט אָבער אַ קליינע ווירקונג געהאַט אויף דער מאָראַלישער דערציאונג פון פאָלק אין זיין צייט. דער מלך איז געווען זייער פאַרנומען מיט דער איינאָרדענונג פונעם חיל, מיט די פאַרשידענע מלחמות,

מיט דער אויסבעסערונג פון דער מלוכה־ווירטשאַפט אַזוי, אַז די אינער־לעכע הנהגה אין לאַנד איז פּראַקטיש, ווי אין דער צייט פון זיין אוממינדי־קייט, געבליבן אין די הענט פון די שׂרים און די קצינים (אַריסטאָקראַטן), וועלכע זיינען געוואָרן אַלץ מער אייגננוציק, וואָס מער דאָס לאַנד איז געוואָרן רייכער. וואָס מער גאָלד ס׳איז אַנגעקומען אין לאַנד, אַלץ מער האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט דער אַפּעטיט ביי די מעכטיקע ספערן. און אַזוי ווי אין שומרון אין דער זעלביקער עפּאָכע, אַזוי אויך אין ירושלים האָבן די שׂרים זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיינע מיטלען, כדי זייער געלטגייץ צו באַפרידיקן; ביי זיי איז קיין אַנדער גאָט נישט געווען אוי־סער דאָס געלט און קיין אַנדער ציל נישט געווען אויסער תענוגים. צוזאַ־מען מיט דער דאָזיקער עשירות איז אין יהודה אויך, אַזוי ווי אין אפרים, אַריינגעדרונגען די תאווה צו לוקסוס אין עסן, אין טרינקען, אין קליידן זיך. די באַדערפעינישן זיינען געוואַקסן גיכער פאַר די מיטלען. דאַן האָט מען געמוזט זיך באַנוצן מיט שוחד, אָפּנאַרעריי, גנבה און גזילה. פון דעם דאָזיקן כאַאָס האָבן, פאַרשטייט זיך, דאָ, אין יהודה, איבערהויפּט געליטן די שוואַכע, שוצלאָזע און אָרעמע קלאַסן. די שׂרים אין יהודה האָבן זיך אַסיך געפילט נישט באַקוועם מיט יהוה ביי זייער מאָראַלישער נידעריקייט און האָבן דעריבער אויך אַזוי ווי די רייכע אין אפרים, גענומען — לכל הפּחות יעדער פאַר זיך — איינפירן דאָס געצנדינעריי. ביי דעם נייעם קולט האָט זיך געקענט גאַנץ לייכט פאַרשפּרייטן אין לאַנד די ציניש־אוטיליטאַ־ריסטישע לעבנס־פאָרמול: „פרייד און לוסטיקייט, טויטן רינדער און קוילען שעפּסן, עסן פלייש און טרינקען וויין, עסן, טרינקען און מאָרגן שטאַרבן!״... אין קעגנזאַץ פון שומרון, איז אין ירושלים דאָס געצנדינעריי געווען דערוויַיל נאָר אַ פּריוואַט־זאַך; די אָפיציעלע ממשלה האָט זיך נאָך געהאַלטן ביים טראַדיציאָנעלן קולט פון יהוה און געשטיצט דעם אינסטי־טוט פון קרבנות; דערמיט אָבער האָט זיך באַגרענעצט איר זאָרג פאַר דעם וואוקס פון דער נאַציאָנאַלער גייסטיקער קולטור... ענדלעך איז אָבער פאָר־געקומען אַזאַ געשעעניש, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ געוויסע פיינטשאַפט אַפילו צווישן דער אָפיציעלער ממשלה און די טרייע טרעגער פון די אַלטע טראַדיציעס. די מאַכט פונעם מלך אין פאַלעסטינע איז שטענדיק געווען אַ באַגרענעצטע — ער איז נאָר געווען דער אָנפירער אין מלחמה און דער העכסטער שופט; זיין געזעצגעבעריש רעכט איז אָבער שטענדיק געווען

באַשרענקט מיט די מסורות און מנהגים און חוקים, וועלכע זיינען איבער־געגאַנגען פון דור צו דור, פון משהן ביז די נביאים; ווייטער האָט מיטן מלך צוזאַמען עקזיסטירט אין לאַנד דער כהן גדול, פון די בני אהרן, וועל־כער איז געווען די העכסטע גייסטיקע מאַכט. עוזיהו האָט זיך אָבער געפילט זייער שטאַלץ נאָך די גרויסע פאַרדינסטן זיינע פאַר זיין פאָלק — און אפשר האָט ער אויך געשטרעבט צו באַפעסטיקן די צענטראַליזאַציע פון דער מלוכה, — און אים האָט זיך דורכאויס געוואָלט פאַראייניקן אין זיין אייגענער פערזאָן אי די מאַכט פון דעם מלך, אי דאָס רעכט פונעם כהן גדול. דער דאָזיקער פאַרלאַנג איז אָבער אנערקענט געוואָרן ווי אַ ווידער־שפרוך צו די אַלטע טראַדיציעס פון פאָלק; איבערהויפּט האָבן קעגן דעם געקעמפט די כהנים, וועלכע האָבן געקוקט אויף דער כהונה, ווי אויף זייער אַ פּריווילעגיע פון דורות; די נביאים ווידער, האָבן דאָך געוויס נישט גע־קאָנט מסכים זיין, אַז די באַדייטונג פון מלך זאָל אַזוי אומענדלעך אויס־וואַקסן: זיי האָבן דאָך נאָך אין די אַלטע צייטן געקעמפט אַפילו קעגן די דערמאָנטע באַשרענקטע פּריווילעגיעס פונעם הערשער! — דער צוזאַ־מענשטויס צווישן מלך און צווישן די כהנים איז גלייך פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף: דער מלך איז געקומען אין בית־המקדש און האָט געוואָלט מקטיר זיין קטורת אויפן מזבח. דאַן איז צוגע־טראָטן צו אים עזריהו דער כהן גדול מיט נאָך כהנים ביז אַ מאַן אַכציק, און האָבן אים דערקלערט, אַז ער באַגייט במזיד אַ פאַרברעכן קעגן גאָט, ווייל נאָר די בני אהרן זיינען פון גאָט געהייליקט אים אין זיין בית־המקדש צו דינען. דער מלך איז בייז געוואָרן, נאָר ער האָט פאַרגעזעצט די אַרבעט פון מקטיר זיין קטורת. פּלוצלונג האָט אים אַ צרעת אויסגעשפּראָצט אויפן שטערן אין דער אַנוועזנהייט פון אַלע פאַרזאַמלטע; דאַן האָט דער מלך פאַרלאָזט גאָטס הויז. נאָר דאָס צרעת האָט זיך פון אים נישט אָפּגעטון און האָט באַדעקט זיין גאַנצן לייב. עוזיהו האָט געמוזט פאַרלאָזן ירושלים, וואו עס האָט זיך, לויטן געזעץ, קיין מצורע נישט געטאָרט געפינען, און זיך באַזעצט אין זיינס אַ גוט אויסערן שטאָט. אַזוי איז דער העלדישער מלך נאָך פאַרן לעבן אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין רעזידענץ און צוזאַמען מיט דעם אויך פונעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן אין לאַנד. די מאַכט, האָבן, נאָך מער ווי פריער, פאַרכאַפּט די שרים און זייער ווילקיר האָט שוין דאַן פאַר זיך גאָר קיין גרענעץ נישט געהאַט. יותם, דער זון פון עוזיהו,

האָט שוין דאַן געגומען אַן אַנטייל אין דער הנהגת פון לאַנד, נאָר ער איז נאָך דאַן געווען צו יונג, כּדי צו קאָנען זיך פעסט אַוועקשטעלן קעגן דער איינגעוואָרצלטער אַריסטאָקראַטישער הויף־פּאַרטיי. דערווייל האָבן נאָר די נביאים אַליין געקעמפט קעגן דעם אומרעכט און דעם געצנדינערײַ פון די שרים, וואָס האָט זיך שוין געהאַט פאַרשפּרייט אויך צווישן די אַלע אַנדערע קלאַסן פון פאָלק.

דאַן האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן די גרויסקייט פון דעם אייניקל ישעיהו בן אמוץ. אין זיין פערזאָן האָט די נבואה דערגרייכט איר העכסטע מדרגה: ער איז געווען דער גרעסטער קינסטלער פון דעם געטלעכן וואָרט, דער טיפזיניקסטער דיכטער פון דער אַלמענטשלעכער געדעכטיקייט און אויך דער ווייטזיכטיקסטער דיפּלאָמאַט פון זיין צייט. ווי אַלע נביאים, איז אויך דער דאָזיקער זשעני געווען אויף אַזוי פיל עניו, אַז ער האָט נישט געפונען פאַר נייטיק צו דערקלערן די איבעריקע דורות, ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט. נאָר פון ווייטלויפיקע רמזים קאָן מען מערקן, אַז לויט זיין יחוס איז ישעיהו געווען אַן אַריסטאָקראַט, און האָט געשטאַמט פון הויכגעשטעלטע מלוכה־לייט. דערויף זאָגן אויך עדות זיין גרויסאַרטיקע, איידל־קלינגענדיקע שפּראַך, און זיינע בילדער־רייכע פאַעמעס, וואָס האָבן כּמעט קיין גלייכן נישט צו זיך אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער וועלט־פּאָעזיע. זיין טעטיקייט האָט ישעיהו אָנגעפאַנגען אינעם לעצטן יאָר פון עוזיהוס לעבן. מיט די ווייטערדיקע ווערטער שטעלט ישעיהו פאָר די ערשטע אנט־פּלעקונג פון דער נבואה צו אים:

„אין דעם יאָר, וואָס דער מלך עוזיהו איז געשטאָרבן האָב איך געזען: גאָט זיצט אויף זיין הויכן, דערהויבענעם טראָן, וואָס זיינע ברעגן דערפילן דעם גאַנצן הימל־פּאַלאַץ. מלאכים שטייען ארום אים; זעקס פליגלען האָט יעדער איינער, זעקס פליגלען האָט יעדער איינער; מיט צוויי פאַרדעקט ער זיין געזיכט, מיט צוויי פאַרדעקט ער זיינע פיס און מיט צוויי פליט ער. און עס רופט איין מלאך צום צווייטן, ער רופט און ער זאָגט: הייליק, הייליק איז יהוה דער הערשער; די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיין רום! און אויפגעטרייסלט האָבן זיך די זיילן פון הימל־פּאַלאַץ ביי דעם דאָזיקן אויסרוף און פול איז ער געוואָרן מיט נעפּל. האָב איך אויסגעשריען: ווי איז מיר, איך בין פאַרלוירן! איך בין אַ מענטש פון אומריינע לעפצן און וואוין צווישן אַ פאָלק מיט אומריינע לעפצן — און מיינע אויגן האָבן גאָט

דעם אַלמעכטיקן געזען! דאַן איז אַ מלאך צו מיר צוגעפלויגן; אין האַנט האָט ער אַ ברענענדיקע קויל געהאלטן; מיט אַ צוואַנג האָט ער זי פון מזבח גענומען. און עס האָט דער מלאך מיט דער קויל מיין מויל אָנגע־רירט און ער האָט געזאָגט דערביי אַזוי: „דאָס האָט גאָט דיינע ליפּן אָנגע־רירט, איצט זיינען אויס דיינע זינד און דיינע פאַרברעכנס זיינען פאַר־געבן!"דאַן האָב איך גאָטס שטים דערהערט, ער פרעגט: „וועמען זאָל איך שיקן, ווער וועט פאַר מיר גיין? האָב איך געזאָגט: איך בין גרייט, שיק מיך. האָט גאָט צו מיר געזאָגט אַזוי: „גיי, זאָג דעם פאָלק: הערן זאָלט איר הערן און גאָר נישט פאַרשטיין, און זען זאָלט איר זען און גאָר נישט וויסן. פאַרשטאָפּט זאָל ווערן דאָס האַרץ פונעם פאָלק און פאַרטויבט זאָלן ווערן זיינע אויערן און פאַרבלענדט זאָלן ווערן זיינע אויגן — טאָמער וועלן זיינע אויגן דערזען, טאָמער וועלן זיינע אויערן דערהערן, טאָמער וועט זיין האַרץ פאַרשטיין — און ער וועט תשובה טון און ער וועט זיין רפואה געפינען!"...

פאַר דער דאָזיקער שליחות פון גאָט האָט דער נביא ישעיהו בן אמוץ זיין גאַנצן לעבן מקריב געווען: ער האָט געלעבט ביים רעגירן פון פיר מלכים, ביי די פאַרשידנסטע באַדינגונגען אינעם לאַנד; ער האָט אָבער זיין פליכט קיין מאָל נישט פאַרגעסן, זיין פליכט, צו באַקעמפן די מעכטיקע אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט בוגד געווען אין גאָט און אין זיין פאָלק צוליב דעם פיל גליק און גוטס, וואָס גאָט האָט דעם לאַנד געשאָנקען.

„איך וויל זינגען פאַר מיין פריינד דאָס ליד פון זיין וויינגאָרטן. מיין פריינד האָט אַ וויינגאָרטן אויף אַ פעטן פלאַץ געהאַט. האָט ער אים ארומ־געצוימט, האָט ער אים אויסגערייניקט פון שטיינער, אַ יונגן וויינשטאָק האָט ער אין אים פאַרפלאַנצט און אַ טורעם האָט ער אין אים אויפגעבויט און אַ קעלטער האָט ער אין אים אויסגעגראָבן — געהאָפט האָט ער אויף גוטע וויינטרויבן, אויסגעוואַקסן זיינען נאָר פאַרדאַרבענע. איבט משפט, איר, ירושלים־ און יהודה־לייט, צווישן מיר און מיין וויינגאָרטן. וואָס נאָך האָב איך געזאָלט טון פאַר מיין וויינגאָרטן, וואָס איך האָב נישט געטון? פאַרוואָס האָב איך געהאָפט, אַז ער וועט מיר גוטע פרוכט ברענגען און פאַרוואָס האָט ער נאָר שלעכטע געבראַכט? איצט לאָז איך אייך וויסן, וואָס איך וועל ווייטער מיט מיין וויינגאָרטן מאַכן: אַראָפּ זיין צוים און זאָל ער צעגריזשעט ווערן, צעבראָכן זיין וואַנט — און זאָל ער צעטראָטן

ווערן! ווייסט וועל איך אים מאַכן, ער וועט נישט אַרומגעשווירן ווערן, ער וועט נישט אַרומגעגראָבן ווערן, דערנער וועלן אים באַדעקן — די וואָלקנס וועל איך פאַרזאָגן, קיין רעגן אויף אים נישט צו גיסן!"

און דער נביא דערקלערט דעם משל פון זיינע רייד —

„ישראל — דאָס איז דער ווייַנגאָרטן פון גאָט דעם הערשער; יהודה — דאָס איז זיין ליבלינג־פלאַנץ; האָט גאָט געהאָפט פון אים אויף גע־רעכטיקייט און געפונען האָט ער נאָר דאָס אומרעכט; אנשטאָט דאָס דער־וואַרטע גוטס, האָט ער נאָר בייזעס באַגעגנט!" — „גאָט רופט צום גע־ריכט די עלטסטע פון זיין פאָלק און זיינע שרים: איר האָט אויפגעפרעסן דעם ווייַנגאָרטן: אין אייערע הענט געפינט זיך דאָס רויב פון דעם אָרי־מאַן! פאַרוואָס דריקט איר מיין פאָלק און צעמאָלט די אָרעמע לייט — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיקער הערשער!"...

ישעיהו בן אמוץ פלעגט זיינע נביאות זאָגן אין בית־המקדש אום שבת, ראש חודש און יום טוב, ווען דאָס פאָלק פלעגט זיך פאַרזאַמלען גאָט בעטן און די שרים פלעגן אויך קומען אָפּריכטן דעם אָפיציעלן צערעמאָניאַל פון קרבנות ברענגען. זיינע רייד פלעגן אָבער ווייַניק אָרן די יעניקע, וועלכע זיינען געווען די אמתע שולדיקע אין דער דעמאָראַליזאַציע פון פאָלק, וואָס גייט זיי אָן דער נביא, ווען פאַקטיש זיינען זיי די בעלי בתים אין לאַנד?

די לאַגע האָט זיך אין דער הינזיכט נישט געענדערט אַפילו אויך נאָכן טויט פון מלך עוזיהו (אויפן צוויי און פופציקסטן יאָר פון זיין ממשלה), ווען אויפן טראָן איז אַרויף זיין זון יותם (754—739). זיין צוגעבונדנקייט צו דער טראַדיציע איז געווען נאָך פיל שטאַרקער, ווי זיין פאָטערס, נאָר ער האָט אויך נישט געקענט זיך אָפּגעבן מיט דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון פאָלק. ווי אַ ווייטזיכטיקער שטאַאַטסמאַן האָט ער פאָראויסגעזען די אשור־געפאַר: די גרויסע מלוכה פון נינוה האָט זיך אַלץ ווייטער פאַר־שפרייט איבער דער פאָדערשטער אַזיע, און יותם האָט פאַרשטאַנען, אַז גאָר אין גיכן וועט מוזן פאַרקומען דער צוזאַמענשטויס צווישן אשור און יהודה, איבערהויפּט נאָך דעם, ווי שומרון האָט שוין אַליין אַנערקענט די אויטאָריטעט פון פיל. צוליב דעם האָט יותם נאָך מער פון זיין פאָטער באַפעסטיקט זיין הויפּטשטאָט ירושלים, ווי אויך די אַנדערע הויפּט־פּונקטן אין לאַנד: ער האָט באַדעקט יהודה מיט אַ גאַנצער נעץ פון פעסטונגען און טורעמס און דערצו האָט ער אויך פאַרפולקאָמט דאָס חיל מיט אַ

גאַנצער רייע רעפאָרמעס. צווישן די אַנדערע נייע אונטערנעמונגען זיינע דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דער אויבערשטער טויער פון בית־המקדש, וועלכן ער האָט אויפגעבויט און אייגעריכטעט ווי אַ וויכטיקן פאַרטיידי־קונגס־פונקט אין דער צייט פון אַ פיינטלעכן אָנפאַל. אויסער דעם איז יותמען אויסגעקומען צו פירן אַ מלחמה מיט עמון, וועלכע האָט בעת דער הערשאַפט פון זיין פאָטער עוזיהו אויסגעדריקט אים איר אונטערטעניקייט און ווי נאָר דער אַלטער העלד איז געשטאָרבן — אָנגעהויבן פירן אַ קריג קעגן יהודה. דאַן האָט יותם מיט געוואַלט אונטערטעניק געמאַכט עמון און געצוואונגען אים אַ געוויסע צייט צו באַצאָלן אַ יערלעכן מס מיט געלט און מיט נאַטור: הונדערט ככרים זילבער, צען טויזנט כורים ווייץ און צען כורים גערשטן. יותם האָט אויך נישט ווייניקער פון זיין פאָטער געזאָרגט פאַר דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פון דער מלוכה און אין זיין צייט האָט די עשירות פון לאַנד דערגרייכט איר העכסטע מדרגה. דערווייל האָט זיך די אַלגעמיינע פאָליטיק אין דער פאָדערשטער אַזיע אַלץ מער פאַרפלאָנ־טערט: די מורא פאַר אשור איז אַלץ טיפער אַריינגעדרונגען אין די אָרו־מיקע לענדער און די באַציאונגען צו דער דאָזיקער „רוט פון גאָט" האָבן געמוזט קלאָר באַשטימט ווערן. אַנדערע פעלקער, ווי פעניציע און מואב צ"ב האָבן איר רואיק אויסגעדריקט זייער טריישאַפט און אונטערטעני־קייט, אַנדערע, ווי אפרים און ארם האָבן געוואָלט פאַראייניקן די מעכטיקע־רע מלוכות אויף אַרויסצוטרעטן אין אַן אָפענער מלחמה קעגן אשור. יותם האָט אָבער פאַרנומען אין דעם דאָזיקן פלאָנטער אַ גאַנץ באַזונדערע פאָ־זיציע: לויט דער פאָליטישער שיטה פון דעם נביא ישעיהו האָט ער נישט געוואָלט אַליין פאַר דער צייט אַרויסרופן אַ געפאַר אויף זיין פאָלק, ער האָט אָבער אויך פעסט באַשלאָסן מיטן גוטן ווילן, אָן אַ מלחמה, נישט איבערצוגעבן די אומאָפּהענגיקייט פון זיין לאַנד. אַזאַ נייטראַלע פאָליטיק, ווען ארום אים האָט געשוויבלט און געגריבלט, האָט פון יותמען געפאָדערט פיל טאַקט, פאָרזיכטיקייט און אויסגעהאַלטנקייט אַזוי, אַז צוליב די באַ־ציאונגען צו אשורן זאָל ער נישט אויפרייצן קעגן זיך דעם צאָרן פון די קריגעריש געשטימטע שכנהשע מלכים, ווי עס האָט זיך טאַקע ענדלעך אויסגעלאָזן אין דער צייט פון זיין טראָנפאָלגער. ביי אַזעלכע געפערלעכע אומשטענדן אין דער אויסערלעכער פאָליטיק, איז אויך יותם געצוואונגען געווען איבערצולאָזן די אינערלעכע הנהגה פון לאַנד אין די הענט פון די

שרים, ווי עס איז געווען אין זיין פּאָטערס צייטן; די דאָזיקע שרים אָבער זיינען וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרדאָרבן געוואָרן, צוזאַמען דערמיט, ווי די עשירות פון לאַנד האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און שטייגן; דערצו האָט זיי געפירט אויך דאָס, וואָס צוליב דער גרויסער עקאָנאָמישער ווירט־שאַפט, וועלכע יהודה האָט דאַן געפירט, איז זי פון דאָס ניי אריינגעטראָטן אין אַ נאָענטן פאַרקער מיט שומרון, פעניציע און מצרים.

אין דער צייט פון יותמס ממשלה האָט דער נביא ישעיהו ווייטער אויפגעהויבן זיין שטים קעגן דעם אַלגעמיינעם אומרעכט וואָס האָט גע־הערשט אין לאַנד. דעם נביא האָט איבערהויפּט געקרענקט דאָס, וואָס אין דער צייט פון דעם דאָזיקן אויסערלעכן עקאָנאָמישן גלאַנץ איז דאָס פאָלק אין זיינע ברייטע מאַסן געבליבן אָרעם און געדריקט. אין דער ווירקלעכ־קייט האָט דאָס אומגעהויערע עשירות נישט געבראַכט קיין גליק דעם לאַנד. די מעכטיקע און די רייכע האָט דאָס, אמת, מעכטיקער און רייכער גע־מאַכט; די שוואַכע און די אָרעמע זיינען אָבער נאָך שוואַכער און אָרעמער געוואָרן. פאַרדינט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל האָבן נאָר די אַריס־טאָקראַטן און די שרים; דעם המון און די ערדאַרבעטער איז ווייניק אָנגע־קומען פון די גרויסע סומעס גאָלד און זילבער, וואָס זיינען אַריינגעפירט געוואָרן פון פעניציע און מצרים; דערפאַר אָבער איז צוליב דער מאָראַלי־שער פאַרדאָרבנקייט געוואַקסן די נטיה צו מותרות; די רייכע האָבן זיך געבאָדן אין איבערטריבענעם לוקסוס, אין דער צייט ווען דער אָרעמאַן איז געווען שפּלדיק און דערשלאָגן. די אויסערלעכע פאַרשידנאַרטיקייט פון די פאַרשידענע קלאַסן האָט אַרויסגערופן אויך אַן אינערלעכע אָפּגעזונדערט־קייט, און די דאָזיקע אָפּגעזונדערטקייט ווערט נאָך שטאַרקער, וואָס מער עס ווערט פאַרגעסן דער אלגעמיינער נאַציאָנאַלער גאָט און עס פאַרשפּרייטן זיך די אַלערליי געצנדינערייען. דער נביא רופט דאָס פאָלק, עס זאָל זיך באַטראַכטן:

„דאָס הויז פון יעקב, קום לאָמיר גיין אין גאָטס ליכט! ווייל דו האָסט פאַרלאָזן דאָס אייגענע, דאָס פאָלקסטימלעכע, דאָס הויז פון יעקב; ווייל מיט די מנהגים פון די מזרח־לענדער און מיט דער צויבעריי פון פלשתים איז עס איבערפולט און מיט פרעמדע שאַפונגען באַנוגנט עס זיך; און זיין לאַנד איז איבערפולט געוואָרן מיט זילבער און מיט גאָלד און זיינע אוצרות האָבן קיין ענדע נישט; און זיין לאַנד איז איבערפולט געוואָרן מיט געצן און זיי

בוקן זיך צו דער אויסאַרבעטונג פון די אייגענע הענט; און נידעריק איז געוואָרן דער מענטש און געפאַלן איז ער געוואָרן, — דו טאָרסט דאָס נישט זיי פאַרגעבן! קום צווישן די פעלדזן־שטיינער, באַהאַלט זיך אונטער דער ערד פאַר דער שרעק פון גאָט און פאַר זיין ערלעכן שטאָלץ! נידער — די אויגן פון דעם מענטשן־שטאָלץ; איינגעבויגן — די מענטשן־הויכקייט! נאָר גאָט אַליין וועט געגרויסט זיין אין יענעם טאָג!"

„דען עס קומט אַ טאָג פון גאָט דעם הערשער אויף יעדן שטאָלצן און הויכן און אויף יעדן נידעריקן און געהויבענעם (וואָס איז דערהויבן געוואָרן); און אויף אַלע הויכע לבנון־צעדערן און אויף אַלע דערהויבענע פלעצער; און אויף יעדן הויכן טורעם און אויף יעדן פעסטן מויער... און נידעריק וועט ווערן דעם מענטשנס הויכקייט און פאַלן וועט זיין שטאָלץ! — נאָר גאָט אַליין וועט געגרויסט זיין אין יענעם טאָג!... און די געצן וועלן אין גאַנצן פאַרשוואונדן ווערן, אין די פעלדזן־זיילן וועלן זיי פאַרטראָגן ווערן און אין די ערד־גריבער — פאַר דעם שרעק פון גאָט און פאַר זיין ערלעכן שטאָלץ, ווען ער וועט דערשיינען דאָס לאַנד צו פאַרטיליקן! אין יענעם טאָג וועט דער מענטש אַוועקשליידערן פאַר די שילדקרעטן און פאַר פלעדערמייז די געצן פון זיין זילבער און די געצן פון זיין גאָלד, וואָס ער האָט געשאַפט צו בוקן זיך, און באַהאַלטן וועט ער זיך צווישן די פעלזן און צווישן די בערג, פאַר דעם שרעק פון גאָט און פאַר זיין ערלעכן שטאָלץ, ווען ער וועט דער־שיינען דאָס לאַנד צו פאַרטיליקן!"...

ווען יותם איז געשטאָרבן אויפן פופצנטן יאָר פון זיין הערשן און זיין זון אחז איז געוואָרן מלך (739—724), האָט זיך דאָס ראָד איבערגעדרייט איבער יהודה. דער נייער מלך איז בסך הכל אַלט געווען אַ יאָר 25, ווען ער האָט דעם טראָן געירשהנט און געפינענדיק זיך פון קליינווייז אויף אונטער דער השפעה פון די מאָראַליש פאַרדאַרבענע הויפלייט, איז ער אַליין אויך געניינגט געווען צו פירן אַ לייכטזיניק־פריילעך לעבן; און דערצו נאָך איז ער פּאָליטיש אויך גאָרנישט צוגעגרייט געווען, צו געוועל־טיקן איבערן לאַנד אין אַזאַ געפערלעכן מאָמענט, אין אַ צייט פון אַ גע־וואַלטיקער סכנה, וואָס איז אָנגעקומען פאַר דער פאָדערשטער אַזיע. עס איז געקומען אַ צייט, ווען יהודה האָט געמוזט אָפּן דערקלערן איר פראַג־ראַם און איר פּאָזיציע אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון דער פאָדערשטער אַזיע. עס האָט געמוזט קלאָר ווערן איר באַציאונג צו אשור און צו דעם

אַנטי־אשורישן בונד פון אפרים און אדם, וואָס זיינען דאַן מער גענייגט געווען צו אנערקענען די אויטאָריטעט פון דער מעכטיקער מצרים, איידער פון אשור. אין ירושלים האָבן זיך דאַן געבילדעט פאַרשידענע פּאָליטישע פּאַרטייען: דער גרעסטער טייל איז געווען, ווי ס׳ווייזט אויס דערפאַר, אַז מען זאָל צושטיין צום בונט און אונטערוואַרפן זיך דעם פּראָטעקטאָראַט פון מצרים, וועלכע איז, צוליב איר ווייטקייט פון יהודה, נישט געווען אַזוי געפערלעך פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט פון לאַנד. אַ טייל ווייטער זיינען נוטה געווען צו אשור, זיי האָבן געגלויבט אין איר אומבאַזיגטער מאַכט! נאָר דער איינציקער קרייז פון ישעיהו הנביא איז געווען קעגן וועלכן ס׳איז אַקטיוון שריט אין דער היגזיכט, זיי האָבן זיך געהאַלטן פעסט ביי דער טראַדיציאָנעלער פּאָליטיק פון די נביאים, וועלכע זיינען שטענדיק געווען קעגן יעדן פאַרבאַנד מיט די ארומיקע פעלקער. זייער מיינונג איז געווען, אַז דאָס לאַנד דאַרף זיך נאָר אינערלעך גוט באַפעסטיקן גייסטיק און סטראַטעגיש, כדי צו קאָנען ווייזן אַ ווידערשטאַנד ביי אַן אויסערלעכן אָנפאַל. ישעיהו האָט מיט זיין בייסנדיקער נבואה זיך געווענדעט צו זיינע פּאָליטישע קעגנער:

„ווי צו די, וועלכע נידערן קיין מצרים נאָך הילף און שטיצן זיך אויף פערד! 1) זיי פאַרלאָזן זיך אויף דער איבערפליסיקייט פון די רייטוועגגעגנער און אויף דער מעכטיקייט פון די פאַר־רייטער און זיי ווענדן זיך נישט צו דעם הייליקן פון ישראל און גאָט זוכן זיי נישט... מצרים איז דאָך אָבער שטאַרק דורך מענטשן־קראַפט אָבער נישט דורך געטלעכער מעכטיקייט, און זייערע פערד זייגען דאָך נישט מער ווי פלייש, אָבער נישט קיין גייסט, און אַז גאָט וועט זיין האַנט אויפהייבן, דאַן וועט דאָך זינקען דער שטיצער און עס וועט פאַלן דער געשטיצטער און צוזאַמען וועלן זיי פאַרטיליקט ווערן!”...

„ווייל אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער אַלמעכטיקער און דער הייליקער פון ישראל: דורך דער רואיקייט און געלאַסנקייט וועט איר געהאָלפן ווערן, אין דער זיכערקייט און דער פאַרטרויטקייט וועט אייער שטאַרקייט זיין — האָט איר עס אָבער נישט געוואָלט הערן. איר האָט געזאָגט: בעסער וועלן מיר אויף פערד לויפן, דערפאַר וועט איר טאַקע צעלויפן, איר

1) מצרים האָט זיך שוין דאַן אויסגעצייכנט מיט איר רייטער־מיליטער.

האָט געזאָגט: פלינק וועלן מיר רייטן — דערפאַר וועלן טאַקע פלינק זיין אייערע נאָכרייטערס. גאַנצע טויזנט — פאַר דער שטים פון איינעם, און אַז פינף וועלן אַ געשריי טון — וועט איר אַלע צעשפּרונגען ווערן!״

אחז האָט זיך פאַרלוירן. לויט זיין שוואַכן כאַראַקטער איז ער גע־נייגט געווען צוצושטיין צו די פּאָליטישע מיינונגען פון ישעיהו הנביאס פּאַרטיי און פאַרצוזעצן די נייטראַלע פּאָליטיק פון זיין פאָטער יותם. זייענ־דיק אָבער להוט נאָך די שענדלעכע תאוות און נאָך דער געצנדינעריי, האָט ער צוזאַמען מיט זיינע שריט נישט געזאָרגט זיך, ווי זיין פאָטער, צו באַ־פעסטיקן דאָס לאַנד פון אינעווייניק און אויסנווייניק; דערצו האָט אים אויך געפעלט די פּאָליטישע דערפאַרנקייט פון זיין פאַרגייער און ער האָט נישט געקאָנט פירן די נייטראַליטעט־פּאָליטיק אויף אַזאַ אופן, אַז זי זאָל נישט אויפרייצן קעגן זיך זיינע שכנהשע מלוכות פון אַנטי־אַשורישן בונד. די לעצטע האָבן באַשלאָסן איבער געוואָלט צו צווינגען יהודה צוצושטיין צו זיי. מיט פאַראייניקטע כוחות זיינען די מלכים פון אפרים און ארם — פקח און רצין — באַפאַלן יהודה. זייער פּלאַן איז געווען, אַז אין פאַל, אויב זיי וועלן מנצח זיין אחזן, וועלן זיי אים אינגאַנצן אַראָפּוואַרפן פון טראָן און אַוועקזעצן זייער אָנהענגער בן־טבאל. דער קורצזיכטיקער מלך האָט וואַר־שיינלעך נישט דערוואַרט דעם דאָזיקן אַנטשלאָסענעם שריט, וועלכער איז געווען אַזוי אומפאַרמיידלעך, „און זיין האַרץ איז אויפגעציטערט געוואָרן ווי די ביימער פון וואַלד ציטערן אויף פון אַ ווינט״. ישעיהו הנביא האָט געפּרואווט באַרואיקן דעם מלך, און אים איינגערעדט אַרויסצוטרעטן מיט אייגענע כוחות קעגן דעם פיינד און פאַרזיכערט, אַז די באַלאַגערונג קען נישט זיין קיין דויערהאַפטיקע, אַז פריער אָדער שפּעטער מוז די קאָאַליציע צעשטערט ווערן, ווייל אשור וועט אירע מורדים נישט לאַנג נאָך געבן פרייהייט.

„פאַרטיידיק זיך קעגן דעם שונא, נאָר זיי רואיק, שרעק זיך נישט און זאָל דיר דיין האַרץ נישט קלאַפּן פאַר די דאָזיקע צוויי ברעקלעך האָלאַ־וועשקעס, וועלכע רויכערן זיך מיט גרימצאָרן — פאַר רצין פון ארם און בן רמליה פון אפרים, ווייל ארם האָט וועגן דיר שלעכטס געפּלאַנט צו־זאַמען מיט בן־רמליה: לאָמיר אויפגיין אויף יהודה, לאָמיר פון איר אַן ענדע מאַכן, לאָמיר איר אויף חלקים צעשפּאַלטן און פאַר אַ מלך באַ־שטימען בן־טבאל — דערפאַר האָט גאָט געזאָגט אַזוי: עס וועט זיך נישט

אָנהייבן און עס וועט זיך נישט אויסלאָזן! עס מעג אַפֿילו אין דער שפּיץ פֿון ארם זיין דמשק און אין דער שפּיץ פֿון דמשק מעג אַפֿילו זיין רצין — און אין פֿינף און זעכציג יאָר ארום ווערט אפרים פֿאַרטיליקט אַלס פֿאָלק, מעג אַפֿילו אָן דער שפּיץ פֿון אפרים זיין שומרון און מעג אַפֿילו אָן דער שפּיץ פֿון שומרון זיין בן־רמליה; איר גלויבט עס נישט נאָר דערפֿאַר, ווייל איר אַליין זענט אומבאַגלויבטע!...״

דעם נביאס רייד האָבן נישט געווירקט אויף ארויסצורופֿן ביים טאַ־לאַנטלאָזן מלך קוראַזש: דערווייל זייבען ארם און אפרים פֿון צוויי זייטן אַלץ טיפֿער אַריינגעדרונגען אין יהודה, האָבן חרוב געמאַכט פֿיל שטעט, פֿיל מענטשן אומגעבראַכט און פֿיל געפֿאַנגענע פֿאַרנומען, זיי האָבן נישט באַגעגנט קיין ערנסטן ווידערשטאַנד. אין תנ״ך ווערט דערציילט אַן אגדה, וועלכע כאַראַקטעריזירט אַלנפֿאַלס דעם מלך אחז פֿון זיין מאָ־ראַלישער זייט. ווען ער האָט געזען דעם דערפֿאָלג פֿון ארם און די מפּלה פֿון יהודה, האָט ער באַשלאָסן, אַז דער פֿיינטלעכער גאָט פֿון ארם איז שטאַרקער פֿאַר דעם נאַציאָנאַלן גאָט פֿון יהודה; איז ער אַריין אין בית־המקדש און האָט צעבראָכן די הייליקע כלים און צעשעדיקט דעם מזבח און אויפֿן הויף פֿון דער עזרה האָט ער פֿאַר די אַראַמישע אָפּגעטער אַן אַלטאַר געשטעלט און אַליין אויף זיי קרבנות מקריב געווען! — דאָס איז אָבער געווען אַ קליינע תרופֿה און דעריבער האָט ער, דער מלך אחז, באַ־שלאָסן אַ שענדלעכן און פֿאַרעטערישן שריט. ער האָט געשיקט מתנות צום מלך פֿון אשור, צו תגלת־פּלאסר, אנערקענט זיין אויבערשאַפֿט און גע־בעטן הילף קעגן אפרים און ארם. תגלת־פּלאסר האָט מיט פֿרייד אָנגענו־מען די דאָזיקע אונטערטעניקייט, און גיך גענומען ממלא זיין די בקשה פֿון אחז. רצין האָט גיך פֿאַרלאָזן יהודה, ווי ער האָט זיך נאָר דערוואוסט, אַז אשור האָט זיך אויף זיין לאַנד אָנגערוקט; פּקח האָט זיך אויך דער־שראָקן פֿאַר דער נאָענטער געפֿאַר און אויך זיך געאיילט קיין שומרון. יהודה איז געראַטעוועט געוואָרן פֿון דיביידע שונאים, נאָר קיין ווירקלעכע ישועה איז עס נישט געווען. דאָס לאַנד איז געווען צעראַבירט, דאָס חיל דערשלאָגן, די פֿעסטונגען צעשטערט; די אונטערגעוואָרפֿענע שכנהשע פֿעלקער האָבן פֿון דאָס ניי דעם קאָפּ אויפֿגעהויבן און גענומען זיך נוקם זיין אָן די יהודים; די פּלשתים און די אדומים זייבען, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, באַפֿאַלן גרענעצן, אונטערגעצונדן שטעט, געממיתט געפֿאַנגענע;

תּגלת־פּלאסר האָט נאָר אויף אַזוי פיל געהאָלפן יהודה, אויף וויפיל ער האָט געמוזט מלחמה האלטן קעגן די מורדים פון אשור; ער האָט אָבער גאַנץ פריי געלאָזן די איבעריקע פעלקער צו צעפליקן יהודה; אדרבא: ער אַליין האָט זיך אָפּט אַריינגעריסן אין לאַנד און געמאַכט חורבנות, כדי אָפּצושוואַכן דעם צענטער פון דער פאָדערשטער אַזיע. פון דער צווייטער זייט האָט דער פּרעה סא, ווי עס שיינט, אויך נישט געקאָנט שענקען יהודה, וואָס זי האָט זיך אונטערגעוואָרפן אונטער אשורן און אויף אַזאַ אופן פריי געמאַכט דעם וועג קיין מצרים, און האָט זיך אויך מיט איר גוט אָפּגע־רעכנט. יהודה האָט דאַן פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ שוצלאָז לאַנד, וואָס אַלע אַרומיגע פעלקער האָבן עס געצופּט און געריסן. איבעריקנס, דער נביא ישעיהו האָט דאָס אַלץ פאָראויסגעזען און מתרה געווען דעם מלך, ווען ער האָט זיך געווענדעט צו אשור נאָך הילף:

„אין יענעם טאָג וועט גאָט אַ פייף טון צו דער פליג, וועלכע ביי די טייכן פון מצרים און צו דער בין, וואָס אין דעם לאַנד פון אשור; און זיי וועלן קומען און באַלאַגערן אַלע טאָלן און אַלע פעלדזן און אַלעביימער און אַלע דערנער... אין יענעם טאָג וועט וויסט און פאַרדערנערט ווערן יעדער פּלאַץ, וואו איצט וואַקסן די טייערסטע וויינשטאָקן; מיט פייל און בויגן וועט מען דאָרט קומען, ווייל וויסט און פאַרדערנערט וועט דאָס לאַנד ווערן!"...

נישט קוקנדיק אויף דער אומנוצלעכקייט פון דעם בונט מיט אשור, האָט שוין אחז אויך ווייטער געמוזט בלייבן געטריי אשורן, וואָס פלעגט קיין מאָל ניט אַרויסלאָזן איר קרבן פון די נעגל. דער מלך פלעגט מוזן שיקן יעדעס יאָר אַ געוויסן מס קיין אשור; דערביי פלעגט ער אַלץ ליידיקער מאַכן די אוצרות פון בית־המקדש און אָפּרויבן פון אים די טייערסטע חפצים; אחז אַליין פלעגט אָפּט פאָרן צו בוקן זיך פאַר דעם שרעקלעכן טיראַן תּגלת־פּלאסר. די נאָענטע באַציאונגען מיט די מזרחישע דעספּאָטן זיינען נישט געבליבן אָן אַ ווירקונג אויף דעם כאַראַקטערלאָזן מלך. אין זיין קנעכטישער נאַטור פלעגט ער איינגעפינען אַלע מנהגים פון זיין מעכטיקן אויבערהאַר פאַר גוט און שיין. נישט קוקנדיק אויף דער געפלאָגטער לאַגע פון לאַנד, האָט ער זיך נאָך מער און ווי פריער איבערגעגעבן צוזאַמען מיט די שרים דער געצנדינערייַ און די פאַרדאָרבנקייטן פון דעם פריילעכן לעבן. די שרים, וואָס האָבן געפונען ביים מלך אַ הסכמה צו זייערע מעשים, האָבן

נאָך מער פאַרגרעסערט זייערע זינד קעגן גאָט און קעגן פאָלק. דאָן האָט דער נביא ישעיהו שוין קיין ווערטער ניט געפונען, מיט וועלכע צו ווירקן אויף די פאַרדאָרבענע הערצער:

„הערט איר הימלען, פאַרנעם דו ערד, ווייל גאָט האָט גערעדט: קינ־דער האָב איך דערצויגן און דערהויבן און זיי האָבן אָן מיר מורד געווען! עס דערקענט דער אָקס זיין קויפער. דער אייזל — די קאָרעטע פון זיין האַר — ישראל דערקענט ניט, מיין פאָלק פאַרשטייט ניט. ווי דעם זינדיקן פאָלק, דער פאַרברעכערישער אומה, דעם אויסגעלאַסענעם דור, די פאַרדאָרבענע זין — זיי האָבן גאָט פאַרלאָזן, דעם הייליקן פון ישראל דערצאָרנט, הינטערוויילעכטס האָבן זיי זיך אָפּגערוקט. אויף וועלכער שטעל זאָלט איר נאָך געשלאָגן ווערן, אַז איר קערט אייך אַלץ ווייטער אָפּ פון גאָט? דער גאַנצער קאָפּ איז שוין צעקרענקט, דאָס גאַנצע האַרץ איז שוין פאַרוויטיקט! פון די פיס ביז דעם קאָפּ איז אין אייך קיין גאַנץ גליד ניטאָ, אַ בייל און אַ וואונד און אָן אייטערדיקע געשוויר; זיי ווערן ניט געדריקט און ווערן ניט פאַרבונדן און ווערן מיט קיין בוימל ניט געווייכט. אייער לאַנד איז וויסט, אייערע שטעט זיינען פאַרברענט, פאַר אייערע אויגן עסן פרעמדע אייער ערד... ווען גאָט דער הערשער וואָלט אונדז ניט איבערגעלאָזט אַ געדעכעניש, וואָלטן מיר דאָך ווי סדום געווען, ווי עמורה וואָלטן מיר אויסגעזען!"...

„הערט נאָר די רייד פון גאָט, איר, האַרן פון סדום; פאַרנעמט נאָר די לערע פון אָלמעכטיקן, איר, פאָלק פון עמורה! צו וואָס דאַרף איך אייערע פילע קרבנות — זאָגט גאָט — איך בין איבער זאַט מיט עולות פון באַראַנעס און מיט פעטס פון געשטאָפּטע פי; איך פאַרלאַנג ניט מער קיין בלוט פון קיין אָקסן, פון קיין שעפּסן און פון קיין בעק. אַז איר קומט אָנקוקן מיין געזיכט, ווער בעט אייך טרעטן מיינע הייף? איר זאָלט מער ניט וואָגן צו ברענגען פאַלשע מנחות, אייער קטרת איז פאַר מיר אומ־ווירדיק, אייער חודש, אייער שבת — ליידן קאָן איך זיי ניט מער — אומרעכט איז עס און פאַראַט. אייערע יום־טובים האָט פיינט מיין גייסט, צו לאַסט זיינען זיי מיר, פאַרטראָגן קאָן איך זיי ניט מער! און אַז איר פאַרברעכט אייערע הענט צו מיר, וועגד איך מיינע אויגן אָפּ פון אייך, און אַז איר בעט צו מיר, הער איך אייך ניט — אייערע הענט זיינען מיט בלוט פאַרשמוצט! וואַשט אייך, רייניקט אייך, פאַרלאָזט אייערע

שלעכטע מעשים, זאָל איך זיי מער נישט זען, הערט אויף בייזס צו טון, לערנט אייך גוטס צו שאַפֿן, זוכט די ריכטיקייט, שטאַרקט דעם באַרויבטן, משפט פֿאַר דעם יתום. נעמט אייך אָן פֿאַר דער אלמנה... וועט איר ווערן און ווערט איר פֿאָלגן, וועט איר דאָס בעסטע פֿון לאַנד געניסן. וועט איר נישט וועלן און נישט פֿאָלגן, וועט אייך די שווערד פֿאַרצערן!..."

דער נביא פֿאַרגלייכט די גייסטיקע לאַגע פֿון פֿאָלק אין זיין צייט מיט דער לאַגע פֿון פֿאָלק אין די פֿאַריקע דורות. און ער שרייט אויס:

„ווי אַזוי איז עס צו אַ זונה געוואָרן די ערלעכע שטאָט, וואו פֿריער האָט נאָר משפט און צדק געוואוינט, איז איצטער פֿול מיט מערדער?! דיין זילבער איז מיט אָפּפֿאַל, דיין וויין געמישט מיט וואַסער; די שרים זיינען פֿאַרברעכער, פֿאַרבינדעטע פֿון גנבים, אַלץ ליבט שוחד און יאָגט זיך נאָך אונטערקויף־געלט; פֿאַר דעם אָרימען יתום משפטן זיי נישט, פֿאַר דער אומגליקלעכער אלמנה שטעלן זיי זיך נישט איין! דערפֿאַר זאָגט גאָט דער הערשער, די קראַפֿט פֿון ישראל: אָ! איך וועל זיך נאָך טרייסטן איבער מיינע פֿיינט און איך וועל נאָך נקמה נעמען פֿון מיינע שונאים!"...

די דאָזיקע האַרצרייסנדיקע רייד האָבן אָבער געפֿונען פֿאַר זיך נאָר אַ פּוסטן מדבר; נישט דער מלך און נישט זיינע שרים האָבן זיך צום נביא צוגעהערט. די אָנפֿירנדיקע ספֿערן זיינען געפֿאַלן גייסטיק אַלץ נידעריקער און נידעריקער, געשלעפּט נאָך זיך דאָס פֿאָלק, דעם המון, און דער נביא זעט אין זייער זאָרגלאָזיקייט אויך די סיבה פֿון דער שלעכטער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע, אין וועלכער דאָס פֿאָלק האָט זיך געפֿונען:

„ווי צו די, וועלכע איילן זיך פֿרי אויפֿצושטיין, ווייל עס יאָגט זיי דאָס ביר וואָס פֿאַרשפּעטיקן זיך אין אָוונט צו זיצן, ווייל עס ברענט זיי דער וויין; זייערע מאָלצייטן באַשטייען פֿון פֿידל און האַרף און פּויק און פֿלייט און וויין — און זיי זעען נישט גאָטס טאַט און זיינע ווערק באַמערקן זיי נישט — דערפֿאַר איז מיין פֿאָלק פֿאַריאָגט און נישט וויסנדיק; זיינע חשובע זיינען טויט פֿון הונגער, זייער מאַסן — פֿאַרשמאַכט פֿון דאָרשט. דערפֿאַר האָט דער אָפּגרונט אַזוי זיך פֿונאַנדערגעשפּרייט און אַזוי גרענעצלאָז געעפֿנט זיין מויל און איינגעשלונגען די שיינקייט, די לעבהאַפֿטיקייט, די פֿריילעכקייט פֿונעם לאַנד"...

אין אַזאַ פֿינצטערער לאַגע לאָזט אחז איבער זיין פֿאָלק און זיין לאַנד, ווען ער שטאַרבט אָפּ און דעם טראָן נעמט איבער זיין פֿינף און צוואַנציק יאָריקער זון — יחזקיהו!

קאַפּיטל צוועלף

פון יחזקיהו ביז יאשיהו

(608—724)

„דאָס פאָלק, וואָס גייט אין דער פינצטער, האָט אַ גרויסע ליכטיקייט דערזען, די באַוואוינער פונעם טויטן לאַנד האָט אַ שטראַל באַשיינט. דו האָסט גרויס געמאַכט דאָס פאָלק, דו האָסט אים זיין פרייד פאַרמערט; זיי האָבן זיך ביי דיר געפרייט, ווי מען פרייט זיך אין תבואה־שניט, ווי מען פרייט זיך, ווען מען טיילט זיך מיטן רויב. ווייל זיין לאַסט־יאָך און זיין צוואנגס־שטעקן האָסטו צעבראָכן, ווי אין דעם טאָג פון מדין1) דען אַ קינד איז אונדז געבוירן געוואָרן, אַ זון איז אונדז געשאָנקען געוואָרן, איז אויף זיין אַקסל די הערשאַפט געפאַלן און זיין נאָמען אין באַרופן געוואָרן: וואונדערלעכער ראַטגעבער, געטלעכער העלד, האַר פון פרידן!״...

מיט די דאָזיקע פייערלעכע ווערטער באַגריסט ישעיהו הנביא דאָס באַשטייגן אויפן טראָן פון דעם יונגן יחזקיהו (724—695). ער איז נאָך כמעט אַ קינד געווען, דאַן, ווען אין זיין פאָטערלאַנד האָט אויסגעבראָכן דער געוואַלדיקער חורבן; זיין יונג האַרץ איז נאָך דאַן נישט געווען אַזוי פאַרדאַרבן, ווי ביי די איבעריקע הויף־לייט, און די שרעקלעכע ליידן פון זיין פאָלק האָבן אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אין דער פאַר־שיכורטער אַרגיע, וואָס האָט געהערשט אַרום זיין פאָטער, האָט ער גע־זוכט אַן ערנסט וואָרט, אַ וואָרט, וואָס זאָל אים דערקלערן די לאַגע אין יהודה, און דאָס האָט ער געקענט הערן נאָר פון דעם הייליקן נביא ישעיהו בן אמוץ; די געטלעכע נבואה באַגייסטערט דעם יונגן פרינץ אַלץ מער; דרינגט אין אים אַריין אַלץ טיפער און ענדלעך, ווען ער גייט אַרויף אויפן טראָן, שטעלט ער פאַר מיט זיך אַ מענטשן, וועלכער איז דורכגע־

1) דער שופט גדעון האָט אַמאָל צעשלאָגן די מחנה פון מדין און מיט דעם באַפרייט דאָס לאַנד ישראל פון אַ שרעקלעכן פיינד.

נומען אין גאַנצן מיט אַ טיפער פרומקייט און מיט דער פייערדיקסטער ליבע צום פאָלק. אין זיין טעטיקייט אַלס מלך זעען מיר צוויי שטרעבונ־ גען, וועלכע זיינען אייגנטלעך עפעס אייניק אין זייער וואָרצל: ער וויל דאָס פאָלק צוריק אומקערן צו זיין פריערדיקער גאָטס־פאָרכטיקייט און מאָראַלישער ריינקייט, ווי אויך צו זיין פריערדיקער מעכטיקייט און פאָ־ ליטישער זעלבסטשטענדיקייט. די היסטאָרישע געשעענישן פון יענער צייט זיינען בכלל געווען זייער גינסטיק פאַרן מלכס פּלענער. אין דריי יאָר אַרום נאָך דעם, ווי די מלוכה איז איבערגעגאַנגען צו יחזקיהו, איז געפאַלן די מלוכה פון אפרים און שומרון איז חרוב געוואָרן. דער פאַקט, וואָס פון דעם אַלגעמיינעם פאָלקס־אָרגאַניזם איז אָפּגעריסן געוואָרן אַזאַ וויכטיקער גליד, האָט געמוזט מאַכן אַ געוואַלדיקן רושם אויף דעם אי־ בערגעבליבענעם טייל פון פאָלק, וואָרום נישט געקוקט אויף די פּאָליטי־ שע באַציאונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן שומרון און ירושלים, האָבן זיך פאָרט די באַפעלקערונגען פון דיביידע מלוכות געפילט פאַר טיילן פון איין גאַנץ פאָלק. דערצו זיינען אַנטלאָפענע פון אפרים מאַסנ־ ווייז אָנגעקומען אין יהודה; דאָס אומגליק האָט אַלזאָ, געמוזט ווענדן זייערע הערצער צו גאָט, צו דעם גאָט, וועלכער האָט זיי נישט אויפגע־ הערט מתרה צו זיין דורך זיינע נביאים. אַ ציטער כאַפּט אַרום יהודה און אַ געפיל פון פרומקייט: מען מוז ראַטעווען פון גאָטס צאָרן דאָס רעשט פון פאָלק!

און יחזקיהו האָט צעשיקט בריוו איבערן גאַנצן לאַנד, אפילו צו די איבערגעבליבענע אין אפרים: „די זין פון ישראל: קערט אייך אום צו יהודה, צו גאָט פון אברהם און פון יצחק און פון יעקב, וועט ער זיך אומקערן צו דעם רעשט, וואָס איז געבליבן פון אשורס הענט. איר זאָלט נישט זיין, ווי אייערע עלטערן און ווי אייערע ברידער, וואָס האָבן אָן גאָט געפעלשט, און ער האָט זיי וויסט געמאַכט, ווי איר זעט עס איצט אַליין מיט אייערע אויגן. איצט זאָלט איר מער נישט האַרט מאַכן אייער נאַקן, ווי אייערע עלטערן; שטרעקט אויס אייער האַנט צו גאָט און קערט זיך אום צו זיין מקדש, וואָס ער האָט אויך אייביק פאַרהייליקט; דינט אייער אַלמעכטיקן גאָט יהוה, וועט זיך זיין צאָרן איבער אייך שטילן! און ווען איר וועט זיך צו גאָט אומקערן, וועט ער דערוועקן זיין רחמנות אויף אייערע ברידער און אויף אייערע זין ביי זייערע פאַנגערס און ער

וועט זיי צוריקקערן אין אונדזער לאַנד, דען אייער אַלמעכטיקער גאָט יהוה איז אַ דערבאַרעמדיקער און אַ גנעדיקער און ער וועט נישט אָפּ־ווענדן זיין געזיכט פון אייך, ווען איר וועט זיך ווענדן צו אים!"

די דאָזיקע איינפאַכע נאָר מיט ריינער גאָטספאָרכטיקייט דורכגע־דרונגענע ווערטער, האָבן געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אויפן פאָלק, און ווען דער מלך איז צוגעטראָטן צו דער צוריק־איינפירונג און פאַרשטאַר־קונג פון דעם אַלטן יידישן קולט, האָט ער באַגעגנט דעם מיטגעפיל פון אַלע שיכטן פון פאָלק. ער האָט זיך גענומען אויסראָטן דאָס געצנדינעריי, וואָס איז געווען איינגעוואָרצלט אין לאַנד פון די פריערדיקע יאָרן, צו־ליב דער נאַכלעסיקייט אָדער אַ דאַנק דער מיטווירקונג פון די פריערדי־קע מלכים. אַ גרויסע ירושה האָט אין דער הינזיכט איבערגעלאָזן דער פאַרשטאָרבענער אחז, וועלכער האָט ירושלים באַדעקט מיט אַ גאַנצער נעץ פון אשורישע געצן און מזבחות און לינדען־ביימער און וועלכער האָט אפילו פאַראומריייניקט דעם בית־המקדש מיט פרעמדע אָפּגעטער. יחזקיהו האָט דאָס אַלץ פאַרניכטעט; ער האָט אָפּגערייניקט גאָטס הויז און באַ־נייט דאָרטן דעם גאָטעס־דינסט מיט קרבנות, מיט קטרת, מיט געזאַנג, מיט כלי־זמר און מיט דער גאַנצער הערלעכער פייערלעכקייט, ווי אין שלמהס און יהושפטס צייטן. אין זיין ענערגישער טעטיקייט איז ער נאָך ווייטער געגאַנגען: ער האָט געלאָזן אין גאַנצן לאַנד צעברעכן אַלע במות, וועלכע זיינען אַפילו געהייליקט פאַר גאָט, כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל פעסטצושטעלן דעם געטלעכן איינציקן צענטערביים גאַנצן פאָלק. צו־זאַמען מיט דעם געצנדינעריי האָט ער געוואָלט אויך אויסוואָרצלען די פאַרשידענע אבערגלויבערישע פירונגען, וואָס האָבן געהערשט אין פאָלק; ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אפילו פאַר די, וועלכע זיינען כלומרשט פאַרהייליקט געוואָרן דורך דער פיל־דורותדיקער טראַדיציע; אַזוי האָט ער אין ירושלים צעבראָכן דעם קופּערנעם שלאַנג, וועלכן די בני ישראל זאָלן האָבן מיט זיך געבראַכט נאָך פון דער מדבר און וועלכן משה אַליין זאָל האָבן געמאַכט, פאַרן פאָלק, כדי צו קוקן אויפן שלאַנג און זיך צו ראַטעווען פון געוויסע מגפות.

כדי פונדאַסניי צו ווענדן די הערצער פון פאָלק צום צענטער, צו ירושלים, צום בית־המקדש, נאָך דעם, ווי דער פאַרבאַנד צווישן זיי איז אין די לעצטע דורות שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן; צוליב דער געצנ־

דינעריי, כדי צו דערנענטערן דאָס פאָלק צו זיין מלך, כדי צו פאַראיי־ניקן פעסטער די אַלע טיילן פון פאָלק צווישן אַן אַנאַנדער, ווי אויך צו פאַרקניפּן די הערצער פון די אַנטרונענע פון אפרים מיט זייערע איבע־ריקע ברידער פון יהודה, מיט דודס דינאַסטיע, מיט דעם טראַדיציאָנעלן יהוה — האָט יחזקיהו פאַררופן די אַלע איינוואוינער פון אַלע עקן פון לאַנד יהודה, די בירגער, אַזוי אויך די ניי־אַנגעקומענע, אַלטע און יונגע, מענער און פרויען, קיין ירושלים צו פייערן דעם הייליקסטן נאַציאָנאַלן יום־טוב, דעם חג־הפסח. די פייערונג האָט ער דורכגעפירט מיט דער גרעסטער הערלעכקייט, וואָס עס האָט געמוזט אויפפלאַקערן די נשמה פון פאָלק, וועלכע איז געווען די לעצטע יאָרן אַזוי פאַרזונקען אין פאַר־צווייפלונג און דערנידערונג! דער מלך האָט מנדב געווען פון זיינע איי־גענע אוצרות פיל גאָלד און זיך משתדל געווען מיט אַלעם מעגלעכן, אַז די פייערלעכקייט זאָל זיין אַ פולקאָמע; דער בית־המקדש איז געווען פראַכטפול באַפּוצט, דער מזבח איז געווען באַנייט, טויזנטער קרבנות זיינען געבראַכט געוואָרן; די כהנים, אין זייער פולן שטאַט האָבן אָנ־געפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט און די לווים האָבן מיט די כלי־זמר גע־שפּילט. יחזקיהו האָט פערזענלעך פאַרן פאָלק געהאַלטן רעדעס און די פאַרזאַמלטע פון גאַנצן לאַנד האָבן זיך נישט געקאָנט גענוג אָנפרייען מיט דער באַנייאונג פון לאַנד, פון טראָן, פון דער אמונה. דאָס בילד אין ירושלים איז געווען אַזוי רירנדיק, אַזוי באַצויבערנדיק, אַז די געטלעכע משוררים און נביאים זיינען צו דער העכסטער פּאָעטישער באַגייסטע־רונג געקומען און די דערהויבנסטע קאַפּיטלעך פון תהלים זיינען דאַן גע־שאַפן געוואָרן. זיבן טעג האָט דער מלך און דאָס פאָלק און די כהנים און די לווים און די משוררים און די נביאים פאַרבראַכט צוזאַמען אין דער הייליקער שטאָט ירושלים, אין בית־המקדש, און „די פרייד איז געווען אַזוי גרויס, אַז פון שלמהס צייט האָט אַזעלכעס אין ירושלים נישט פּאַ־סירט". דער רושם פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס פאָלק, ווי נאָר די פייערונג אין ירושלים האָט זיך גע־ענדיקט און יעדער האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין היים, האָט צעבראָכן אַלע געצנדינערישע מאָנומענטן, אַלע לינדן־ביימער, אַלע במות און אַל־טאַרן אין אַלע שטעט פון יהודה און אין דעם איבערגעבליבענעם טייל פון אפרים. די דאָזיקע רעסטאַווראַציע צייכנט זיך בכן אויס אין אַ געווי־

סער מאָס מיט דער מאַסן־איניציאַטיוו, מיט דער פרומער באַגייסטערונג
פון פאָלק אַליין. יחזקיהו האָט אָבער מורא געהאַט דערפאַר, אַז די דאָ־
זיקע גייסטיקע אויפמונטערונג זאָל ביים פאָלק נישט זיין אַ פאַרביילוי־
פיקע, ווי יעדער עפעקט־פראָדוקט, און ווי יהושפט האָט אַמאָל געטון,
אַזוי האָט ער אויך באַשטימט אַ באַזונדערן קאָלעגיום פון חכמים און
סופרים, אונטער דעם נאָמען יחזקיהוס לייט („אנשי־יחזקיהו"), וועלכע
האָבן דאָס פאָלק געמוזט לערנען, דערציען און וועקן.

נאָך דער רעליגיעזער באַנייאונג איז יחזקיהו צוגעטראָטן צו באַ־
פעסטיקן דאָס יהודהישע חיל און אויפצובויען פונדאָסניי די פעסטונגען,
וועלכע זיינען אין אחזס צייטן צעשטערט געוואָרן דורך די פאַרשידענע
פיינטלעכע אָנפאַלן פון די אַרומיקע פעלקער. אין יהודה איז דאַן, מסתמא
צוגעקומען אַ גרויסער העלדישער עלעמענט פון די אנטרונענע
פון אפרים, וואָס האָט אָפגעפרישט די אַרמיי פון יהודה; יחזקיהון איז
אויך די דאָזיקע אונטערנעמונג געלונגען. אין תנ"ך, אמת, געפינען זיך
זייער ווייניק איינצלהייטן וועגן די סטראַטעגישע רעפאָרמען פון יענער
צייט, נאָר אויף וויפיל זיי זיינען געווען געראָטן קען מען זיך פאָרשטעלן
דערפון, וואָס יחזקיהון האָט זיך איינגעגעבן אין אַ געוויסער צייט אַרום,
נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן מלך, צו באַשטראָפן די פלשתים פאַר זייערע
רויבערישע אַרויסטריטן קעגן יהודה אין דער צייט פון דעם פאָריקן
מלך; ער האָט ביי זיי אָפגענומען פיל שטעט, פיל פעסטונגען חרוב גע־
מאַכט און געצוואונגען זיי פונדאָסניי זיך אונטערצוגעבן דער הערשאַפט
פון יהודה. דער נצחון איבער די פלשתים האָט שוין ממילא פאַראַליזירט
די פיינטלעכע טעטיקייט פון די איבעריקע קלענערע שכנים, ווי אדום
אדג"ל. דאַן האָט שוין יחזקיהו געהאַט די דרייסטקייט אַ טראַכט צו געבן
וועגן דעם געפערלעכן שונא פון יהודה. ער האָט שוין גענומען זוכן פלע־
נער, ווי צו באַפרייען דאָס לאַנד פון דעם אשור־יאָך און מאַכן אַ סוף
מיט דער לעצטער ירושה פון זיין פאָטער אחז. דעם מלכל געדאַנקען
האָבן באַלד אונטערגעכאַפט די הויפלייט ,וועלכע עס האָט געקרענקט די
אונטערוואָרפנקייט פון זייער פאָלק און איבערהויפט זיינען געווען באַ־
גייסטערט די נביאים, ביי וועלכע די אָפהענגיקייט פון אַ געצנדינערישן
פאָלק האָט אַרויסגערופן אַ שרעק פאַר דעם גייסטיקן צושטאַנד אין
לאַנד. ישעיהו הנביא האָט אויף זיך גענומען די מיסיע, מיט זיין פייער־

זיקן ווארט אויפצומונטערן דאס פאלק און אריינגעבן אים מוט און העל־דן־דרייסטקייט, אז עס זאל זיך באשליסן צו מאכן אזא געפערלעכן שריט, וואס נאר די פארשטעלונג אליין פון אים האט שוין געקענט ארויפ־ווארפן אן אימה אויפן לאנד: די ארימע יהודה, וועלכע איז נישט לאנג נאך געוועזן אזוי שוואך זאל וועלן זיך אויפהייבן קעגן דער שטארקער אשור, וועלכע האט שוין דאן כמעט געהאלטן אין אירע הענט די גאנצע פאדערשטע אזיע. ישעיהו, לויט זיין אלגעמיינער וועלט־אויפפאסונג, האט געגלויבט און געמוזט גלויבן אין דעם דערפאלג פון דער גרויסער אונטערנעמונג: פאר אים איז אשור געוועזן נאר אויף אזוי פיל שרעקלעך, אויף וויפיל זי קאן זיך רעכענען פאר דער בייטש פון גאט, וועלכער שטראפט די זינדיקע פעלקער; יהודה איז שוין אבער געוועזן גענוג אפגע־רייניקט פון די פריערדיקע זינד און דאקעגן איז שוין די מאס פון אשורס אכזריותן איבערגעפולט געווען; דער פרינציפ פון אמת וואלט געמוזט זיך אונטערברעכן, ווען יהודה וואלט איצט נישט באזיגט אשורן.

„א, אשור, די רוט פון מיין צארן, דער שטעקן אין זייערע הענט — דאס איז דאך מיין אויפרעגונג. אויף א זינדיקן פאלק שיק איך אים אן, אויף דער אומה, וואס דערצערנט מיך, זאג איך אים אן אוועקצונעמען רויב, אנצומאכן חורבנות, צו צעטרעטן אים, ווי דעם ליים אין די גאסן. ער מיינט אבער נישט אזוי און זיין הארץ טראכט גאר אנדערש; זיינע געדאנקען איז צו פארטיליקן, צו פארניכטן וואס מער פעלקער! ער טראכט זיך: מיינע שרים זיינען דאך אלע מלכים. איז דען ווי כרכמיש נישט געווען כלנו, איז דען ווי דמשק נישט געווארן שומרון?! האב איך דאך גענוג מאכט געהאט בייצוקומען די היידנישע פעלקער מיט זייערע געטער — מיט וואס זשע זיינען זיי ערגער פאר שומרון און ירושלים?! ווי איך האב געמאכט פון שומרון און אירע געצן, וועל איך דען אזוי ניט קענען מאכן פון ירושלים און אירע געצן?! דעריבער, זאגט גאט, וועל איך אויפמאנען פון אשור פאר דעם שטאלץ פון זיין הארץ און פאר דער הויכ־קייט פון זיינע אויגן, ווען איך וועל ענדיקן מיין ארבעט אויפן בארג ציון און אין ירושלים. — דערפאר וואס ער זאגט: מיט דער קראפט פון מיין האנט האב איך מיין רום געשאפן און נאר מיט מיין קלוגשאפט, ווייל איך בין זייער פארשטענדיק, האב איך צעשטערט די גרענעצן פון די לענ־דער, צעבראכן זייער צוקונפט און אראפגעשליידערט די גרויסקייט פון

זייערע באַפעלקערונגען; מיין האַנט איז אַ נעסט געוואָרן פאַר צאָלרייכע פעלקער און ווי מען קלייבט אין דער מדבר פאַרלאָזטע פייגל־אייער, אַזוי האָב איך אַלע לענדער צונויפגעקליבן, און ס׳האָט קיין געפליגל נישט געוואַגט אַ מויל צו עפענען און עס האָט קיינער נישט געוואָגט אַ פּיפּס צו טון״. — קען דען אָבער די האַק זיך באַרימען קעגן איר העקער, קען זיך דען די זעג גרויסן קעגן איר זעגער?!...״

די נבואה פון ישעיהו בן אָמוץ האָט באַגייסטערט דאָס לאַנד; דאָס פאָלק האָט אין זיך דערפילט אַ גרויסן שטראָם פון העלדישקייט און עס האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויך דעמאָלט אַפילו, ווען דער ערשטער טריט פון דער באַפרייאונג האָט זיך אויסגעלאָזן זייער טרויעריק: סנחריב דער מלך פון אשור האָט זיך באַצייטנס דערוואוסט פון דעם צוגעגרייטן אויפשטאַנד און ער איז אומדערוואַרט באַפאַלן יהודה איידער נאָך זי איז געווען אין גאַנצן קריגס־פעאיק; דער מלך יחזקיהו איז געווען געצוואונגען פונדאָסניי צו אנערקענען די איבערמאַכט פון אַשור און באַצאָלן אַ גרויסע קאָנטריבוציע. ווי נאָר סנחריב האָט אָבער פאַרלאָזט דאָס לאַנד, האָט פונדאָסניי אויפגעלעבט אין פאָלק די האָפענונג צו באַפרייען זיך פון דעם פרעמדן יאָך. יחזקיהו האָט זיך גענומען גרייטן ערנסט צו אַ מלחמה. ער האָט באַנייט די מויער פון דער הויפּטשטאָט ירושלים; אויסגערופן אַ גרויסע מאָביליזאַציע, אָנגעגרייט פיל געווער, פיל שפּייז און פיל וואַסער אין אַלע באַפעסטיקטע שטעט, פון אויסער די פעסטונגען אָבער האָט ער פאַרשאָטן אַלע טייכן און אַלע קוואַלן, כדי דער שונא זאָל נישט האָבן קיין וואַסער. אויסער אין יהודה, האָט זיך אין די איבעריקע לענדער פון דער פאָדערשטער אַזיע אויך אָנגעהויבן .גראָד צו דער צייט אַ באַוועגונג קעגן אשור. די קליינע בבל האָט אָנגעהויבן דאַן גרויס צו ווערן און האָט באַלד פאַרנומען דעם ערשטן פלאַץ אין דער דאָזיקער באַוועגונג; זי איז געקומען אין באַציאונגען מיט מצרים, וועלכע האָט דאָס מאָל באמת געוואָלט העלפן די אונטערוואָרפענע פעלקער פון אַזיע, מורא האָבנדיק אַליין פאַר דער שטייגנדיקער פאָליטישער באַדייטונג פון אשור. אויף דעם באָדן פון דער דאָזיקער קאָאַליציע איז אין יהודה אויסגעבראָכן פונדאָסניי דער אַלטער פאַרטיי־קאָנפליקט. די הויפלייט האָבן איינגעפונען אַז דער גלייכסטער וועג צו דער זעלבסט־באַפרייאונג איז צוצושטיין צו בבל מיט אירע פאַרבינדעטע, כדי מיט פאַראייניקטע כחות

מלחמה צו האלטן קעגן דעם אַלגעמיינעם געפערלעכן שונא; אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער ריכטונג איז געשטאַנען דער קעניגלעכער קאַנצלער שבנא; די נביאים האָבן אָבער נישט געוואָלט דערלאָזן צו קיין שום פאַרבאַנדן מיט די אַרומיקע פעלקער און געראָטן דעם מלך, זעלבסטשטענדיק ארויסצוטרעטן קעגן אשור; אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער פּאַרטיי איז געשטאַנען דער אַלטער נביא ישעיהו בן אמוץ. דער לעצטער האָט, אמת, נישט אָנגעוויזן אויף קיין שום קאָנקרעטע מיטלען, וועלכע די קליינע יהודה דאַרף אָננעמען, כדי בייצושטיין קעגן דער ריזיקער אשור; ער האָט אָבער געגלויבט אין דער קראַפט פון גייסט, אין דעם פּרינציפּ פון צדק: ער דאַרף נישט קיין זייטיקע הילף, עס מוז אַ וואונדער געשען, ווען דער פּרינציפּ פון צדק דאַרף מנצח זיין! און ווען דער מלך יחזקיהו, וואָס האָט זיך גענייגט אויף דער זייט פון דער הויף־פּאַרטיי, האָט אָנגענומען די שליחים פון בבל און אַרויסגעוויזן אַ גרויסע סימפּאַטיע צו זייערע פּלענער, האָט ישעיהו אים געמאַכט שטרענגע פאַרוואורפן און אים פאַרגעזאָגט: „ס'וועלן אָנקומען טעג און אַלץ, וואָס דו האָסט אין דיין הויז אָנגעזאַמלט און וואָס דיינע עלטערן האָבן אָנגעזאַמלט ביז היינטיקן טאָג, וועט אַוועקגעטראָגן ווערן קיין בבל, קיין זאַך וועט דיר נישט איבערבלייבן; און דיינע קינדער וועלן אַהין אַוועקגענומען ווערן און פאַר סריסים וועלן זיי מוזן דינען אין פּאַלאַץ פון מלך בבל"...

דערווייל איז אָנגעקומען דער אַנטשיידענער מאָמענט. נאָך איידער די אויפגעבונטעוועטע מלוכות האָבן געקאָנט באַווייזן זיך צונויפצורייזן, איז סנחריב דער מלך פון אשור פלינק, ווי אַ פייל פון בויגן, פונדאַסניי אָנגעפאַלן אויף יהודה. דאָס מאָל, וואַרשיינלעך, איז אים זיין אויפגאַבע פיל שווערער אָנגעקומען, ווי דאָס ערשטע מאָל. אמת, די קלענערע גרעניץ־פעסטונגען האָט ער איינגענומען איינע נאָך דער אַנדערער, אָבער יחזקיהו האָט אים מיט זיין חיל דערוואַרט ביי די מויערן פון ירושלים און דאָרטן האָט זיך געדאַרפט קאָנצענטרירן דער שווער־פּונקט פון דער מלחמה.

און ווען דער פיינט מיט זיין אומגעהויער גרויסער אַרמיי, מיט זיין פוס־חיל און פערד־חיל און מיט זיין שווערן און לייכטן וואָפן איז אַלץ נענטער צוגעקומען צו דער הויפּטשטאָט, האָט דאָך דאָס פאַרהעלטניש־

מעסיק קליינע פאָלק נישט פאַרלאָרן זיין מוט. דער מלך אַליין איז אַרומ־געפאָרן איבער די גאַסן און געטרייסט און געמונטערט:

„שטאַרקט זיך און מוטיקט זיך! שרעקט זיך נישט און פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ פאַר דעם מלך פון אשור און פאַר דער גרעסער־ער מאַסע, וואָס מיט אים איז, — מיט אונדז איז פיל מער ווי מיט אים! ער באַזיצט נאָר די קערפּערלעכע קראַפט, מיט אונדז איז אָבער אונדזער אַל־מעכטיקער גאָט יהוה, ער וועט אונדז העלפן און ער וועט פאַר אונדז מלחמה האַלטן!"

דער נביא ישעיה האָט אויך דאַן אין לאַגער געפּרעדיקט, אַז ס'איז געקומען די צייט פון דער געטלעכער נקמה:

„זייער טיראַניי איז דאָך שרייענדיק, די מלאכי־השלום וויינען דאָך ביטערלעך. וויסט זיינען אַלע וועגן, עס וואָגט מער קיין וואַנדערער צו גיין, צעשטערט זיינען די שטעט, עס ווערט נישט געאַכטעט קיין מענטש. פאַרטרויערט, אומגליקלעך איז דאָס לאַנד, פאַרשעמט, פאַרוועלקט איז דער לבנון, דער שרון איז אַ מדבר געוואָרן און דער כרמל איז ווי פאַר־שאָלטן. איצט שטיי איך אויף — זאָגט גאָט — איצט הייב איך זיך אויף, איצט וועל איך זיך אַ טראָג טון!..."

סנחריב האָט, ווי ס'ווייזט אויס, געוואָלט אויסמיידן די שווערע מלחמה, וואָס אים איז פאַרגעשטאַנען אונטער ירושלים, און ער האָט גע־פּרואווט פאַרלייגן דער באַפעלקערונג, זי זאָל זיך אים אונטערגעבן מיט גוטן, ווייל, ענדלעך, וועט זיך דאָך די מרידה נישט איינגעבן. איינעם פון זיינע שרים, רבשקה, צוזאַמען מיט אַ גאַנצער סוויטע האָט ער געשיקט צו דעם חיל פון ירושלים, וועלכער האָט באַוואַכט די פעסטונגען, פאַרצו־לייענען זיי זיין לעצטע התראה. רבשקה האָט זיין שליחות דערפילט מיט דער גרעסטער חוצפה; ער האָט אויסגעלאַכט דעם יהודישן גאָט, אָפּגע־שפּאָט פון דעם געטלעכן פאָלק און שטאַרק דערנידעריקט דעם יהודישן מלך אין דער אָנוועזנהייט פון אַלע שרים און פון אַ גרויסער מאַסע יהו־דים, וועלכע האָבן זיך צונויפגעזאַמלט הערן די רייד פון סנחריבן; און ווען איינער פון די שרים האָט פאַרגעלייגט רבשקהן, ער זאָל ריידן צו זיי אַראַמיש, נאָר נישט קיין העברעאיש, כדי דאָס פאָלק אַרום זאָל נישט פאַרשטיין די שענדלעכע ווערטער, האָט ער נאָך מער זיין מויל געעפנט און נאָך פיל עזותדיקער גערעדט:

„צו דיר און צו דיינע האַרן דען האָט מיך מיין האַר געשיקט זאָגן די דאָזיקע ווערטער ?צו די מענטשן דאָרט, וואָס זיצן אויפן מויער און עסן זייערע אייגענע מיסט און טרינקען זייערע אייגענע פּליסיקייט!... הערט די ווערטער פון דעם גרויסן מלך, דעם מלך פון אשור. אַזוי האָט געזאָגט דער מלך: זאָל אייך יחזקיהו נישט איינרעדן, ווייל ער וועט נישט קענען אייך ראַטעווען. און זאָל אייך יחזקיהו נישט פאַרזיכערן אין גאָטס נאָמען כלומרשט: גאָט וועט אונדז העלפן, די שטאָט וועט נישט איבערגעגעבן ווערן אין אשורס הענט! איר זאָלט נישט הערן יחזקיהון, דען אַזוי האָט געזאָגט דער מלך פון אשור: זייט צו מיר העפלעך, קומט אַרויס צו מיר, דאַן וועט איר יעדערער עסן די פרוכט פון זיין ווייננאָרטן און די פרוכט פון זיין פייגנבוים און דאַן וועט איר אַ יעדערער טרינקען דאָס וואַסער פון זיין ברונעם. טאָמער זשע וועט אייך חזקיהו איינרעדן: „גאָט וועט אונדז ראַטעווען” — וועלכער געטער, פון וועלכע פעלקער האָבן זייערע לענדער געראַטעוועט פון די הענט פון מלך אשור? וואו זיינען די געטער פון חמת? וואו זיינען די געטער פון ארפד? וואו זיינען די געטער פון ספרוים? אָדער פאַרוואָס האָבן די געטער נישט געראַטעוועט שומרון פון זיינע הענט? ווער פון די געטער האָט זיין לאַנד געראַטעוועט, אַז אייער גאָט זאָל קענען ירושלים ראַטעווען?!...

שרעקלעך איז געווען דער רושם פון דעם דאָזיקן שליחס רייד; די שרים האָבן זייערע קליידער צעריסן; קעגן דער קאַלטער לאָגיק האָט זיך דער מלך פון יהודה אַליין פאַרלוירן. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט וואָס ער האָט אויף זיך גענומען בנוגע צו זיין פאָלק איז באמת אומגעהויער גרויס. נאָך אַ רירנדיקער תפילה אין בית־המקדש, האָט ער געשיקט זיינע דינער פרעגן ביים נביא ישעיהו זיין עצה. דער נביא האָט געשיקט צו סנחריבן אַ דרייסטן ענטפער אינעם נאָמען פון גאָט:

„עס האָסט דיך, עס לאַכט פון דיר די טאָכטער פון ציון, עס שאָקלט איבער דיר מיטן קאָפּ די טאָכטער פון ירושלים! וועמען האָסטו געלעס־טערט, וועמען האָסטו געשענדעט, אויף וועמען האָסטו דיין שטים אויפ־געהויבן, אויף וועמען האָסטו דיינע אויגן פאַרריסן? אויף דעם הייליקן פון ישראל?! דורך דיינע קנעכט האָסטו געלעסטערט גאָט און דו האָסט געזאָגט: „מיט מיינע פיל רייטוועגן וועל איך אויף די העכסטע בערג

שטייגן, איך וועל אויפן לבנון אַרויפקלעטערן, איך וועל זיינע העכסטע צעדערן אויסשניידן, זיינע בעסטע בוקסן אויסהאַקן, איך וועל דערגרייכן ביז דער ענדע פון כרמל־וואַלד, איך וועל גראָבן און טרינקען וואַסער, ווען איך וועל אויסטרעטן מיט מיינע פוס־קנאַפּל אַלע וואַסערן פון דער באַלאַגערונגס־שטאָט!" דו האָסט דאָך געהערט, וואָס איך האָב פאַרצייטן געטון און געשאַפן — איך וועל דאָס איבערחזרן און וויסטע בערגלעך וועלן ווערן פון פאַרפעסטיקטע שטעט, און זייערע איינוואוינער וועלן ווערן מאַכטלאָז, זיי וועלן צעבראָכן ווערן און פאַרשעמט ווערן, זיי וועלן פאַרוועלקט ווערן ווי די גראָז פון פעלד, ווי גרינס אויף דער לאָנקע, ווי שפּראָצונגען אויפן דאַך, ווי נישט דערוואַקסענע זאַנגען. דיין זיצן, דיין אַרויסטרעטן, דיין אָנקומען ווייס איך, מיר איז אויך באַוואוסט דיין אויפרעגונג אויף מיר. איך האָב פאַרנומען דיין צאָרענען און דיין ליאַ־רעמען אויף מיר — דערפאַר וועל איך דיר אַ רינג אין דיינע נאָזלעכער אַריינזעצן און אַ צוים וועל איך דיר אין דיינע ליפּן אַריינגעבן און איך וועל דיך צוריק פירן אויף דעם וועג, אויף וועלכן דו ביסט געקומען...

ווייל אַזוי האָט גאָט געזאָגט וועגן מלך אשור: ער וועט אין דער שטאָט נישט אַריינטרעטן, ער וועט אין איר קיין פייל נישט וואַרפן, איר וועט קיין פאַנצער באַגעגענען און קיין וואַל וועט אַרום איר נישט געמאַכט ווערן. מיט דעם זעלבן וועג, וואָס ער איז געקומען, וועט ער זיך אומ־קערן, נאָר אין שטאָט וועט ער נישט אַריינקומען — אַזוי זאָגט גאָט: איך וועל באַשיצן די דאָזיקע שטאָט איר צו העלפן פון מיינעטוועגן און פון מיין קנעכט דודס וועגן..."

און עס איז באמת געשען אַ וואונדער, ווי דער געטלעכער נביא האָט געגלויבט. סנחריב האָט פלוצלונג באַקומען אַ ידיעה, אַז תרהקה דער מלך פון מצרים (פון דער כושיטישער דינאַסטיע) קומט אָן מיט זיין חיל פון הינטן. דער מלך פון אשור האָט באַלד געגעבן אַ באַפעל זיין חיל צו גיין באַגעגענען דעם פיינד. אונטערוועגס ביים אָנקומען פון דער נאַכט האָט דער מלך מיט זיין אַרמיי זיך געלייגט רוען אין פעלד און אויף מאָרגן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין לאַגער זיינען אַ מאַן הונדערט אַכציק טויזנט אויף אייביק איינגעשלאָפן געוואָרן! וואָס די סיבה איז געווען, איז געבליבן אומבאַוואוסט. אין תנ"ך ווערט דערציילט, אַז אַ מלאך פון גאָט איז אין דער נאַכט אויף דער ערד אַראָפּגענידערט און די

מחנה פון אשור געפלאָגט; די כראָניקער פון מצרים דערציילן, אַז פעלד־מייז זיינען איבער נאַכט באַפאַלן דעם לאַגער און אויפגעפרעסן אַלע שפייזן, צעביסן אַלע בויגנס, די גאַנצע קליידונג און באַשוכונג. אַלנפאַלס איז עס אַ געטויער פאַקט, אַז סנחריב האָט פלוצלינג אַליין פאַרלאָזן דאָס שלאַכטפעלד און האָט זיך קוים געראַטעוועט אין זיין לאַנד אשור, אין זיין הויפטשטאָט נינוה. נאָר דאָרטן האָט אים דערוואַרט דער טויט; זיינעביידע זין האָבן קעגן אים צוזאַמענגעשטעלט אַ פאַרשווערונג און האָבן אים אַוועקגעהרגעט, בעת ער האָט געהאַלטן זיך אין בוקן פאַר זיין אָפּגאָט אין זיין טעמפּל.

די אומדערוואַרטע ישועה, וואָס איז אויפן לאַנד געקומען, האָט אַרויסגערופן אַן אומענדלעכע פרייד צווישן פאָלק; די משוררים האָבן זי באַזונגען אין זייערע פייערלעכע תפילות; די לויים האָבן איבער דעם געלויבט גאָט אין בית־המקדש. די באַדייטונג פון דעם נס איז געווען נישט נאָר אַ פּאָליטישע, נאָר אויך אַן עקאָנאָמישע און איבערהויפּט אַ רעליגיעזע. נישט נאָר זעלבסטשטענדיק איז יהודה געוואָרן אַ דאַנק סנחריבס מפּלה, נאָר זי האָט זיך פונדאָסניי גענומען אַנטוויקלען אויך עקאָנאָמיש. די פּאַדערשטע אַזיע איז פריי געוואָרן פון איר באַדריקער, דאָרטן האָט, ווי אַמאָל, אויפגעבליט דער האַנדל, אין וועלכן יהודה האָט פאַרנומען זייער אַן אָנגעזעען פּלאַץ.

די אַנדערע העלפט פון יחזקיהוס הערשן איבערן לאַנד, נאָך דער באַפרייאונג פון אשורס יאָך, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אומגעוויינלעכער גערעטעניש און גאָטס־ברכה אין לאַנד. דער איבערפלוס פון תבואה און וויין און בוימאייל איז אויסגעביטן געוואָרן אין די אַרומיקע לענדער אויף גאָלד און אויף זילבער. יהודה האָט פונדאָסניי גענומען וואַקסן און איז ווידער רייך און מעכטיק געוואָרן. די פאַרשטויסענע קינדער אירע, וואָס בעת די גרויסע מהומות אין אחזס צייטן, זיינען זיי נאָך פאַרטריבן און פאַרוואָגלט געוואָרן אין די ווייטסטע געגנטן, אין אשור, אין מצרים, אין כוש און אאז״וו, האָבן זיך גענומען ביסלעכווייז קערן צוריק אין זייער הייליקן לאַנד. אפילו די פאַרטריבענע פון אפרים האָבן זיך פון זייערע גלות־לענדער געצויגן קיין ירושלים. ציון איז געוואָרן אָנער־קענט פאַר דער אַלגעמיינער הויפּטשטאָט פון אַלע איבערגעבליבענע יש־ראלים אין זייערע אַלע לענדער, דער בית־המקדש — פאַר אַן אַלגעמיין

היילקטום, יהוה פאַר דעם אַלגעמיינעם גאָט און יחזקיהו פאַרן אַלגעמיי־נעם מלך!...

און נישט נאָר אין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער הינזיכט — דער דאָזיקער פּעריאָד האָט זיך געקענט רעכענען ווי דער גליקלעכסטער פאַר דעם רעשט פון ישראל אויך אין דעם קולטור־גייסטיקן זין. דאָס, וואָס די מפּלה פון אשור איז פאַראויסגעזאָגט געוואָרן דורך ישעיה בן־אמוץ און נישט ווי אַ נס, נאָר ווי אַ געזעץ פון צדק, האָט דאָס פאָלק נאָך פעסטער, ווי פריער, צוזאַמענגעבונדן מיט די נביאים און מיט זייער לערע. דאָס טראַדיציאָנעל־פרומע געפיל דרינגט אַלץ טיפער אַריין אין האַרצן פון די יהודים און דער פאָלקס־גייסט האָט דאַן דערגרייכט די העכסטע מד־רגה פון זיין אַנטוויקלונג, די העכסטע — ווייטער האָט ער שוין נישט געקענט גיין. דאָס איז געווען אַ פּעריאָד פון זאַמלען און שאַפן. פון איין זייט האָבן די „חזקיהו־לייט", וואָס האָבן געלערנט דאָס פאָלק, צוזאַמענ־געשטעלט און סיסטעמאַטיזירט אַלץ, וואָס איז ביים פאָלק געשאַפן גע־וואָרן ביז יענער צייט; דאָס זיינען געווען געוויסע טיילן פון דער „תורה", געוויסע טיילן פון „תהלים", געוויסע טיילן פון „משלי" און דג"ל ספרים, וועלכע די לויים אין יהושפטס צייטן האָבן שוין געהאַט אָנגעהויבן צו זאַמלען און נאָר צוליב די געשעענע מהומות האָבן זיי געמוזט איבעררייסן זייער טעטיקייט. די אַלע ספרים זיינען געוואָרן אַזוי וואונ־דערבאַר דייטלעך צוזאַמענגעשטעלט, אַז זייער ציל — צו לערנען דעם מענטשן ליב האָבן דאָס גוטס און האַסן דאָס בייזע, מורא האָבן פאַר גאָט און גיין אין זיינע וועגן — אַי זאַרויסגעקומען העכסט בולט. די „חזקיהו־לייט" זאָלן אויך האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשרייבן די אַלגעמיינע געשיכ־טע פון זייער פאָלק, און אויך דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער גרונט־טענדענץ: יעדער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער מאָמענט אין היסטאָ־רישן לעבן פון פאָלק איז שטאַרק פאַרבונדן מיט זיין רעליגיעזן און מאָ־ראַלישן צושטאַנד צו יענער צייט. יעדער פּעריאָד פון פאָלקס־גליק באַ־צייכנט מיט זיך די פרומקייט און די גאָטספאָרכטיקייט פון פאָלק; יעדער פּעריאָד פון פאָלקס־אומגליק באַווייזט, אַז דאָס פאָלק איז פאַרדאָרבן און זינדיק געווען.

דער נאַציאָנאַלער געדאַנק איז אָבער נישט פאַרגליווערט געוואָרן און האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז מיט די געזאַמלטע שאַפונגען פון

די פאַרגאַנגענע יאָרן. ישעיהו הנביא און זיינע אָנהענגער — וועלכע האָ־
בן דאַן צווישן פאָלק באַקומען דעם טיטול „ענוים" — האָבן דעם געדאַנק
פאָרגעזעצט ווייטער, אים טיפער געמאַכט, פאַרברייטערט און דייטלעך
באַצייכנט דאָס, וואָס די פאַריקע דורות האָבן געהאַט דערפון נאָר אַ פאַר־
נעפלטן באַגריף. אין יענער צייט פון מנוחה און פרידן, וועלכע איז אָנ־
געקומען אין לאַנד, האָט ישעיהו הנביא געוואָרפן זיינע בליקן פיל ווײ־
טער אויסער די גרענעצן פון יהודה. מיט זיין געטלעך וואָרט ווענדט ער
זיך צו אַלע פעלקער, וועלכע זיינען געווען מער אָדער ווייניקער באַקאַנט
צו יענער צייט אין דער פאָדערשטער אַזיע. ער שטרעבט צו מאַכן די
נבואה — אַלמענטשלעך; ער שטראָפט צור און אשור און פלשתים און
מואב און ארם און מצרים. ער וויל דעם גאָט פון ישראל מאַכן פאַר דעם
גאָט פון דער מענטשהייט, די מאָראַל פון ישראל פאַר דער מאָראַל פון
דער גאַנצער מענטשהייט. דערמיט מיינט ער נישט אַוועקצונעמען פון יש־
ראל זיינע אייגנשאַפטן און עס שענקען דער מענטשהייט, נאָר ער וויל די
מענטשהייט פירן צו ישראל, ער וויל דאָס געטלעכע פאָלק ווי דאָס געט־
לעכע וואָרט מאַכן אוניווערסאַל, מאַכן אַלמענטשלעך. און אויף וויפיל
ער שטרעבט צו דערהייבן יעדעס פאָלק צו דעם געטלעכן און גערעכטן,
אויף אַזוי פיל איז ער נישט־נאַציאָנאַליסטיש. די אַלמענטשלעכע און
וואונדערשיינע פאָעמע „יונה" איז זיכער געשאַפן געוואָרן אין יענער
צייט, אין דער צייט פון די ענוים. גאָט שיקט דעם נביא יונה קיין נינוה,
די הויפּטשטאָט פון אשור, איר מתרה צו זיין, אַז די מאָס פון אירע זינד
איז שוין איבערפולט און אויב זי וועט נישט תשובה טון, וועט זי אין
פערציק טעג אַרום חרוב ווערן. נינוה איז דער שרעקלעכסטער שונא פון
ירושלים און דער נביא, ווי אַ הייסער נאַציאָנאַליסט, וויל נישט ראַטע־
ווען נינוה; דאַן אַנטלויפט ער פון גאָט אויף אַ שיף; פאַר גאָט איז אָבער
קיין באַהעלטעניש נישטאָ, און ער שיקט נאָך אַ ווינט נאָכצויאָגן די שיף,
אויף וועלכער יונה פאָרט צוזאַמען מיט פיל אַנדערע רייזנדערס. דער
ווינט ברויזט אויף דעם ים און די שיף איז אין געפאַר; יונה פאַרשטייט,
אַז דאָס יאָגט אים נאָך גאָט, וויל ער נישט אַז אומשולדיקע מענטשן
זאָלן צוליב אים ליידן, בעט ער, אַז מען זאָל אים אַריינוואַרפן אין ים;
וועט די שיף געראַטעוועט ווערן און ער וועט פון זיין שליחות אויך באַ־
פרייט ווערן. געפינט אים גאָט אויך אינעם אָפּגרונט פון ים. אַ וואַלפיש

שלינגט איין יונהן און ער לעבט ביי אים אין בויך דריי טעג מיט דריי נעכט. ענדלעך זעט ער, אַז קעגן גאָט איז קיין מיטל נישטאָ און ער איז מתפלל; שפּייט אים דער פיש אַרויס אויף דער יבשה. דאַן קומט ער אין נינוה צו דערפילן גאָטס שליחות: דריי טעג און דריי נעכט גייט ער אַרום אין שטאָט און רופט: „אין נאָך פערציק טעג ווערט נינוה אומגעקערט!" די התראה האָט געהאַט אַן אומגעהויערע ווירקונג: קליינע קינדער האָבן געפאַסט, דער מלך אַליין האָט אַ זאַק אויפן לייב אָנגעטון, די בהמות האָבן זיך אין פעלד נישט געפיטערט. די חרטה פון דער זינדיקער נינוה איז באמת אָנגענומען געוואָרן פאַר גאָט און ער האָט זיין גזירה מבטל געווען. דאַן האָט דער נביא געבעטן זיך ביי גאָט: „מיר איז בעסער דער טויט ווי דאָס לעבן!" דערווייל האָט ער פאַרלאָזן די שטאָט. אין פעלד האָט די זון זייער געברענט און אַרום איז קיין שאָטן נישט געווען וואו זיך צו באַהאַלטן. האָט גאָט געלאָזט אויסוואַקסן פלוצלינג אַ ברייטן בלאַט, אונטער וועלכן יונה האָט זיך געקאָנט פון דער היץ באַשיצן. יונה האָט זיך זייער געפרייט מיט דעם וואונדער. אויף מאָרגן האָט אָבער אַ וואָרעם אויפגעפרעסן דעם בלאַט און ער איז פאַרדאַרט געוואָרן. דער נביא איז ווידער געבליבן שוצלאָז און האָט זיך פונדאָסניי געבעטן ביי גאָט: „מיר איז בעסער דער טויט ווי דאָס לעבן!" — דאַן האָט אים גאָט געזאָגט: „דיר פאַרדריסט פאַר דעם בלאַט, וואָס נישט דו האָסט זיך איבער אים געמיט, נישט דו האָסט אים אויסגעהאָדעוועט, וועלכער איז איבערנאַכט געבוירן געוואָרן און איבערנאַכט פאַרלוירן געגאַנגען, ווי זשע זאָל מיך נישט פאַרדריסן אויף אַזאַ גרויסער שטאָט, ווי נינוה, אין וועלכער עס געפינען זיך מער פון צוועלף רבוא מענטשן, וועלכע ווייסן נישט פון רעכטס ביז לינקס און אַזוי פיל אומשולדיקע בהמות".

קלינגען דען נישט אין דער דאָזיקער פּאָעמע די שטאַרקסטע אַקאָרדן פון מענטשן־ליבע? צוליב די אינטערעסן פון צדק מוזן פאַרשטומט ווערן נישט נאָר די געפילן פון אייגננוץ, נאָר אפילו אויך די נאַציאָנאַלע ליבע. און ווען ישעיהו האָט זיך געקענט באַפרייען פון דער קעגנווערטיקער צייט און זיך איבערטראָגן אין דער ווייטער צוקונפט, האָט ער געחלומט וועגן דעם גרעסטן גליק, צו וועלכן די מענטשהייט קען נאָר צוקומען, וועגן דער אַלגעמיינער מענטשן־ליבע, צו וועלכער די היסטאָריע שטרעבט שוין אַזוי פיל דורות און קען עס נאָך אַלץ נישט דערגרייכן. דאַן האָט

ער געזען אין זיין פאָלק אַן אַלוועלטלעך פאָלק און אין זיין הייליק לאַנד — אַן אַלוועלטלעך לאַנד און אין זיין געטלעכן צענטער — אַן אַלוועלטלעך געטלעכן צענטער — דאָס אַלץ וועט ווערן דאָס אַלגעמיינע אייגנטום פון דער מענטשהייט און דאָס אַלץ וועט פירן צום אַלגעמיינעם גליק פון דער מענטשהייט:

„עס וועלן קומען טעג, ווען דער הייליקער באַרג פון גאָטס הויז וועט שטיין פעסט אַן דער שפּיץ פון די אַלע איבעריקע בערג און ער וועט דערהויבן ווערן איבער אַלע הויכקייטן און עס וועלן אַלע פעלקער צו אים שטורעבן. פיל נאַציעס וועלן גיין און וועלן זאָגן: לאָמיר גיין און לאָמיר שטייגן אויף דעם געטלעכן באַרג, צו דעם הויז פון יעקבס גאָט, זאָל ער אונדז לערנען, וועלן מיר גיין אין זיינע וועגן" — ווייל פון ציון וועט תורה אַרויסגיין און פון ירושלים — גאָטס וואָרט. און ער וועט משפּטן צווישן די פעלקער און ער וועט איבערצייגן פיל אומות, וועלן זיי צע־ברעכן זייערע שווערדן אויף אַקער־אייזנס און זייערע שפּיזן אויף שנייד־מעסערס און קיין מלחמות וועלן מער נישט געפירט ווערן!"...

און וואָס טיפער ישעיהוס גייסט האָט געקלערט וועגן דער צוקונפט פון דער צדק־מלוכה, אין וועלכער עס וועלן הערשן נאָר אמת און ליבע אַלץ מער האָט זיין געטלעך־באַגייסטערטע פאַנטאַזיע נישט אָנערקענט קיין שום מעגלעכע און אוממעגלעכע גרעניצן. נישט נאָר צווישן די מענ־טשן און צווישן די פעלקער וועט די פיינטשאַפט און אומרעכט אויסגע־וואָרצלט ווערן, נאָר אפילו די חיות און די בהמות, וועלן געמילדערט ווערן:

„און עס וועט וואוינען דער וואָלף צוזאַמען מיטן שעפּס און דער לעמפּערט וועט ליגן צוזאַמען מיט דער ציג און אַ קאַלב און אַן אָקס און אַ טיגער וועלן צוזאַמען זיין און אַ קליין קינד וועט זיי פירן. און אַ קו און אַ בער וועלן צוזאַמען זיך פיטערן און צוזאַמען קינדער האָדעווען און דער לייב וועט, ווי דאָס רינד, קייען היי... זיי וועלן קיין שלעכטס נישט טון און זיי וועלן קיין שאָדן נישט מאַכן אויף מיין הייליקן באַרג, ווייל די גאַנצע ערד וועט פול ווערן מיטן געטלעכן באַוואוסטזיין, ווי דאָס וואַ־סער פילט אָן דעם ים!"...

פאַר דעם נביא איז אָבער אפילו דאָס דאָזיקע וואונדערלעכע בילד אויך געווען ווייניק. אים האָט געקרענקט נישט נאָר פאַר דעם באַליידיקנ־

דיקן און באַליידיקטן אין דער מענטש־וועלט, נאָר אפילו פאַר דאָס באַ־ליידיקנדיקע און באַליידיקטע צווישן די אומבאַוואוסטזיניקע באַשעפע־נישן; אים האָט געוויטיקט דאָס האַרץ נישט נאָר פאַרן חי און מדבר, נאָר אויך פאַרן צומח און דומם. דער פּרינציפּ פון צדק ווערט געשטערט נישט נאָר דורך די באַשעפענישן, נאָר אפילו דורך דער נאַטור אַליין. דער קעמפער פאַרן אמת קען די דאָזיקע עולה נישט ליידן און ער פאָ־דערט אפילו פון דעם באַשעפער אַ גלייכע באַציאונג צו אַלע זיינע שאַ־פונגען אין יעדער הינזיכט, און ער מאָלט די צוקונפט מיט די ווייטערדי־קע פאַרבן:

„עס וועלן זעענדיק ווערן די אויגן פון די בלינדע און עס וועלן הערנ־דיק ווערן די אויערן פון די טויבע. עס וועט דער הינקענדיקער שפּרינגען ווי דער הירש, און די שטומע צונג וועט זינגען, ווייל אפילו אין דער מדבר וועט זיך וואַסער געפינען און טייכן וועלן פליסן אין דער וויסטע; אין לאַנקעס וועלן פאַרוואַנדלט ווערן די פון דער זון אויסגעברענטע פלע־צער און דאָרט, וואו איצט הערשט דער דאָרשט, וועלן קוואַלן זיך גיסן...״

דעם אידעאַל פון צדק האָט דער גייסט פון ישראל שוין אין יחז־קיהוס צייט אַנטוויקלט ביז דעם העכסטן גראַד. ישעיהו האָט געגלויבט, אַז זיין אידעאַל מוז סוף כל סוף פאַרווירקלעכט ווערן, וואָרום אויב נישט פאַרלירט די גאַנצע בריאה איר אינהאַלט. די דאָזיקע מיסיע אָבער מוז דורכגעפירט ווערן דורך דעם געטלעכן פאָלק ישראל, דורך זיין מלך, דורך דעם געטלעך געזאלבטן, משיחן, וואָס מוז ענדלעך אַרויסשפּראָצן פון דודס בוים. „אויף אים וועט רוען דער גייסט פון גאָט, דער גייסט פון קלוג־שאַפט, דער גייסט פון פאַרשטאַנד, דער גייסט פון העלדישקייט, דער גייסט פון וויסנשאַפט און גאָטספאַרכטיקייט״. דער דאָזיקער געזאַלבטער פון גאָט וועט באַהערשן די גאַנצע נאַטור און דערהייבן זי ביז צו דער מדרגה פון דעם ווירקלעכן געטלעכן באַוואוסטזיין, ביז דעם צדק, און דורך דעם וועט ער אַראָפּברענגען אויף דער וועלט דאָס אמתע, דערוואַר־טע גליק. אויף אַזאַ אופן האָט ישעיהו געלייגט דעם פונדאַמענט, אויף וועלכן ס׳האָט זיך שפּעטער אויפגעבויט די גרויסע אַלמענטשלעכע שטרעבונג צו אַן אויסדערוויילטן פון גאָט, צו אַ געזאַלבטן דערלייזער, צו אַ משיח! דערמיט האָט דאָס געטלעכע פאָלק פאַרענדיקט און פאַרפול־קאָמט זיין גרויסע מתנה, וואָס ער האָט דער מענטשהייט געשענקט, און

איבער וועלכער עס האָבן געאַרבעט זייגע גרעסטע גייסטער: פון משה, דוד און שלמה, ביז עמוס און ישעיהו בן אמוץ!

די גרויסע אָנשטרענגונג פון דעם נאַציאָנאַלן שאַפונגס־גייסט אויף די געביטן פון דער פּאָליטיק, פון דער עקאָנאָמיע און פון דער פילאָזאָפיע, אין יחזקיהוס צייט האָט געדאַרפט ברענגען דאָס פאָלק צו אַ מידקייט און אַרויסרופן אין אַ געוויסער מאָס אַ רעאַקציע. די באַדינגונגען נאָך יחזקיהוס טויט האָבן אָבער אָנגענומען אַזאַ ווענדונג, אַז די רעאַקציע איז געוואָרן אַ סך אַ שרעקלעכערע, ווי מ׳האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן. דעם טראָן האָט געירשנט דער צוועלף־יאָריקער זון מנשה (695—640); צוליב זיין מינ־דעריעריקייט האָבן ווייטער די שרים באַקומען אין זייערע הענט די גאַנצע הנהגה אין לאַנד. זיי האָבן זיך, ווי געווינלעך, געזאָרגט איבערהויפּט פאַר די אייגענע נוצן און פאַר די נוצן פון זייער שטאַנד און האָבן זיך פיינטלעך באַצויגן צו די רעפאָרמען פון פאַרשטאָרבענעם יחזקיהו. צו זיי זיינען, ווי ס׳ווייזט אויס, צוגעשטאַנען אויך די אַלע יועצים פון מלך אחז און זיינע פאַמיליאַנטן, וועלכע האָבן אין דער צייט פון דעם פאָריקן מלך פאַרלוירן זייער באַדייטונג צוליב דער אַגיטאַציע פון די נביאים. אין די „הויכע ספערן” האָט פון דאָס ניי אָנגעהויבן צו הערשן דאָס אַלטע זאָרג־לאָזיק פאַרשווענדערישע לעבן, וועלכעס איז קעגן די באַגריפן פון דער נבואה און אין דעם גרונט פון וועלכן עס ליגט די שטרעבונג צו רייכקייט און לוקסוס, געשטיצט אויף אומרעכט, געוואַלד־טאַטן און באַטרוג. און ווידער האָט מען געמוזט אַראָפּשליידערן דעם נאַציאָנאַלן יהוה פון פיע־דעסטאַל, כדי זיין אָנדענקען זאָל נישט פלאָגן דאָס געוויסן פאַר די בייזע מעשים. דאָס געצנדינערײַ איז ווידער אַריין אין דער מאָדע! אין דעם דאָזיקן פאַרדאָרבענעם גייסט האָבן די שרים דערצויגן דאָס פאָלק און אויך דעם יונגן מלך מנשה.

און פאַרגעקומען איז עס דעמאָלט אַזוי, אַז אַפילו די אַלגעמיינע פּאָליטיק איז געווען זייער גינסטיק פאַר די פאַרעטערישע שטרעבונגען פון די הערשנדיקע קלאַסן. אשור, וועלכע האָט, נאָך דער מפּלה פון סנחריבס חיל אַ געוויסע צייט נישט באַאומרואיקט יהודה, האָט פון דאָס ניי אָנגעהויבן צו שיקן מחנות סאָלדאַטן קעגן די אַרומיקע לענדער, נאָך דעם ווי אסרחדון, סנחריבס זון, איז געוואָרן מלך. ער האָט דורכגעמאַכט

זייער אַ געלונגענע מלחמה קעגן מצרים און האָט איר אין אַ געוויסער מאָס געמאַכט אָפּהענגיק פון זיך. די לעצטע שטיצע פון די מלוכות אין דער פאָדערשטער אַזיע, וועלכע פלעגן שטענדיק האָפן אויף מצרים, אַז זי וועט זיי, צוליב אירע אינטערעסן, העלפן אין קאַמף קעגן דעם אשורישן אַפּעטיט, איז אויף אַזאַ אופן צונישט געוואָרן. און זיי האָבן אַלע ווידער געמוזט פאַרוואַנדלט ווערן אין אונטערגעוואָרפענע פּראָווינצן פון דער גרויסער ניגוה־מלוכה.

דער זעלביקער גורל איז פאַרגעשטאַנען אויך יהודה. זי איז, נאָך אַ געוויסער הפסקה, ווייטער ארונטערגעפאַלן — אין מנשהס צייטן — אונ־טער דער ווירקונג פון אשור. די ווירקונג איז אפשר נישט געווען אַזוי שרעקלעך אין פּאָליטישן זין, ווי אינעם רעליגיעזן און עטישן. די שרים האָבן געפּונען פאַר נייטיק נאָכצוטון אין דעם גייסטיקן לעבן פון לאַנד אַלץ, וואָס איז געטון געוואָרן אין אשור. די אשורישע געטער זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן אין יהודה, ווי אין די צייטן פון אחז; פאַר זיי זיינען טעמפּלען געבויט געוואָרן און אַלטאַרן געשטעלט. אויף דעם אשו־רישן שטייגער, זיינען בכלל פאַרגעטערט געוואָרן די פּלאַנעטן, די זון, די לבנה און די שטערן. ווען מנשה איז עלטער געוואָרן און ער האָט איבער־גענומען די הנהגה פונעם לאַנד אין די אייגענע הענט, איז ער אין דער דאָזיקער ריכטונג געגאַנגען נאָך פיל ווייטער און דרייסטער. ער האָט דאָס געצנדינערייי אין לאַנד נישט נאָר דערלויבט, נאָר אויך עס איינגע־פירט ווי אַ פליכט. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פאַנאַטישן געצנדי־נער און האָט פאַרפירט דאָס פאָלק נישט בלויז פון זיינע אייגענע נוצן וועגן. אין אַלע זיינע מעשים זעט זיך אַ ליידנשאַפטלעכע גאָט־זוכעניש און אינגאַנצן מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ רעליגיעזן רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן דער שטרענגער אמונה פון די נביאים. אינעם בית המקדש גופא האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם אָפּגאָט פון דער זון און פאַר אים געבויט אַ באַזונדערן מזבח, אויף וועלכן די כהנים האָבן געמוזט מקריב זיין קרבנות. זיין ארויסטריט קעגן דעם נאַ־ציאָנאַלן יהוה צייכנט זיך אויס מיט אַ ווילדער פאַרביסנקייט; ער האָט סאַנקציאָנירט אַלץ, וואָס דער יהוהאיזם האָט באַקעמפט גאַנצע דורות און וואָס ס׳איז אינגאַנצן פרעמד געווען דעם נאַציאָנאַל־יידישן גייסט. ער האָט מקריב געווען מענטשן־קרבנות פאַר די פּלאַנעטן, זיין אייגענעם זון

האָט ער אין דעם הייליקן פייער פאַרברענגט. ער האָט אין לאַנד פון דאָס ביי אייגנגעפירט דאָס כישופמאַכעריי; אין דעם אַלעמען זעט זיך קלאָר די איינציקע שטרעבונג: אַ קאַמף פאַר דעם ערדישן און קאָנקרעטן קעגן דאָס גייסטיקע און אַבסטראַקטע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פון דער זייט פון די שרים און הויפּלייט האָט דער מלך באַגעגנט בלויז מיטגעפיל; כאַראַקטעריסטיש איז אָבער דאָס, וואָס אפילו די אָפיציעלע גייסטלעכע אין לאַנד, די כהנים, האָבן זיך וואָס ווייטער אַלץ מער צוגעוואוינט צו דער נייער לאַגע און האָבן זיך אויך געגומען זאָרגן נאָר דערפאַר: ווי בעסער אויסצונוצן פאַר זיך זייער הייליקע דינסט. צוליב די נייע געצנדינערישע באַגריפן, און דאָס קרבנות־ברענגען נאָך פיל פאַרגרעסערט געוואָרן און צוזאַמען דערמיט איז גע־וואַקסן אויך די זינדיקייט פון המון. זינדיקן און אויסקויפן זיך דורך קרבנות — דאָס איז געווען זייער פאַרשטענדלעך פאַר די נידעריקע פאָלקס־מאַסן. און וואָס מער געטער עס זיינען צוגעקומען אין לאַנד, אַלץ מער מזבחות זיינען געשטעלט געוואָרן אויף יעדן באַרג, אין יעדן טאָל. די געטער־באַדינונג איז אָבער אַלץ געבליבן די איינציקע פּריווילעגיע פון די כהנים; אָפילו אין טאָל הנום ביי ירושלים (גי הנום), האָבן אויך די כהנים באַדינט. די איינציקע קעמפער פאַר דעם נאַציאָנאַלן גייסט קעגן דעם פאַרראַט פון מלך, זיינען ווידער, ווי אַמאָל, געבליבן די נביאים. זיי האָבן נישט אויפגעהערט מלחמה צו האַלטן מיטן כוח פון געטלעכן וואָרט קעגן מנשה, וועלכן זיי האָבן גערופן דער „אחאב פון יהודה" און אומ־דערמידלעך פלעגן זיי אים און דאָס פאַרפירטע פאָלק מתרה זיין אינעם נאָמען פון גאָט:

„דערפאַר, וואָס מנשה דער מלך פון יהודה האָט געטון די אַלע ני־דערטרעכטיקייטן, דערפאַר וואָס ער האָט פיל מער געזינדיקט, ווי די אמורים פאַרצייטן און האָט נאָך גאַנץ יהודה פאַרפירט מיט זיינע געצן — דערפאַר האָט גאָט דער אַלמעכטיקער פון ישראל אַזוי געזאָגט: איך ברענג אַזאַ אומגליק אויף ירושלים און אויף יהודה, אַז ווער עס וועט דאָס הערן וועלן אים זיינע אויערן פאַרקלינגען! איך וויל ירושלים מעסטן מיט דער מאָס פון שומרון און וועגן מיט דער וואָג פון אחאבס הויז און איך וועל אויסמעקן ירושלים — אויסמעקן און אָפקערן. די איבערגעבליבענע פון מיין פאָלק וועל איך פאַרלאָזן, אין די הענט פון זייערע פיינט וועל איך

זיי איבערגעבן, זיי וועלן צערייבט און צעטראָטן ווערן. דערפֿאַר וואָס זיי האָבן געטון אַלץ, וואָס שלעכט איז אין מיינע אויגן — — —"

דער אחאב פון יהודה האָט אָבער געהאַנדלט ווי איזבל. מיטן שווערד איז ער אַרויס קעגן גאָטס וואָרט. די נביאים האָט ער מאַסנווייז אויסגע־הרגעט און צוזאַמען מיט זיי האָבן מיטן לעבן באַצאָלט די אַלע טרייע אָנהענגער זייערע. ווי אַ לעגענדע דערציילט, איז אויך דער אַלטער־אַלטער נביא ישעיהו, וועלכער זאָל האָבן געווען זיין זיידע פון דער מוטערס זייט, געפֿאַלן טויט דורך זיין האַנט. אין תנ"ך ווערט געזאָגט, אַז מנשה האָט פֿאַרטרונקען גאַנץ ירושלים אין אומשולדיק פֿאַרגאָסן בלוט. דאָס איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, נעמענדיק אין באַטראַכט דעם האַס און דעם ווידערשטאַנד, וואָס זיינע זינדיקע מעשים האָבן געדאַרפֿט אַרויסרופֿן ביים גרעסטן פֿרוי־מען טייל פון פֿאָלק, ביי וועלכע עס האָבן נאָך פֿריש געלעבט די טראַדי־ציעס פון דעם פֿרומען יחזקיהו און זיין גאָלדענער גאָטספֿאַרכטיקער עפּאָכע.

צום גרויסן אומגליק פֿאַרן לאַנד און פֿאַר דעם פֿאָלק איז מנשהס ממשלה געווען זייער אַ דויערהאַפֿטיקע. העכער פופציק יאָר איז ער גע־זעסן אויפֿן טראָן און מיט אכזריות געשטיקט דעם נאַציאָנאַלן גייסט. ווי ס'ווייסט אויס, האָט ער זיך שטאַרק געזאָרגט דערפֿאַר, אַז די אמונה פון יהוה זאָל אינגאַנצן אויסגעוואָרצלט ווערן פון פֿאָלק און די נאַציאָנאַלע מסורות זאָלן פֿאַרגעסן ווערן. בעת ער האָט געטייט די געטלעכע נביאים האָט ער אויך פֿאַרניכטעט די הייליקע ספרים, וואָס זיינען שוין ביז זיין צייט געווען מער אָדער ווייניקער צוזאַמענגעשטעלט און פֿאַרשריבן. אי־בערהויפּט האָט ער פֿאַרפֿאָלגט די תורה פון משהן, וועלכע האָט זיך, צוליב דער שוועריקייט פון שריפֿט אין יענער צייט געקאָנט געפֿינען נאָר אין אַ באַגרענעצטער צאָל עקזעמפּליאַרן, הויפּטזעכלעך ביי די כהנים אין בית־המקדש. און זיין ציל האָט מנשה באמת דערגרייכט. די תורה איז ביים פֿאָלק פֿאַרגעסן געוואָרן און צוזאַמען מיט דעם זיינען פֿאַרגעסן געוואָרן אירע אַלע דערהויבענע געזעצן פון מענטשן־ליבע. די מילדע, פון גאָט אויסדערוויילטע און מענטשפֿריינטלעכע יהודה איז אין מנשהס צייט פֿאַר־זונקען געוואָרן אין ווילדער געצנדינערייי, אין בלוט־דאָרשט, אין מענטשן־האַס און אבערגלויבערישע באַגריפֿן.

אין דעם זעלביקן מאָראַלישן צושטאַנד געפֿינט זי זיך אויך ביי

מנשהס יורש, זיין זון אמון. צום גליק אָבער האָט זיך זיין הערשאַפט נישט לאַנג געצויגן. אין צוויי יאָר ארום, נאָך דעם ווי ער האָט פאַרנומען דעם טראָן, איז ער געהרגעט געוואָרן ביי זיך אין פּאַלאַץ דורך אַ פאַרשווערונג. ווי ס'ווייזט אויס, האָט דאָס פאָלק זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו די דאָזיקע פון גאָט־פאַרשאָלטענע מלכים, וועלכע האָבן אים דערלויבט צו פירן אַ פריילעך און באַשרענקט לעבן, און דעריבער האָט עס זיך נוקם געווען אָן די פאַררעטער און זיי אַלעמען געטייט. עס איז אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ מלך דער זון פון אמון, דער אַכט־יאָריקער יאשיהו (638—608).

ווידער האָבן די שרים באַקומען די מאַכט אין לאַנד ביז דער יונגער הערשער וועט אויסוואַקסן. נאָר, ווי נידעריק געפאַלן אין גייסטיקן זין די שרים זיינען דעמאָלט געווען, איז דאָך פאָרגעקומען אַ קליינע ענדערונג אין זייערע נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען. אמת, זיי האָבן ווי פריער זיך געהאַלטן ביים פרעמדן געטער־קולט צוליב זייערע אייגענע נוצן, דער ריין־מיסטישער געצנדינערישער פאַנאַטיזם איז אָבער פאַרט געפאַלן און צוזאַמען מיט אים אויך די געצנדינערישע אייפעריקייט, מיט וועלכער דער מלך מנשה האָט געקעמפט קעגן די נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייטן פון זיין פאָלק. אי זלאַנד האָט נאָך געהערשט די ביז־אַהעריקע מאָראַלישע פאַר־דאָרבנקייט, דאָס איז שוין אָבער נישט געווען מער קיין פליכט; דער נאַ־ציאָנאַלער גייסט, איז, אמת נישט געשטיצט, אָבער אויך נישט באַקעמפט געוואָרן, און דאָס פאָלק האָט זיך ווייטער אַלץ מער גענומען אויסניכטערן פון זיין גייסטיקער שיכרות. די געטלעכע נביאים האָבן זיך ווידער גענומען באַווייזן און זייער שטים האָט גענומען קלינגען מיט מאַכט און צאָרן קעגן די גייסטיק פאַרפירטע און גייסטיקע פאַרפירערס פון פאָלק. דאָס געצנ־דינעריי אין יהודה האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט אויסקומען אָן אַ טעאָרעטישער באַגרינדונג און אָן אַ דערקלערונג בנוגע צו אירע באַצי־אונגען צום טראַדיציאָנעלן יהוה; און ווען די עבודה־זרה האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פליכט, האָט מען דאָך געמוזט ווי עס איז דערקלערן די סתירה צווישן די אַסימילאַטאָרישע שטרעבונגען און דעם נאַציאָנאַלן גייסט. עס האָבן זיך געבילדעט גרופּעס פון פאַלשע נביאים, וועלכע האָבן געמיט זיך צו מאַכן אַ פשרה. יהוה, האָבן זיי מודה געווען, איז דער איינציקער באַ־שעפער פון דער וועלט, ער איז אָבער נישט איר פירער. אויף דער אָרדע־

נונג און אויף דער פירונג זיינען פֿאַראַן די פֿאַרשידענע סטיכיעס, די שטערן, די פּלאַנעטן אאז״וו, (ווי אויך די נאַציאָנאַלע געטער־באַשיצער פון יעדן פֿאָלק), נאָר פון די דאָזיקע וועלט־כוחות איז אָפּהענגיק דאָס גליק און דאָס אומגליק פון יעדן לאַנד און יעדן מענטש באַזונדער; יהוה אַליין איז נישט אומשטאַנד נישט גוטס צו טון און נישט שלעכטס צו טון. פֿאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע וועלט־אַנשויאונג גראָבט־אונטער די וויכטיקסטע פּרינציפּן פון דעם טראַדיציאָנעלן גלויבן און רויבט ביי אים אָפּ זיין גאַנצע באַדייטונג. די אמתע נביאים זיינען ארויסגעטראָטן אין קאַמף קעגן זיי מיט דעם שטאַרקסטן פֿלאַם פון זייער געטלעכן וואָרט. דער נביא צפניה האָט דאָס פֿאָלק געשראָקן מיט אַ פולשטענדיקן חורבן פֿאַר אַזאַ חלול הקודש.

„אַ סוף איבער אַלץ, וואָס אויף דער ערד, זאָגט יהוה. אַ סוף איבער די מענטשן און איבער די פי, איבער די פייגל פון הימל און איבער די פיש פונעם ים!... איך וועל אַ נייג טון מיין האַנט איבער יהודה און איבער אַלע איינוואוינער פון ירושלים און איך וועל פון דעם אָרט פֿאַרטיליקן דאָס איבערגעבליבענע געצנדינעריי, די כומרים און די כהנים און די, וואָס בוקן זיך אויף די דעכער קעגן די הימל־פּלאַנעטן... און די, וואָס האָבן זיך דערווייטערט פון יהוה און די, וואָס האָבן יהוה נישט געזוכט און נישט געפֿאָרשט. שטיל — פֿאַר גאָט דעם אַלמעכטיקן! עס איז נאָענט דער טאָג פון גאָט — גאָט האָט צוגעגרייט אַ שלאַכט־טאָל, ער האָט שוין זיינע געסט איינגעלאַדן!... אין דעם דאָזיקן שלאַכט־טאָג, זאָגט גאָט, וועל איך מיך רעכענען מיט די שרים, מיט די הויפּלייט, די אַלע וואָס שלעפּן אויף זיך דאָס פרעמדע קלייד... אין יענעם טאָג וועל איך אויסזוכן ירושלים מיט ליכט און איך וועל מיך רעכענען מיט אַלע מענטשן, וואָס שפּרינגען איבערן שוועל, די וואָס דענקען אין האַרצן: יהוה טוט קיין גוטס נישט און טוט קיין שלעכטס נישט! זייער מעכטיקייט וועט צעטראָטן ווערן, זייערע הייזער וועלן וויסט ווערן; זיי וועלן בויען הייזער און זיי נישט באַזיצן, זיי וועלן פלאַנצן וויינגערטנער און דעם וויין נישט טרינקען. נאָענט איז דער גרויסער טאָג פון גאָט, נאָענט און זייער ראַשיק, איך פֿאַרנעם שוין דאָס ביטערלעך שרייענדיקע קול פון אַלמעכטיקן. יעדער טאָג איז אַ טאָג פון צאָרן, אַ טאָג פון אומגליק און באַדריקונג. אַ טאָג פון טונקלקייט און פינצטערניש. אַ טאָג פון וואָלקן און נעפּל... ענג וועל איך מאַכן דעם

מענטשן און זיי וועלן גיין ווי בלינדע, ווייל זיי האָבן קעגן גאָט געזינ־דיקט... אַפילו זייער זילבער און זייער גאָלד וועט זיי נישט קאָנען העלפן אין דעם טאָג פון געטלעכן צאָרן, אין דעם פייער פון זיין אייפערדיקייט וועט די גאַנצע ערד פאַרצערט ווערן... פאַרבעסערט אייערע מעשים איר, אומפאַרשעמט פאָלק, איידער נאָך דער פסק איז באַשטימט געוואָרן, איידער נאָך דער טאָג איז, ווי אַ שטרוי פאַרלאָפן, איידער נאָך עס וועט אויף אייך אויסברעכן דער צאָרן פון גאָט, איידער נאָך עס וועט אויף אייך אָנקומען דער טאָג פון גאָט! בעט גאָט, איר ענוים פון דעם לאַנד, איר, וועלכע האָט זיינע געזעצן דערפילט, זוכט צדק, זוכט ענוה, אפשר וועט איר באַ־שיצט ווערן אין דעם טאָג פון געטלעכן צאָרן"...

אונטער „דעם אומגליקלעכן טאָג", מיט וועלכן דער נביא צפניה האָט געשראָקן דאָס לאַנד, האָט ער, וואַרשיינלעך, געמיינט דעם אָנפאַל פון די סקיפן. דאָס זיינען געווען ווילדע מחנות, וואָס זיינען טאָקע אין אַ געוויסער צייט ארום אָנגעקומען פון קאַווקאַז און אַרמעניע און האָבן אָנ־געוואָרפן אַ שרעק אויף אַלע מלוכות פון דער פאָדערשטער אַזיע, אַפילו אויף אשור און מצרים. די רייד פון דעם נביא האָבן, ווייזט אויס, געהאַט אַ ווירקונג אויפן פאָלק צוליב דעם, וואָס די הערשנדיקע מאַכט האָט זיך אים נישט אַנטקעגנגעשטעלט, און ווען די ערשטע מחנות פון די סקיפן האָבן זיך באַוויזן אין אַזיע און אָנגעמאַכט דאָרט שרעקלעכע חורבנות, האָבן אַפילו די שרים אויפגעציטערט. דערצו איז צו יענער צייט שוואַכער געוואָרן אויך די אויסערע השפעה פון אשור אין יהודה. מצרים האָט פאַר די לעצטע זעכציג־זיבעציק יאָר באַוויזן צו זיך צו קומען נאָך די קלעפּ, וואָס אסר־הדון האָט איר געגעבן; זי האָט אָנגעזאַמלט כוחות און גענומען מאַכן זייער אָפטע אָנפאַלן אויף די מדינות פון איר לאַנגיאָריקן פיינד, אויף אשור. די מאַכט פון אשור איז באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן, דעמאָלט האָבן גענומען שוואַך ווערן אויך די ערע־געפילן פון די שרים אין יהודה, צו איר און צו איר קולטור. מען האָט דאָך נישט געקאָנט פאַרלייגן דעם פאָלק, עס זאָל דינען צו יענע פרעמדע געטער, וועלכע האָבן נישט געקאָנט זייער אייגן לאַנד ראַטעווען. אויף אַזאַ אופן פאַלט אַלץ מער די אַסימילאַציע אין לאַנד יהודה און עס שטאַרקט זיך פון דאָס ניי דער נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקער גייסט...

אונטער דער ווירקונג פון די אלגעמיינע פאָליטישע איבערקערענישן

פון איין זייט און דער ברענענדיקער תוכחה פון די נביאים, פון דער צווייטער זייט, האט זיך אפילו ביים קעניגלעכן הויף גופא געגרינדעט א פארטיי, וועלכע האט געשטרעבט אויפצולעבן דעם אלטן נאציאנאל־רעליגיעזן רעזשים, וועלכער איז מיט געוואלט אפגעשאפט געווארן פאר די פריערדיקע צוויי מלכים: מנשה און אמון. די דאזיקע פארטיי האט אנגעהייבן באקומען א גרויסע השפעה אויף דעם יונגן מלך, וועלכער האט ווי א קינד נאך שוין ארויסגעוויזן זייער פרומע און מילדע נייגונגען. די באגריפן פון דעם מלך, ווי אויך פון זיינע מקורבים, וועגן דעם נאציאנאלן גייסט און וועגן דעם נאציאנאלן גלויבן זיינען פארלויפיק געווען זייער שוואך און טונקל. די תורה, וועלכע איז דאך געווען דער אייגציקער קוואל פון רעליגיעז־נאציאנאלן באוואוסטזיין, איז נאך אין מנשהס צייטן געווארן אויסגעראטן. דערווייל איז דער מלך מינדיק געווארן און זיין ערשטער שריט, ווען ער האט איבערגענומען די ממשלה אין די אייגענע הענט, איז געווען צו באנייען דעם אלטן רעליגיעזן רעזשים אין לאנד. ער האט זיך גענומען צו באנייען דעם בית־המקדש, וועלכער איז זייער אלט און אפגעלאזן געווארן פאר די לעצטע יארן, די שרים און דאס פאלק האבן זיך מער געזארגט פאר די טעמפלען פון די פרעמדע געצן, ווי פאר דעם הייליקן הויז פון זייער אייגענעם גאט. די אויפזיכט איבער דעם רעמאנט פון בית־המקדש האט דער מלך יאשיהו איבערגעגעבן זיין קאנצלער שפן און דעם כהן חלקיהו. ביי דער ארבעט אין א פארבאהאלטענעם ווינקל האבן איין מאל די ארבעטער געפונען א ספר־תורה, וועלכעס איז ווארשיינלעך פארבארגן געווארן נאך אין מנשהס צייט פון דעם קעניגס געצנדינערישן פאנאטיזם. דער קאנצלער האט, בשעת א באריכט וועגן דעם גאנג פון רעמאנט אין דעם הייליקן הויז, דערציילט דעם מלך וועגן דער געפונענער ספר־תורה, און ווען שפן האט, אויפן מלכס פארלאנג, איבערגעלייענט פאר אים די תורה און ער האט זיך דערוואוסט וועגן די געטלעכע געבאטן, וועגן דעם גליק, וואס זיי ברענגען דעם לאנד, ווען זיי ווערן ערלעך געהאלטן, און וועגן דעם אומגליק, וואס זיי ברענגען דעם לאנד, ווען זיי ווערן לייכטזיניק פארלאזן, איז ער שטארק גערירט געווארן. ער האט פון פארצווייפלונג זיינע קליידער צעפליקט, דערמאנענדיק זיך, אין וואס פאר א נידעריקער זינדיקער לאגע זיין פאלק האט זיך געפונען אזוי פיל יארן, פון זינט זיין זיידע מנשה האט זיך געזעצט אויפן טראן ביז איצט. פון גרויס

פחד האָט ער געזאָגט צו זיינע נאָענטע לייט, צו חלקיהו דעם כהן, צו שפן דעם קאַנצלער, צו שפנס זון אחיקם און צו עכבור בן־מיכיה:

„גייט פרעגט גאָט פאַר מיר און פאַר דעם פאָלק וועגן דער באַדייטונג פון דעם דאָזיקן געפונענעם ספר. וואַרשיינלעך איז גרויס דער צאָרן פון גאָט אויף אונדז, דערפאַר וואָס אונדזערע עלטערן האָבן נישט געפאָלגט דעם ספר, צו טון אַלץ, וואָס אין אים איז פאַרגעשריבן!"

לויט דעם מלכס פאַרזאָג זיינען שליחים אַוועק צו דער נביאה חולדה, וועלכע האָט געוואוינט אין ירושלים און זי געפרעגט גאָטס וואָרט. די נביאה האָט זיי גאַנץ שטרענג געענטפערט: „אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער אַלמעכטיקער פון ישראל: זאָגט דעם מאַן, וועלכער האָט אייך געשיקט צו מיר: „אַזוי האָט געזאָגט גאָט: איך ברענג אַן אומגליק אויף דעם דאָזיקן אָרט און אויף זיינע איינוואוינער, פונקט ווי עס שטייט געשריבן אין דעם ספר, וואָס דער מלך האָט געלייענט, דערפאַר וואָס זיי האָבן מיך פאַרלאָזן און זיי האָבן מקטיר געווען צו פרעמדע געטער, כדי מיך צו דערצאָרענען מיט זייערע טאַטן, וועט אָנגעצונדן ווערן מיין כעס אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ און ער וועט נישט אויסגעלאָשן ווערן. און צו דעם מלך פון יהודה, וואָס האָט אייך געשיקט אַהער גאָט צו פאַרשן, זאָלט איר אַזוי צו אים זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט דער אַלמעכטיקער פון ישראל... דערפאַר וואָס דיין האַרץ איז ווייך געוואָרן, און דו ביסט ביי זיך געפאַלן געוואָרן, ווען דו האָסט זיך דערוואוסט, וואָס איך דענק צו טון צו דעם דאָזיקן אָרט און צו זיינע באַזיצער, צו מאַכן פון זיי אַ פאַרשאָלטענע וויסטעניש, און דו האָסט דיינע קליידער צעריסן און דו האָסט געוויינט פאַר מיר — איך האָב דאָך דאָס אַלץ געהערט — דערפאַר וועסטו דיין לעבן ענדיקן אין פרידן און דיינע אויגן וועלן נישט זען דאָס בייזע, וואָס איך וועל ברענגען אויף דעם דאָזיקן לאַנד"...

די שליחים האָבן געבראַכט צום מלך דעם שרעקלעכן ענטפער פון דער נביאה חולדה. יאשיהו האָט אָבער דעם מוט נישט פאַרלוירן. ווען ער האָט זיך באַקענט נעענטער מיט דער לערע פון די נביאים, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז צו דער זינדיקייט פון פאָלק איז דאָ אַ מיטל, וואָס די נביאים רעקאָמענדירן אים שטענדיק. דער יידישער גאָט איז דאָך אַ גנעדיקער און אַ באַרמהאַרציקער און ער נעמט אָן די תשובה, וואָס רייסט זיך אַרויס פון טיפן האַרצן. לויט דעם ביישפּיל פון זיין עלטער־זיידן יחזקיהו,

האָט ער זיין גאַנצן לעבן געווידמעט דער הייליקער אַרבעט, רייך צו מאַכן דאָס פאָלק פון די פאַרברעכנס, אין וועלכע מנשה האָט זיי פאַרשלעפּט. ער האָט צונויפגערופן די עלטסטע אין גאַנץ יהודה און ירושלים און צו־זאַמען האָבן זיי באַטראַכט, וואָס זיי האָבן צו טון. נאָך דעם, לויט דעם אויסגעאַרבעטן פּלאַן, האָט ער, ווי אַמאָל יחזקיהו, געלאָזט צונויפזאַמלען זיך אין דעם בית־המקדש פון ירושלים „אַלע כהנים, אַלע לוים ווי אויך דעם אַלגעמיינעם המון פון גרויס ביז קליין" און ער אַליין האָט פאַר זיי פאָרגעלייענט די געפונענע תורה. נאָך אַזוי פיל יאָרן פון צעשיידונג, האָט די אנטדעקטע תורה געמאַכט דעם טיפסטן איינדרוק אויפן פאָלק; זיי האָבן אין איר זיך אַליין דערקענט, זייער אייגענעם גייסט, זייער אייגענע שאַפונג. זיי האָבן זיך אָנגעהייבן שעמען פאַר זיך אַליין, פאַר דעם פאַקט פון פאַרלאָזן דאָס אייגענע, דאָס טראַדיציאָנעל־היסטאָרישע און אָנכאַפּן זיך אָן פרעמדע, ווילדע, אומבאַקאַנטע באַגריפן און מנהגים — שעמען זיך ביז צו טרערן, ביז צו דער טיפסטער חרטה...

יאשיהו האָט דעם דאָזיקן באַגייסטערטן מאָמענט פאַרשטאַנען אויס־צונוצן און ער האָט דאָס פאַרזאַמלטע פאָלק באַשוואוירן פאַר גאָט, צוריק־צוקערן זיך צום היסטאָרישן יהוה, צו גיין אין זיינע וועגן, אָפּצוהיטן זיינע פאַרבאָטן אַלץ ווי אין דער הייליקער תורה איז געשריבן. נאָך דער שבועה האָט דאָס פאָלק זיך אָ וואָרף געטון אויף די פאַרשידענע אָפּגעטער און די פאַרשידענע אַלטאַרן און במות, וואָס זיינען געווען אין ירושלים, אַפילו אין בית־המקדש, און אַלע אויף פּיצלעך צעבראָכן; דעם ביישפּיל פון ירושלים האָט נאָכגעטון די פּראָווינץ. אומעטום איז געגאַנגען אַ ראַדיקאַלע ריינִיקייט פון דעם געצנדינעריי און זיין קולט. דער מלך האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט ביי די רעפאָרמען אין יהודה אַליין. ער האָט געשיקט זיינע קנעכט אַפילו אין אפרים, וואו עס האָבן נאָך דאַן געוואוינט איבער־געבליבענע פון ישראל, וועלכע האָבן זיך, נאָך דעם חורבן פון שומרון געפילט אין אַ געוויסער מאָס ברידערלעך צוגעבונדן צו יהודה, און האָט דאָרטן אויך זיך גענומען אויסוואָרצלען די עבודות־זרות, וואָס זיינען נאָך דאָרט פון אַמאָל פאַרבליבן. צווישן די איבעריקע האָט יאשיהו אויך פאַר־ניכטעט דאָס גאָלדענע קאַלב, וואָס ירבעם האָט נאָך געשטעלט אין בית־אל. יאשיהו האָט אין זיין קאַמף מיט דער געצנדינעריי אַרויסגעוויזן נאָך מער ענערגיע, ווי יחזקיהו. ער האָט נישט נאָר פאַרטיליקט די אָפּבילדער

פון די פאַרשידענע פּלאַנעטן, צו וועלכע דאָס פאָלק האָט מאַסנווייז זיך געבוקט, נאָר ער האָט אויך אויסגעשאָכטן די כהנים, וועלכע פלעגן פאַר זיי מקריב זיין קרבנות. דערביי האָט ער אויך נישט געשוינט די געצן־בילדער, צו וועלכע עס האָבן געדינט נישט ישראלים, נאָר די איינגעוואַנדערטע ערלים, ווי די עמונים און מואבים, וואָס האָבן דערויף זייער רעכט באַקו־מען נאָך פון שלמה המלכס צייטן. צוזאַמען מיט דעם האָט יאשיהו אויך דאָס כישוף־מאַכעריי אונטערגעבראַכט און די מכשפים האָט ער פון לאַנד ארויסגעטריבן. אויף אַזאַ אופן האָט יאשיהו מיט אַמאָל געמאַכט אַ סוף צו דעם ,וואָס מנשה האָט אין לאַנד אַריינגעבראַכט; די עפנטלעכע אַסי־מילאַציע האָט געקראָגן אַ טויט־קלאַפּ און יהוה האָט זיך צוריקגעקערט קיין ציון, אין זיין הייליק הויז, צו זיין אויסדערוויילט פאָלק. אמת, די אַלע רעפאָרמען פון יאשיהון זיינען דערווייל געווען בלויז אויסערלעכע, און מנשהס געצנדינערישע טעטיקייט האָט געהאַט אַן אינערלעכע ווירקונג אויפן פאָלק, אויף זיין גייסט, אויף זיין מאָראַל, — אַזאַ ווירקונג, וואָס מיט דעם פאַרברענען דעם אָדער יענעם אָפּגאָט, ווערט עס נאָך נישט פאַר־ניכטעט. דער מלך האָט אָבער געקאָנט האָפן, אַז די אויסערלעכע רייני־קונג, ביי וועלכער דאָס פאָלק אַליין האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ שטאַרקע באַ־גייסטערונג, איז נאָר דער אָנהייב פון דער אינערלעכער רייניקונג; אַז אויב מען וועט ווייטער אונטערהאַלטן די אויפגעשטיגענע באַגייסטערונג, וועט עס ברענגען ענדלעך צו אַ ווירקלעכער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. יאשיהו אַליין האָט פון זיין זייט דערצו אָנגענומען מיטלען; נאָר אויך דאָ האָט ער זיך געהאַלטן פעסט ביי דעם וועג פון זיין עלטער זיידן. דעם יום־טוב פסח, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן פאַר דעם אָנדענק פון דער באַפרייאונג פון ישראל אין מצרים און זיין אויפלעבונג ווי אַ פאָלק, האָט ער אויך אויסגענוצט ווי אַן אַגיטאַציע פאַר דעם נאַציאָנאַלן גייסט. ער פלעגט אויך צוזאַמענרופן די באַפעלקערונג פון אַלע געגנטן אין לאַנד אויף פסח קיין ירושלים און אין בית־המקדש פלעגט ער לאָזן מאַכן פייער־לעכע פאַרזאַמלונגען, וואו צוזאַמען מיט דעם קרבנות־ברענגען און תהילים־זינגען, פלעגן די כהנים לייענען פאַרן פאָלק די תורה און וועקן אין אים זיין נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

נאָך דער דאָזיקער גייסטיקער צוריק־איינפירונג האָט יאשיהו זיך גענומען אויפהייבן אויך דעם פּאָליטישן מצב פון זיין לאַנד. ביי די פּאַ־

ריקע צוויי מלכים, מנשה און אמון, איז יהודה פאָליטיש געווען אינגאַנצן אָפהענגיק פון אשור. פאַר דער ערשטער העלפט פון יאשיהוס תקופה איז די מאַכט פון אשור געוואָרן אַלץ מער אָפגעשוואַכט, צוליב די אומאויפהערלעכע מלחמות מיט מצרים; דערמיט האָבן זיך באַנוצט די אונטערדריקטע פעלקער, ווי מדי, ארם, כשדים און זיי האָבן זיך דערקלערט פאַר זעלבסטשטענדיק. יהודה האָט זיך אויך דאַן באַפרייט פון אשורס יאָך. נאָר יאשיהו האָט זיך געהאט פאַרגענומען מיט גרעסערע פלענער. ער האָט געטרוימט אומצוקערן ירושלים איר אַלטן גרויסן רום. ער האָט געשטרעבט פון דאָס ניי צונויפצוזאַמלען די אַלע געגנטן פון דער אַמאָליקער ארץ ישראל פון שלמהס צייטן אונטער איין הערשאַפט; באַהערשן, ווי אַמאָל, די טיילן לאַנד, וועלכע זיינען פאַר ירבעם בן נבט אַריין אין דער צוזאַמענשטעלונג פון דער אפרים־מלוכה און וועלכע אשור האָט דערנאָך צוגענומען, ווען שומרון איז חרוב געוואָרן. דאָס איז געוואָרן יאשיהוס הייליקסטער ציל. ביסלעכווייז האָט זיך יאשיהון זיין אויפגאַבע איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן. די מאָראַלישע השפעה פון יהודה אויף אפרים האָט זיך נאָך פון יחזקיהוס צייטן אָנגעהייבן, און יאשיהו מיט זיין רעסטאַוראַציע האָט די השפעה נאָך פאַרשטאַרקט; די פולשטענדיקע אַדמיניסטראַטיווע פאַראייניקונג מיט יהודה האָט בכן נישט געקאנט אַרויסרופן קיין אומצופרידנקייט ביי די איבערגעבליבענע בני ישראל פון די אפרים־פראָווינצן און אַפילו ביי די פון דער פרעמד אָנגעקומענע גרים, וועלכע האָבן זיך וואָס ווייטער אַלץ מער אַסימילירט מיט די אַלטע בירגער פון לאַנד; אשור, ווידער, צוליב די באַזונדערע פאָליטישע באַדינגונגען, אין וועלכע זי האָט זיך געפונען דאַן, האָט יאשיהון נישט געקאנט שטערן אין זיינע אונטערנעמונגען, געפינענדיק זיך זייער ווייט פון יענעם אָרט. פון אויסערן האָט זיך ווירקלעך געקאנט דוכטן, אַז די גליקלעכסטע יאָרן פון דוד און שלמה האָבן זיך צוריקגעקערט פאַר ירושלים. די טיילן פון ישראל האָבן זיך אין איין פאָלק פאַראייניקט, די טיילן פון כנען האָבן זיך אין איין לאַנד פאַראייניקט, און דאָס פאָלק און דאָס לאַנד האָט זיך מיט גאָט פאַראייניקט!

די אילוזיע איז אָבער גאַנץ גיך פאַרשוואונדן געוואָרן. אין אמתן איז דער וואוילשטאַנד אין לאַנד פאַר דער צווייטער האַלבער תקופה פון יאשיהוס ממשלה געווען נאָר דאָס לעצטע צאַנקען פון יהודה. דער גורל

פון דעם לאַנד איז שוין געווען באַשלאָסן. דער היסטאָריקער פון תנ"ך, וועלכער זוכט אין יעדן פּאָליטישן גליק און אומגליק פון זיין פאָלק דעם „פינגער פון גאָט", זאָגט, אַז טראָץ דעם, וואָס יאשיהו איז אַזוי פרום געווען, אַז קיין מלך האָט, נישט פאַר אים און נישט נאָך אים, זיך גע־קאָנט פאַרגלייכן מיט אים — דאָך האָט זיך נאָך דער צאָרן פון גאָט אויף יהודה נישט איינגעשטילט, צוליב די בייזע מעשים פון מנשהן. דאָס פיל אומשולדיקע בלוט, וואָס ער האָט פאַרגאָסן, דאָס פיל אומשולדיקע בלוט, מיט וועלכן ער האָט ירושלים פאַרטרונקען האָט גאָט נישט געקאָנט מוחל זיין! דער היסטאָרישער בליק איז גאַנץ כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם נאַ־ציאָנאַלן גייסט: קיין תשובה און קיין שום רעפאָרמען האָבן נישט געקאָנט אויסקויפן דאָס אומזיסט פאַרגאָסענע בלוט. און יהודה האָט געמוזט אין דעם בלוט דערטרונקען ווערן. „און גאָט האָט געזאָגט: איך מוז יהודה אויסמעקן, ווי איך האָב ישראל (אפרים) אויסגעמעקט און איך מוז אָפּ־שטויסן די דאָזיקע שטאָט, וועלכע איך האָב אַמאָל אויסגעוויילט, ירושלים, ווי אויך דאָס הויז, וואָס איך האָב געדענקט אויף אים מיין נאָמען צו באַרופן!"...

דער ווילן פון גאָט האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן מיט אַן אומגעהייער געשווינדקייט. יאשיהו האָט נאָך נישט דערפירט ביז צום סוף זיינע גראַנדיעזע פּלענער און אים איז שוין אויסגעקומען אויף אַ טרויע־ריקן אופן זיך צעשיידן מיט זיין לעבן, ווען ער איז נאָר בלויז אַלט געווען אַ יאָר פערציק. פרעה נכה, דער הערשער פון מצרים, האָט זיך דאַן מיט זיין חיל אַריינגעריסן אין דער פאָדערשטער אַזיע מיטן ציל צו מאַכן אַן אָנפאַל אויף נינוה גופא, אויף דער הויפּטשטאָט פון אשור. יאשיהו האָט מורא געהאט פאַר דער שטייגנדיקער ווירקונג פון מצרים אין אַזיע, אפשר וועט מצרים נאָך נעמען פּרעטענדירן אויף די געגנטן פון אפרים, אַזוי ווי זי האָט שוין צו יענער צייט פּרעטענדירט אויף אַנדערע פּראָווינצן פון אשור, וועלכע זי האָט שוין גענומען רעכענען פאַר איינגענומענע און אונ־טערטעניקע. יאשיהו האָט אויף גיך צוזאַמענגעקליבן זיין חיל און איז אַרויסגעטראָטן איבעררייסן פרעהן דעם וועג אין מגדו, אין דער געגנט פון כרמל, האָבן זיך די פיינט געטראָפן. צווישן זיי האָט זיך פונאַנדער־געפלאַקערט אַ מלחמה, וועלכע האָט זיך זייער טרויעריק געענדיקט פאַר יאשיהון. ער אַליין איז אין דער שלאַכט געהרגעט געוואָרן און זיין חיל

האָט געהאט אַ גרויסע מפלה. ווען די קנעכט האָבן געבראַכט קיין ירושלים דעם טויטן קערפּער פון דעם מלך, האָבן אים באַגעגנט אַלע איינוואוינער פון ירושלים מיט אַ ביטערן יאָמער. אַ שרעקלעכער פאָרגעפיל האָט זיי פאַראויסגעזאָגט, אַז מיט דעם טויטן קערפּער פון דעם גרויסן, פרומען און ענערגישן מלך פאַרגייט אויך דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ פון יהודה און די זעלבסטשטענדיקייט פון דעם הייליקן לאַנד.

פאַר דער מלוכה פון יהודה האָט זיך אָנגעהויבן די גסיסה !...

קאַפּיטל דרייצן

חורבן ירושלים

פאַר דעם ווייטבליקנדיקן און זעלבסטשטענדיקן דענקער איז געווען קלאָר גלייך נאָך יאשיהוס טויט, אַז יהודה לעבט אָפּ אירע לעצטע מינוטן. די אויסערלעכע פּאָליטיק האָט זיך אַזוי פאַרוויקלט, אַז פאַר יהודה איז געוואָרן אומעגלעך מער איינצוהאַלטן איר זעלבסטשטענדיקייט. אין דער פּאָדערשטער אַזיע האָט געהערשט צו יענער צייט אַ שרעקלעכע אַנאַרכיע אין דעם פעלקערלעכן מלוכה־לעבן; קיין גלייכגעוויכט, קיין דויערהאַפטיקע אויטאָריטעט. אין אַ משך פון איין דור האָט זיך די אויבערמאַכט איבער דעם דאָזיקן פעלקער־וויגל איבערגעטראָגן אין די פאַרשידנסטע פּונקטען; דאָס איז, געוויינלעך, פאָרגעקומען נישט לייכט. גרויסע מלחמות צווישן די מעכטיקסטע פעלקער זיינען פאָרגעקומען צוליב דער דאָזיקער קאָנקורענץ איבער דער אויטאָריטעט בנוגע צו דער פּאָדערשטער אַזיע; די קלענערע, שוואַכערע אומות זיינען אָן זייער ווילן איבערגעגאַנגען פון איין מלוכה צו דער צווייטער; אַזעלכע אָפטע איבערגאַנגען זיינען שטענדיק פאַרבונדן מיט גרויסע אויפטרייסלונגען און איבערקערענישן סיי אין פּאָליטישן, סיי אין מאָראַלישן לעבן. יהודה האָט אויך דאַן פאַרנומען אַזאַ געפערלעכע פּאָזיציע פון „צווישן האַמער און קאָוואַדלע", ווען די „גרויסע סטיכיעס" האָבן צווישן זיך אַ קאַמף געפירט איבער דעם, ווער איבער וועמען עס זאָל הערשן. די דאָזיקע פּאָזיציע האָט געמוזט אַריינטראָגן אַ כאַאָס אין דעם מלוכה־לעבן פונעם לאַנד, און פירן עס ענדלעך צום פולשטענדיקן חורבן. דער היסטאָריקער פון תנ"ך, ווי ס'איז געווען אויבן דערמאָנט, שטעלט די פאַרשאַרפטע לאַגע אין יהודה אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דערנידערונג פון דעם נאַציאָנאַלן גייסט פאַר מנשהס צייט. עס איז קיין צווייפל נישט, אַז פון יחזקיהוס עפּאָכע אָן האָט זיך אָפּגעהאַקט דער וואוקס פון דעם נאַציאָנאַלן זשעני אין יהודה. די רעסטאַווראַציע פון יאשיהו האָט ניט געבראַכט צו קיין נייע שאַפונגען און ניט געקאָנט ברענגען. דער געדאַנק פון מענטשן־ליבע און צדק, וועלכן דאָס פאָלק האָט דער־

פירט אין יאשיהוס צייט ביז זיין העכסטער מדרגה, האָט ווייטער נישט געהאַט וואו צו גיין. אין די גרענעצן ווידער פון דער לערע, וואָס ישעיהו האָט דעם פאָלק געלאָזן, האָט דער נאַציאָנאַלער גייסט געקאָנט שאַפן נייע פילאָזאָפישע און טעאָלאָגישע קאָמבינאַציעס, נאָר ביי נייע געדאַנקען־רעאַקציעס, ביי נייע צוזאַמענטרעפונגען און צוזאַמענשטויסן מיט אַנדערע געדאַנקען־פאָרמען; דאָס איז אָבער געווען אוממעגלעך ביי דער פולשטענדיקער אָפּגעזונדערטקייט פון יהודה פון די אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער אין יענער צייט; און דער פאָלקס־גייסט פון יהודה, אָדער, ווי מיר וועלן עס פון איצט אָן אָנרופן, דער יידישער (יהודהשער) פאָלקס־גייסט האָט געמוזט פאַרגליווערט ווערן און בלייבן שטיין אויף איין פונקט. אין דעם גייסטיקן לעבן פון דעם איינציקן און פונעם כלל הערשט אָבער דאָס באַקאַנטע געזעץ, לויט וועלכן: נישט פאָרויס איז צוריקגאַנג! נאָך דער קינסטלעכער רעליגיעזער און מאָראַלישער אויפלעבונג פון פאָלק ביי יאַשיהון, הייבט זיך אָן אַ נייער רעגרעס פאַר זיינע נאָכפאָלגער, וועלכע גייען פון דאָס ניי אין די וועגן פון זייער עלטער־זיידן מנשה. און אויב דער היסטאָריקער פון תנ״ך געפינט, אַז דער פאָליטישער חורבן פון יהודה איז נאָר אַ רעזולטאַט פון איר גייסטיקער אנטאַרטונג, איז דאָס זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אלגעמיינער, ביבלישער אויפפאַסונג פון דער יידישער געשיכטע!...

יאשיהו האָט פאַרן טויט איבערגעגעבן די מלוכה זיין יונגערן זון יהואחזן, וועלכן ער האָט באַזונדער ליב געהאט פאַר זיין גאָטספאָרכטיקייט. די אומדערוואַרטע מפלה ביי מגדו האָט אָבער געמאַכט יהודהן אָפּהענגיק פון מצרים, און פרעה נכה איז נישט געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס דאָס פאָלק אין ירושלים האָט זיך באַשטימט אַ קעניג אָן זיין וויסן. ער איז דערום פלוצלונג אָנגעפאַלן מיט זיין חיל אויף דער הויפטשטאָט פון יהודה, גענומען יהואחזן אין געפענגעניש, דריי חדשים נאָך דעם, ווי ער איז אַרויף אויפן טראָן, און אויף זיין אָרט האָט ער געמאַכט פאַר אַ מלך דעם צווייטן זון פון יאשיהו, אליקומען, וועלכן ער האָט אָנגערופן יהויקים; אויסער דעם האָט פרעה נכה פאַר זיין פאַרלאָזן יהודה אַרויפגעלייגט אויף איר אַ גרויסע געלט־שטראָף: הונדערט זילבער־ככרים און הונדערט גאָלד־

כּבּרים, וועלכע דער מלך האָט פון דער באַפעלקערונג אויפגעמאָנט לויט דער הערכה פון פרעהן אַליין.

יהויקים איז געווען דער עלטסטער זון פון יאשיהו, נאָר דער פאָטער האָט אים נישט אָנערקענט פאַרן געזעצלעכן יורש פון טראָן צוליב זיינע באַזונדערע נייגונגען. יהויקים האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זיינע נייגונגען אַפילו דאַן, ווען ער איז אַ מלך געוואָרן, מיט דער הילף פון פרעה נכה. ער האָט געפירט אַ פריילעכן לעבן, האָט ליב געהאַט די אומבאַגרע־נעצטע מאַכט און נוטה געווען צו דער קאָנקרעטער געצנדינערײַ. דאָס פאָלק און די שרים האָבן נאָך יאשיהוס טויט גיך פאַרגעסן זייער שבועה, וואָס זיי האָבן געשוואוירן ערלעך צו דינען דעם גאָט פון זייערע עלטערן; פון זייער זייט האָבן דעם מלכס סימפּאַטיעס נישט געפונען קיין שטערונג פאַר זיך. יהויקים האָט אָפּגעשאַפט די שטרענגע געזעצן פון זיין פאַר־שטאָרבענעם פאָטער און האָט פון דאָס ניי אין לאַנד דערלויבט יעדע מעגלעכע פרייהייט אין די ענינים פון דער אמונה און גאָטעסדינסט. פון דאָס ניי האָבן זיך אין ירושלים, ווי אויך אין די אַנדערע שטעט גענומען באַווייזן במות און אַלטאַרן מיט אָפּבילדונגען פון פאַרשידענע אָפּגעטער. פון דאָס ניי האָבן זיך גענומען צוזאַמענמישן געצנדינערישע פאָרמען מיט דער ריינער אמונה אין יהוה. איבערהויפּט איז זייער פאַרשפּרייט געוואָרן דער קולט פון די פּלאַנעטן. אין ירושלים איז פון דאָס ניי, ווי פאַר מנשהן, איינגעפירט געוואָרן די באַזונדערע פאַרגעטערונג פון דער זון. באַזונדערע מזבחות זיינען פאַר איר געוואָרן געבויט און ספּעציעלע קרבנות פלעגן פאַר איר ווערן געבראַכט. אין דער הנהגה פון לאַנד איז דערלאָזן געוואָרן ווילקיר און דעספּאָטיזם. יהויקים האָט מער געטראַכט וועגן זיינע פאַר־גניגנס, ווי וועגן די נוצן פון דער מלוכה. ווען די געפאַר פון אַ פרעמדן יאָך האָט זיך אַלץ נענטער אָנגערוקט אויפן לאַנד, האָט דער מלך זיך פאַרנומען מיט נייע פּראַכטפולע געביידעס פאַר זיין הויזגעזינט, גע־צוואונגען די בירגער פון יהודה דערביי צו אַרבעטן, — אַ פאַקט, וועלכן אַפילו שלמה המלך האָט זיך נישט דערלויבט, ווען ער האָט געבויט דעם בית־המקדש. דעם ביישפּיל פון מלך האָבן נאָכגעטון די שרים. געוואַלט־טאַט און אומרעכט האָבן פאַרטראָטן דעם פּלאַץ פון געזעצלעכקייט און גערעכטיקייט.

קעגן דער דאָזיקער רעליגיעזער רעאַקציע, וועלכע איז פאַרבונדן גע־

ווען מיט דער געזעלשאַפטלעכער דעמאָראַליזאַציע, האָבן אומדערמידלעך געקעמפט דיווירקלעכע פאָלקס־פריינט, די נביאים און זייערע אָנהענגער. די נביאים, מיט ירמיהו פון ענתות בראש, האָבן דרייסט און שאַרף גע־זידלט דעם קעניג, די שרים און אַלע יענע, וועלכע האָבן געשטרעבט צו אַ פרעמדער קולטור, האָבן אויפגעוויזן זייערע בייזע מעשים, האָבן גע־שראָקן מיט גאָטס שטראָף, האָבן גערופן צו תשובה. נישט ווייניק האָבן זיי זיך אָנגעליטן, אָט די דאָזיקע קעמפער פאַר דעם ריינעם נאַציאָנאַלן גלויבן: מען פלעגט זיי פאַרשליסן אין געפענגעניש, מען פלעגט זיי פאַר־טרייבן פון לאַנד און מען פלעגט זיי אַפילו הרגענען. איין נביא, אוריה, האָט געפּרעדיקט אין אָנהויב פון יהויקימס הערשן און האָט דעם לאַנד פאָרגעזאָגט אַ פולשטענדיקן חורבן, אויב דער מלך און דאָס פאָלק וועלן נישט אויסבעסערן זייערע מעשים. ווען יהויקים האָט זיך דערוואוסט וועגן די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע רעדעס האָט ער געהייסן כאַפּן אוריהן. נאָר אוריה האָט באַוויזן צו אַנטלויפן קיין מצרים. דאַן האָט יהויקים אַוועק־געשיקט קיין מצרים איינעם פון זיינע שרים, וועלכער האָט אויפגעזוכט דעם אַנטלאָפענעם און אים געבראַכט צופירן קיין ירושלים. לויטן פאַר־זאָג פון מלך האָט מען אוריהן דעם קאָפּ אָפּגעהאַקט און זיין טויטן קער־פּער האָט מען פאַרוואָרפן צווישן די קברים פון פּראָסטן המון. נאָר מער פון אַלעמען האָט זיך שטענדיק געשטעלט אין געפאַר דער אומדערמיד־לעכער נביא ירמיהו. אין דער צייט פון יאשיהון, ווען די דעה איז געווען ביי דער נאַציאָנאַלער פאַרטיי, איז ירמיהו געווען איינער פון די רעגי־רונגס־פריינט, נאָר פאַרן נייעם הערשער יהויקים, וועלכער האָט זיך גע־האלטן ביי דער אַנטי־נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, האָט זיך ירמיהו געשטעלט בראש פון דער אָפּאָזיציע. ער האָט אָן שרעק געזאָגט דעם מלך און דעם פאָלק אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרדינט און ער האָט פאָרגעזאָגט, אַז גאָט וועט אין זיין צאָרן איבערגעבן יהודה אין די הענט פון אירע שונאים. איבערהויפּט האָט ער אין זיינע נבואה־רייד געשאָטן פייער אויף די גע־מאַכטע פרומאַקעס, וועלכע פלעגן זייערע נידערטרעכטיקע מעשים פאַר־דעקן מיט אויסערלעכער גאָטספאַרכטיקייט און פלעגן מיט אַ פרומען פּנים פאַרזיכערן, אַז יהוה וועט באַשיצן ירושלים צוליב זיין בית־המקדש. אָט די דאָזיקע פאַרשטעלטע יראים רופט ירמיהו אָן פאַלשע נביאים, און ער ווענדעט זיך צום פאָלק מיט די ווערטער:

„איר זאָלט אייך נישט פֿאַרלאָזן אויף די ליגנערישע רייד, וועלכע זאָגן אייך אַלץ — „גאָטס פּאַלאַץ, גאָטס פּאַלאַץ, גאָטס פּאַלאַץ!” וואָרים אויב איר וועט פֿאַרבעסערן אייערע וועגן און אייערע טאַטן, אויב איר וועט שאַפֿן משפּט צווישן אייך, אויב איר וועט דעם פֿרעמדן, דעם יתום, די אַלמנה נישט באַרויבן, אויב קיין אומשולדיק בלוט וועט איר נישט פֿאַרגיסן, אויב איר וועט זיך נאָך פֿרעמדע געטער נישט נאָכשלעפּן — וועל איך אייך לאָזן רוען אויף דער דאָזיקער שטעל, אין דעם לאַנד, וואָס איך האָב אייערע עלטערן געשאָנקען אויף אייביק. פֿאַרלאָזט איר זיך אָבער אויף די פֿאַלשע פֿאַרזיכערונגען, איז עס אומנוצלעך. איר וועט דאָן גנבענען, הרגענען, נואפֿן, פֿאַלש־שווערן, פֿאַרן בעל מקריב זיין און גיין נאָך פֿרעמדע געטער, וואָס איר ווייסט זיי גאָר נישט — און דערנאָך וועט איר קומען און זיך שטעלן פֿאַר מיר אין דעם דאָזיקן הויז, אויף וועלכן מיין נאָמען איז גערופֿן און איר וועט מיינען „מיר זיינען געראַטעוועט” — געראַטעוועט, כדי נאָך דעם פֿון דאָס ניי צו טון די זעלביקע נידערטרעכטיקייטן?! איז דען דאָס הויז, אויף וועלכן מיין נאָמען איז באַרופֿן, אין אייערע אויגן פֿאַררעכנט פֿאַר אַ מערדער־הייל?!... גייט צו מיין פֿריערדיקן אָרט, קיין שילה, וואו איך האָב צוערשט מיין נאָמען באַרופֿן, און זעט, וואָס איך האָב דאָרט געמאַכט צוליב דער זינדיקייט פֿון מיין פֿאָלק ישראל. און איצט — זאָגט גאָט — דערפֿאַר, וואָס איר טוט אַלע פֿאַרדאָרבענע מעשים און אַז איך רייד צו אייך טאָג־טעגלעך, הערט איר נישט, און אַז איך רוף אייך, ענטפֿערט איר נישט, וועל איך זיך באַגיין מיט דעם הויז, אויף וועלכן מיין נאָמען איז באַרופֿן, און מיט דעם אָרט, וואָס איך האָב אייך און אייערע עלטערן געשאָנקען, אַזוי ווי איך בין זיך באַגאַנגען מיט שילה. איך וועל אייך אָוועקשליידערן פֿון מיין געזיכט, ווי איך האָב אייערע ברידער פֿאַרשליידערט, ווי איך האָב אפֿרים פֿאַרשליידערט!”...

אַזוי ווי ער אַליין איז געווען אַ כהן, האָט ירמיהו געקעמפֿט קעגן דער כהנים־אינסטיטוציע, קעגן דער אויטאָריטעט פֿון בית־המקדש און איבערהויפּט קעגן די קרבנות, וועלכע די פֿאַלשע פֿרומאַקעס האָבן נאָך מער ווי אין די אמתע פֿרומע יאָרן, געשטיצט. זיין מיינונג וועגן דעם שיידט זיך נישט אונטער פֿון די מיינונגען פֿון ישעיהו און עמוס; דערפֿאַר אָבער צייכנט זי זיך אויס מיט איר איינפֿאַכקייט און קלאָרקייט, ווי אַלץ, וואָס איז אַרויס פֿון זיין מויל.

„אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער הערשער, דער אַלמעכטיקער פון יש־ראל: אייערע עולות 1) לייגט צו צו אייערע זבחים און עסט דאָס פלייש! ווייל איך האָב נישט געבעטן אייערע עלטערן און איך האָבן נישט פאַר־זאָגט זיי, ווען איך האָב זיי פון מצרים אַרויסגענומען, וועגן עולות און וועגן זבחים .נאָר דאָס האָב איך זיי אָנגעזאָגט: איר זאָלט געהאָרכזאַם זיין צו מיין שטים, וועל איך אייך זיין אַ גאָט און איר וועט מיר זיין אַ פאָלק; איר זאָלט גיין אין די וועגן, וואָס איך וועל אייך הייסן, וועט אייך וואויל זיין. האָבן זיי נישט געפאָלגט ,האָבן זיי זייער אויער נישט צוגעלייגט, זיינען זיי געגאַנגען לויט ווי ס׳האָט זיי געראָטן זייער עזות־דיק האַרץ; האָב איך צו זיי אָן אויפהער געשיקט מיינע קנעכט די נביאים, האָבן זיי דאָך נישט געפאָלגט און האָבן דאָך זייערע אויערן נישט צוגע־לייגט... און אַז דו וועסט זיי דאָס אַלץ זאָגן, וועלן זיי דיך אויך נישט הערן.״

די לעצטע ווערטער זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר ירמיהון. דער צווייפל אין די אייגענע כוחות בייצוקומען דאָס בייזע — דאָס איז דער טיפישער שטריך פון זיין נבואה. ירמיהו האָט געזען די פאַרדאַרבנ־קייט פון זיין פאָלק פאַר די קינדערישע יאָרן פון יאשיהו, ער האָט געזען זיין צייטווייליקע פאַרבעסערונג פאַר די לעצטע יאָרן פון יאשיהו, ער האָט נאָך דעם געזען זיין פאַרערגערונג פאַר די שפעטערדיקע מלכים — דאָס האָט אים געבראַכט צום געדאַנק, אַז דאָס פאָלק איז נישט שטאַנד־האַפטיק, אַז דאָס פאָלק פאַלט, אַז זיין דעמאָראַליזאַציע איז אַ פאַטאַלע און אַז דער חורבן פון לאַנד איז אומפאַרמיידלעך צוליב דעם חורבן פון פאָלק. ער האָט געזען, אַז די שווערע וואָלקנס, וועלכע רוקן זיך אָן אויף יהודה, וועלן נישט פאַרבייגיין אָן אַ קאַטאַסטראָפע. „ווייל מיין פאָלק איז באַנאַרישט, ווייל זיי קאָנען מיך נישט, ווייל זיי זיינען טעמפּע און נישט קיין פאַרשטענדיקע, זיינען קלוג נאָר שלעכטס צו טון, אָבער גוטס טון ווייסן זיי נישט — האָב איך געזען, אַז די ערד איז פאַרזונקען אין אַ כאַאָס, אַז די הימלען זיינען פאַרבליבן אָן אַ שיין; איך האָב געזען די

1) אַ עולה, לויט די געזעצן פון קרבנות, טאָר נישט געגעסן ווערן; פון זבחים מעג מען געוויסע טיילן עסן. ירמיהו מאַכט דאָס אינגאַנצן וואָכעדיק.

בערג ציטערן און די הויכקייטן שטורעמען. איך האָב געזען, אַז ס׳איז קיין מענטש נישטאָ, אַז די פייגל זיינען פאַרשוואונדן —״

ווען ער איז געשטאַנען ביים סאַמע תהום, וואו דאָס פאָלק מוז פאַלן, ווען עס טוט נאָר דעם לעצטן טריט, צו וועלכן עס יאָגן אים די געוויסע באַדינגונגען, האָבן זיך ביי ירמיהון אַלע סטרונעס פאַנאַנדערגעשפּילט. אין זיין נבואה קלינגט אַן אומענדלעך האַרצרייסנדיק געשריי פון אַ פאַרצווייפלטן, וועלכער זעט ווי עס גייען אונטער זיינע טייערסטע און ער קאָן זיי נישט העלפן. ירמיהו איז דערפאַר מער ענלעך צו הושען. אין פאַרגלייך מיט ישעיהון פעלט אים דער גלויבן אין דער ווירקונג פון זיין נבואה אין דעם אומגליקספולן מאָמענט, וואָס זיין לאַנד לעבט איבער סיי מאַראַליש סיי פּאָליטיש. און ווען דער ערשטער האָט אַליין זיך אָנ־געבאָטן אויף דער שליחות פון גאָט צו גיין שטראָפן דאָס פאָלק („הנני שלחני״ — כ׳בין גרייט, שיק מיך) האָט ירמיהו אויף זיך די מיסיע לכתחלה נישט געוואָלט אָננעמען.

„איז געווען גאָטס וואָרט צו מיר אַזוי: איידער נאָך איך האָב דיך אין מוטערס בויך באַשאַפן האָב איך דיך שוין געקאַנט און איידער נאָך דו ביזט אויף דער וועלט אַרויס האָב איך דיך שוין געהייליקט: אַ נביא פאַר די פעלקער האָב איך דיך געמאַכט. האָב איך אויסגעשריען: וויי, גאָט דער אַלמעכטיקער, כ׳קאָן דאָך נישט ריידן, כ׳בין נאָך צו יונג! האָט גאָט געזאָגט צו מיר: דו זאָלסט נישט זאָגן: „איך בין נאָך צו יונג״, ווייל וואו כ׳וועל דיך שיקן מוזטו גיין און וואָס כ׳וועל דיך הייסן מוזטו ריידן. דו דאַרפסט פאַר זיי קיין מורא נישט האָבן, ווייל איך בין מיט דיר צו דיין הילף — אַזוי האָט גאָט גערעדט. און גאָט האָט אויס־געשטרעקט זיין האַנט און האָט אָנגערירט מיין מויל און האָט געזאָגט: אַט האָב איך מיין וואָרט דיר אין מויל אַריינגעלייגט. זע, כ׳האָב דיך אויפגענומען היינטיקן טאָג איבער די פעלקער און איבער די מלוכות צו ברעכן, צו צעשטויסן, צו פאַרניכטן, צו צעשטערן, צו בויען און צו פלאַנצן.״

ירמיהו גייט אין זיין שליחות מיט אַ ציטערדיק האַרץ, ער גייט נאָר דערפאַר, ווייל ער קאָן נישט נישט גיין, ווייל דאָס געטלעכע וואָרט האָט אים געטריבן. ער גלויבט נישט, אַז זיינע רייד וועלן דערהערט ווערן, ער קאָן זיי אָבער אין זיך נישט פאַרהאַלטן:

„צו וועמען זאָל איך ריידן, וועמען זאָל איך שטראָפן, ווער וועט מיך הערן? זייער אויער איז דאָך פאַרשטאָפּט און זיי קענען דאָך נישט פאַרנעמען! גאָטס וואָרט איז דאָך ביי זיי פאַרהאַסט, זיי פאַרלאַנגען עס דאָך נישט! נאָר איך בין אָנגעפילט מיט גאָטס צאָרן און איך האָן עס נישט פאַרטראָגן, איך מוז עס אויסגיסן אפילו אויף די קינדער אין גאַס, אויף די פאַרזאַמלונגען פון דער יוגנט, ווייל באמת וועלן דאָך געשטרויכלט ווערן מענער און ווייבער און אַלטע לייט און יונגע קינדער!"

ירמיהו באַפרידקט זיך אָבער נישט מיט דער מיסיע אָן רעזולטאַט; דער צאָרן, וועלכער ווערט אומזיסט „אויפן גאַס געגאָסן" און דרינגט נישט אַריין אין די אויערן, הערט נישט אויף דאָס האַרץ צו ברענען. אַזוי ווי ער קאָן נישט ווירקן אויף דער ערד, וויל ער ווירקן אויפן הימל, אַזוי ווי ער געפינט נישט קיין צוהערער צווישן פאָלק ווענדט ער זיך צו גאָט. איז ער מתפלל צו מאַהמעכטיקן פאַר זיין פאָלק, און גלויבט, אַז ער, גאָט, קאָן נאָך ראַטעווען די פאַרבלאָנדזשעטע געמיינדע. ער וויל וועקן רחמים פאַר די אומזיניק-זינדיקע, נאָר ביי גאָט טרעפט ער די זעלביקע האַרטקייט, ווי ביי זיין פאָלק. אויף זיינע אומאויפהערלעכע תפלות פאַר זיין פאָלק און פאַר זיין לאַנד באַקומט ער שטענדיק די זעלבע שטרענגע תשובה:

„דו זאָלסט נישט מתפלל זיין פאַר דעם דאָזיקן פאָלק, דו זאָלסט פאַר זיי נישט אויפהייבן קיין געבעט און קיין געזאַנג, דו זאָלסט צו מיר נישט צושטיין, ווייל איך וועל דיך נישט הערן!"

אין פאַרצווייפלונג ווענדעט ירמיהו זיינע אויגן צום מדבר. „ווען איך וואָלט אין דער מדבר אַ גאָטס-הויז געפינען, וואָלט איך מיין פאָלק פאַרלאָזן, איך וואָלט אַוועק פון אים"! צו זיין ווייט פון מענטשן, ווייט פון פאָלק, מיינט ער צו געפינען זיין רו. ס'איז אָבער נאָך נישטאָ אַזאַ מדבר, וועלכער זאָל קענען אויסרייסן ביים נביא זיין פאָלקס - און גאָטס-ליבע פון זיין האַרצן! ירמיהו גלייבט נישט, אַז פאַר זיין פאַרוואונדעטער נשמה קאָן נאָך זיין אַ הילף ערגעץ-וואו. ער שילט זיין לעבן און האָפט אויפן טויט:

„פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער טאָג, ווען איך האָב די שיין דערזען, דער טאָג, ווען מיין מוטער האָט מיך געבוירן זאָל נישט זיין געבענטשט. פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער מענטש, וועלכער האָט מיין פאָטער אָנגע-

זאָגט: „אַ ייִנגל איז ביי דיר געבוירן געוואָרן" — דערפריייט האָט ער אים! זאָל יענער מענטש ווערן ,ווי די שטעט, וואָס גאָט האָט פאַרוויסט אָן רחמנות, אַ געשריי זאָל ער הערן אין דער פרי, אַ קריגס־שאַלונג ביי מיטאָק — דערפאַר, וואָס ער האָט מיך נישט געטויט אין בויך, דעמאָלט וואָלט דאָך די מוטער מיין קבר געווען!... פאַרוואָס בין איך אַרויס פון מיין מוטער'ס בויך צו צוזען אַזוי פיל ליידן און טרויער און פאַרברייינגען מיינע טעג אין שאַנד?..."

דאָס גאַנצע לעבן פון ירמיהו הנביא איז אַן אומענדלעכע טראַגעדיע פון אַ גייסט־מענטשן, וועלכער איז געווען טיף און גרויס, כדי איבערצו־לעבן אין זיך דעם חורבן פון אַ גאַנץ פאָלק מיט אַלע זיינע שרעקן, אַ חורבן נישט קיין איבערגעקומענעם, נאָר אַן אַנקומענדיקער, אַ חורבן, וואָס, לויט זיין טיפסטער איבערצייגונג, איז נאָך מעגלעך אים צו פאַר־היטן, נאָר וואָס ווערט דאָך נישט פאַרהיט בלויז צוליב דעם, וואָס דאָס פאָלק איז בלינד, וואָס דאָס פאָלק איז טויב, וואָס דאָס פאָלק איז פאַר־פירט דורך פאַרשידענע פאַלשע, אייגננוציקע לייט, וועלכע מאַכן דעם אמת פאַר פאַלש און דאָס פאַלשע פאַר אמת, וועלכע לאַכן אויס דעם נביא, מאַכן אים פאַר אַ ליגנער און רופן זיך אַן פאַרטרעטער פון גאָטס וואָרט, פון דער נבואה — און דאָס פאָלק — צוליב אַ קללה פון גאָט — גלייבט אויסשליסלעך זיי, די פאַלשע נביאים, די פאָלקס־פאַרעטער, די פאָלקס־פיינט, און שענדעט אים, דעם אמתן נביא, דעם פאָלקס־געטרייען, דעם פאָלקס־פריינד! די ליידן פון דעם נביא זיינען אָבער געווען נישט בלויז מאָראַלישע; מער פון אַלע אמת־טרעגער, האָט ירמיהו אויך אי־בערגעטראָגן אויך די פאַקטישע צרות פון זיינע אידייען־קעגנער. דער מלך, די שרים, די כהנים, דאָס פאָלק — אַלע, אַלע האָבן אים אומדער־באַרעמדיק פאַרפאָלגט און נישט איין מאָל איז ער שוין געווען אין די נעגל פונעם טויט צוליב זיין געטלעכן אייפער און צוליב זיין פאָלק־ליבע און נאָר מיט נסים איז ער געראַטעוועט געוואָרן.

איינמאָל האָט ירמיהו אָפגעהאַלטן איינע פון זיינע פייערדיקע רע־דעס אויף דעם הויף פון בית המקדש; זיינע צוהערער זיינען ביז דער העכסטער שטופע געוואָרן אויפגערעגט. אַ גאַנצע מאַסע פון כהנים און פאַלשע נביאים האָט אַרומגערינגלט דעם נביא און געשריגן: „דו מוזט געטויט ווערן דערפאַר, וואָס דו האָסט געזאָגט, אַז דער היכל פון ירושלים

וועט אוי דאַזוי חרוב ווערן, ווי דער היכל איז שילה!" אויף אַ פּלאַץ פאַרן בית־המקדש האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גאַנצער עולם פון איינ־פאַכע לייט. עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. אויף דעם טומל זיי־נען אָנגעלאָפן אייניקע שרים פון קעניגלעכן הויף; צווישן זיי האָט זיך געפונען אויך אחיקם, דער זון פון יאשיהוס פרומען קאַנצלער שפן, ביי די טויערן פון בית המקדש האָט מען באַלד צענויפגערופן די „זקנים" (עלטסטע, ריכטער) צו משפטן דעם באַשולדיקטן נביא. די צבועדיקע כהנים און די פאַלשע נביאים האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל ירמיהון מיטן טויט באַשטראָפן פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע רעדעס. ירמיהו האָט דרייסט געענטפערט, געווענדעט זיך צו די שרים און צום המון: יהוה האָט מיך געהייסן ריידן דאָס אַלץ, וואָס איר האָט געהערט. פאַרריכט אייערע מעשים, פאָלגט אייער גאָט, וועט ער אויסמיידן דאָס שלעכטס, וואָס ער האָט אויף אייך פאַרטראַכט. איצט בין איך אין אייערע הענט, איר קענט מיט מיר טון, וואָס אייך געפעלט. נאָר וויסן זאָלט איר וויסן, אַז אויב איר טויט מיך, דעמאָלט נעמט איר אויף אייך און אויף דער שטאָט און אויף אירע באַזיצער די זינד פון אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט, ווייל באמת האָט מיך גאָט געשיקט צו אייך, צו זאָגן אייך די אַלע ריייד!" די מיינונגען פון די זקנים זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען וועגן ירמיהוס פאַרברעכן; פיל האָבן געפאָדערט אים צו משפטן ווי אַ מורד, דערפאַר וואָס ער בונטעוועט דאָס פאָלק קעגן מלך און קעגן דעם בית המקדש, און ער איז נצול געוואָרן נאָר אַ דאַנק די אייניקע גוטע פריינט זיינע צווי־שן די שרים, איבערהויפּט פון אחיקם בן שפן. — דאָס איז נאָר איינער פון די פיל ביישפילן, וועלכע ווייזן די גאָטס־פאַרכטיק פאַרעטערישע באַציאונגען צו ירמיהון פון זיינע פאַלשע אידייען־קעגנער. ביים נביא האָט נישט שטענדיק געקלעקט געדולד איבערצוטראָגן דאָס אַלץ גלייכ־גילטיק; אָפטמאָל פאַלט ער צו צו זיין גרויסן אַלמעכטיקן גאָט און זוכט ביי אים הילף, פאָדערט נקמה. דעמאָלט קלינגען שרעקלעך זיינע ווערטער:

„פאַרנעם גאָט מיין שטים און הער צו די רייד פון מיינע פיינט. באַצאָלט מען דען שלעכטס אַנשטאָט גוטס? פאַרוואָס גראָבן זיי גריבער מיין לעבן צו פאַנגען? געדענק, ווען איך בין געשטאַנען פאַר דיר צו בעטן פאַר זיי, איינצושטילן דיין צאָרן איבער זיי! דעריבער דערנידעריק זיי דורכן שווערד, זאָלן זייערע פרויען בלייבן אלמנות און זייערע קינדער

זאָל מאַטערן דער הונגער. זאָל פון זייערע הייזער אַ געשריי זיך לאָזן הערן, זאָל אויף זיי אויסברעכן א פלוצימדיקער אומגליק... דו, גאָט, ווייסט דאָך, אַז זייערע געדאַנקען וועגן מיר זיינען נאָר צו טייטן — פאַרגיב זיי נישט זייערע זינד און און זייער פאַרברעכן זאָלסטו נישט אָפּמעקן!״

דער שיקזאַל האָט פאַר ירמיהון אָבער צוגעגרייט נאָך אַ פּיל גרעסערן און שווערערן נסיון, ווי דעם וואָס ער האָט ביז איצט איבער־געלעבט. ס׳איז געקומען דער מאָמענט, ווען יהודה האָט געמוזט ריכטיק דערקלערן אירע באַציאונגען צו די גרויסע מהפכות, וואָס זיינען פאָר־געקומען אין דער פאָדער־שטער אַזיע, ביי וועלכע זי, יהודה, האָט ביז איצט געשפּילט אַ פּאַסיווע ראָלע, בעת זי איז איבערגעגאַנגען פון איין פּראָטעקטאָראַט צום אַנדערן. ירמיהון איז אויך אויסגעקומען אויסצונוצן אין דער פּראַקטיק זיינע טעאָרעטישע אַנשויאונגען; ער האָט געמוזט זיין נבואה צוזאַמענבינדן מיט דער פּאָליטיק. מען מוז אָבער זיין ריזיק־גרויס כדי אַזוי שטאַרק צו גלויבן אין זיך, כדי צו אַרבעטן אין לעבן לויט די אייגענע טעאָרעטישע מיינונגען מיט אָן אומגעווייגלעכער קאָנסעקווענץ, ווען עס האַנדלט זיך וועגן חורבן פון דעם אייגענעם לאַנד! וויפיל ירמיהו האָט פריער נישט געליטן פאַר זיינע אַרויסגעזאָגטע השקפות איז עס נאָך אַלץ נישט קיין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ער האָט נאָכדעם געליטן, ווען ער האָט געמוזט, אין צוזאַמענהאַנג מיט זיי, אַרויסזאָגן און פאַרווירקלעכן זיינע באַציאונגען צו דעם פּאָליטישן מאָמענט, אין וועלכן עס איז אָפּהענ־גיק געווען דאָס זיין און נישט־זיין פון זיין פאָלק!

אין די ערשטע יאָרן פון יהויקימס הערשונג איז אינגאַנצן פאַנאַנ־דערגעפאַלן די מאָנאַרכיע פון אשור. די מדיים (מדי) און די בבליים (בבל) האָבן צעשטערט איר פּראַכפולע הויפּטשטאָט נינוה און איר לעצ־טער מלך סרדנפּול — ווי די גריכישע לעגענדע דערציילט — איז אומ־געקומען אין דעם פייער פון זיין אייגענעם פּאַלאַץ. דער נביא נחום האַלקשי שילדערט אַזוי די מפּלה פון דער דעספּאָטישער רעגירונג:

„עס האָט זיך אויף דיר, נינוה, אַ הייב געטון דער משחית. פאַרהיט די פעסטונג, באַוואָך די וועגן, גורט אָן די לענדן, זאַמל קרעפטן! דער פאַנצער פון פּונעם פיינד איז פאַרבלוטיקט, זיין חיל איז אין רויטן געקליי־דעט, אויף די גאַסן פליען פלינק די רייטוועגן, זיי דונערן איבער די

פלעצער בלישטשענדיק ווי פייער, פינקעלנדיק ווי אַ בליץ, דער קריגס־האַר פון נינוה רופט זיין העלדיש חיל, נאָר זיי ווערן געשטרויכלט אין גאַנג, בשעת זיי איילן זיך צו די שטאָט־מויערן, ווען זיי גרייטן זיך צו צו דער פאַרטיידיקונג. די טייך־טויערן ווערן געעפנט, דעמאָלט פאַלט אַ שרעק אויפן קעניגלעכן הויף... אַלע לויפן: — „שטייט, שטייט!” — עס קערט זיך קיינער נישט אום. רויבט זילבער, רויבט גאָלד, ווייל אומ־ענדלעך זיינען די אוצרות פון נינוה!... צעראַבעוועט, רואינירט און דער־ליידיקט איז זי שוין! יעדעס האַרץ איז צעגאַנגען, יעדע קני איז גע־בויגן, אין די לענדן אַ ציטערניש, און יעדעס פנים איז שוואַרץ, ווי אַ געברענטער טאָפּ. וואו איז איצט די, וועלכע איז געווען פאַרעכנט ווי אַ לייבן־הייל, ווי אַ טיגער־שטייג?... די זון איז אויפגעגאַנגען — און נינוה איז פאַרשוואונדן געוואָרן. זיי שלאָפן, דיינע קריגס־אַנפירער, מלך פון אַשור, זיי רוען, דיינע העלדן, דיין פאָלק איז איבער די בערג פאַרשפרייט און קיינער וועט אים שוין נישט צוריק צונויפזאַמלען. ס׳איז קיין ליג־דערונג נישטאָ צו דיין בראָך, דיין פלאָג איז האָפענונגסלאָז; וועמען דיין ידיעה באַגעגנט, פרייט יענער זיך אויף דיר; ווייל וועמען האָט דיין אכזריות נישט אָנגעגריפן!...”

די באַזיגער האָבן צווישן זיך אַזוי צעטיילט די מלוכה פון אַשור, אַז די מדיים האָבן באַקומען די צפון און מזרח געגנטן און די בבלים — דעם דרום טייל פון מעסאָפּאָטאַמיע (שנער) און סוריה (די געוועזענע אַרם). צוליב דעם האָט געמוזט ענדלעך אויסברעכן אַ מלחמה צווישן בבל, וועלכע האָט זיך גערעכנט פאַר דעם געזעצלעכן יורש פון סוריא, און מצרים, וועלכע האָט די זעלביקע פּראָווינץ מיט אַ קורצער צייט פריער פאַרכאַפּט און באַהערשט. צו יענער צייט איז געשטאָרבן דער מלך פון בבל, נבו־פלאסר, און אים האָט געירשנט זיין העלדישער זון נבוכדנצר. דער לעצטער האָט דערקלערט פרעה נכהן פון מצרים אַ מלחמה. דאָס אַנטשלאָסענע געשלעג איז פאָרגעקומען ביי דער שטאָט כּוּרכמיש, ביים טייך פרת, און האָט זיך געענדיקט מיט אַ פולשטענדיקער מפלה פון מצרים. סוריה איז געבליבן אונטער דער ממשלה פון בבל. נבוכדנצר האָט אָבער געוואָלט, אַז ארץ־ישראל זאָל אויך איבער זיך אָנערקענען זיין אויטאָריטעט, אַזוי ווי זי האָט אַמאָל אָנערקענט די אויטאָריטעט פון אַשור, וועלכע איז איצט אונטערטעניק געווען דער מלוכה

פון בבל. דאָס איז פאַר יהודה געווען זייער שווער, ווייל אויב זי איז די לעצטע יאָרן געווען מער אָדער ווייניקער אָפּהענגיק פון מצרים, איז דאָך די אָפּהענגיקייט געווען נאָר אַ פאָרמעלע, ווייל מצרים איז צו ווייט געווען פון יהודה, כּדי צו קאָנען שטענדיק האַלטן אין דער מורא דאָס יידישע לאַנד. בבל האָט שוין אָבער דעמאָלט געשטרעבט צו ווערן די גאַנצע הערשערן איבער אירע אַלע שכנישע פעלקער אין דער פאָדערשטער אַזיע. אין ירושלים האָט זיך דעמאָלט אויסגעפורעמט אַ פּאַרטיי פון קריגס־געשטימטע פּאַטריאָטן, וועלכע האָבן געפאָדערט אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד קעגן דעם מלך פון בבל. צו די דאָזיקע אָנהענגער פון קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט האָט אויך געהערט דער קעניגלעכער הויף, וועלכער האָט געהאָפט אויף דער שטיצע פון מצרים קעגן נייעם אַלגעמיינעם פיינד. דיווירקלעכע פאָלקס־פריינט, די נביאים, מיט ירמיהון אין דער שפּיץ, האָבן אָבער נישט מסכּים געווען צו דער דאָזיקער פּאַרטיי און זיי האָבן געשאַפן אַ פרידנס־פּאַרטיי. ירמיהו האָט פאָראויסגעזען, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן אַנערקענען די הערשאַפט פון בבל איבער פּאַלעסטינע, נאָר דאָ שטייט פאַר אַן אַלגעמיינע פּאָליטישע איבערקערעניש, וואָס וועט אַרומנעמען דאָס גאַנצע פאָדערשטע אַזיע; די איבערקערעניש איז נישט קיין צופעליקע, זי איז צוגעגרייט דורך אַ רייע היסטאָרישע אורזאַכן, וועלכע האָבן געבראַכט די שכנישע פעלקער צו דער קולטורעלער אַנטאַרטונג (וואָס דער נביא רופט אָן אויף זיין שפּראַך „די זינדיקייט”), און דער קליינער יהודה וועט זיך בשום אופן נישט איינגעבן אָפּצושטעלן אָדער צוגעבן אַן אַנדער ווענדונג דעם דאָזיקן פּאָליטישן פּראָצעס. יעדער ווידערשטאַנד איז געפערלעך, ווייל דער היסטאָרישער לויפגאַנג וועט נישט שוינען יענץ לאַנד, וועלכעס וועט אים אין וועג שטיין; דאָס פאָלק אָבער, וועלכעס וועט זיך אונטערגעבן דעם אַלגעמיינעם שיקזאַל, וועט אמת שטעלן זיין זעלבסטשטענדיקייט אין קאָן, דערפאַר אָבער וועט עס זיין עקזיסטענץ ראַטעווען. דאָס פאָלק מוז זיך אויך דערפאַר באַשליסן אויף דער אונטערוואָרפנקייט, ווייל זי איז אייגנטלעך נאָר אַ צייטווייליקע און נישט קיין דויערהאַפטע. ווען אַ שטורעם ברויזט פאַנאַנדער דעם ים, הייבן זיך גיך אויף אין דער הויך רוישנדיקע כוואַליעס זיי פאַלן אָבער אויך גיך אַרונטער. אין דעם פּאָליטישן כאַאָס רוקן זיך גיך אַרויס פעלקער, זיי ווערן אָבער אויך גיך פאַר־

שוואונדן. ירמיהו, וועלכער האָט פאָראויסגעזען, די דערהויבונג פון בבל, האָט אויך געזען איר גאָענטע מפּלה — און ער האָט דעריבער געוואָרנט זיין פאָלק נישט צו שטעלן זיין קיום אין געפאַר צוליב דער צייטווייליקער אונטערטעניקייט. שוין נאָר דאָס אליין, וואָס די הויפּלייט, די אָנהענגער פון מלחמה, האָבן געהאָפט אויף דער הילף פון מצרים, די פיינדין פון בבל — האָט געמוזט אָפּשטויסן פון זיך די נביאים, וועלכע זיינען פון אייביק אָן געווען קעגן פּאָליטישע פאראייניקונגען מיט פרעמדע פעלקער, און בפרט מיט מצרים, וואָס האָט אַזוי פיל מאָל שוין געהאט אָפּגענאַרט די האָפענונגען פון יהודה, און וואָס האָט דעריבער באַקומען דעם נאָמען — „די שטיצע פון אַ צעבראָכענעם שטעקן"".

צווישן ירמיהון און דער הויף־פּאַרטיי האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומגעהויערער קאַמף. קעגן אים זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן שווערע באַשולדיקונגען. זיינע קעגנער האָבן אי מדערקלערט פאַר אַ פאָלקס־פיינד, נאָר אַ פאָלקס־פאַרעטער. דער המון האָט אין דעם גאַנץ לייכט געגלויבט: דער נביא האָט דאָך אָפן געזאָגט, מען זאָל זיך דעם שונא אונטערגעבן אָן קיין שום מלחמה, ווען די פּאַטריאָטן האָבן גערעדט וועגן ראַטעווען דאָס לאַנד דורך מסירת־נפש... ירמיהו האָט אויף אַזאַ אופן מיט זיין פּאָליטיק קעגן זיך אויפגעבראַכט נישט נאָר די הויף־פּאַרטיי, דעם מלך, און די שרים, נאָר אויך דאָס גאַנצע פאָלק. זיין אייגן שטעטל ענתות, וואו ער איז געבוירן געוואָרן ,וואו ער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן, האָט זיך צו אים באַצויגן ווי צו אַ מורד. די שנאה פון פאָלק צו אים האָט ירמיהון געקרענקט פיל מער פון די רדיפות, וואָס ער איז ביז איצט אויסגעשטאַנען פאַר זיין געטלעכער שליחות.

„ווײ איז מיר מאַמע, וואָס דו האָסט מיך געבוירן, אַ מענטש פון קריג און באַליידיקונג בי זאיך פאַר דעם גאַנצן לאַנד. איך מאָן ביי קיינעם און קיינער האָט ביי מיר נישט צו מאָנען און אַלע שילטן מיך".

ביי אַזאַ אַלגעמיינעם אומצופרידן האָט דער נביא געמוזט באַזיצן אַן אומגעהויער שטאַרקן כאַראַקטער און אַן אומגעווייגלעכע דרייסטקייט, אַן אויפהער און טאָג־טעגלעך איבערצוחזרן זיין התראה, וועלכע קאָן אייגנטלעך אויסגעדריקט ווערן אין די ווייטערדיקע ווערטער:

„דער, וואָס וועט בלייבן זיצן אין שטאָט און נישט וועלן זיך אונטערגעבן דעם פיינד, וועט געטויט ווערן דורכן שווערד, דורכן הונגער

און דורך דער מגפה; ווער עס וועט אָבער אַרויסגיין צו כשדים (כאַלדייער, בבליים), יענער וועט בלייבן לעבן!״ — דערווייל אָבער האָט דער דאָזיקער פּאָליטישער ווידערשפּרוך צווישן די שרים און דעם נביא נאָך געטראָגן אַ טעאָרעטישן כאַראַקטער, די כשדים האָבן זיך נאָך ניט אָפּגעפּאָרטיקט אין סוריא, און אַרום ירושלים איז נאָך דערווייל געווען רואיק. צום זיבעטן יאָר פון יהויקימס מלוכה איז אָבער די פראַגע וועגן דער באַציאונג צו בבל שוין אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין איר גאַנצער היסטאָרישער שטרענגקייט און האַרבקייט. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די הייסע הויף־פּאַטריאָטן זיינען נאָר געווען רייך אין ווערטער און זייער אָרעם אין טאַטן. נישט זיי, די שרים, וועלכע האָבן נאָר געדענקט צו זויגן דעם מאַרך פון פאָלק, און נישט יהויקים, דער דעספּאָט, וועלכער האָט זיך געזאָרגט נאָר פאַר זיינע פּראַכטפולע פּאַלאַצן, זיינען געווען צוגעגרייט צו אַן ערנסטער מלחמה. מיר געפינען נישט אין תנ״ך קיין זכר פון וועלכע ס׳איז סטראַטעגישע אונטערנעמונגען, וואָס יהויקים זאָל האָבן צוגעגרייט, כדי צו באַפעסטיקן דאָס לאַנד אין פאַל פון אַ געפאַר. די גאַנצע האָפענונג זייערע איז, וואַרשיינלעך, געווען אויף מצרים, נאָר די לעצטע האָט געהאַט פאַר זיך צו זאָרגן. און ביי דעם ערשטן אָנפאַל פון נבוכדנאצר האָט יהויקים זיך אונטערגעגעבן און דערקלערט זיך פאַר אָפּהענגיק פון בבל (600). אַזוי איז דערווייל צום גרויסן טרויער פון יהודה, מקוים געוואָרן די ערשטע נבואה פון ירמיהון!

אין אַ יאָר דריי אַרום האָט ביי יהויקימען פונדאָסניי אויפגעוואַכט אין האַרצן די שטרעבונג צו זעלבסטשטענדיקייט. אָבער אויך דאָסמאָל האָט ער נישט געמיינט זיך צו שטיצן אויף זיינע אינערלעכע כוחות — דאָס אייביקע נבואה־פּראָגראַם — נאָר בלויז אויף דער אויסערלעכער פּאָליטיק. מצרים האָט נאָך אַלץ נישט געוואָלט אַנערקענען איר מפּלה בנוגע צו דער פאָדערשטער אַזיע און זי האָט אַרויסגעשטעלט אַ ניי חיל קעגן בבל. צו יענער צייט האָט אויסגעבראָכן אַ מלחמה אויך צווישן די כשדים און די צורים (פיניצער). יהויקים האָט געוואָלט אויסנוצן די שווערע צייט פאַר נבוכדנצר, כדי צו באַפרייען יהודה. ירמיהו האָט ווייטער געוואָרנט דאָס פאָלק, עס זאָל זיך נישט שפּילן אין פּאָליטיק. ער האָט נביאות געזאָגט, אַז מצרים און צור וועלן קיין תקומה נישט האָבן און נבוכדנצר וועט זיך שרעקלעך נוקם זיין אַן יהודה פאַר דעם פאַראַט.

דער נביא איז ווייטער אויסגעלאַכט געוואָרן. נאָר יהויקים האָט אויף דעם לאַנד געבראַכט אַן אומגליק מיט זיין איילקן שריט. נאָכדעם, ווי ער האָט אַ צווייטן מאָל פאַרטריבן מצרים פון אַזיע און באַשטראָפט די פיניציער, האָט נבוכדנצר זיך איבערגערוקט מיט זיין חיל צו די גרעניצן פון יהודה. אין דער צייט פון דעם דאָזיקן אָנפאַל איז יהויקים געשטאָרבן און דאָס פאָלק האָט געקרוינט פאַר אַ מלך זיין אַכצן־יעריקן זון יהויכין אָדער יכניהו (597). די ממשלה איבערן לאַנד האָט אָבער צוגענומען אין אירע הענט די מוטער פון דעם יונגן מלך — נהושתא, און אַלץ האָט זיך דערווייל געפירט, ווי פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם יהויקים׳ן. די נייע ממשלה האָט נישט לאַנג געדויערט — בסך הכל דריי מאָנאַטן איז יהויכין אויף זיין פאָטערס טראָן געזעסן. נבוכדנצר האָט דערווייל באַוויזן אריינ־צורייסן זיך אין לאַנד, צו פאַרכאַפּן פיל שטעט און צוצוטרעטן צו דער באַלאַגערונג פון ירושלים. דאַן האָט שוין דער קעניג און זיין מוטער אויך פאַרשטאַנען, אַז די הויפּטשטאָט וועט נישט קענען אָקעגנשטעלן זיך קעגן דער ריזן־קראַפט פון די בבליים. יהויכין און זיין מוטער האָבן באַשלאָסן זיך אונטערצוגעבן און אין דער באַגלייטונג פון די אָנגעזעענסטע הויפליים זיינען זיי געקומען אין דעם בבל־לאַגער פּערזענלעך אויסצודריקן דעם קעניג נבוכדנצר זייער אונטערטעניקייט, כדי צו פאַר־גיטיקן זיין צאָרן. דער שטאָלצער באַזיגער איז אָבער נישט געוואָרן ווייכער. ער האָט געהייסן פאַרהאַלטן יהויכינען און זיין מוטער און זיי אַוועק־שיקן קיין בבל אין געפענגעניש. צוזאַמען מיט זיי האָט נבוכדנצר פאַר־טריבן קיין בבל פיל פאַרשטייערס פון די יידישע אַריסטאָקראַטישע פאַ־מיליעס, פיל כהנים און געווער־מייסטערס, וועלכע זיינען געווען קעגן דער בבילשער מאַכט. לויט דער מסורה, האָט די צאָל פון די פאַרטריבענע דערגרייכט ביז אַ מאַן צענטויזנט. אויסער דעם האָט נבוכדנצר פאַרנומען פיל גאָלד און פיל זילבער פון בית־המקדש און פון קעניג־פּאַלאַץ. אויף אַזאַ אופן האָט ירושלים מיט איין מאָל פאַרלוירן אירע אָנגעזעענסטע לייט און אַ גרויסן טייל פון אירע רייכטימער״.

די צווייטע התראה פון ירמיהון איז ווייטער מקוים געוואָרן. האָט עס אָבער דאַן שוין אָנגעלערנט די אָנהענגער פון דעם איבעראייליטן און נישט באַגרינדעטן פּאַטריאָטיזם ? —

נבוכדנצר האָט אַרויפגעזעצט אויפן טראָן יאשיהו׳ס יונגסטן זון,

יהויקימס ברודער — צדקיהו (597־586) — און ווי ! דאָס איז געווען דער לעצטער מלך אין ירושלים! די עלף יאָר פון זיין הערשן צייכענען זיך אויס מיט דער שטאַרקסטער אינערלעכער אויפרעגונג, מיט מהומות און טומלענישן אין יהודה. אין אָנהויב האָט ער געשוואָרן טריי צו דינען נבוכדנצרן, נאָר אַזוי ווי עס איז געווען פון דער נאַטור אַ מענטש מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער, האָט ער זיך נישט געקאָנט האַלטן ביי איין ריכ־טונג אין דער פּאָליטיק. ער האָט זיך געבויגן אויף דער זייט פון יעדער פּאַרטיי, וועלכע איז אין דעם מאָמענט געווען שטאַרקער. די באַפעל־קערונג פון יהודה האָט אויך אין אָנהויב כלומרשט געדולדיק געטראָגן אויף זיך דעם פרעמדן יאָך, נאָר די הויפּלייט האָבן אין דער שטיל פונ־דאַסניי געבונטעוועט דאָס פאָלק. נאַטירלעך, איז אין דעם אינערלעכן לעבן פון לאַנד נישט פאַרגעקומען אַזויגס, וואָס זאָל קאָנען עדות זאָגן אויף דעם, אַז דאָס פאָלק איז געוואָרן מעכטיקער, ווי פריער, כדי צו קענען באַזיגן זיין גרויזאַמען פיינד, און איבערהויפּט גובר צו זיין די פריערדיקע סימפּטאָמען פון דער גייסטיקער דעגענעראַציע. דער אויפ־גערעגטער פּאַטריאָטישער גייסט האָט דאָס פאָלק נישט אויפגעהויבן פון דעם נידעריקן צושטאַנד ,אין וועלכן עס האָט זיך געפינען, און אין דער זעלביקער צייט, ווען עס האָט זיך געגרייט צו קעמפן קעגן דעם כאַלדע־אישן (בבלישן) פּאָליטישן יאָך האָט עס זיך אליין מיטן גוטן ווילן אונ־טערגעוואָרפן אונטערן דרוק פון דער כאַלדעאישער קולטור. דאָס געצנ־דינערײ פון בבל, און די אַסטראָלאָגישע אַבערגלויבערייען האָבן זיך אין לאַנד גיך פאַרשפּרייט צוזאַמען מיט גרעסטע תאוות, מיט וועלכע עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די איינוואוינער פון דער מדינה, וואָס אויפן טייך פּרת. ירמיהו האָט דער דאָזיקער אומשטאַנד נאָך מער איבער־צייגט, אַז דער חורבן פון לאַנד איז נאָענט און ער האָט ווידער גענומען מזהיר זיין ,אַז דאָס פאָלק זאָל זיך בעסער אומקערן צו זיין גאָט און צו זיין תורה. אנשטאָט צו פאַרנעמען זיך מיט געפערלעכער פּאָליטיק, די האָפענונג פון די הויפּלייט האָט זיך אָבער געשטאַרקט דורך דעם, וואָס אין דער פאָדערשטער אַזיע האָבן פונדאַסניי די אונטערדריקטע פעל־קער זיך אויפגעבונטעוועט און געוואָלט צונויפשטעלן אַ פּאָליטישן בונט קעגן דעם אַלגעמיינעם פיינט, קעגן די בבלים. די פאַראייניקטע פעלקער האָבן געשיקט שלוחים קיין ירושלים, וועלכע זיינען געוואָרן פריינטלעך

אויפגענומען דורך די קריגס־געשטימטע הויפלייט. דאַן איז אָבער גע־קומען ירמיהו צו צדקיהון און די שרים און זיי מתרה געווען, זיי זאָלן זיך נישט לאָזן אָנריידן צו אַ פּאַראַט קעגן נבוכדנצרן. „דינט דעם מלך פון בבל, וואָרום זאָל די דאָזיקע שטאָט וויסט ווערן?” — און צו די פרעמדע שלוחים האָט ער געזאָגט בזה הלשון:

„אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו מיר: מאַך דיר שטריק און שטאַנגען און הענג עס אָן אויף דיין האַלדז. און דו זאָלסט שיקן צום מלך פון אדום, צום מלך פון מואב, צום מלך פון עמון, צום מלך פון צור, צום מלך פון צידון דורך די שלוחים, וואָס זיינען געקומען קיין ירושלים צו צדקיהון דעם מלך פון יהודה און דו זאָלסט זיי הייסן זאָגן זייערע האַרן: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער אַלמעכטיקער פון ישראל: אַזוי זאָלט איר צו אייערע האַרן זאָגן: איך האָב די וועלט באַשאַפן, דעם מענטשן, די בהמות און אַלץ, וואָס אויף דער ערד געפינט זיך, מיט מיין גרויסער קראַפט און מיט מיין אויסגעשטרעקטן אָרעם — און איך קאָן איר איבערגעבן יענעם, וועמ מיר איז געפעלן. איצט האָב איך אַלע לענ־דער איבערגעגעבן אין די הענט פון מיין קנעכט נבוכדנצר, דעם מלך פון בבל — עס זאָלן אים אפילו די חיות פון פעלד האָרכן! אַלע פעלקער מוזן אים דינען, — אים און זיין זון און זיין אייניקל — ביז וואַנען זיין טערמין וועט זיך ענדיקן און זיין לאַנד וועט פאַלן. און יענעם פאָלק, און יענעם קעניגרייך, וועלכעס וועט נישט וועלן דינען אים, נבוכדנצרן, און ווער עס וועט נישט וועלן אריינלייגן זיין האַלדז אין דעם יאָך פון מלך־בבל — יענעם וועל איך שטראָפן מיטן שווערד, מיט הונגער און מיט פעסט — זאָגט גאָט — ביז וואַנען איך וועל אים אונטערברענגען”...

דאָס מאָל האָט ירמיהו געווירקט אויפן מלך פון יהודה און ער איז נישט צוגעשטאַנען צו דער קאָאַליציע פון די שכנותדיקע פעלקער. און ווען אָרום האָט זיך געגרייט אַ מרידה קעגן בבל, איז צדקיהו אליין געפאָרן צו נבוכדנצרן, אים אויסצודריקן זיין טרייע דינערשאַפט.

די פאַטריאָטישע פאַרטיי האָט זיך אָבער נישט באַרואיקט. קעגן ירמיהון האָט זי אַרויסגעשטעלט אַ גאַנצע ריי פון „פאַלשע נביאים”, וועלכע האָבן דאַך גערופן דאָס פאָלק צו מלחמה. זיי האָבן פאַרזיכערט דעם פאָלק אין זיין נצחון און אנשטאט די פינסטערע רעזולטאַטן, וואָס ירמיהו האָט פאָרגעזאָגט, האָבן זיי, די „פאַלשע נביאים”, אין נאָמען

פון גאָט, נביאות געזאָגט, אַז די מלחמה וועט נאָר ברענגען גליק דעם לאַנד. ירמיהוס קאַמף איז אַלץ שווערער געוואָרן צוליב דעם, וואָס דורך די פאַלשע נביאות איז פּראָוואָצירט געוואָרן גאָטס וואָרט. ער האָט געמוזט זיך אָפּצוימען פון די נישט־גערופענע שליחים פון גאָט און ער האָט גערופן דאָס פאָלק צו פאַרשטיין פון וועמעס מויל עס רעדט דער הייליקער אמת און ווער עס ווערט נאָר דורך אָפּנאַרעריי באַגייסטערט;

,,גאָט זאָגט: איך האָב געהערט, וואָס עס ריידן אין מיין נאָמען די נביאים פון פאַלשקייט: ,,איך האָב אַ חלום געזען!" ביז וואַנען וועלן זיי עס אַזוי נביאות זאָגן, די נביאים פון פאַלשקייט און די נביאים פון פאַראַט, וועלכע מיינען צו מאַכן פאַרגעסן ביים פאָלק מיין נאָמען דורך זייערע חלומות, אַזוי ווי זייערע פאָרגייער האָבן געמאַכט פאַרגעסן מיין נאָמען דורכן בעל ?! דער נביא, וועלכער האָט אַ חלום, זאָל ער דער־ציילן אַ חלום, און דער נביא, וועלכער באַזיצט מיין וואָרט, יענער זאָל זאָגן מיין וואָרט. וואָרום זאָל דאָס שטרוי זיך מישן מיט דער תבואה? — אַזוי זאָגט גאָט. איז דאָך מיין וואָרט צו פייער געגליכן — זאָגט גאָט — און אַזוי, ווי אַ האַמער צעשמעטערט עס דעם פעלדזן־שטיין. דעריבער — זאָגט גאָט— וועל איך זיך רעכענען מיט די נביאים, וועלכע גנבענען מיינע רייד איינער פון דעם צווייטן! איך וועל זיך רעכענען מיט די נביאים — זאָגט גאָט — וועלכע נעמען זייער צונג און זאָגן זייער זאָגעכץ! איך וועל זיך רעכענען מיט די נביאים פון פאַלשע חלומות — זאָגט גאָט — וואָס זיי דערציילן מיין פאָלק און פאַרפירן אים מיט זייערע ליגנס און מיט זייער צעלאָזנקייט, דאַן ווען איך האָב זיי נישט געשיקט, ווען איך האָב זיי נישט געהייסן!"...

..ירמיהוס ווירקונג ווערט אָבער דאָך אַלץ שוואַכער. דאָס פאָלק איז אַלץ מער דורכגעדרונגען געוואָרן מיט דער אַגיטאַציע פון די פּאַטריאָטן; עס האָט נישט געקאָנט גלייכגילטיק פאַרטראָגן דעם פרעמדן יאָך אין לאַנד, ווי אויך צוזען, ווי די באַרימטסטע זין זיינע ווערן געפייניקט אין דער פרעמד, אין בבל, וואו זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן צוזאַמען מיט יהויכינען. פון דאָרטן פלעגן קומען בקשות נאָך הילף. ירמיהו האָט די פאַרטריבענע געפּרוּוווּט טרייסטן דורך בריוו און רופן צו געדולד ביז דער רחמנות פון גאָט וועט דערוועקט ווערן. ער האָט זיי געראַטן צו בעטן גאָט לטובת דעם לאַנד, וואו זיי וואוינען, ווייל דורך דעם

ועט זיי אויך גוט זיין" — דאָס איז אויך געווען די מיינונג פון נביא יחזקאל בן־אבוזי, וועלכער האָט זיך געפונען צווישן די פאַרטריבענע אין בבל. — די פאַטריאָטן האָבן האָבער געפלאָנט אַן אַלגעמיינעם אויפ־שטאַנד, ווי צווישן די אונטערטעניקסטע אין יהודה אַזוי אויך צווישן די פאַרטריבענע אין בבל. די שפּאַנונג אין לאַנד איז אַלץ געוואַקסן. דאָס פאָלק איז אַלץ אַנטשלאָסענער געוואָרן. דער לעצטער בלוטיקער שריט איז שוין געוואָרן אומפאַרמיידלעך.

און ס'איז ענדלעך געשען. די מלחמה, אין וועלכער דאָס פאָלק האָט באַשלאָסן אָדער צו שטאַרבן אָדער צו זיגן, האָט אויסגעבראָכן. אויפן אַכטן יאָר, זינט צדקיהו איז געוואָרן מלך האָט דער נייער פּרעה חפרע פון מצרים זיך געגרייט צו באַנייען די לאַנגיאָריקע מלחמה מיט נבוכדנצר צוליב דער הערשאַפט איבער סוריא .צו דער זעלביקער צייט איז דעם מלך פון בבל אויסגעקומען ווייטער צו באַרואיקן די אויפגע־בונטעוועטע פיניציאַישע געגענטן צור און צידון. צדקיהו האָט געמוזט מסכים זיין צו די פאָדערונגען פון דער פאַטריאָטישער פּאַרטיי און ער האָט דערקלערט יהודה פונדאַסניי פאַר אַ זעלבסטשטענדיק לאַנד, וואָס איז נישט אָפּהענגיק פון בבל, ער האָט גערעכנט דעם דאָזיקן מאָמענט פאַר זייער אַ גינסטיקן צו אַזאַ שריט. ווען נבוכדנאצר האָט זיך דער־וואוסט פון דעם אויפשטאַנד אין יהודה איז ער געוואָרן זייער אויפ־גערעגט. ער האָט זיך דאַן געפונען מיט זיין הויפּט־לאַגער אין רבלה. פון דאָרטן האָט ער געשיקט אַ גרויסן חיל קיין יהודה מיט אַ פאַרזאָג חרוב צו מאַכן ביזן גרונט דאָס צעבונטעוועטע לאַנד. דאָס ביבלישע חיל האָט זיך אריינגעריסן אין יהודה, איינגענומען פיל שטעט און פעס־טונגען, געראַבעוועט און פאַרכאַפּט אין געפענגעניש פיל איינוואוינער. די מאַסן זיינען פון דער פּראָווינץ געלאָפן קיין ירושלים, וואו עס איז שוין אַזוי אויך גענוג ענג געווען. אַ דאַנק אירע בערג און פעסטונגס־געביידעס האָט זיך די הויפּטשטאָט גערעכנט פאַר זיכערער, ווי אַנדערע פונקטן — און די באַפעלקערונג האָט באַשלאָסן זיך צו פאַרטיידיקן ביז דער לעצטער מעגלעכקייט.

ווינטער, אין צענטן טבת (עשרה בטבת) אַרום 587־טן יאָר האָט נבוכדנאצרס אַרמיי באַלאַגערט ירושלים און האָט אַנגעשאָטן הויכע וואַלן, פון וואַנען צו באָמבאַרדירן די שטאָטישע וואַנט. די איינוואוינער פון

ירושלים האָבן זיך גענומען פאַרן געווער. דאָס יהודישע חיל האָט העלדיש זיך געוועדט קעגן דעם שונא. שוין אַ גאַנץ יאָר איז אַוועק זינט די באַלאַגערונג האָט זיך אָנגעהויבן, נאָר ירושלים האָט נאָך נישט געדענקט זיך אונטערצוגעבן. דער הונגער האָט שוין גענומען שאַרפן זיינע שפּיציקע ציין, די איינוואוינער פון דער הויפּטשטאָט האָבן אָבער ביים לעבן נישט געוואָלט שענקען זייער פרייהייט אומזיסט. ירמיהו האָט נישט אויפגעהערט זיינע נביאות צו זאָגן. אים איז דאָס פאָלק טייערער געווען פון דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ. ער האָט דעריבער אין רעכטן מלחמה־ברען געפאָדערט מען זאָל אַוועקלייגן דאָס געווער און שלום מאַכן מיטן פיינד, וועלכער וועט, לויט דער טיפער איבערצייגונג פון נביא, ענדלעך דאָך מנצח זיין! — נאָר דאָ איז פּלוצלינג אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז פרעה חפרע גייט מיט זיין אַרמיי אָנצופאַלן אויף נבוכדנאצרן. די בבלים האָבן זיך געאיילט צו פאַרלאָזן ירושלים און זיינען אַוועק קעגן די מצרים. די באַפעלקערונג פון ירושלים האָט זיך זייער געפרייט זעענדיק אין דעם אָנפאַנג פון זייער נצחון. איינער נאָר איז געבליבן נישט גערירט פון דער איבעראשנדיקער בשורה — דאָס איז געווען ירמיהו. מיט דער טיפסטער איבערצייגונג אין דער ריכטיקייט פון זיין שיטה, האָט ער געענטפערט דעם מלך׳ס שלוחים, וועלכע האָבן אים געפרעגט זיין מיינונג וועגן דעם גאַנג פון די קינפטיקע פאַסירונגען:

„פרעה׳ס חיל וועט זיך נאָך אומקערן צוריק אין זייער לאַנד קיין מצרים, דאַן קומען פונדאָסניי די כשדים און באַלאַגערן די שטאָט, נעמען איר איין און צינדן איר אונטער. דען אזוי האָט גאָט געזאָגט: „איר זאָלט אייך נישט איינרעדן: די כשדים וועלן פון אונדז אָפּטרעטן" — זיי וועלן נישט אַוועקגיין! און אויב אַפילו איר וועט דאָס גאַנצע חיל פון בבל אויסהרגענען און עס וועט פון אים נאָר איבערבלייבן דערשטאָכענע מענטשן — דאָך וועט יעדער פון זיין אָרט אויפשטיין און פאַרברענען די דאָזיקע שטאָט אין פייער".

שרעקלעך קלינגען די דאָזיקע ווערטער. אַזאַ זיכערקייט באַזיצט נאָר דער מענטש, וועלכער קאָן דורך זיין באַגאַבטן הייליקן גייסט אריינדרינגען אין דער געזעצלעכער לאָגיק פון דער היסטאָרישער צוקונפט. די פּאַטריאָטן האָבן דאָס אָבער נישט געקענט באַגרייפן און זיי האָבן חושד געווען, אַז ירמיהו איז אונטערגעקויפט פון די כשדים. און

ווען ער האָט געוואָלט פאַרלאָזן ירושלים, נאָכדעם ווי די כשדים האָבן פאַרלאָזן די שטאָט, און גיין באַטראַכטן די פּראָווינצן, וואָס האָבן געליטן פונעם שונא, האָבן די שרים געזאָגט, אַז ירמיהו וויל איבערגיין צום פיינטלעכן לאַגער. דער מלך צדקיהו איז געצוואונגען געווען, קעגן זיין אייגענעם ווילן און קעגן זיין איבערצייגונג, צו איינזעצן ירמיהון אין תפיסה. דאָרטן איז ער אויסגעשטאַנען פיל ענויים, ער האָט אָבער זיינע רייד נישט געביטן און ווען דער מלך האָט צו אים געשיקט פונדאָסניי פרעגן אין דער שטיל וועגן דער צוקונפט פון יהודה, האָט ער איבערגעחזרט זיין שטענדיקע התראה: „דו וועסט אריינפאַלן אין די הענט פון מלך בבל!"

דערווייל האָט זיך די לאַגע ווייטער געביטן אין ירושלים און — נישט צום גוטן. עס האָט ווירקלעך פּאַסירט, ווי ירמיהו האָט פאָראויסגעזען. די בבלים האָבן צעקלאַפּט די אַרמיי פון מצרים און באַנייט די באַלאַגערונג פון ירושלים. דער שטורעם פון שונא איז אַלץ שרעקלעכער געוואָרן און אַלץ שווערער איז געוואָרן די פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט. ירמיהו האָט פון דער תפיסה אַרויסגעזאָגט זיינע נביאותן וועגן דער שווידערהאַפטער צוקונפט פון זיין פאָלק, אויב עס וועט זיך נישט אונטערגעבן באַצייטנס. די שרים האָבן געפאָדערט פון צדקיהון, אַז דער נביא זאָל געטויט ווערן, „ווייל ער מאַכט אָפּהענטיק דאָס חיל און דאָס פאָלק מיט זיינע ווערטער; דער דאָזיקער מענטש ווינטשט נישט דעם פרידן פון לאַנד, נאָר זיין אומגליק!" — דער מלך האָט געענטפערט: „ער איז דאָך אין אייערע הענט, איך קאָן קעגן אייער פאַרלאַנג גאָרנישט טון!" — דאַן ווערט ירמיהו אריינגעוואָרפן אין אַ ליים־גרוב, וואו ער האָט געזאָלט פאַרזונקען ווערן לעבעדיקערהייט. נאָר איינער פון די הויףקנעכט, אַ כושי, האָט באַצייטנס מיט דער דערלויבעניש פון מלך, אין דער שטיל אַרויסגעראַטעוועט דעם געטלעכן מאַן; דאָך איז ביי אים אָפּגענומען געוואָרן די פרייהייט און ער האָט זיך די גאַנצע צייט פון מלחמה געפונען אונטער דער וואַך פונעם מלך'ס הויף.

טאָג פאַר טאָג איז דערווייל אין ירושלים אַלץ גרעסער געוואָרן די מהומה. דאָס ברויט איז אַלץ געמינערט געוואָרן אין דער פול־געפאַקטער הויפטשטאָט. צוזאַמען מיטן הונגער האָט זיך אין שטאָט אָנגעהויבן אַ מגפה. אויף דעם שטאָט־מויער זיינען די זעלנער אָן אַ צאָל געפאַלן

דורך די פיילן פון דעם אומגעהויער גרויסן און מעכטיקן שונא, אין די הייזער זייַנען מענטשן געשטאָרבן פון הונגער און פעסט. מענער און פרויען האָבן געבלאָנדזשעט, ווי שאָטנס, איבער די גאַסן, געפאַלן אין חלשות; קינדער פלעגן וויינען: עסן ,ברויט! איידעלע מוטערס האָבן גע־קאָכט דאָס פלייש פון זייערע ליבע, פון הונגער־אויסגעגאַנגענע קינדער, כדי צו דערהאַלטן דאָס לעבן. דאָס אויסגעמאַטערטע חיל האָט נישט גע־קאָנט פאַרטיידיקן די פעסטונג מיט דער פריערדיקער דרייסטקייט. ענד־לעך, אין חודש תמוז פון 586־טן יאָר האָבן די בבלים דורכגעהאַקט אין איין אָרט די שטאָט־וואַנט און זיך אַרייַנגעריסן אין ירושלים. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שלאַכט: דאָס אויפגערייצטע חיל האָט געטויט וועמען עס האָט נאָר אין וועג באַגעגנט, נישט געשוינט נישט קיין פרויען און נישט קיין קינדער. צוזאַמען מיט די בבלים האָבן זיך אין שטאָט אַרייַנ־געריסן אַ סך רויבער־באַנדעס פון דער שכנישער אדום, וועלכע זייַנען אַמאָל געווען אונטערטעניק יהודה און האָבן איצט געראַבעוועט און גע־הרגעט די אייַנוואוינער. דער מלך צדקיהו מיט אייניקע שרים און דינער זייַנען בייַנאַכט אַנטלאָפן פון דער הויפּטשטאָט מיטן וועג צום ירדן, נאָר ארום יריחו האָבן זיי געכאַפּט די בבלישע רייטער און געבראַכט לעבעדיקערהייט פאַר נבוכדנאצרן אין זייַן הויפּט־קוואַרטיר — רבלה. דער מלך פון בבל האָט געלאָזט פאַר צדקיהוס אויגן אויסקוילענען זייַנע זין, נאָכדעם האָט ער אים אויסגעשטאָכן די אויגן און אַ געשמידטן אין קייטן, געלאָזט אַוועקפירן קיין בבל.

דערמיט האָט זיך אָבער דער דעספּאָט נישט באַנוגנט. נבוכדנאצר האָט געשיקט נבוזראדנען אייַנגאַנצן צו פאַרניכטן ירושלים. דער אכזריות־דיקער קריגס־מאַן איז אָנגעקומען אין דער הויפּטשטאָט פון יהודה, צו־גענומען אַלע אוצרות פון בית־המקדש, אַלע טייערע הייליקע כלים פון גאָלד און זילבער און פון קופּער און עס אַוועקגעשיקט אין זייַן פאָטער־לאַנד. דעם זיבעטן טאָג פון חודש אב האָט ער די שטאָט אונטערגע־צונדן, דעם ניינטן טאָג האָט דאָס פייער פאַרכאַפּט דעם בית־המקדש, וואָס האָט עקזיסטירט אַזוי פיל הונדערטער יאָרן — פון שלמה המלך אָן. די לעבן־געבליבענע אייַנוואוינער פון ירושלים האָט ער פאַרשפּאַרט אין תפיסה. דעם כהן גדול שריה, זייַן געהילף (סגן) צפניה מיט נאָך פיל גרויסע שרים האָט ער אָפּגעשיקט קיין רבלה, וואו זיי זייַנען געטויט

געוואָרן אין דער אָנוועזנהייט פון נבוכדנאצר. די איבעריקע געפאנגענע, וועלכע האָבן איבערהויפט אָנגעהערט צו די העכערע, רייכערע קלאַסן, זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל. אַזוי איז ירושלים חרוב געוואָרן, אַזוי איז דער בית־המקדש צעשטערט געוואָרן. אַזוי איז דוד המלך׳ס טראָן אונטערגעגאנגען. דער השגחה איז נויטיק געווען, אַז ירמיהוס נביאות זאָלן אינגאַנצן מקוים ווערן, עס זאָל אפילו דאָס מינדעסטע נישט פאַר־פעלט ווערן!

ירמיהון אליין איז אויך אין אָנהויב אויסגעקומען צו פאַרזוכן דעם טעם פון גלות. ווען נבוזראדן האָט אים געפונען אין דעם קעניגלעכן הויף האָט ער אים, ווי ס׳ווייזט אויס, פאַררעכנט פאַר אַ שר און צווישן די אי־בעריקע האָט ער אים אויך אין קייטן געשמידט און קיין בבל געטריבן. דער נביא, וועלכער איז אַזוי שטרענג געווען צו זיין פאָלק, כל־זמן ער האָט אים געמיינט צו ראַטעווען, האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ ליבהאָר־ציקע מוטער, ווען די קלאָג האָט שוין אויסגעבראָכן. ער באַגלייט זיין פאַרטריבן פאָלק מיט אַ הימל־רייסנדן יאָמער:

„מיינע אויגן רינען אויס פון טרערן, מיינע געדערים זיינען פאַר־שרומפן, מיין לעבער שפיי איך אויס צו דער ערד אויף דעם בראָך פון מיין פאָלק!״...

לויט אַ פאַרזאָג פון נבוכדנאצר האָט מען ירמיהון אינמיטן וועג באַפרייט פון די קייטן, אַזוי ווי ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז ער איז פון שטענדיק געווען קעגן דער מלחמה מיט בבל; אים איז פאַרגעלייגט גע־וואָרן צו באַזעצן זיך אין בבל, וואו ס׳וועט אים אָפּגעגעבן ווערן פיל כבוד און גרויסקייט; דער נביא האָט זיך אָבער נישט געוואָלט באַנוצן מיט דער טובה פון פיינט, און ער האָט געבעטן דערלויבעניש אומצוקערן זיך צוריק קיין ארץ־ישראל, וואו עס זיינען נאָך איבערגעבליבן אין דער פּראָווינץ מער אָדער ווייניקער אידן פון די אָרעמערע קלאַסן; ירמיהו האָט געוואָלט ראַטעווען כאָטש דאָס אָרעמע רעשטל. און ווען ער איז צוריק געקומען אין דער פאַרוויסטער ירושלים, איז ער אויף די חורבות געפאַלן און שרעקלעכע קינות האָבן זיך פון זיין האַרצן אַרויסגעריסן:

א י כ ה י ש ב ה ב ד ד ה ע י ר ר ב ת י ע ם — — —

„ווי איינזאַם איז געבליבן די שטאָט, וועלכע האָט אַזאַ גרויסע באַפעל־קערונג געהאַט״ —

אַ צעבראָכן האַרץ, וועלכע איז פאַרברענט פון צער און פון צאָרן, באָדט זיך אין די דאָזיקע אייביקע קינות פון ירמיהו, אין דעם דאָזיקן קוואַל פון בלוטיקע, אומענדלעכע טרערן. שוין טויזנטער יאָרן באַקלאָגט דאָס יידישע פאָלק יאָר־יערלעך זיין חורבן מיט די שרעקלעכע קינות פון זיין גרויסן „מקונן”. ווען דאָס אומגליק האָט פּאַסירט, האָט דאָס פאָלק ענדלעך פאַרשטאַנען, אַז אינעם האַרצן פון דעם דאָזיקן שטרענגען נביא איז געווען מער ליבע און איבערגעגעבנקייט צו אים, ווי אין די הערצער פון די איבעריקע גוטע פריינט זיינע, וועלכע האָבן אים כלומרשט גע־גלעט דעם קאָפּ. און וויפיל אינערלעכע ליידן האָט דער דאָזיקער אמת־דיקער פּאַטריאָט געמוזט איבערטראָגן, ווען ער האָט געמוזט נביאות־זאָגן, אַז דאָס פאָלק זאָל מיטן גוטן ווילן איבערגעבן זיין הייליק לאַנד אין פרעמדע הענט !... — צו־שפּעט אָבער האָט עס דאָס פאָלק פאַר־שטאַנען !

נאָכן חורבן פון ירושלים איז נאָך אין די פּראָווינצן פון ארץ ישראל געבליבן אַ קליינער טייל יהודים פון די אָרעמסטע קלאַסן. נבוכדנאצר האָט איבער זיי באַשטימט פאַר אַ שר גדליהו־בן־אחיקם׳ן, וועלכער איז געווען באַקאַנט ווי אַ נאָענטער פריינד פון ירמיהון און אַנהענגער פון דער פרידנס־פּאַרטיי. ירמיהו איז אויך געבליבן צווישן די דאָזיקע אָרעמע און געפּאַלענע. ער האָט געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועט דאָס דאָזיקע קליינע הייפעלע פונדאָסניי גרויס ווערן און דאָס יידישע פאָלק וועט דורך זיי אויפלעבן. די פאַרטריבענע ווייטער וועלן זיך נאָך פילן דורך די דאָ־זיקע פעדימלעך צוגעבונדן צו זייער הייליק לאַנד און פון זייערע גלות־לענדער וועלן זיי פונדאָסניי שטרעבן צו ארץ־ישראל. און עס האָבן זיך טאַקע גענומען צוריקקערן אין זייער פאָטערלאַנד די יעניקע פּראָווינץ־יידן, וועלכע זיינען נאָך פאַרן חורבן צעלאָפן פון זייערע שטעט אין די שכנותדיקע לענדער, ווי אדום, מואב און אַנדערע, וואָס האָבן זיך באַ־האַלטן פון דער כשדישער אַרמיי. די צוריקגעקומענע האָט ירמיהו גע־טרייסט און ער האָט זיי אויפגעמונטערט צו באַלעבן דאָס לאַנד, ווי פריער, צו אַקערן, צו זייען און צו שניידן. צו דעם יאָך פון בבל האָט ער זיי געראָטן זיך צו פאַרהאַלטן געדולדיק, וואָרום דאָס וועט נישט לאַנג נאָך דויערן. דורכן חורבן און דורכן גלות זיינען די זינד פונעם פאָלק

און פונעם לאַנד געלייטערט געוואָרן און גאָר אינגיכן וועט די באַרעמ־האַרציקייט פון גאָט זיך דערוועקן איבער זיין איינציקער אומה.

ירמיהוס האָפענונגען האָבן זיך אָבער לײדער אויסגעלאָזן זייער טרויעריק. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער מלך פון עמון שטילער־הייט אונטערגעשיקט אַ באַנדע מערדערס קיין ארץ־ישראל צו הארגענען דעם יידישן פאַרטרעטער גדליהו בן־אחיקם׳ן. אָן דער שפּיץ פון דער באַנ־דע איז געשטאַנען אַ ייד, ישמעאל בן־נתניה, וועלכער האָט געשטאַמט פון דער קעניגלעכער פאַמיליע פון ירושלים. אים האָט, ווי עס שיינט, פאַרדראָסן די אָרעמע גדולה פון גדליהו בן־אחיקם׳ן און ער האָט באַ־שלאָסן דורכצופירן דעם פאַרעטערישן פּלאַן. יוחנן בן־קרח, אַ יידישער העלד און אַ נאָענטער פריינט פון גדליהו, האָט מזהיר געווען דעם לעצטן, ער זאָל פאָרזיכטיק זיין אין דער באַציאונג צו ישמעאל בן־נתניה׳ן. האָט אָבער דער פרומער גדליהו געגלויבט אין די גוטע רייד פון דעם מערדער און האָט זיך פאַרהאַלטן צו אים, ווי צו אַ גוטן פריינד. אין חודש תשרי זאָל דאָס האָבן פאַסירט: ישמעאל בן־נתניה האָט געטויט דעם אָנפירער. זיין באַנדע ווייטער האָט אויסגעקוילעט פיל יידן און פיל האָבן זיי פאַר־כאַפּט אין געפענגעניש. די דאָזיקע לעצטע שחיטה איז פאָרגעקומען אין מצפה, וואו גדליהו האָט זיך באַזעצט און וואו ער האָט אויפגעשטעלט אַן אהל פאַר גאָט. יוחנן בן־קרח, איז שוין אין מצפה נישט געווען, ווען דאָס אומגליק האָט געטראָפן; אויפן צווייטן טאָג האָט ער זיך דערפון דערוואוסט. דאַן האָט ער צונויפגעזאַמלט אַ חברה און ער האָט נאָכגעיאָגט ישמעאלן און זיין באַנדע. יוחנן איז געלונגען אָפּצונעמען די געפאַנגענע און נוקם צו זיין זיך אָן די מערדער; דעם אָנפירער האָט ער שוין אָבער נישט געכאַפּט: ישמעאל מיט נאָך אַכט מאַן האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן קיין עמון.

פינסטער איז געווען די לאַגע פון יוחנן און פון די, וועלכע זיינען מיט אים געבליבן. אויסער דעם וואָס זיי זיינען אַזוי שוצלאָז געבליבן צווישן די אַרומיקע רויבער־פעלקער, האָבן זיי נאָך זיך געשראָקן, אַז נבוכדנאצר וועט זיך אָן זיי נוקם זיין פאַר גדליהו׳ס טויט, אַז ער וועט חושד זיין, אַז דאָס האָבן די יידן בכיוון געטון. זיי האָבן באַשלאָסן פאַר־לאָזן די חורבות פון זייער פאָטערלאַנד און גיין זוכן אַ זיכערן פּלאַץ. זייער אויג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף מצרים, ווי דאָס נאָענטסטע רייכע

קולטורעלע לאַנד, וועלכע איז געווען מיט יהודה שטענדיק אין מער אָדער ווייניקער פריינטלעכע באַציאונגען. ירמיהון איז געווען זייער שווער צו זען, ווי דאָס לעצטע קניפּל צווישן געטלעכן פאָלק און געטלעכן לאַנד ווערט פאַנאַנדערגעריסן. ער האָט געפּרואווט באַרואיקן דעם איבערגע־שראָקענעם טעראָריזירטן המון און אין דעם נאָמען פון גאָט האָט ער געזאָגט:

„אויב איר וועט בלייבן זיצן אין דעם דאָזיקן לאַנד, וועל איך אייך פונדאָסניי אויפבויען און וועל שוין מער אייך נישט צעשטערן און איך וועל אייך פונדאָסניי פאַרפלאַנצן און וועל שוין מער אייך נישט אַרויס־רייסן, דען מיך פאַרדריסט אויף דעם אומגליק, וואָס איך האָב אויף אייך געבראַכט! און פאַר דעם מלך פון בבל, פאַר וועמען איר האָט מורא, זאָלט איר זיך נישט שרעקן — זאָגט גאָט — ווייל איך בין מיט אייך צו העלפן אייך און צו ראַטעווען פון זיינע הענט"...

אומזיסט אָבער זיינען געווען די רייד פון דעם נביא. דער המון האָט בשום אופן נישט געוואָלט בלייבן אונטער דעם פּחד פון נבוכדנאצרס דעספּאָטישן שווערד. און די לעצטע פריי־געבליבענע יהודים האָבן פאַר־לאָזן זייער פאָטערלאַנד.

ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווען די יידן האָבן אין מדבר גע־וואַנדערט, האָבן זיי איצט זיך פונדאָסניי אָפּגעריסן פון זייער באָדן און געבלאָנדזשעט איבער די מדבריות פון אַזיע, זיך צו זוכן אַן אָרט אויף אַ ווײַלע. ירמיהו האָט מיט זיינע אייגן צוגעזען, ווי ס'איז פאַרלאָשן גע־וואָרן דער לעצטער פונק פון דער יידישער מלוכה. ער אליין איז אָבער אויך אין דעם וויסטן לאַנד נישט געבליבן. דאָס לעבעדיקע פאָלק איז אים וויכטיקער, ליבער געווען פון דער צעטראָטענער ערד. ער האָט גע־וואוסט, אַז זיין גייסטיקע הילף איז נויטיק ביי די פאַרטריבענע, גאָטס וואָרט איז נייטיק ביי די פאַריתומטע, ביי די פאַרוואָגלטע. ער האָט גע־נומען וואַנדערן איבער די גלות־לענדער, באַזוכן זיינע ברידער, טרייסטן זיי, שטראָפן זיי. אין מצרים האָט איבערהויפּט געשטעקט אַ געפאַר פאַרן יידנטום, עס זאָל נישט פאַרשלונגען ווערן אין דער הויכער קולטור פון די עגיפּטער. ירמיהו איז דאָרטן געקומען מזהיר צו זיין די יידישע פאַר־וואָגלטע, זיי זאָלן אין דער פרעמד אין זייער גאָט נישט פאַרגעסן. ביי די פאַרטריבענע אין בבל האָט ער געוועקט די שטרעבונג זיך אומצוקערן

צו זייער לאַנד און געלערנט זיי האָפן אויף דער גיכער הילף פון גאָט. אין דעם נאָמען פון דער נבואה האָט ער זיי מבשר געווען, אַז אין קורצן וועט בבל ליידן אַ גרויסע מפלה פון פרס; דאַן וועלן די יידן באַפרייט ווערן און ירושלים וועט אויפגעבויט ווערן.

די טעטיקייט פון ירמיהו הנביא נאָכן חורבן איז געווען אומגעהויער וויכטיק. ער האָט נישט געלאָזן דאָס צעזייטע פאָלק זאָל פונאַנדערפאַלן. דורך גאָטס וואָרט האָט ער צוזאַמענגעבונדן די יידישע קינדער נאָכדעם, ווי זיי האָבן פאַרלוירן די קאָנקרעטע נאַציאָנאַלע פאָרמען, דאָס לאַנד, דעם בית־המקדש, דעם טראָן. און דאַמאָלט ערשט האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די זאנגען פון יענע קערנער, וועלכע די נביאים האָבן נישט אויפגעהערט די גאַנצע צייט צו פאַרזייען אין די יידישע הערצער. דווקא נאָכן חורבן פון בית־המקדש האָבן די יידן גענומען באַגרייפן זייער אַב־סטראַקטן גאָט, דווקא נאָך דעם חורבן פון דער מלוכה האָבן זיי גענומען פילן זייער אַבסטראַט נאַציאָנאַל וועזן, דווקא נאָך דעם חורבן פון לאַנד האָבן זיי אָנגעהויבן משיג צו זיין די אַבסטראַקטע קדושה פון „ארץ ישראל". אָט דער דאָזיקער ריינער, אַבסטראַקטער באַגריף פון גאָט, נאַציע און לאַנד האָט פאַראייניקט די אַלע פאַרטריבענע און פאַרוואָגלטע יידן פון אַלע לענדער. אַלע הערצער זיינען געווען פעסט צונויפגעקניפּט צו־זאַמען, און דאָס האָט זיי געגעבן דאָס רעכט צו האָפן אויף אַן אויסליי־זונג, אויף אַ גאולה. — ירמיהו הנביא האָט די גאולה צוגעגרייט דורך דעם, וואָס ער האָט שטענדיק געוועקט ביי זיינע פאַרוואָגלטע ברידער די שטרעבונג צו איר. ער אליין האָט אָבער נישט דערלעבט, די אויסלייזונג פון זיין פאָלק מיט זיינע אויגן צו זען .ער האָט אפילו נישט זוכה גע־ווען אומצוקערן זיך צו זיין געליבט לאַנד. אין גלות איז דער אַלטער נביא געשטאָרבן צווישן זיינע פאַריאָגטע ברידער, אין טיפן טרויער אויף דער אומגליקלעכער פאַרגאַנגענהייט און מיט אַן אומענדלעכן גלויבן אין אַ בעסערער צוקונפט. זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען געווענדעט צו די פאַרטריבענע אין בבל:

„אַנטלויפט פון בבל, ראַטעוועט יעדערער זיין אייגענעם נפש, איר זאָלט נישט פאַרדאַמט ווערן צוליב אירע זינד. עס קומט אָן די צייט פון דער געטלעכער נקמה; גאָט צאָלט בבל לויט אירע פאַרדינסטן!".

סוף פון ערשטן באַנד.

Este libro se terminó de imprimir
el día 28 de diciembre de 1949 en
los Talleres Gráficos "Optimus",
calle Valentín Gómez 2715 - 19.
Buenos Aires - Argentina.